STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06383

ESEYEN UN SKITSN

Lili Berger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי בערגער

עסייען און שקיצן

לילי בערגער

עסייען און שקיצן

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

LILI BERGER

ESSEJE I SZKICE

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: R. CHOW
הילע געצייכנט: ר. כאָוו

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 570. Nakład 2,500 egz. Druk ukończono w październiku 1962 r.
Ark. druk. 18,75, ark. wyd. 15. Papier druk. sat. III kl. 80 g 61 × 86 cm
Druk. RSW „PRASA", Warszawa, Tarczyńska 8. H-91

*   *

*

די באַשיידענע זאַמלונג איז אַן אָפּקלייב פון אַ גרעסערער צאָל אַרבעטן און איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נישט מיטן ציל צו געבן וואָס פאַראַ ס׳איז נישט סיסטעמאַטיזירטן איבערבליק, נאָר גיכער נאָכצופאָלגן א געוויסן געדאַנקענגאַנג. די אָפּגעקליבענע אַרבעטן זענען נישט געשריבן געוואָרן מיט איין אָטעם, יעדע פון די אָפּהאַנדלונגען איז אַנטשטאַנען באַזונדער, אומאָפּהענגיק פון די אַנדערע, וואָס לייגט אן ספק א חותם אויף דער גאַנצקייט פון דער זאַמלונג.

די צונויפגעזאַמלטע דאָ שקיצן און עסייען זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, עטלעכע מיט א סך יאָרן צוריק. זיי זענען געשריבן געוואָרן, ווי דער לייענער וועט דאָס אַליין באַמערקן, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — ביים אָפּמערקן דאַטעס אָדער צום דערשיינען פון ביכער. אַ גרויסער טייל — כמעט אַלע קלענערע שקיצן — זענען געדרוקט געווען, פון געוויסע עסייען זענען פאַרעפנטלעכט געווען פראַגמענטן, די איבעריקע, ווי די אָפּהאַנדלונגען וועגן ווערקאָרן, די ענציקלאָפּעדיסטן, וועגן הוגאָ, סאַנד, טריאָלע און נאָך עטלעכע דערשיינען צום ערשטן מאָל, הגם אויף די זעלבע טעמעס האָט די מחברין שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט קלענערע אָדער גרעסערע שקיצן.

קיין איינע פון די אַרבעטן פרעטענדירט נישט צו זיין קיין פולע, אָפּגעשלאָסענע אָפּהאַנדלונג. דאָ און דאָרט פעלט עפּעס, דאָ און דאָרט איז עפּעס נישט דערזאָגט. דער עיקר אין „דער טראַגישער אילוזיע אין שלום-עליכמס ווערק" וואָס איז בכלל אַ מין צערִיסענער פראַגמענט. די מחברין באַטראַכט בכן די צונויפגעזאַמלטע דאָ אַרבעטן, ווי אָנגעוואָרפענע קאָנטורן און שטריכן וועגן ליטעראַרישע דערשיינונגען, וועגן דער ראָל און אויפגאַבע פונעם קינסטלערישן וואָרט, אין בעסטן פאַל ווי פראַגמענטאַרישע אָפּהאַנדלונגען.

מ ח ב ר

דורך דער פּריזמע פון קינדס שטרעבונגען און פאַרלאַנגען

(וועגן שלום עליכמס קינדער־שאַפונגען און וואָס זיי דריקן אויס)

צום הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג

וועגן שלום עליכמס קינדער־דערציילונגען האָט מען פיל געשריבן. עס איז כדאי אָבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אָפּצושטעלן זיך אויף זיי. איבעריקנס איז נישט מעגלעך צו מאַכן זיך אַ קלאָר פול בילד וועגן ווערק פון אונדזער גרויסן שרייבער, נישט אַריינטראַכטנדיק זיך אין זיינע פילצאָליקע קינדער־מעשיות און דאָס נישט דערפאַר, ווייל אין די קינדער־שאַפונגען האָט אונדזער קינסטלער אַזוי רייך פאַנאַנדערגעוויקלט זיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע, מיט אַזוי פיל שווונג אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, איינגערוימט אונדז אין אויער גוטע בשורות וועגן פאַרבאָרגענע אוצרות, געוויזן קרישטאָלענע שלעסער און פאַרכישופטע בית־מלכהס. נישט נאָר אין קינסטלערישער פאַנטאַזיע און שווונג, וואָס האָבן באַקומען זייער שטאַרקסטן און שלימותדיקסטן אויסדרוק אין די קינדער־דערציילונגען, האַנדלט זיך, נאָר אין אַ סך מער.

*　　　*

*

די קינדער־טעמאַטיק איז ביז שלום עליכמען אויך נישט געווען קיין נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס יידישע קינד האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די באַדייטנדיקסטע שרייבער אונדזערע, און אַנדערש האָט דאָס נישט געקאָנט זיין. איז דאָך דעם יידישן קינד אויסגעקומען צו לעבן אָפט אין מער קאָמפּליצירטע און אין מער טראַגישע באַדינגונגען, ווי דעם דערוואַקסענעם. אין טיפער זאָרג איבערן גורל פון פאָלק, האָבן די קלאַסיקער באַזונדערס צוגעבויגט זייער אויער צום יונגן, צום יינגסטן דור. לינעצקי, דינעזאָן, דער זיידע מענדעלע, פּרץ און אַנדערע

האָבן פיל אויפמערקזאַמקייט געשענקט דעם יונגן העלד. אָבער אויף די קינדערישע פּנימער פון זייערע העלדן ליגן שוין אויסגעגאָסן די דאגות פון די דערוואַקסענע, דער יידישער גורל, דער ביטערער שיקזאַל פון פאָלק. אין זייערע קינדערישע הערצער לעבט אַן אַלט געמיט — דאָס געמיט פון זייערע טאַטע=מאַמע. דאָס זענען קינדער מיט אויסגעצערטע פּנימלעך, מיט אויגן פול מיט ערנסט. מענדעלע אַליין האָט דאָך געהאַט געזאָגט, אַז די קינדער פון קאַפּצאַנסק זענען קליינע יידעלעך.

אַנדערש, לחלוטין אַנדערש זענען די קינדער ביי שלום עליכמען. די כתרילעווקער ווירקלעכקייט איז נישט בכוח געווען שווערער צו מאַכן דאָס לייכטע קינדערישע געמיט, צו מאַכן פון זיי אויס קינדער. אָנהייבנדיק פון העלד פון דער ערשטער דערציילונג, „דאָס מעסערל“ — און ס׳איז מסתמא קיין צופאל נישט, וואָס שלום עליכמס דערציילונג, דורך וועלכער ער איז אריין אין דער ליטעראַטור איז געווען אַ קינדער=מעשה — ביז די צענדליקער קינדער=געשטאַלטן, ביז דעם באַליבטסטן פון די קינדער=העלדן, מאָטל פּייסי דעם חזנס, זענען זיי אַלע, אפילו ווען זיי רעדן מיט דער שפּראַך פון דערוואַקסענע, דורכויס קינדער, מיט אַ לייכטן קינדערישן געמיט, מיט קינדערישע פריידן און דאַגות, מיט אומגעצוימטער, שפּרודלדיקער, קינדערישער פאַנטאַזיע. אזוי קענען פון כתרילעווקער און יעהופּעצער נעפּל ארויסברענגען אַ ליכטיקע, קינדערישע וועלט, מוז מען אינטים געבונדן זיין מיט דער דאָזיקער וועלט, מוז מען אַליין זיין אַ טייל פון איר. און שלום עליכם איז דאָס געווען. ער איז אליין געווען איינער פון דער כאַליאַסטרע קונדסים. האָט איר באַמערקט מיט וואָסער אוממיטלבארקייט אונדזער גרויסער הומאָריסט שמועסט זיך דורך מיט די ווייסע חברהניקעס? „איך זע ווייסע חברהניקעס, אז איר ווילט, אז איך זאָל אייך דאָ אָפּמאָלן מיין רבין, וואָס פּארא פּנים ער האָט — טו איך אייך צוליב, נאָר בתנאי, איר זאָלט מיר נישט קוועטשן, פאַרוואָס מען האָט אים גערופן מיטן נאָמען „מלאך המות“. אַ קלוג ייִנגעלע וועט זיך אליין שטויסן פאַרוואָס: מחמת מיר האָבן פאר אים מורא געהאַט, ווי פאר אַ מלאך המות...“ (ל״ג בעומר). אומעטום איז פאַראַן דער דירעקטער קאָנטאַקט מיטן קינד: „הערט יידישע קינדער און וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ מעסערל“. און ס׳איז מסתמא אויך נישט קיין צופאַל, וואָס „פונעם יאריד“, אין וועלכן די קינדער=געשטאַלטן צוזאמען מיטן מחבר גופא פאַרנעמען דעם אויבנאָן, געהערט צו די רייפסטע, אממערסטן לירישע, פּאָעטישע ווערק פון שלום עליכמען.

ס׳איז באַקאַנט, אַז געוויסע קריטיקער האָבן שלום עליכמען באַטראַכט אלס אונדזער בעסטן קינדער=שרייבער. צי איז אָבער דער גרויסער קינסטלער מיט זיינע קינדער=שאַפונגען אויסן געווען זיך סתם ווידמענען דער קינדער טעמאַטיק?

די קריטיק האָט אויך אָפטמאָל געהאַט אָנגעוויזן, אַז שלום עליכמס קינדער=דערציילונגען זענען מאַטעריאַלן פאַר פּעדאַגאָגן און דערציער, אַז אין זיי וועלן פאָרשער פון קינדס נשמה געפינען א פעלד צו דערלערנען די אינטימסטע ווינקעלעך פון זיין פּסיכיק, צו באַגרייפן זיין טראַכטן און פילן. איז אין דעם קיין ספק נישטאָ. ס׳איז אָבער אַ ספק, צי שלום עליכם איז אויסן געווען צו שרייבן פאַר קינדער.

לייענט מען אויפמערקזאַם שלום עליכמס קינדער=שאַפונגען, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז גאָר אַ גרויסער טייל איז נישט געשריבן פאַר קינדער און זענען נישט קיין ספּעציעלע לעקטור פאַר קינדער. ס׳איז אויך א ספק, צי שלום עליכם האָט זיך בכלל אינטערעסירט מיט אַזאַ געביט, וואָס הייסט פּעדאַגאָגיק און קינדער=פאָרשונג, הגם ער האָט זיך אַ שטיקל צייט פאַרנומען מיט לערעריי. די טיפע קענטעניש פון קינדס פּסיכיק איז ביי אונדזער שרייבער זיכער געווען מער אַ ספּאָנטאַנע. מער אַ זאַך פון אינטואיציע, ווי פון פאַראינטערעסירונג און פאָרשונג. איך בין נישט די ערשטע, וואָס ווייזט אָן דערויף. ס׳גייט נישט אין דער שפּראַך, מיט וועלכער עס רעדט, זאָל מען אָננעמען, דער 9—10 יעריקער מאָטל פּייסים, אָדער אַן אַנדער 8—9 יעריקער קונדס, און י. טרונק איז, דוכט מיר, נישט גערעכט געווען, ווען ער האָט דאָס גענומען אַלס ארגומענט, וועלנדיק באַווייזן, אַז די קינדער זענען גאָר קיין קינדער נישט, ווייל זיי רעדן ווי דערוואַקסענע. קינדער נעמען זייער לייכט איבער די שפּראַך און אַפילו די באַוועגונגען, די הוועיות פון דערוואַקסענע, פון זייערע אַפּוטרופּסים און פאַרבלייבן דערביי קינדער אין געמיט. אין באַשטימטע היימען, סביבות קאָן מען באַגעגענען קינדער, וועלכע רעדן ווי דערוואַקסענע מענטשן און באַנוצן זיך מיט אויסדרוקן, טערמינען, וואָס זיי הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין. ס׳איז אַ פראַגע פון ניוואָ פון דער סביבה. די כתרילעווקער קינדער האָבן געהאַט אַלע באַדינגונגען צו רעדן אָפט אַזוי, ווי זייערע טאַטע=מאַמע און זייערע מלמדים. זייער געפילן=וועלט איז אָבער געבליבן אַ קינדערישע און אויף זייער רעאַגירן און זייערע האַנדלונגען ליגט דער גאַנצער קינדערישער חן און רייץ. נישט אין דעם אָבער גייט עס איצט: עס שיינט, אַז שלום עליכם האָט זיינע קינדער=געשטאַלטן אָנגעטרויט לעבנס=אמתן, און אפשר

אַ געוויסע שליחות, וועלכע זיינע דערוואַקסענע פאַרשווינען זענען נישט בכוח געווען אויסצוטראָגן. אפשר דערפאַר איז דאָס קינד ביי אים אויך אָפטמאָל אַ טרוימער, אַ פילאָזאָף, אַ וויזיאָנער.

* *

*

ס'איז קודם נויטיק אָנצווייזן, אַז שלום עליכם אלס שרייבער איז אַן און פאַר זיך דורכוים געבונדן מיט דער נשמה פון קינד. דער גרונטשטיין פון שלום עליכמס שעפערישן גייסט איז דער הומאָר. און עכטער, אויפריכ-טיקער הומאָר האָט שטענדיק פיל קרובהשעם מיטן קינדס געמיט. ווער קאָן נאָך אזוי אויפריכטיק, אזוי טיף-רירנדיק און זאָרגלאָז לאַכן, ווי קינדער? נישט אומזיסט זאָגט מען: ער לאַכט ווי אַ קינד. אַ דערוואַקסענער קאָן אויך פאַלש לאַכן, אָבער נישט קיין קינד. אַ קינד לאַכט אויסערסט אויפ-ריכטיק, נאַטירלעך. זיין געלעכטער דריקט אוים זיין גאַנצע קינדערישע זאָרגלאָזיקייט, צעשטרייט און פאַרטרייבט די גרויע און שווערע ווירקלעכ-קייט. און ס'איז אַ פאַקט, אַז געוויסע גרויסע הומאָריסטן האָבן געשריבן וועגן קינדער אָדער פאַר קינדער. דער הומאָריסט איז בטבע נאָענט צום קינד.

שלום עליכמס קרובהשאַפט מיטן קינד האָט געוואָרצלט אין די אינ-טימסטע ווינקעלעך פון קינסטלערס האַרץ. ווי א קינד האָט דער שרייבער געקאָנט אויפהייבן זיך איבערן שווערן לעבן, אויסלאַכן, פריילעך מאַכן זיך איבער זיינע פאַרקריפלטע און מיאוסע זייטן. זיין אויסלאַכן און אָפ-לאַכן האָט דאָך נישט פאַרמאָגט קיין פונק פון מוסר, פון מאָראַל-פּרעדי-קעריי, פון בייזער שטראָף. אַ קינד האָט שרעקלעך פיינט מוסר און שטראָף-רייד. דער עכטער, גאָט-געבענטשטער הומאָריסט באַנוצט זיך אויך נישט מיט קיין מוסר-זאָגעריי, ער פאַרטראָגט דאָס נישט, פונקט ווי א קינד. דעריבער איז שלום-עליכם אזוי ווייניק געווען סאַטיריקער. אפילו זיין איראָניע איז געווען ווייך, מילד און צערטלעך, ווי דעם קינדס שפּאַס.

שלום עליכם איז קודם געווען אַ פאָלקס-דיכטער, איך וואָלט אפילו ריזיקירט צו זאָגן — אַן אייגנאַרטיקער יידישער טרובאַדור. זיין גאַנצע שאַפונג איז מערקווירדיקער יידישער עפּאָס; דאָס איז פאָלקס-שאַפונג אין פולן זינען פון וואָרט. און פאָלקס-שאַפונג פאַרמאָגט אין זיך שטענדיק עלעמענטן פון נאַיוויטעט, פון נאַיווער אויפריכטיקייט און צוטרוי, פון אומשולד און פאַנטאַסטיק. און ווער קאָן נאָך אַזוי נאַיוו אויפריכטיק זיין, ווער קאָן זיך אויסמאָלן אזעלכע פאַנטאַסטישע בילדער, ווי א קינד? דאָס

קינד איז אומשולדיק, אמתדיק, ווי דער אמת אַליין, און אַזוי איז אמתדיק די פֿאָלקס־שאַפֿונג. שלום עליכם, דער גאוניאַלער פֿאָלקס־קינסטלער, האָט אין אמתן פֿאָלק, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיין טעמע, דערבליקט די קינדערישע נאַיוויטעט, די נישט רייפֿקייט, די רויקייט אין דער פֿאָרם פֿון אומבאהאָלפֿנקייט. צי זענען שלום עליכמס פֿארשוינען, טראָץ זייערע אלע צרות און שווערן געמיט, נישט ענלעך אין זייער ספּאָנטאַנישקייט, אין זייער נאַיוון גלויבן צו קינדער? לאָמיר נעמען צוויי אַזעלכע עקסטרעמע געשטאַלטן, ווי טוביה און מנחם־מענדל. איז דען טוביה, דער יידישער דאָרפֿס־מענטש, דער בעל החלומות, דער הארציקער און נאַיווער טוביה מיט זיין פֿילאָזאָפֿירן און ציטירן פּסוקים נישט קיין גרויס קינד? און ווי פֿל נאַיווער, קינדערישער גלויבן שטעקט אין מנחם מענדלס פֿאנטאסטישע פּלענער? איז ער דען נישט טראָץ זיין טראגישקייט און קאמישקייט א גרויס קינד? צי דערקענען מיר דען נישט אין אים שמואליק דעם יתום מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות און מיט זיין פֿארבאָרגענעם אוצר, וואָס ער האָט געגלויבט צו קאָנען אים ארויסבאקומען?

* *
*

ווען מ'וואָלט געוואָלט אַדורכפֿירן אַ שטרענגע גרענעץ־ליניע צווישן שלום עליכמס קינדער־דערציילונגען און זיינע אנדערע שאַפֿונגען, וואָלט עס נישט לייכט אָנגעקומען. די בינד־פּונקטן זענען גאָר שטאַרקע. אין אַלע קינדער־שאַפֿונגען איז פֿאראן, פּונקט ווי אין זיין גאַנץ ווערק, טיפֿע טראַגיק, וואָס איז איינגעהילט אין קנוילן געלעכטער, אין שארפֿזיניקן שפּאַס. פֿון צווישן קינדערישן געלעכטער און קונדסישע שפּיצלעך דערטראָגן זיך צו אונדזערע אויערן שטילע, טרויעריקע אַקאָרדן, אָדער גאָר ציטנוויז אן אָפּקלאנג פֿון ערנסטע טראכטעניש און רעיונות, וואָס וואָלטן גיכער געפּאַסט פֿאַר דערוואַקסענע. אָט צום ביישפּיל זעען מיר, ווי צווישן דער שמחה פֿון דער פֿריילעכער כאליאסטרע חדר־ייִנגלעך, וועלכע שפּרינגען און טאנצן פֿאַר פֿרייד דערפֿאַר, וואָס זיי זענען צוליבן רבינס שבעה באַפֿרייט פֿון חדר, פֿארטראכט זיך א וויסער הברה'ניק און האלט אזא מאָנאָלאָג: „און גאָר איך איינער, איך וואָס האָב געקענט באַשעפֿעניש טער פֿון אַלעמען, ווייל כ'האָב געגעסן אַמאָל ביים רבין קעסט, בלייב שטיין צוגעקאָוועט, נישט צו קאָנען זיך רירן פֿון אָרט. „געשטאָרבן“ — טראַכט איך מיר. — וואָס הייסט איינגנטלעך „געשטאָרבן“?... צוליב וואָס האָט דאָס

געלעבט און למאי איז דאָס געשטאָרבן“?... („באשעפעניש“). דער „צוליב וואָס האָט דאָס געלעבט און למאי איז דאָס געשטאָרבן“? און מיט פינטעלעך דערצו איז שוין גאָר נישט אזא קינדעריש פּראָבלעם.

וואָס שייך די טרויעריקע אַקאָרדן געפינען מיר זיי אפילו אין די אמ=מיינסטן וויציקע און שפּילעוודיקע קינדער=מעשיות, ווי לאָמיר אָננעמען „גזלנים“, „חנוכה=געלט“, „דאָס דריידל“, „די פּאָן“, „א פארשטערטער פּסח“, „די ערשטע קאָמונע“ און אין פּיל אַנדערע. אָט איז דאָס נאָר אַ טרויעריקער אַקאָרד און אָט פאַרבאָרגענע טראַגיק, יידישע טראַגיק, וואָס שלום=עליכם האָט אויף זיין אופן אונדז געוויזן, אייגנהילנדיק זי אין לייכטער, מילדער איראָניע און אין שפּאַס, כדי עס זאָל אונדז לייכטער זיין די צרות איבערצוטראָגן.

נאָכמער: אין געוויסע קינדער=דערציילונגען חזרט זיך ממש בוכשטעבלעך איבער דער נישט דערזאָגטער טרויעריקער עפּילאָג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אין שלום עליכמס ווערק בכלל. לאָמיר אריינקוקן אין צוויי אַזוי פאַרשידענע שאַפונגען, ווי דאָס זענען „דער פארכישופטער שניידער“ און דער פרעכטיקער קינדער= און יוגנט=ראָמאַן „שיר=השירים“. דעם „פאַרכישופטן שניידער“ פאַרענדיקט שלום עליכם בזה הלשון: „און דער שניידער, נעבעך?... צווינגט מיר נישט קינדער! דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער... און מחמת איר קענט דעם מחבר פון דער געשיכטע, אַז ער איז בטבע נישט קיין מרה=שחורהניק און האָט פיינט קלאָגעדיקע און האָט ליב בעסער לאכעדיקע מעשיות און מחמת איר קענט אים און ווייסט, אַז ער האָט פיינט „מאָראל“ און זאָגן מוסר איז נישט זיין דרך — לכן געזעגנט זיך מיט אייך דער פארפאסער מתוך שחוק, לאכנדיק, און ווינטשט אייך, אַז יידן און גלאַט מענטשן אויף דער וועלט זאָלן מער לאכן איידער וויינען. לאכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן“.

ביים סוף פון „שיר=השירים“ לייענען מיר: „און וואָס איז מיט שולמית פון מיין 'שיר השירים = ראָמאַן? וואָס איז מיט בוזי? וואָס איז דער סוף? וואָס איז דער שלום?“

„צווינגט מיר נישט איך זאָל אייך דערציילן דעם סוף פון מיין ראָמאַן. דער סוף ער מעג זיין דער בעסטער, איז ער א טרויעריקער אקאָרד. דער אנהייב, דער ערגסטער אָנהייב איז בעסער פון בעסטן סוף. עס איז מיר דעריבער א סך גרינגער און א סך אָנגענעמער צו דערציילן אייך די דאָזיקע געשיכטע נאָך 'אמאָל פון אָנהייב, נאָך אמאָל און נאָך אמאָל און נאָך הונדערט מאָל מיטן אייגענעם לשון וואָס אַלע מאָל...“

דער זעלבער טראַגישער אָפּקלאַנג דערגייט צו אונדז פון צוויי פאַר־שידנאַרטיקע וועלטן, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט פאַרגלייכן — פון דער וועלט פון בוזי און שימעקן, דעם שימעקן, וועלכער „הייבט זיך אויף מיטן שם־המפורש און פליט ווי אַן אָדלער העכער פון די כמאַרעס, איבער ימים און מדבריות...“, און פון דער וועלט פון פרייליכן קבצן, דעם שניידער שמעון עליע שמע קולנו, וועלכן דאָס לעבן האָט פאַרקריפּלט. וואָס טיילט זיי דאָך פונאַנדער? שמעון עליע איז א טראַגישע געשטאַלט, ער איז אָבער, אין קעגנזאַץ צו שימעקן און צו אַלע אַנדערע קינדער־ און יונגנט־געשטאַלטן, קודם קאָמיש, קודם כל דערזעען מיר אלע קאָמישע זייטן זיינע, פּונקט ווי מיר דערזעען דאָס ביי מנחם מענדלען, און ביי אנדערע שלום עליכמס פאַרשוינען. ביי זיי אַלע וואַרפט זיך דאָס קאָמישע מער אין די אויגן, ווי דאָס טראַגישע. זיי רופן אלע ארויס ביי אונדז מיטלייד, רח־מנות, אָבער נישט קיין ליבע. מיר פילן בחוש, אז שלום עליכם גופא האָט אויף זיי בלויז רחמנות. אויפריכטיק ליב האָט ער טוביהן, ווי די קריטיק האָט שוין געהאַט אָנגעוויזן, אָבער צו מנחם מענדלען, עליען, פיניען, יונהן, שימעלען סאָראָקער, שמעון עליע שמע קולנו און צו ענלעכע פאַרשוינען זיינע האָט ער בלויז גרויס מיטלייד, אים טוט וויי דאָס הארץ פאַר זיי, אָבער מיט גרויסער ליבע קאָן ער זיי נישט באַשענקען.

אין שלום עליכמס הארץ אָבער האָבן געשטראָמט ברוינדיקע קוואַלן ליבשאפט צו זיין פאָלק. האָט אונדזער קינסטלער ארויסגעבראכט א סוב־ליימירטע וועלט, די קינדער־וועלט, קינדער־געשטאַלטן, ווי בוזי און שימעק, די מאָטלס, קאָפּלס, ראובלעס, פייטלס, אין וועלכע עס ברויזן געזונטע מענטשלעכע פאַרלאַנגען און וועלכע מיר באַקומען ליב מיט לייב און לעבן. איז דען א צופאַל, וואָס דער באַליבטסטער העלד שלום עליכמס — נעבן טוביהן — איז, ווי ער האָט זיך אַליין געהאַט מודה געווען, מאָטל פייסי דעם חזנס? איז דען אַ צופאַל, וואָס שלום עליכם האָט אויסגעקליבן אַ 9 — 10 יעריק יינגל, כדי צו דערציילן די יידישע עפּאָפּייע, וואָס אַנטהאַלט „מאָטל פייסי דעם חזנס“? בפרט ווען מיר ווייסן, אַז דער צווייטער טייל איז נאָך געשריבן געוואָרן אויפן קראַנקן־בעט, כמעט אויפן טויטן־בעט, אין אַ צייט, ווען דער שרייבער האָט זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן און האָט טאַקע דאָס בוך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. ס'איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז שלום עליכם איז דאָ נישט אויסן געווען צו מאַכן אַ בוך פאַר קינדער, אָדער וועגן קינ־דער, נאָר א סך מער. און נישט בלויז אין דעם בוך, נאָר אויך אין אנדערע קינדער־שאַפונגען דערזעען מיר דורך דער פּריזמע פון קינדס טראַכטן

לעבנס־סיטואציעס און געשעענישן, און די שטרעבונגען פונעם קינד דריקן אויס אַ סך מער, ווי זיינע אייגענע געפילן און פאַרלאַנגען.

פאַרן הומאָריסט איז דאָס קינד א גאָר פאסיקע געשטאַלט, דורך וועלכער ער קאָן אויסדריקן דאָס סאַמע נאָבלסטע, וועלכער ער קאָן אָנפאַרטרויען די פאַרבאָרגנסטע און איידלסטע מחשבות, די שענסטע פאַרלאַנגען און די געוואַגטסטע האַנדלונגען. קודם איז א קינד נישט קאָמיש אפילו אין די סאמע קאָמישע סיטואַציעס. עס איז דעמלט בלויז קינדעריש, אָדער גאָר אויסערלעך קאָמיש. אָבער אויך די אויסערלעכע קאָמישקייט טראָגט גאָר אַן אנדער כאַראַקטער ביים קינד, ווי ביי דעם דערוואַקסענעם מענטש. וויפל קאָמיזם, צום ביישפּיל, גיט צו יונה דעם בעקער זיין אויסערלעך אויסזען ביי וועלכן די אויבערשטע ליפ לאַכט און די אונטערשטע וויינט! אויפן קאָמיזם פון פיניעס געשטאַלט, דאַקעגן, ווירקט זייער א סך זיין הולך, דער פאַרריסענער הויז, דער פאַררוקטער קראַוואַט. ווען מיר האָבן אָבער, פאַר די אויגן דעם וויסן הברהגיק מאָטל פּייסיס, אָנגעטאָן אין „אַ העמדל, א הויז און פון אויבן א סיצן ארבע כנפותל“ און ווען ער דערציילט „אז איך לויף אראָפּ א בארג און ס'איז א ווינטל און די ציצית צעלאָזן זיך, מאָלט זיך מיר אויס, אז איך האָב פליגל און פלי“ — איז מאָטל גאָרנישט קאָמיש, פארקערט, ער ווערט אונדז נאָך סימפּאַטישער, מיר באַקומען אים נאָך מער ליב.

דער הומאָריסט איז זייער נאָענט, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, צום קינדס נשמה דורך דער קינדערישער זאָרגלאָזיקייט. מאָטל און די אנדערע קונדסים שטייען אויס אַפשר נישט ווייניקער צרות, ווי די דערוואַקסענע — זיי הונגערן צו, כאַפּן פּעטש, סטוסאַקעס פון טאַטע־מאַמע, עלטערע ברידער, שמיץ פון רבין; אלץ הייסט שמיץ, מאיר קוואַשען און מאָטל־מזיקפלעגט דער רבי שלאָגן צען מאָל א טאָג, ברעכן די ביינער מיט א שטעקן אָדער קאַטעווען מיט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, און דאָך הייבט זיך אויף די קינדערישע זאָרגלאָזיקייט, דער דראַנג צו שפּיל און צו פרייד איבער דעם אַלעמען, איבער די פאַרשידנסטע שלעק. און וואָס איז דען הומאָר, אויב נישט די קונסט צו פאַרטרייבן די זאָרג און אלע פּלאָגן? די קונסט אויפצוהויבן זיך איבערן מענטשלעכן ווייטיק און אים לייכטער צו מאַכן? קיין שום כתרילעווקער, קיין שום דערוואַקסענע געשטאַלט שלום עליכמס איז נישט בכוח אזוי אויסצודריקן לעבנס־פרייד, צו פאַרמאָגן אַזאַ געזונטן מענטשלעכן אינסטינקט, אזא דראַנג צו גליק, ווי דאָס פאַרמאָגט מאָטל פּייסי דעם חזנס. אפילו טוביהס הומאָר איז דאָך אויך געמישט מיט או־

מעט, מיט זאָרג, מיט ביטערער איראָניע, ער ברעכט זיך אונטער דער משא פון צרות. דורך די מאָטלס און ראובעלעך האָט שלום עליכם דערהויבן זיינע פאַרשווינגען, געמאַכט זיי אונדז נאָענטער און ליבער, און אויסגעדריקט דורך זיי דאָס, וואָס ער האָט דורך קיין שום דערוואַקסענעם העלד זיינעם נישט געקאָנט אויסדריקן.

*   *

*

גינער האָט געהאַט געשריבן, „אַז מענדעלע וויל איבערמאַכן די וועלט, שלום עליכם נישט". דאָס איז, דוכט מיר, נאָר אויף אַזוי פיל אמת, אויף וויפל מענדעלע איז געווען אַ סאַטיריקער, ער האָט דאָס פאַרקריפּלטע, די בעלי טאַקסעס און פאַרשידענע גאָטס סטראַפּטשעס געשמיסן מיט זיין שאַרפער סאַטירע, און סאַטירע איז דורכויס קאַמף, דירעקטער אָנגריף. שלום עליכם, דאַקעגן, איז בלויז הומאָריסט, איינער פון די גרעסטע הומאָריסטן נישט בלויז ביי יידן. און הומאָר, אין קעגנזאַץ צו סאַטירע, שמייסט נישט, גרייפט נישט אָן, נאָר לאַכט אויס, שפּאַסט האַרציק אָפּ און גלעט אפילו מיט אַ צאַרטער האַנט די הויקערדיקע זייטן פון לעבן. דאָס הייסט אָבער נישט שלום מאַכן מיט די פאַרקריפּלונגען.

אויסלאַכן איז אַן אויסדרוק פון אינערלעכן פּראָטעסט. אין הומאָר איז אַלע מאָל פאַראַן אַן אָנדייטונג, אַן אָפּקלאַנג פון אינערלעכער עמפּערונג. ווען אין פאָלק אַנטשטייען וויצן און הומאָריסטישע אַנעקדאָטן אויף אָפיציעלע הערשנדיקע פּערזאָנען אָדער אויף אַ הערשאַפט, איז דאָס אַלע מאָל אַ באַווייז פון קעגנערשאַפט אין באַצוג צו די הערשער. ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז רעליגיע דערלאָזט נישט קיין הומאָר און אפילו קיין איראָניע, ווייל זי פאַרטראָגט נישט קיין ספקות, קיין צווייפל, קיין קעגנשטעלן זיך אין דער מינדסטער מאָס דער אָנגענומענער דאָגמע. און נישט נאָר אין רעליגיעזן, נאָר אויך אין וועלטלעכן מאַסשטאַב קאָן מען דאָס זעלבע פעסטשטעלן. אויב אַ פּאָליטישע אָרדענונג שטיצט זיך אויף דאָגמאַטישע אמתן, אויף פּאַרטיקע, איינמאָל פאַר אַלע מאָל צוגעשניטענע פּרינציפּן, אָדער נאָר אויב מען צווינגט אויף מענטשן צו איין און איינציקער ריכטונג פון דענקען, קאָן קיין רייד נישט זיין, אַז ס'זאָל זיך אַנטוויקלען די סאַטירע אָדער דער הומאָר אין דער ליטעראַטור. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז אונטער אַ פאַשיסטישער דיקטאַטור זאָל קאָנען שאַפן אַ פּאַפּיני, אַ דיקענס, אַ מאַרק טווען, אַ גאָגאָל, אַ היינע אָדער אַנדערע סאַטיריקער און הומאָריסטן? ווייל אויב סאַטירע איז קאַמפּס־מיטל, איז הו=

מאָר לכל הפּחות פּראָטעסט. דאָס אויסלאַכן שלעכטע, מיאוסע זײַטן און אָפיציעלע איינשטעלונגען, אפילו ווען דאָס איז געמאַכט מיטן מיין צו פארלייכטערן דאָס שווערע לעבן, טראָגט בטבע אין זיך זוימען פון וועלן זיך באפרייען פון זיי. אין הומאָר איז פאראן אי קערנדלעך פון צווייפל, פון פּראָטעסט, אי דרימלדיקער דראנג צו באפרייען זיך פון די גייסטיקע אָדער מאטעריעלע פּענטעס.

שלום עליכמס שפּרודלדיקער הומאָר איז מסתמא נישט געווען קיין אויסנאם. אונדזער גרויסער שרייבער איז ווייט נישט געווען גלייכגילטיק צו די הויקערדיקע זייטן פון יידישן לעבן און צו פאַרשידענע אַספּעקטן פון לעבן בכלל און געצילט בלב ובנפש צו „איבערמאַכן די וועלט“, נאָר פאַר די אמתע אויסדריקער פון אוממיטלבארן פּראָטעסט, פון שטרעבונג צו באפרייען זיך פון פארשידענע פּענטעס, האָט שלום עליכם געמאַכט זיינע קינדער־העלדן. און זיי האָט דער קינסטלער טאַקע אויפגעהויבן אויף די פליגל פון זיין ריינסטן, געלייטערטסטן און שפּרודלדיקסטן הומאָר.

וואָס האָט מען געקאָנט דערוואַרטן פון די פאַרשידענע כתרילעווקער און יעהופּעצער פאַרשוינען? די רויטע יידעלעך האָבן דאָך אַליין געזאָגט, אז אלע מענטשן ווערן איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: פאַרבעט און פארכעס. די קליינע מענטשעלעך און פארשידענע רויטע יידעלעך האָבן געהאט צו באַגרענעצטע באַגריפן און פארלאנגען. שמעון עליע שמע קולנו, מנחם מענדל און די מענגע אַנדערע מנחם מענדלס — די שטענדיקע בעלי חלומות און פאַנטאַזיאָרן, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין נישט קיין רעאַלער וועלט. מנחם מענדלס קאָפּ ארבעט טאָג און נאַכט, ער איז זייער אונטערנעמעריש, וואָס קומט אָבער ארויס, אַז ער איז אַ צעטראָטענער מענטש, אַז זיין אונטערנעמערישקייט איז פאַרקריפּלט און אַלץ ארום אים איז פּיקציע, אַז ער שאַפט אַן אבסטראַקטע וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און קאָן נישט געפינען קיין אויסוועג. ניין, מנחם מענדל קאָן נישט ווערן קיין טרעגער פון וועלכן ס'איז נישט געזונטן לעבנס־דראנג. זיין ווייב שיינע שיינדל, וועלכע איז אין קעגנזאץ צו איר מאַן, א רעאליסט און שטייט מיטביידע פּיס אויף דער ערד, קאָן אויך אויף אירע פּלייצעס נישט אויסטראָגן קיין אנדער ראָל, ווי די, צו וועלכער איר מיליע און די געגעבענע באַדינגונגען האָבן זי צוגעגרייט.

אזוי האָט דעמלט אויסגעזען די יידישע ווירקלעכקייט. שטעלט זיך אָבער א פראגע: צי האָט שלום עליכם נישט געזען קיין אנדערע שיכטן צווישן יידישן כלל, ווי די, וועלכע ער האָט אַזוי פאַרבנרייך געמאָלן?

מ'וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף פּעפּערלען, און אויך אויף מאַשאַ, טאַמאַראַ, סאַשאַ פון „מבול". דאָס זענען אָבער כמעט ווי עפּיזאָדן־געשטאַלטן און נישט קיין פאַראַלגעמיינערטע. צי איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער גליד פון יידישן כלל? צי האָט שלום עליכם נישט געקענט דעם יידישן בעל־מלאכה, דעם יידישן אַרבעטער, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט געבילדעט א גאָר דינעם שיכט, אָבער וועלכער האָט מיט זיין געזונטן חוש פאַרן לעבן געקאָנט ווערן דער אויסדריקער פון אַ געזונטן לעבנס־באַנעם? נישט יעדער שניידער איז דאָך געווען א שמעון עליע שמע קולני, אָדער א שימעלע סאָראָקער.

ס'איז נישטאָ קיין ספק, אז שלום עליכם האָט יאָ געקענט דעם דאָזיקן שיכט און האָט אים געשאָנקען א סך סימפּאַטיע און ליבשאַפט. די באַלעגאָלעס, די שניידערס, בעקערס, די פּורים־שפּילער, וועלכע זענען פאַרשטעלטע באַלמעלאָכעס, באַגעגענען מיר דאָך אומעטום אין זיין ווערק.

שלום עליכם געהער אָבער צו דעם מין קינסטלער, וועלכע שעפּן פון נאָענטסטן קוואַל, פון דער אייגענער מיליע און פון די אייגענע דערפאַרונגען. זעלטן ווען א ווערק טראָגט אַזאַ פערזענלעכן שטעמפּל, ווי שלום עליכמס שאַפונג. ס'איז גוט באַקאַנט, אז דעם גרעסטן טייל העלדן האָט ער גענומען פון זיין נאָענטסטער אומגעבונג, זיינע געשטאַלטן זענען לעבעדיקע פּאָרטרעטן פון זיינע נאָענטסטע אין שטעטעלע וואָראָנקע, אין פּערעיאַסלאַוו און שפּעטער אין קיעוו. שלום עליכם, וועלכער האָט פאַרמאָגט שמואליק דעם יתומס פאַרבנרייכע פאַנטאַזיע, האָט נישט אויסגעפאַנטאַזירט קיין געשטאַלטן, נאָר גענומען זיי צאַפּלדיקע פון דער ווירקלעכקייט, פון זיין נאָענטסטן אַרום.

אין די דערציילונגען וועגן באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער, איז פאַראַן א דערציילונג „פיר זענען מיר געזעסן". אין אריינפיר כאַראַקטעריזירט שלום עליכם אַזוי די פיר שרייבער: „מענדעלע מוכר ספרים — אַ שיינער זקן, רעדט צוקער־זיס; ביאַליק — אַ פּאָעט, אַ בעל־מחשבות; בן־עמי — א ייד וואָס קאָכט זיך; שלום עליכם — אַן אַלטער באַקאַנטער, וואָס הערט זיך צו און שרייבט אַלצדינג אריין אין ביכל". דאָס צוהערן זיך און אַלץ גענוי פאַרצייכענען, כדי עס צו קאָנען איבערגיסן אין קינסטלערישער פאָרם, איז געווען א הויפּט־שטריך אין שלום עליכמס שאַפונגס־פּראָצעס. אונדזער גרויסער קינסטלער האָט זיך אָבער באַוועגט אין א באַשטימטער סביבה, וואָס האָט געבילדעט דאָס רוב מנין ורוב בנין פון יידישן כלל. אין דער סביבה האָט דעם קינסטלערס אויסערסט עמפּינדלעך

אויער אויפגעכאַפּט יעדן מינדסטן קלאַנג, זיין אויג האָט דערזען דעם קלענסטן דעטאַל, וואָס ער האָט מיט דער גענויקייט פון א היסטאָריקער אָפּגעשפיגלט. האָט ער דאָך אַליין געזאָגט וועגן זיך אין „דעם ערשטן אַרויספאָר", הגם מיט אזוי פיל דינעם הומאָר, אז ער איז מער היסטאָריקער ווי ראָמאַניסט: „ואני און איך, דער מחבר פון דער דאָזיקער אמתער געשיכטע, איך בין נישט קיין ראָמאַניסט, נאָר א היסטאָריקער, וואָס מוז אָפּהיטן דעם אמת און חס ושלום נישט דורכלאָזן קיין שפּרינגעלע, עס זאָל דערפון חלילה קיין רעה נישט אַרויסקומען דער וועלט". מוזן מיר נישט נעמען בוכשטעבלעך זיינע ווערטער „איך בין נישט קיין ראָמאַניסט", אָבער, אַז ער איז טיילווייז געווען א היסטאָריקער מוזן מיר אָנגעמען, א שרייבער-היסטאָריקער, וועלכער האָט געפאָרשט און אָבסערווירט פון דער נאָענט. דאָרט, דאַקעגן, ווו דער קינסטלער האָט געפּרוווט אָבסערווירן פון דער ווייטנס, ווי צום ביישפּיל טיילווייז אין מבול, אָדער גאָר דאָרט, ווו ער האָט געפּרוווט אָפּגיין פון זיין אייגנטימלעכער שפּראַך, פון דער וווּנדערבאַרער שלום-עליכמדיקער שפּראַך מיט וועלכער עס רעדן זיינע פּאַרשוינען, דערפילן מיר גלייך, ווי עס פאַרלירט פון גלאַנץ, ווי עס פאַרלירט א היפּש ביסל פון קינסטלערישן דינאַמיזם. שלום עליכם, זעט אויס, האָט דאָס געפילט. ווייט פון זיין סביבה האָט ער זיך נישט אוועקגעלאָזט.

דאָס קינד איז שטענדיק געווען שלום עליכמס נאָענטסטע סביבה. זיין גאַנצער קינסטלערישער מהות, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, איז געווען געבונדן מיט דער צאַרטער נשמה פון קינד, מיט זיין אומשולד, תמימות, און זאָרגלאָזיקייט. דאָס קינד האָט געלעבט אין אים — דער גרויסער שרייבער איז אליין, פּונקט ווי געוויסע דערוואַקסענע העלדן זיינע, געווען א גרויס קינד. און ס'איז געווען נאַטירלעך — און אפשר טאַקע אָן שום אויסרעכענונג, ווי עס געשעט אין שעפערישע פּראָצעסן — אַז דאָס קינד זאָל ווערן ביי שלום עליכמען דער טרעגער פון שענסטן און דערהויבנסטן, דער אויסדריקער פון רעוואָלט, פון פּראָטעסט קעגן דעם פאַרקריפּלטן און אַבסורדאַלן אין יידישן לעבן.

אין אלע קינדער-נאָוועלן און קינדער-מעשיות, ווי פאַרשידנאַרטיק זיי זאָלן נישט זיין, איז דער תוך זייערער דער זעלבער. דאָס קינד שטרעבט צו פרייד, צו גליק, צו געניסן פון גאָטס וועלט. עס רייסט זיך צו דער זון, צום פעלד, צום וואַלד, צום טייכל, צום גרינעם בערגל. און אויב עס רייסט זיך ווער מיטן גאַנצן פלאַם פון האַרץ צו די היכלס פון קונסט, זענען דאָס ווידער קינדער, ווי צום ביישפּיל רייזל און לייבל אין די „בלאָנדזשענדע

שטערן". אומעטום, ביי אַלע באַדינגונגען, אפילו ווען עס געפינט זיך מחוץ דער קליינשטעטלדיקער סביבה און ווערט פאַרמאַכט אין די שטאָטישע ווענט, ווי די דריי קעפּלעך, בענקט דאָס קינד נאָך ליכט, רייסט זיך עס צו דער דרויסנדיקער וועלט. „די יונגע נשמות רייסן זיך, רייסן זיך, רייסן זיך. וווהין? אין דרויסן! צום ליכט! צום פענצטער! צום פענצטער!" די געזונטע ליידנשאַפטן ווערן אומאויפהערלעך דערשטיקט דורך פאַר־קריפּלטע לעבנס־נאָרמעס; אין כתרילעווקע און אין יעהופּעץ ווערט די קינדערישע פרייד כסדר צעשטערט, פאַרבאָטן דורך די פאַרשווינגען פון אַן אבסטראַקטער וועלט, אין וועלכער דעם קינדס נאַטירלעכע דראַנגען און פאַרלאַנגען זעען אויס ווי ווילד פּלייש אין יידישן אָרגאַניזם.

די כתרילעווקער און יעהופּעצער פאַרשוויגען, וויפל זיי זאָלן נישט ארויסרופן ביי אונדז געלעכטער, הייטערקייט און פארוויילונג, דערדריקן זיי אונדז דאָך מיט זייער שטייגער לעבן און אָרט דענקען. ס'רוב גיבן זיי זיך דאָך אונטער זייער שווערן גורל, ביי זייער גאַנצן ארומשמאיען און ביי אַלע ראַנגלעניש פאַרן שטיקל פּרנסה, נעמען זיי אויף זייער שיקזאַל פּאַ־סיוו אָן ווידערשטאַנד. די קינדער דאַקעגן זענען שוין ווייט נישט פּאַסיוו, זיי שטעלן אומאויפהערלעך אַן אקטיוון ווידערשטאַנד. זיי זענען בונטאַרן, אַנטדעקער פון נייע וועלטן, דעראָבערער פון לעבנס־פריידן — פאַרשטייט זיך אין די מאַסשטאַבן פון דער קינדערישער וועלט. זיי כאַפּן טאַקע פּעטש, סטוסאַקעס, שמיץ און זענען אויסגעשטעלט אויף כל המינים אנדערע שטראָפן, אָבער רעזיגנירן פון זייער געגאַרטער לעבנס־פריינד — דאָס נישט. געפינען זיי אויס מיטלען, ווי זיך ארויסצוגנבענען פון חדר און לאָזן זיך געהיים צום בערגל, צום טייכל, צו דער מיל, ווייסן זיי, ווי אזוי מ'קאָן איבערהיפּן דאָס דאַווענען, זיך ארויסצוכאַפּן ווינטער בשתיקה אויפן אייז און גלישן זיך צוזאמען מיט שקצימלעך, ווי אזוי ארויסצופירן געהיים דאָס יידישע פערדל פון שטאַל און זיך דורכרייטן אויף אים און דאָס חווקא שבת. מיט איין וואָרט, די כתרילעווקער קינדער לייגן איין וועלטן, זענען אויסערסט דערפינדעריש, ברעכן דורך אַלע שטערונגען און פאַר־צוימונגען און דערביי זענען זיי פיזיש גאָרנישט ענלעך צו זייערע פיזיש־צעבראָכענע, קרענקלעכע טאַטע־מאַמע. ס'איז ממש א מחיה צו קוקן אויף זיי:

„ראובעלע איז געווען ברוך השם אַזאַ קינד, וואָס אַלצדינג האָט זיך אויף אים פארהיילט גיך, „ווי אויף א הונט". איידער מען האָט זיך ארומ־געקוקט, איז שוין די ליפּ ביי אים ווידער צונויפגעוואַקסן געוואָרן, גלייך

ווי גאָרנישט געווען, און ער האָט צוגעטראַכט גאָר אַ נייע זאַך: מ'דאַרף זיך אמאָל דורכפאָרן רייטנדיק אויף מתושלחן און דווקא אַלע תלמוד־תורה ייִנגלעך מיט אמאָל. נאָר ווען און ווי אזוי מאַכט מען דאָס אָפּ, אז קיינער זאָל נישט וויסן? איז ראובעלע געפאַלן אויף א שׂכל, אז דאָס איז גוט נאָך שבת ביי טאָג, בשעת דער עולם עסט אָפּ און לייגט זיך שלאָפן, דעמלט כאָפּש נעם און טראָג אַרוים גאַנץ כתרילעווקע מיט האַק און פּאַק. האָט זיך אפילו איינער א תלמוד־תורה ייִנגל געשטעלט אנטקעגן: „ווי אזוי פאָרט דאָס א ייִד אום שבת?" האָט אים ראובעלע דערויף געענטפערט: — בהמה, דאָס הייסט דען געפאָרן? דאָס ווערט אָנגערופן געשפּילט זיך...

ס'איז געקומען שבת ביי טאָג, דער עולם האָט אָפּגעגעסן, געלייגט זיך שלאָפן און כתריאל מיט כתריליכען בתוכם, האָבן זיך חברה פּאַוואָלי אריינגעגנבעט צום וואַסערפירער אין הויז אַריין, און ראובעלע האָט גענומען אויספּוצן מתושלח'ן ווי ווייט מעגלעך. קודם כל האָט ער אים פאַרפּלאָכטן די גריווע, געמאַכט עטלעכע צעפּלעך, באַפּוצט מיט שטרויעלעך; נאָכדעם האָט ער אים אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ ווייסן פּאַפּירענעם ספּאָדיק, צוגעבונדן אויפן האַלז מיט בענדלעך; און אחרי ככלות הכל האָט ער אים אָנגעהאָנגען פון הינטן אַן אַלטן בעזים, בכדי דער ווידל זאָל אויסקומען שענער און לענגער. און חבריה האָט אָנגעהויבן זעצן זיך, קריכן אויף מתושלחן איינער איבערן אַנדערן, ווער עס האָט פאַרכאַפּט איין אָרט פריער, דער איז געזעסן אויפן פערד, און די איבעריקע וועלן זיך שוין זעצן נאָכדעם, נאָר דערווייל זענען זיי נאָכגעגאַנגען הינטן, געהאָלפן אונטערטרייבן מתושלח'ן ער זאָל גיין אַביסל גיכער און געזונגען: „ככה יעשה לסוס אשר ראובעלע חפץ ביקרו!".

ווי בונטאריש, דערפינדעריש, לעבנסלוסטיק דאָס אַלץ דערשיינט אויפן פאָן פון דער גרויער, פאַרגליווערטער כתרילעווקער ווירקלעכקייט! און אויב די כתרילעווקער דערוואַקסענע זענען אין זייער פאַרגליווערטן, גרויען לעבן קאָמיש און באַוועגן אונדז צו לאַכן, זענען די כתרילעווקער קינדער הומאָריסטיש, זיי לאַכן אַליין אויס דאָס קאָמישע. און צי דערמאָנט איר זיך, ווי אזוי שלום עליכמס קינדער לאכן און לאכן אויס? „איך ווייס נישט וואָס פארא פרייִלעכקייט עס ליגט פארבאָרגן אין דער דאָזיקער מימיקע, נאָר אויף אונדז קליינוואַרג פאַלט אָן דערפון פּלוצים א געלעכטער און נאָך וואָס פארא געלעכטער! מיר שטיקן זיך שטילערהייט אין די קולאַקעס, האָבן מורא א קוק צו טאָן איינס אויף דאָס אנדערע, מען זאָל חלילה נישט אויסשיסן. נאָר וויפל קאָן זיך א מענטש איינהאַלטן? א

מענטש איז דאָך נישט קיין אייזן, ובפרט, אז סע זיצן ביים טיש, קיין עין הרע, אזוי פיל קלאַפּערס, ווייסע חברהניקעס, וואָס קאָנען לאַכן — איז געגוג, אז עמעצער פון אונדז זאָל געבן א כליפּ, א הוסט אָדער א שלוקערץ, זאָל זיך דער איבעריקער חברה אויסווייזן, אז דאָס האָט שוין אייגער גע־ווים אויסגעשאָסן. אין אזעלכע מאָמענטן, הערט איר, איז געפערלעך, מע שפּילט זיך מיט פייער, וואָרעם וואָס מער מען האָט מורא — מער לאַכט מען. איר קאָנט דאָס פּרוון אויף אייערע קינדער. לאָזט ארויס א באַפעל, אז מע טאָר ביים טיש נישט לאַכן, וועט איר זען וואָס ס'וועט זיך טאָן: תחילת וועט מע זיך שטיקן, ווי ווייט מע וועט קאָנען, גאָכדעם וועט ווערן אַזאַ שיסעריי, אז איר וועט סוף כל סוף אליין אויך אויסשיסן א געלעכ־טער...״ (די ערשטע קאָמונע).

קיין שום באַפעל, קיין שום פאַרבאָט קאָן נישט דערדריקן די לעבנס־פרייד פון די כתרילעווקער קינדער, דעם חשק צו לאַכן און אויסצולאַכן. נישט דאָס אָרעמע לעבן, נישט דער בייזער טאַטע, אָדער דער טאַטע דער שלים־מזל, נישט די מורא פאַרן רבי'ן דעם רוצח, זענען בכוח צו דער־שטיקן דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד פונעם קינד. און וויסן מיר דאָך נישט נאָר פון ליגעצקים „פּוילישן יינגל״, אָדער פון מענדעלעס שילדערן ייִדי־שע קינדער, ווי „קליינע יידעלעך״, נאָר אויך פון לעבן, אַז דאָס קינד פון דער סביבה וואָס אונדזער גרויסער הומאָריסט האָט אַרויסגעבראַכט, איז געווען צום גרעסטן טייל א פּאַסיוו, אונטערטעניק און צעשראָקן באַ־שעפעניש. אין די קינדער ביי שלום עליכמען ברויזט אָבער די געוואַגט־קייט, זיי זענען גייסטרייך, זיי האָבן פליגל, זיי פליען, זיי הויבן זיך אויף העכער פון די שמאָלע און באַגרענעצטע באַגריפן פון די דערוואַקסענע. און ווי זיי קענען זיך אויף זייערע אַפּוטרופּסים! „אַ מאָדנער מענטש דער טאַטע מיינער! מען זאָגט אים: אויפן בוידעם, איז ער אויך נישט צופרידן! איך ווייס? מיר דאַכט, איך וואָלט א בעלן געווען, ס'זאָל זיין אַלע וואָך ערב פּסח און מע זאָל אלע וואָך דאַרפן קריכן אויפן בוידעם. ערשטנס איז דאָס קריכן אליין עפּעס אויך א שטיקל עסק. א שטייגער אין מיטן וואָך, איך זאָל זיך אויסציען, וועט מע מיך דען לאָזן קריכן אויפן בוידעם? און איצט שפּאַן איך אויף די טרעפּ ווי א מזיק, הינטן שפּאַנט מיך נאָך דער טאַטע און זאָגט: „פּאַוואָלינקע! פּאַמעליכען!״ וואָס מיר פּאַוואָלינקע? ווער מיר פּאַמעליכען? איך פּיל, אז ביי מיר זענען אויסגעוואַקסן פליגלען, איך פּלי, איך פּלי״. („די ערב־פּסחדיקע עמיגראַציע״).

אזוי האָט דער קינסטלער אין די קינדער=שאַפונגען קאָנסטרואירט צוויי באַזונדערע וועלטן — פון איין זייט די קינדער מיט זייער געזונטן לעבנס=אינסטינקט, מיט הערצער, וואָס ברויזן מיט פּראָטעסט, מיט רעוואָלט, פון דער צווייטער זייט, טאַטע=מאַמע, פעטערס און מומעס און סתם פרומע לייט מיט פאַרזאָרגטע, פאַריאָמערטע פּנימער, בייזע מלמדים מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע נעמען, ווי ר׳ איצי מלאך המות, ר׳ אפרים תלין, מאַזעפּע א.אַנד. דורך דער פּריזמע פון קינדערישן פּילן און טראַכטן דערשיינט נאָך בולטער דאָס פאַרקריפּלטע, אומזיניקע לעבן פון די כתרילעווקער. נאָך שאַרפער דערזעען מיר מיטן קינדס אויגן דעם שווערן גורל זייערן, זייער טראַגיק און אויך זייער קאָמיזם.

דער קאָנפליקט צווישן די צוויי וועלטן דאָס איז נישט סתם קיין קאָנפליקט צווישן צוויי דורות, צווישן קינדער און עלטערן. דאָס איז א קאָנפליקט טאַקע צווישן צוויי וועלטן, און מיר זעען עס באַשיינפּערלעך. אָט, צום ביישפּיל, אין דער דערציילונג „ביים קעניג אחשוורוש“ רייסט זיך ארויס דער 8=יאָריקער העלד פון אונטער דעם טאַטנס השגחה, פון זיידן רב מאיר דעם גבירס שטוב, און לאָזט זיך נאָך דער כאַליאַסטרע פורים=שפּילער. מיט אַזעלכע דערוואַקסענע איז אים גוט, מיט זיי איז ער גליקלעך, דאָ, ביים קעניג אחשוורוש איז אוים מיט דער אַבסטראַקטער, פאַרקריפּלטער וועלט. און מערקווירדיק: דאָס קינד געפינט צום גרעסטן טייל א פאַרבינדעטן אין די מענטשן, וואָס שטייען סאָציאַל אויפן נידעריקסטן שטאַפּל — אין דעם פורים=שפּילער, דעם פאַרשטעלטן באַלמעלאָכע, אין משרת, באַלעגאָלע.

א ליבן, טייערן פאַרבינדעטן געפינט אויך דאָס קינד אין דער נאַטור, סיי אין דער טויטער, סיי אין דער לעבעדיקער. ווער ווי דאָס קינד האָט אין כתרילעווקע אַזוי ליב דעם הימל, דאָס טייכל און דאָס בערגל, די קאַץ און דעם הונט? מאָטל פּייסי דעם חזנס און דאָס קעלבל מעני פאַרשטייען זיך ממש אויפן ווונק. היינט דער הונט ראַבטשיק, דאָס פערדל מתושלח און די יידישע קאַץ פייגע=לאה די גבאי׳טע, זענען זיי דאָך ממש א טייל פון דער קינדער=כאַליאַסטרע. איי, קונדסים פאַרגלוסט זיך ארויסצורייסן מתושלח׳ן עטלעכע סטרונעס פון וויידל, אָדער זיך ארויפכאַפּן אויף אים רייטן, איז ער זיי דאָס מוחל. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש און פילזאָגעוודיק, וואָס דעם יידישן הונט ראַבטשיק, דאָס יידישע פערדל מתושלח און די מעשיות „צער בעלי=חיים“ — און דאָס זענען דאָך נישט נאָר קינדער=דערציילונגען — האָט שלום עליכם אריינגעשטעלט אין דער קינדער=וועלט. אין

דער אבסטראקטער וועלט פון די כתרילעווקער דערוואקסענע האָבן זיך בעלי־חיים, פונקט ווי די נאַטור, שלעכט אריינגעפּאַסט. אַלץ, וואָס לעבט, אַלץ וואָס גרינט, וואָס שטראַלט און דערפרייט דאָס האַרץ, איז דעם קינד אַזוי נאָענט און טייער און אַזוי ווייט און פרעמד דעם כתרילעווקער דערוואַקסענעם, וועלכער צעשטערט אומאויפהערלעך די קינדערישע פרייד. אָט איז אַזאַ בילד: „... און ס'איז ביי אונדז אַלע געבליבן דער הסכּם מיר זאָלן זיך אויסציִען אויבן, אויפן באַרג מיט די פּנימער אַרויף".

„איך האָב זיך שטאַרק איינגעקוקט אין בלויען הימל, און מיינע אויגן האָבן דעם הימל צוגעצויגן, אַלץ נעענטער און נעענטער, אַזוי לאַנג ביז איך האָב אים צו זיך צוגעצויגן נאָענט, גאַנץ נאָענט. אַזוי נאָענט, אַז איך האָב די האַנט אויסגעצויגן און האָב מיט מיינע פינגער זיך צוגערירט צום הימל, צום קאַלטן הימל, זיך צוגערירט, אָנגענומען, אָנגעטאַפּט, געהאַלטן, געהאַלטן, געהאַלטן....

„און אַ גרינג, קיל ווינטעלע איז פאַרביי מיר דורכגעלאָפן און האָט מיך עטוואָס, קוים־קוים אָנגערירט אין שטערן. און אַ טייערער ריח, אַ ריח פון גן־עדן, איז פאַרביי מיר דורכגעגאַנגען, און מיינע אויגן האָבן זיך צו־געמאַכט, צוגעמאַכט....

„— אין חדר אַריין, שקצים, עכברושים, הולטאַיעס! אין חדר אַריין, ימח שמוניקעס! וואַרט שיבעניקעס, איך וועל אייך שוין צושטעלן, לײדאַ־קעס, אַ בענקעלע צום רב'ן! אין חדר אַריין פוסטעפּאַסטניקעס, כלבוניקעס, אין חדר אַריין!"

„דאָס איז געווען דער שמש פון בית־המדרש, רב יקותיאל דער שמש, אַ בייזער ייד מיט אַ צופלעצטער נאָז און מיט אַ שטענדיקער ליולקע־ציביק אין די ציין". („בלומען" — „פונעם באַרג סיני").

דאָס קינד ביי שלום עליכמען איז ממש אָרגאַניש באַהאַפטן מיט דער נאַטור. מיר ווערן אָנגעשטעקט מיט זיין בענקשאַפט און ליבשאַפט צו איר. די נאַטור געזען דורך די קינדערישע אויגן פאַרמאָגט נישט נאָר אַ באַזונ־דערן רייץ און פּראַכט, נאָר אויך אַ האַרציקע גוטסקייט און פריידט זיך מיט אונדזערע פריידן. מאָטל פּייסים, פילט ווי די זון „...קושט ווי אַ מאַ־מע". און ער זעט, ווי „דער הימל איז אויסגעבאָדן שבתדיק, דער גאַנצער אינדרויסן פרייט זיך, וואָס מיין ברודער אליהו האָט חתונה".

מיט דער נאַטור, מיטן גרינעם פעלד האָט דאָס קינד ביי שלום עליכ־מען טיילווייז אַסאָציאירט די אויסערלעכע, נישט יידישע וועלט. פונקט ווי

די נאַטור איז זי געווען פאַר אים סודותפול און כישופדיק און פּונקט ווי דער וואַלד, דאָס פעלד, איז זי געווען פאַר אים פאַרשלאָסן און פאַרצוימט. דאָס יידישע לעבן איז דעמלט געווען פולשטענדיק איזאָלירט פון דער ארומיקער נישט=יידישער סביבה, און דווקא דעם קינד האָט שלום עליכם אָנגעטרויט די שטרעבונג, בעסער געזאָגט דעם געזונטן אינסטינקט, ארומצורייסן זיך פון דער איזאָלאציע.

שלום עליכמס פאַרשוינען פלעגן אָפט קומען אין קאָנטאַקט מיט די נישט=יידישע שכנים. אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע צוימען זענען נישט בכוח געווען פולשטענדיק פאָנאַנדערצוטיילן די יידישע און נישט=יידישע באַפעלקערונג. מיר זעען די גויים און גויעס אויפן כתרילעווקער מאַרק, אין די קאַסרילעווקער יידישע קלייטלעך; מיר באַגעגענען זיי ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווי צום ביישפּיל, אין דער ראָל פון אַ באַלעגאָלע, וואָס פירט אָפּ אַ יידיש באַלעבעסל און פאַר אייניקעס נעמט ער מיט אַ יידישן מת („עולם=הבא“). וואָס עס כאַראַקטעריזירט די באַציונגען צווישן דער יידישער און נישט=יידישער באַפעלקערונג — דאָס איז קעגנזייטיקע אומצוטרוי, קעגנזייטיקע נישט פאַרשטיין זיך, אויב שוין נישט רעדן פון קעגנזייטיקער שנאה אָדער פאַרפאָלגונגען, וואָס די יידישע באַפעלקערונג איז אויסגעשטאַנען און וואָס קומט אויך אָפט צום אויסדרוק אין די קינדער=שאַפונגען און דער עיקר אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס“.

פאַראַן אויך אייגנאַרטיקע נאָענטע באַציונגען צווישן ייד און נישט ייד. אין כתרילעווקע איז פאַראַן דער שבת=גוי, די שבת=גויע, וועלכע קענען אַלע יידישע מנהגים און זיטן און וועלכע זענען איינגעלעבט מיט זייערע יידישע באַלעבאַטים. דאָס זענען אָבער, גאָר אַנדערע גויים, וועלכע לעבן צווישן יידן און פון יידן, און אגב פאַריידישט זיי שלום עליכם גישקשהדיק. וואָס שייך אָבער מענטשלעכע, נאָרמאַלע באַציונגען געפינען מיר זיי נאָר אין די קינדער=דערציילונגען, ווו שלום עליכם ווייזט אונדז בפירוש דאָס קינד, ווי אזעלכעס, וואָס פאַרוואַרפט אַ בריק צווישן דער אויסערלעכער, נישט=יידישער, און יידישער וועלט. דאָס קינד רייסט זיך מיט אַלע כוחות אריינצודרינגען אין יענער אָפּגעשלאָסנקייט, איבערצורייסן די איזאָלאַציע, קלאָר, אז עס מאַכט נישט דערביי קיין טעאָריעס, קיין באַגרינדונגען. עס איז געטריבן דערצו דורך זיין געזונטן קינדערישן אינסטינקט און אויך דורך זיין געזונטן קינדערישן נייגיר.

אין דער דערציילונג „אויפן פידל“ האָבן מיר א רירנדיקע פריינדשאפט צווישן א יידיש יינגל און דעם קריסטלעכן קאפעלמייסטער טשעטשעק, וועלכן די יידן פלעגן רופן „פאַן פולקאָווניק“, ווייל ער האָט געטראָגן א מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ. וויפל סימפּאטיע, קעגנזייטיקע פארשטענדעניש עס וואקסט אָן צווישן דעם יידישן בחורל און דעם נישט יידישן קאַפעלמייסטער! אָבער טשעטשעק איז אַ פאַרבאָטענע פרוכט פונקט ווי יעדע אנדערע לעבנס־פרייד. „טשעטשעק האָט געוווינט ווייט־ווייט הינטער דער שטאָט, אין א קליין ווייס שטיבל, מיט קליינע פענצטערלעך, מיט געפארבטע לאָדן, מיט א גרינעם גאָרטן, וואָס פון דאָרטן האָבן אַרויסגעקוקט מיט גרויס גדלות אַ סך הויכע געלע סאָנישניקעס, ווי עפּעס רעכטס און האָבן אָנגעבויגן עטוואָס די קעפּלעך אויף א זייט, א ביסל געשאָקלט זיך און האָבן ווי גערופן מיך צו זיך: „אַהער, צו אונדז, בחורל! דאָ איז גראָם, דאָ איז פריי, דאָ איז ליכטיק, דאָ איז פריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז גוט!... עס גלוסט זיך לויפן, שפרינגען, שרייען, זינגען; אָדער גאָר א וואָרף טאָן זיך אויף דער הוילער ערד, מיטן פּנים אינעם גרינעם שמעקנדיקן גראָז אַריין. נאָר אוי וויי, נישט פאַר אייך, יידישע קינדער! געלע סאָנישניקעס, גרינע קרויט, פרישע לופט, ריינע ערד, אַ לויטערער הימל — האָט קיין פאראיבל נישט, ס'איז נישט אויף אייער מיסט געוואָקסן געוואָרן!...“

און ווידער מוז דאָס קינד זיך קעגנשטעלן פארקריפּלטע לעבנס־נאָרמעס, דעם פארבאָט פון דער וועלט פון די דערוואקסענע. טשעטשעק איז פונקט אזוי פאר אים פארבאָטן ווי די פרישע לופט, דער לויטערער הימל. אויסערן שטעטל און שלום עליכמס יינגער העלד רייסט דורך אלע צוימען און פארבאָטן און געהיים פארקערט ער מיט טשעטשעקן, גנבעט זיך אריין אין זיין ווייסן שטיבל, ווו ער ווערט אויפגענומען מיט ווארעמער פריינדשאפט, אָבער פארוואָס ער באקומט לסוף א הארבן פּסק אין זיין טאַטנס הויז.

דער דאָזיקער מאָטיוו חזרט זיך אין שלום עליכמס קינדער־דערציילונגען אָפּט איבער. די קינדערישע נייגיר און ליבע צום נישט־ייד און זיין דראַנג אָנצובינדן באַציונגען מיט דער נישט־יידישער וועלט קומט צום אויסדרוק אויף פארשידענע אופנים. אָט זאָגט דער קינדער־העלד פון דער נאָוועלע “גרינס אויף שבועות“: „בכלל דארף איך מודה זיין, אז צוויש;

מיר און אכרימען איז געווען א מין ליבע א פארבאָרגענע, א מין סימפּאַטיע, וואָס מען קאָן זי נישט ארויסגעבן אין ווערטער...“

שלום עליכם האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן די טראַגישע שייכיקייט צווישן דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג ארויסגעבראַכט אויך אין דער קינדער־וועלט. אזוי אַרום, צום ביישפּיל, אילוסטרירט דער קינסטלער אין דער קינדער־דערציילונג „ל״ג־בעומר“ דעם ריס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און אירע שכנים דורך אַ מלחמה צווישן יידישע און נישט־יידישע קינדער און דערביי איז בולט אונטערשטראָכן, אַז דאָס יידישע קינד איז דער באַפאַלענער, דער קרבן. אין „טוביה דעם מילכיקן“ האָט שוין שלום עליכם געוויזן, אַז נישט נאָר אין כתרילעווקע, נאָר אויך אין דער דאָרפישער אומגעבונג פארבלייבט דער ייד אין זיין אייביקער אָפּגעזונדערטקייט. באזונדערס בולט קומט דאָס צום אויסדרוק אין דער נאָוועלע „א פסח אין דאָרף“. נחמן ווערביווקער איז אַ דאָרפס־ייד, און האָט זיך אזוי איינגעלעבט מיטן דאָרפישן קלימאַט און מיט זיינע קריסטלעכע שכנים, אפילו מיטן פארדעכטיקטן קורעטשקא, אז ער פארגעסט, אז ס'זענען דאָ אויף דער וועלט גזירות, צירקוליאַרן קעגן יידן. דאָך בלייבט נחמן אין זיין אָפּגעזונדערטקייט און ער קאָן זיך נישט שענקען, וואָס זיין פייטל חברט זיך מיט פעדקאָ. ס'קומט אונטער ערב־פסח.ביידע קינדער, פייטל און פעדקא, וועלכע זענען איינס פארן אנדערן די כפּרה, לאָזן זיך אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג אין פעלד, קוויקן זיך מיטן פרילינג. און אָט זענען די קריסטלעכע שכנים חושד נחמנען אין עלילת־דם, ווייל קורעטשקאס ייִנגל פעדקא איז פארשוואונדן. ביידע חברים קומען צו שפּרייזן האַנט אין האַנט און נחמן מיט זיין משפּחה אָטעמען אָפּ. אָט די גאַנצע באַשרייבונג פון דער צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט פון ביידע קינדער, די שילדערונג פון זייער טיפער פריינדשאַפט און זייערע שטיפערישע שפּילערייען אין דער צייט ווען צווישן זייערע עלטערן שטייט א כינעזישע וואַנט אָדער ווען אין דאָרף הערשט א שטימונג פון עלילת־דם, קלינגט ממש ווי א סימבאָל.

ווי א סימבאָל דערשיינט פאר אונדז דאָ די טיפע פריינדשאַפט צווישן פייטל און פעדקא, זייער קעגנזייטיקע צוגעבונדנקייט טראָץ אַלע פאראורטיילן און אויסערלעכע העמונגען. שלום עליכם האָט דאָ די מיסיע פון איבערשפּרייזן און צעשטערן די כינעזישע וואַנט, פון פארפלאַנצן קעגנזייטיקן צוטרוי און פריינדשאַפט אַרויפגעלייגט נישט נאָר אויפן יידישן, נאָר אויך אויפן נישט־יידישן קינד. דאָס ענדערט אָבער נישט, דוכט מיר,

דעם פאקט, אז דעם קינד האָט אונדזער קינסטלער אָנגעצייכנט די זייער נאָבעלע ראָל.

*   *
*

שלום עליכמס קינדער־דערציילונגען זענען אָן ספק פּרעכטיקע געמעלן פון דער קינדערישער פּסיכיק, פון זיינע טראכטעגישן און טואונגען. זיי זענען אָבער א סך מער ווי דאָס. זיי דריקן אוים לעבנס־אמתן, סיטואציעס, פּראָטעסט און שטרעבונג אין דער פאָרם פון אומגעפעלשטער קינדערי־שער נאיוויטעט. די קינדער־העלדן עפענען אין דער שטיקנדיקער כתרי־לעוקער לופט א ברייט פענצטער צום דרויסן, צו דער אויסערלעכער וועלט. מיט זייערע טראַכטענישן און האַנדלונגען מאַכן זיי מענטשלעכער, דער־הויבענער די דערוואקסענע. זיי זענען די טרעגער פון געזונטן לעבנס־באַ־גער, די אויסדריקער פון די שענסטע מענטשלעכע פאַרלאַנגען און שטרע־בונגען, זיי זענען אַן אָנדייט פאַר דערוואַקסענע, זיי זענען ווי סימבאָלן.

די קינדער־שאפונגען דערגאנצן, מאַכן פולער און פארבנרייכער שלום עליכמס אומשטערבלעך ווערק.

די טראַגישע אילוזיע אין שלום עליכמס ווערק

(צום הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג)

ס'איז אַן אַלטער כּלל: יעדע צייט זוכט אין קינסטלער, אין שעפער פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע עפּעס, וואָס אַנטשפּרעכט איר גופא צוממערטטן. די ווערק פון דאַנטע, שעקספּיר, טאָלסטאָי, הוגאָ, אָדער אפילו פון אַזאַ ווייטן דיכטער ווי דער לעגענדאַרער, בלינדער האָמער, זענען פאַר אונדז נישט גאָר קוואַר־שניטן פון פאַרגאַנגענע צייטן, אויסגעגאָסן אין בילדער, וואָס נערן און רעגן אונדזער פאַנטאַזיע, נאָר אויך אַ קוואַל פון אונדזערע אייגענע צייט־אַטריבוטן, אַ שפּיגל, אין וועלכן מיר דערזעען אָפּט זיך גופא. אין דעם באַשטייט די גרויסקייט פון אַ קונסט־ווערק. מיר רופן דאָס די אַלמענטשלעכע ווערטן פונעם ווערק, אָדער די אייביקע אַקטועלקייט, הגם צווישן די צוויי באַגריפן קאָן מען נישט אָוועקשטעלן קיין גלייכצייכן.

די אַלמענטשלעכע ווערטן אין שלום־עליכמס שאַפונג איז אַ טעמע פאַר זיך. לאָמיר איצט מאַכן אַ פּרווו אָפּצושטעלן זיך אויף זיין אַקטועלקייט. צי איז נאָך הייגט שלום־עליכמס גרויס ווערק דער שפּיגל, אין וועלכן מיר קאָנען זיך דערזען?

דער הויפּט־רוי־מאַטעריאַל, פון וועלכן שלום־עליכם האָט געקנאָטן און געפורעמט זיין מאָנומענטאַל ווערק, איז געווען דער יידישער שטייגער, דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן אין אַלע זיינע אַספּעקטן, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אויפן זומפּיקן באָדן פון קאַסרילעווקע, יעהופּעץ, טונעיאַדעווקע. דאָס עיקרדיקע אין שלום־עליכמס גרויסן טאַלאַנט, זיין הומאָר, האָט זיך געשפּייזט מיטן יידישן שטייגער — אגב איז אָן שטייגער פאַראַן אַ באַגרענעצטער באָדן פאַר הומאָר. דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן מיט זיין שטייגער איז מער נישטאָ, עס איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט קאַסרילעווקע און יעהופּעץ. ס'זענען אויך פאַרשוווּנדן די קאַסרילעווקער און יעהופּעצער

פאַרשוינען: די מנחם=מענדלס, פיניעס, עליעס, די שמעון=עליעס שמע=קולגן, די שימעלע סאָראָקערס. אָבער צי זענען זיי פאַרשוונדן, נישט לאַנגדיק צווישן אונדז קיין שפור? צי פילן מיר מער נישט זייער אָטעם?

ווען מען טראַכט זיך אַריין אין שלום=עליכמס שאַפונג, איז נישט שווער צו באַמערקן, ווי עס הייבט זיך אַרויס צווישן אַלע מאָטיוון אַ מין הויפט=מאָטיוו, אַ מין גרונט=געדאַנק, וואָס אָט איז ער קאָנדענסירט ביז אַ קאָנצענטראַט אין איין ווערק, און אָט הילכט ער אָפּ דאָ און דאָרט שוואַכער אָדער שטאַרקער ווי אַ ווידערקול. אַזאַ הויפט=מאָטיוו איז אָן ספק די אילוזאָרישקייט, די מענטשלעכע אילוזיע, קאָנקרעטער — די יידישע אילוזיע אין איר טיפער טראַגיק.

נייַן, „מנחם=מענדל“ איז מסתמא נישט שלום=עליכמס הויפט=ווערק. ס׳איז נאָר איינס פון זיינע הויפט=ווערק. אויף דער זעלבער הייך, אויב נישט נאָך העכער, דאַרף מען שטעלן „טוביה דער מילכיקער“ און „מאָטל פּייסי דעם חזנס“. אין די דריי פאַרשידנאַרטיקע ווערק קאָנצענטרירן זיך אַלע שטריכן פון קינסטלערס גאונישקייט, אין זיי פאַרסאַכאַקלט זיך זיין שעפערישער מהות און אין זיי דערגייט אויך זיין קינסטלערישע שלימות צו די העכסטע הייכן. אויב אָבער טוביהס טראַגיק וואַקסט אויס צו אַן אַלמענטשלעכער טראַגיק, אויב מאָטלס קינדערישע לעבנס=פרייד גיסט זיך איבער אין אַלמענטשלעכן אָפּטימיזם, איז מנחם=מענדלס אילוזאָרישקייט די פאַרקערפערונג בעיקר פון אַ יידישן כלל, מנחם=מענדלס טראַגיק איז דורכויס יידישע טראַגיק.

ס׳איז גרייליך מעגלעך, אַז מנחם=מענדל האָט געהאַט אַ פּראָטאָטיפּ אין סערוואַנטעסעס העלד. מנחם=מענדל איז דאָך אין אַ געוויסער מאָס אַ כתרילעווקער דאָן=קיכאָט. און דאָך דריקט קיין שום העלד שלום=עליכמס נישט אויס אַזוי דעם יידישן שיקזאַל, דעם קאָלעקטיוון שיקזאַל, ווי דער דאָזיקער כתרילעווקער דאָן=קיכאָט. מנחם=מענדל איז דאָך נישט קיין אינדיווידואַליטעט, נאָר אַ קאָלעקטיווער באַגריף, אַ פאָלקס=קאָלעקטיוו. פאַראַן אַ מנחם=מענדלשע מאַסע, וואָס לעבט אויפן עולם=הדמיון, בויט לופט=שלעסער, יאָגט זיך נאָכן ווינט, גלייבט נאַיוו=קינדעריש, אָבער גלייבט מיטן גאַנצן האַרץ, אַז זי וועט דערגרייכן דאָס אומדערגרייכבאַרע און נעמט דעם חלום פאַר ווירקלעכקייט.

ס׳איז פאַלש, דוכט מיך, צו באַטראַכטן, ווי מ׳האָט דאָס אָפט געפרווט טאָן, די מנחם=מענדל=געשטאַלט אָדער דעם מנחם=מענדל=באַגריף נאָר ווי אַ סאָציאַלן פענאָמען, אויסגעוואַקסן אויף אַ באַשטימטן עקאָנאָ=

מיש=פּאָליטישן באָדן. מנחם=מענדל איז אויך א פּסיכיש=היסטאָרישע דערשיינונג, א גייסטיקע פאָרמאציע, וואָס איז אריינגעדרונגען אין א גרויסן טייל פון פאָלקס=קאָלעקטיוו אין געגעבענע היסטאָרישע באדינגונגען. די דערשיינונג הייסט, אילוזיע, די גרויסע, טראַגישע אילוזיע, וואָס ציט זיך דורך ווי א רויטער פאָדעם איבער שלום=עליכמס גאַנץ ווערק.

ווען מען בלעטערט דורך שלום=עליכמס דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, ראָמאַנען, דראַמעס, קאָמעדיעס, איז נישט שווער זיך איבערצוציגן, צו דערזען און דערפילן וואָס פאר אן אָרט עס פארנעמט ביי אונדזער קינסטלער די אילוזאָרישקייט. כמעט אין יעדן פאַרשוין שלום=עליכמס שטעקט א שטיק מנחם=מענדל, א פאנטאזיאָר, אן אילוזיאָניסט, א שלימזל טאקע, אָבער ער קערט וועלטן. עס דוכט זיך אָפּטמאָל, אז אונדזער גרויסער שרייבער קוקט אויף זיי מיט זיינע בלויע, ווארעמע אויגן מיט מיטליד, וואָרענענדיק זיי גוטמוטיק, אַז דאָס גאַנצע אַרומשמאַיען, דאָס יאָגן זיך נאָך לופט=געשעפטן, דאָס פליען און לויפן איז בלאָטע שבבלאָטע, הוילע אילוזיע, זעלבסטאָפּנארעריי.

און אָט דאָ דערזען מיר טאקע די שייד=ליניע צווישן דעם קאָמישן און טראגישן. דאָס קאָמישע ווארפט זיך אונדז גלייך אין די אויגן, עס ליגט פון אויבן=אָן — אין די באוועגונגען, טואונגען פון די מנחם=מענדלשע פארשוינען, אין זייער הולך, גאנג, העוויות, אין אופן פון רעדן און אויך אין די אויסערלעכע סיטואציעס. די טראגיק דאקעגן שטעקט טיפער — אין תוך גופא פון דער זאך. דאָס טראגישע ליגט אין אינהאלט גופא און דערשיינט מיט דער גאנצער קראפט ביים סוף פון סיפור=המעשה, ביים אויסגאנג פון די געשעענישן — ס'איז די טראגישע אילוזיע.

מ'דארף דאָ, דוכט מיר, אויפמאכן קלאמערן און דערמאָנען, אז ביי שלום=עליכמען איז בכלל זעלטן ווען פאראן א גליקלעכער סוף, אָדער א דערגרייכטער ציל. דאָס מענטשלעכע גליק לעבט גיכער אין דער שטרעבונג, וואָס איז דאָס איינציקע רעאלע, דאָס גליק גופא ביי שלום=עליכמען איז אַ מין פאַטאַ=מאָרגאַנאַ. צומבולטסטן דריקט דאָס אויס די העלדין פון די „בלאָנדזשענדע שטערן" רייזל=ראָזאַ ספּיוואַק אין איר לעצטן בריוו ביים סוף פון ראָמאַן: „...הפּנים אַז קיין גליק איז גאָר נישטאָ אויף דער ערד. עס איז נאָר פאַראַן דאָס שטרעבן צו גליק. דאָס גליק אַליין אָבער איז נישט מער ווי א חלום, א דמיון..."

דאָס נישט דערגרייכבארע גליק נאָך וועלכן רייזל ספּיוואַק האָט זיך געיאָגט, דאָס איבערציגן זיך שוין נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צוזאמענגע=

טראָפן מיט לייבל=לעאָ ראַפּאַלעסקאָ, אַז ס'איז אַ פּאַטאַ=מאָרגאַנאַ, ליגט אָבער נישט אינגאנצן אויף דער זעלבער פּלאַך, ווי, זאָל מען אָננעמען, דאָס צעשטערטע גליק פון שמעון=עליע שמע=קולנו. דאָס צעשטערטע גליק פון די צוויי יונגע העלדן פון די „בלאָנדזשענדע שטערן“, אָדער צום ביישפּיל, פון בוזי און שימעקן אין „שיר השירים“ איז מער פאראורזאכט פון דרויסן, פון דער הארטערווירקלעכקייט; די טראגיק פון פארכישופטן שניידער און אַנדערע מנחם=מענדלס איז אַ מער אינערלעכע, זי שטעקט אין זיי גופא, אין זייער אילוזאָרישקייט, וואָס איז געוואָרן זייערס א צווייטע נאַטור, א פּסיכישע נייגונג ביים געפּלאָגטן און דערדריקטן מענטש, וועלכער טרעט דאָ אַרויס אין דער געשטאַלט פון א פריילעכן קבצן.

און וואָס באשטייט די טראגישע אילוזיע, מיט וועלכער ס'איז דורכגעדרונגען שלום=עליכמס גאנץ ווערק? אין דעם, וואָס זיינע פארשוינען האָבן קיין שום חוש פארן ווירקלעכן, פארן רעאלן. מנחם=מענדל נעמט אלע זיינע שיינע ווונטשן און פארלאנגען פאר רעאליטעט. עס לאָזט זיך טאַקע אויס פון זיינע פיינע פּלענער א בוידעם, אָבער די אילוזיע פאַרשיכורט אים אזוי, אז ער איז שוין נישט פעיק אויסצוניכטערן זיך פון איר. ער איז שוין אפילו נישט אימשטאנד צו געדענקען, אז דאָס ווייב און קינדער, פאר וועלכע ער לאָזט זיך זוכן פרנסה, ווערן אויסגעריסן. ער פארגעסט אין אלץ און אלעמען, אלץ איז פארשטעלט, פארהוילן פאר אים, ער זעט נישט וואָס ס'טוט זיך ארום אים — ער זעט נאָר די אילוזיע, בלויז די אילוזאָרישע פּלענער שוועבן פאר זיינע אויגן. און די פּלענער פארוואנדלען זיך ממש אין א קולט, אין א רעליגיעזן גלויבן, אין א ציל אִן און פאר זיך.

פאַראַן קינדער, וועלכע דערציילן פאנטאסטישע מעשיות. נישט קלוגע עלטערן האלטן, אז דאָס קינד זאָגט ליגן. זיי פארשטייען נישט, אז אין דער רייכער, קינדערישער פאנטאזיע ווערט אָפט פארווישט די גרענעץ צווישן רעאלן און אומרעאלן. ביי מנחם=מענדלען איז אויך אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן דער ווירקלעכקייט און דער פיקציע. ער זאָגט נישט קיין ליגן, ווען ער זאָגט צו אין זיינע בריוו שיינע=שיינדלען, אז ער וועט איינגיכן פ א ר ' א ל ע קאָנען קויפן בריליאנטן אָדער אנדערע גיטער. ער גלייבט אָן שום גרונט, אז פון זיינע געשעפטן וועט ער באגליקט ווערן, אָבער ער גלייבט, פונקט ווי עס גלייבט אַ רעליגיעזער גלויביקער. און נאָך אַ וויכטיקער שטריך: ווען מיר פאָלגן אויפמערקזאַם נאָך מנחם=מענדלען, ווי ער פארזיכערט זיין ווייב, אז ער קאָן מאכן גאָלדענע געשעפטן מיט ווייץ,

קלייען, וואָל, זאַלץ, פּעדערן, ראָזינקעס, זעק, הערינג, „מיט אַלץ, וואָס אַ
מויל קאָן נאָר אַרויסרעדן“, קומען מיר צו דער איבערצייגונג, אַז ביי
שלום=עליכמס העלד איז שוין נישט אַזוי די ביטערע פּרנסה דער הויפּט=
ציל, ווי דאָס אַרומשמאַיען אַליין: דאָס לויפן, פליען, זוכן גאָלדענע גליקן
ווערט אַ ציל אין זיך גופא. קיין שום וואָרענונגען פון זיין ווייב שיינע=
שיינדל דער רעאַליסטין, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די לופט=גליקן,
העלפן נישט. מנחם=מענדל ווערט צעטראָטן, דערנידעריקט, אָבער ער
גלייבט ווייטער אין די שיינע חלומות און זעצט פאָר די אָנשטרענגונגען
מיט דער גרעסטער קרבנות=גרייטקייט.

אָט די פאַרלוירענע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען, די מענטשלעכע
ענערגיע, וואָס גייט לאיבוד, דער בלינדער גלויבן טראַץ אַלע דורכפאַלן,
טראָגט אין זיך טיף טראַגישעס. דאָס איז די גרויסע טראַגיק פון גרויסע
אילוזיעס. טרעפלעך האָט י. טרונק געהאַט געשריבן, אַז אונדזער גרוי=
סער הומאָריסט „איז דער גרעסטער יידישער טראַגיקער“. שלום=עליכם
האָט דאָס טראַגישע דערבליקט אין דער יידישער אילוזיע, וואָס איז גע=
וואָרן אַ פּסיכישער פענאָמען, אַ מין גייסטיקע פאָרמאַציע און אומאויפ=
הערלעך געווירקט אויפן יידישן שיקזאַל, אויפן פאָלקס=גורל.

צי איז שלום=עליכם היינט אַקטועל? לאָמיר נאָר אַקאַרשט פּרווון
אָוועקנעמען די צייט=ראַם, דעם היסטאָרישן דעקאָר, און זיינע „פריילעכע
מעשיות“ מיט זייער טיפער טראַגיק וועלן ווערן היינטצייטיק.

* *
*

ס'איז באַקאַנט, אַז שלום=עליכם האָט זיינע העלדן — און אויך די
סיטואַציעס — גענומען פון זיין אַרומיקער סביבה. זיין ברודער וועוויק
ראַבינאָוויטש דערציילט אינעם בוך „מיין ברודער שלום=עליכם“, ווי ער
האָט דערקענט אין די שלום=עליכמדיקע פאַרשוינען מענטשן פון זייער
משפחה, די איינוווינער פון וואָראָנקע און פּערעיאַסלאַוו. אין נאָכוואָרט צו
דער קאָמעדיע „יקנה'הז“ דערציילט שלום=עליכם, אַז איידער נאָך די פּיעסע
איז דערשינען איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער באַשרייבט די יעהופּעצער בערזע
מיט אַלע אירע פאַרשוינען, און ס'האָבן אָנגעהויבן פליען צו אים בריוועּ=
לעך מיט וואָרענונגען. איין יעהופּעצער פאַרענדיקט אַזוי זיין בריוול: „איין
זאַך וויל איך אייך בעטן: מיך זאָלט איר אַרויסוואַרפן פון צעטל....“

שלום־עליכם האָט דערויף געענטפערט אין דער „הקדמה פון היגטן“, ווי ער רופט אָן זיין נאָכוואָרט, מיט אַ גמרא־פשטל: „איוב לא היה ולא נברא — ס'איז קיין איוב גאָר אויף דער וועלט נישט געווען, אלא וואָס דען? משל היה — ס'איז נאָר אַ משל, אַ ביישפיל. רבותי! יקנה'ז לא היה ולא נברא — ס'איז קיין יקנה'ז גאָר אויף דער וועלט נישט געווען, אַזוי ווי ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין שטאָט, וואָס זאָל הייסן יעהופּעץ. ס'איז נאָר א משל...“

שלום־עליכמס גאַנץ ווערק איז אַזאַ משל, אַ מערקווירדיקער משל, גילטיק נישט נאָר פאר יענער צייט, נאָר אויך פאר אונדז היינט. לאנג וועט מען נאָך וועגן אָט דעם משל, וואָס הייסט שלום־עליכמס ווערק, שרייבן און רעדן און שטענדיק וועט מען אַנטדעקן עפּעס נייעס, געפינען אַן אָנדייטונג, א מוסר־השכל פארן אייגענעם דור, פאר זיך גופא.

* *
*

ס'זענען געווען מיינונגען, אז שלום־עליכם האָט געשאפן אָן א מיין, אַז ער האָט געשריבן, ווייל ס'האָט זיך אים געשריבן, מיט איין וואָרט, ער האָט געזונגען פונקט אַזוי „ווי דער פויגל זינגט“.

איז דאָס אמת, אז שלום־עליכמס שרייבן איז באַוועגט געווען פון א מעכטיקן אימפּולסיוון כוח. דאָס שרייבן, האָט ווער געהאַט געזאָגט, איז געווען ביי אים א מין יצר־הרע, דער גרעסטער יצר־הרע זיינער. ס'איז אָבער הורכויים פאלש, אַז שלום־עליכם האָט געשריבן אָן אַ מיין אָדער גאָר, כדי פריילעך צו מאַכן דעם עולם. נישטאָ קיין אמתע קונסט אָן אַ טיפן זין, אָן א מענטשן־אידעאַל. דער זין, דער מיין אין שלום־עליכמס שאפונגען קומען אנדערש צום אויסדרוק, ווי, זאָל מען אָננעמען, ביי מענדעלען אָדער פרצן, ווייל אנדערש איז זיין קינסטלערישער מהות.

שלום־עליכם איז קודם געווען א פאָלקס־דיכטער. ער האָט נישט געוואָרט, אַז דער פּאַרוואָרלאָזטער, נישט געבילדעטער המון זאָל קומען צו אים, צום שרייבער, נאָר פאַרקערט — ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים, צום פאָלק, צו זיינע נידעריקסטע שיכטן, פונוואַנען ער האָט זיך אונטערגענומען צו פארטרייבן שמ"רן און אנדערע שונד־שרייבער. פון דאַנען שטאַמט דער לייכטער, נישט פאַרטיפטער סטיל פון פיל שלום־עליכמס ראָמאַנען. אין „א בריוו צו א גוטן פריינד“, געדרוקט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט אונדזער קינסטלער געשריבן:

„איך שרייב מיינע ראָמאַנען צוממיינסטן פאַרן המון־עם, דאָס הייסט, פאַר אזא מין עולם מענטשן, וואָס זענען נאָך פרעמד פון הויכע געדאַנקען, אָדער ווי מע רופט דאָס אָן אידעען; פריער איידער מע זאָל זיי פאַרשטעלן דורך א דערציילונג הויכע אידעען, מוז מען זיי באַקאַנט מאַכן ביסלעכ־ווייז מיט אלע מדרגות פון דעם ליטעראַל, וועלכעס פירט אונדז אין יענעם ווינקל, וואָס ווערט אָנגערופן פּאָעזיע — מען מוז גיין מיטן פאָלק בהדרגה נישט געכאַפּט, טריט ביי טריט, פון דער נידעריק און ביז אַלץ העכער און העכער“.

איז טאַקע שלום־עליכם אומגעגאַנגען מיטן פאָלק טריט ביי טריט, אָבער אַלץ העכער און העכער. אָנווייזנדיק דעם אומזין, די אבסורדאַלקייט פון א פאַרקריפּלט לעבן, די אומזיניקייט פון דעם ארומשמאַיען, פונעם יאָגן זיך נאָכן ווינט, נאָך לופט־געשעפטן. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַלע ראָמאַנען שלום־עליכמס ענדיקן זיך, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, מיט א טרויעריקן סוף. ווייל אנדערש וואָלט דאָס נישט געווען רעאַליס־טיש, און שלום־עליכם איז טראָץ דעם, וואָס דאָס פאַנטאַסטישע פאַר־נעמט אין זיין שאַפונג א גרויס אָרט, געווען דורכויס רעאַליסטיש און געוויזן האָט ער די רעאַליטעט, די יידישע ווירקלעכקייט אָן באַפּוצונגען — דורך געלעכטער, אָבער אין איר טראַגישער אמתדיקייט. ער האָט געוויזן די טראַגישע אילוזיע; די אילוזאָרישקייט, ווי א קאָלעקטיווער פענאָמען איז געווען איינע פון זיינע הויפּט־טעמעס. (....)

יידישע געשטאַלטן און מאָטיוון אין דער פּוילישער ליטעראַטור

(אויפן שוועל פון 19=טן און 20=טן יאָרהונדערט)

ס'איז זייער אַ ברייטע טעמע, אַ ברייטע און אויך אַ ביסל אַ קאָמפּליצירטע. ווען מע לייענט איבער אַזאַ טיטל, וואַקסן זיכער קודם כל אויס פאַר די אויגן אָן אַ שיעור הייַנטצייטיקע פּוילישע ביכער און זייערע מחברים, ווי זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ, מאַריאַ דאָמבראָווסקאַ, איוואַשקעוויטש, קרוטשקאָווסקי, אַנדזשעיעווסקי, רודניצקי (סיי אַדאָלף, סיי לוציאַן), קאַזשימיעזש בראַנדיס, בראָשקעוויטש, וויגאָדזקי, קאָגוט, העז און נאָך אַ סך אַנדערע. ס'וואָלט אָבער נישט ריכטיק געווען צו באַגרענעצן זיך נאָר צו די הייַנטצייטיקע שרייבער און זייערע ביכער, אין וועלכע יידישע געשטאַלטן, יידיש לעבן, פאַרנעמען טאַקע אַ גרויס אָרט, און פאַרזען די פריערדיקע — די טעמע, דוכט מיר, פאַרדינט בכלל באהאַנדלט צו ווערן ברייטער. ס'איז כדאַי צו גרייכן ווייטער אין דער פאַרגאַנגענהייט, לכל הפּחות צו דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איבערהויפּט צום איבערברוך=פּעריאָד פון 19=טן און 20=טן יאָרהונדערט.

יידישע געשטאַלטן, בילדער פון יידישן לעבן און אפילו ברייטע לייוונטן געפינען מיר אין דער פּויליש ער ליטעראַטור שוין ביים סאַמע אָנהויב פון איר אויספאָרמירונג. און ווען מיר זאָגן פון אָנהויב פון איר אויספאָרמירונג, מיינט דאָס פון דעם פּעריאָד, ווען ס'איז אַנטשטאַנען דער ראָמאַן.

אומעטום, אין אַלע כמעט ליטעראַטורן פון דער וועלט, ווערט דער ראָמאַן באַטראַכט אַלס דער רוקנביין פון אַ מאָדנער ליטעראַטור — ווי מיר ווייסן, זענען די עלטסטע ליטעראַרישע שאַפונגען געווען דיכטונגען אין זייערע פאַרשידענע זשאַנרן. הייַנט רעדט מען אומעטום וועגן אַ קריזיס פון ראָמאַן, וועגן דעם, אַז דער ראָמאַן האָט זיך איבערגעלעבט, גייט אַרויס פון דער מאָדע. אָן שום ספק אַנטשטייען נייע פאָרמען, פליסן אַנ=

דערע שטראָמען, זוכט מען נייע אייסדרוק=מיטלען, דער ראָמאַן אָבער אַלס עצם=זשאַנר בלייבט דערווייל ווייטער דער רוקן=ביין פון דער ליטעראַטור. דאָס איז געזאָגט אגב אורחאדיק. אין דער פוילישער ליטעראַטור האָט דער ראָמאַן זיינע ערשטע טריט געשטעלט אין 18=טן און אַנטוויקלט האָט ער זיך אין 19=טן יאָרהונדערט. דער פאַרגאַנגענער יאָרהונדערט איז אומעטום געווען דער פעריאָד פון אויפשטייג פון דעם מין ליטעראַטור, וואָס הייסט ראָמאַן.

מיר קאָנען, בכן פעסטשטעלן, אז די יידישע טעמאַטיק אין דער פוילישער ליטעראַטור איז אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'איז לכל הפחות דער ראָמאַן אין דער פוילישער ליטעראַטור. און אָנהייבנדיק פון 19=טן און אפילו פון 18=טן יאָרהונדערט ביזן היינטיקן טאָג גייט דורך אין דער פוילישער ליטעראַטור ווי אַ רויטער פאָדעם דער יידישער מאָטיוו, דאָס בילד פון יידישן לעבן, די יידישע געשטאַלט. עס האָבן דעם פאָדעם געצויגן אין דער ערשטער ריי די בעסטע און שענסטע פוילישע שרייבער. כ'וואָלט ריזיקירט און געזאָגט, אַז אין קיין שום אַנדער ליטעראַטור — כ'מיין די שיינע ליטעראַטור, דעם ראָמאַן, די דראַמע, די דיכטונג — האָט אפשר דער יידישער מאָמענט נישט פאַרנומען אַזאַ גרויסן אָרט, ווי אין דער פוילישער.

ס'איז נאַטירלעך. יידן האָבן געלעבט אויף דער פוילישער ערד זינט לאַנגע, לאַנגע יאָרהונדערטער, געוואָרן אַ טייל פון דער פוילישער לאַנדשאַפט. און טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן מיט זייער שווייס און האָרעוואַניע, מיט זייער מוח, געהאָלפן אַנטוויקלען אַלע געביטן פון לאַנד, צוגעטראָגן אַן אומגעהויערן ביישטייער צום נאַציאָנאַלן פאַרמעגן — עקאָנאָמישן און גייסטיקן — זענען זיי באַטראַכט געוואָרן ווי פרעמדע און באַהאַנדלט געוואָרן ווי שטיף=קינדער. ס'איז נישט קיין סוד פאַר קיינעם, אַז צווישן דער יידישער און פוילישער געזעלשאַפט איז שטענדיק געשטאַנען אַ כינעזישע וואַנט. ווייניקער ווייסט מען מיט וויפל אָפּפערוויליקייט געוויסע פוילישע גרויסע פערזענלעכקייטן האָבן געשטרעבט די כינעזישע וואַנט אומצוּוואַרפן. פונקט ווי זיי זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון פוילישן פויער, קעגן דער אונטערדריקונג פון פאָלק, אַזוי זענען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן די עוולות, דער רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. די עוולות און די איזאָלאַציע האָבן באַקעמפט פיל פוילישע שרייבער פון 19=טן יאָרהונדערט, ווי עליזאַ אָזשעשקאָוואַ, מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי, גאָמוליצקי און אַנדערע. זיי האָבן

זיי באַקעמפט אויף פאַרשידענע אופנים, אָבער קודם כל מיט זייערע קינסטלערישע געשטאַלטונגען. אַריינפּירנדיק דעם יידישן מענטש אין דער ליטעראַטור, ווייזנדיק, אַז אונטער דער לאַנגער קאַפּאָטע, באָרד און פּאות לעבט אַ מענטשלעך וועזן, קלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ, האָבן זיי געוואָלט דעם ייד דערנעענטערן צום נישט ייד, צעברעכן די כינעזישע וואַנט צווישן זיי.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נישט געווען די איינציקע טרייבקראַפט, וואָס האָט געשטויסן פיל פּוילישע שרייבער צו נעמען אויף זייער שרייבער־וואַרשטאַט די יידישע טעמאַטיק. אַן עכטער שרייבער, אַן עכטער שעפער, אַ שרייבער אַ הומאַניסט זוכט צו אַנטדעקן נייע וועלטן, די פאַרבאָרגענע זייטן פון לעבן, אַריינצודרינגען אין אומבאַקאַנטע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה. די יידישע פאַרמאַכטע וועלט הינטער דער כינעזישער וואַנט, דאָס אַנדערשדיקע יידישע לעבן האָט גערייצט, פאַסצינירט די שעפערישע פאַנטאַזיע, בפרט ווען די שעפערישע פאַנטאַזיע האָט געשפּראָצט פון אַ גרויס, פילבאַר האַרץ, אַן עמפינדלעכס אויף מענטשלעכע ליידן. דאָס ווייל בשום אופן נישט זאָגן, אַז אַלע אָן אויסנאַם פּוילישע שרייבער, וועלכע האָבן אַריינגעפירט אין זייערע ווערק יידישע געשטאַלטן, אָדער אָנגעשריבן ביכער אויף יידישער טעמאַטיק, האָבן גע־האָט גוטע כוונות לגבי יידן. דאָס וויל איך נישט זאָגן, אַז ס'איז אונדז שטענדיק געווען צום האַרץ דער אופן, ווי אַזוי גרויסע הומאַניסטישע שרייבער האָבן אַרויסגעבראַכט דעם יידישן מענטש און דאָס יידישע לעבן. דאָס איז אָבער נאָר אַ פאַרבייגייענדיקע באַוואָרעניש.

*   *

*

אויב מיר זאָלן אָנהויבן פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונ־דערט, דאַרף מען קודם דערמאָנען דעם ערשטן ראָמאַן וועגן יידן „ליבע און שורא" פון ניעמצעוויטשן, וועלכער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן און אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. אַנדערע אָנגעזעענע שרייבער האָבן זיך גענומען צו דער יידישער טעמאַ־טיק — באַלוצקי האָט אָנגעשריבן זיין „יידישקע", קראַשעווסקי — „דעם ייד", קאָזשעניעווסקים דראַמע „יידן" איז דעמאָלט לאַנג געגאַנגען אין פּוילישן טעאַטער. אין יענער צייט איז אויך דערשינען גאָמוליצקים פּאָ־עמע „אל מלא רחמים". און ווי אַזוי נישט דערמאָנען נאָך פריערדיקע

יידישע געשטאַלטן, ווי מיצקעוויטשעס באַרימטן מוזיקאַנט יאַנקעל און סלאָוואצקים יידישע פרויען אין זיין „מוטער מאַקרין“? פאַרשטייט זיך, אז מען טאָר נישט דאָס אַלץ אויסריידן אין איין אָטעם און נישט אַלץ איז אונדז צום האַרצן אפילו ביי סלאָוואצקין און קאָזשעניעווסקין, אָבער דאָס איז בלויז צו דערמאָנען.

שפּעטער, אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז געקומען די גרויסע פוילישע שרייבערין עליזאַ אָזשעשקאָוואַ און ברייט צעעפנט טיר און טויער פון דער פוילישער ליטעראַטור פאַר יידישע געשטאַלטן, פאַרן יידישן שטייגער, פאַר יידיש לעבן. מיט איר „מאיר עזאָפאָוויטש“, וואָס איז דערשינען אין 1876, מיט „עלי מאַקאָווער“, מיט אירע פילע דערציילונגען, אין וועלכע זי האָט אַרויסגעבראַכט צאַפּלדיקע שטיקער יידיש לעבן, האָט זי געשטרעבט צו וועקן סימפּאַטיע, מיטלייד און אַכטונג צו דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער זעלבער צייט האָבן געשריבן אויף יידישע טעמעס דער דעמלט באַקאַנטער שרייבער קלעמענס יונאָשאַ, וועלכער האָט אגב אויך איבערגעזעצט פון יידיש, מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, גאָמוליצקי, שימאַנסקי און נישט שטענדיק זיי אין איין ריי דאַרף מען אויך דערמאָנען פרוסן.

אַ ווענד־פונקט איז אָבער געקומען אין די 80־ציקער יאָרן. טיילווייז קאָן מען יענעם פעריאָד פאַרגלייכן צו די צייטן נאָך דער היטלעריסטישער מלחמה, טיילווייז — מיינט דאָ אין אַ געוויסן פרט, ווייל מאַכן פאַרגלייכן איז נישט שייך. אין דער אַנטוויקלונג פון אַ ליטעראַטור איז דאָס אַזוי, ווי אין לעבן פון אַ מענטש, פון אַ פאָלק. גרויסע געשעענישן, קאַטאַקליזמען, נצחונות אָדער מפּלות מוזן לאָזן זייערע שפּורן. אויב גרויסע געשעענישן האָבן שרייבער נישט באַוויגן, נישט אויפגעברויזט זייערע שעפערישע אימפּולסן, אויב די ליטעראַטור איז געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק צו זיי, איז דאָס אַ סימן פון סטאַגנאַציע, פון פאַרגליווערונג פון אַ ליטעראַטור, פון אירע פאָרשטייער, אויב נישט נאָך ערגער, ווי דאָס איז געשען מיט דייטשישע שרייבער אין דער נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט.

דער היטלעריסטישער קאַטאַקליזם, די פאַרטיליקונג פון די יידן אויף דער פוילישער ערד האָט באַוויגן כמעט אַלע פוילישע שרייבער צו ווידמענען עפּעס דער גרויסער קאַטאַסטראָפע און אַ סך האָבן דאָס געמאַכט מיט גרויסן חשבון הנפש. אַנדערש האָט דאָס נישט געטאָרט זיין.

אין יענע פינצטערע צייטן פון פאָגראָמען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון איין עק צאַרישער אימפּעריע אין דער צווייטער, האָבן די פאָרגע־

שריפֿטנסטע פֿון די פּוילישע שרייבער דערפֿילט, אַז ניט נאָר מיט זייערע פּראָטעסטן, מיט זייערע האַנדלונגען דאַרפֿן זיי זיך קעגנשטעלן דעם צעווילדעוועטן המון און זייערע אונטערהעצער, נאָר אויך מיט זייערע ביכער. ווען אין דעצעמבער 1881 האָט די כוואַליע פּאָגראָמען פֿון רוסלאַנד זיך איבערגעוואָרפֿן קיין וואַרשע, זעצט זיך אָזשעשקאָוואַ אַוועק און הייבט אָן שרייבן דעם ראָמאַן „מירטאַלאַ“ אין וועלכן זי ווייזט, ווי דער רוימישער פּלעבס, אַן אָנגערייצטער דורך די הערשער, רויבט און מאָרדעט די יידישע באַפֿעלקערונג, ווי אַזוי רוימישע טרעגער שלאָגן יידישע טרעגער, די רוימישע אָרעמשאַפֿט וואַרפֿט זיך אויף דער יידישער אָרעמשאַפֿט. דאָס איז געווען אַן אַנאַלאָגיע, אַ פֿאַרגלייך צו די אונטערגערייצטע פּאָגראָמשטשיקעס דאָ. שפּעטער שרייבט זי די רירנדיקע דערציילונגען „גדליה“, „דער שטאַרקער שמשון“, „ריגעגן“. זי רעגט אויך אָן, דערמוטיקט אַנדערע צו שרייבן אין דעם גייסט. „נעם אין דיינע געבענטשטע הענט דיין וווּנדערבאַרע לירע און גיב אַ קלאַפּ איבער די סטרונעס פֿון מענטשלעכער ליבע און האַרמאָניע...“ — שרייבט זי אין אַ בריוו צו קאָנאָפּניצקאַ, אין וועלכן זי רעדט מיט דערשיטערונג וועגן דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע. מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ האָט דעמלט אָנגעשריבן איר „מענדל גדאַנסקי“. אין יענער צייט איז אויך דערשינען איר רירנדיקע דערציילונג „יאַקטאָן“. מיטן זעלבן הומאַניטאַרן ציל שרייבט דערנאָך אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי זיין באַרימטע „חוה רובין“.

אין די יאָרן פֿון סוף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט האָבן נאָך פֿיל אַנדערע פּוילישע שרייבער, צו יענער צייט באַקאַנטע, הייַנט טיילווייז פֿאַרגעסענע, גענומען אויף זיך ווי אַ שרייבערישע שליחות, די אויפֿגאַבע ארויסצוברענגען פֿאַרן פּוילישן לייענער די יידישע נויט, דעם געקריוודעטן ייד, די פֿאַרהאָרעוועטע יידישע פֿרוי, דאָס יידישע קינד, וואָס האָט געלעבעט נאָך זון, נאָך אַ בלומל, אַ ביימל. דאָס זענען צום גרעסטן טייל דערציילונגען, לענגערע אָדער קירצערע, געשריבן דורך שרייבער, וועלכע האָבן געוואָלט מיט זייערע שאַפֿונגען העלפֿן אָפּווישן די מחיצה פֿון שנאה. אַ סך פֿון די שרייבער, ווי שוין געזאָגט, זענען כמעט פֿאַרגעסן, ווי בראָדאָווסקי, זדזיעכאָווסקי, שימאַנסקי, דאַנילאָווסקי. די מחברים זענען כמעט פֿאַרגעסן געוואָרן אָבער זייערע שאַפֿונגען האָבן איינגעשטעלט אַ שיינע טראַדיציע אין דער פּוילישער ליטעראַטור, געשפּינט דעם גאָלדענעם פֿאָדעם... עליזאַ אָזשעשקאָוואַ האָט נאָך דעם גרויסן פֿאַרדינסט, וואָס אַדאַנק איר זענען פֿיל פֿון די דאָזיקע שאַפֿונגען אין 1905 יאָר, ווען

ס'איז ווידער אויפגעשטיגן אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע, דערשינען אין איין באַנד אונטערן געמיינזאַמען טיטל „פון איין שטראָם", וואָס האָט געזאָלט באַדייטן פון שטראָם פון ליבע, מיטלייד און פאַרברידערונג.

כדאי זיך צוצוקוקן צו אייניקע יידישע געשטאַלטן, וואָס יענע שרייבער האָבן אַריינגעפירט אין דער פוילישער ליטעראַטור, צו באַקענען זיך מיטן אופן פון אַרויסברענגען יידיש לעבן.

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענעם פעריאָד איז אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי*, איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון פוילישן פאָזיטיוויזם, וועלכער האָט אין יענער צייט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אַלס פאָרגעשריטענער פובליציסט, ראָמאַניסט-נאָוועליסט, דראַמאַטורג, היסטאָריקער. זיין „חוה רובין" איז סיי אַ פרעסק פון יידישער נויט, וואָס רופט אַרויס מיטלייד, סיי אַ טיפּיש בילד פון בלינדער שנאה צום ייד, וואָס דאַרף וועקן פּראָטעסט. ווען די פאַרהאָרעוועטע, פאַר דער צייט פאַרוועלקטע חוה, אויף וועמענס פּלייצעס עס ליגט די לאַסט אויסצוהאַלטן אַ שטוב מיט קינדערלעך און אַ פרומען, פאַנאַטישן מאַן, אַ ליידיקגייער און שלים-מזל, דערשלאָגט זיך שווין צו אַ שטיקל פרנסה און צו אַ פאַרמעגן פון 10 קערבלעך, ווערט זי הינטער איר שטעטל קוזמיר דערמאָרדעט דורך דעם נישט יידישן אייגנוויגער פּראַנעק, וועלכער קאָן איר נישט מוחל זיין, וואָס זי פאַרכאַפּט זיינע פּאַרדינסטן, וואָס זי עסט פּויליש ברויט. און שוויענטאָכאָווסקי ענדיקט די נאָוועלע: — „אָרעמע חוה, איך בין דיר יאָ מוחל דאָס, וואָס דו האָסט אין מיין לאַנד אַרבעטן געוואָלט און מיט זיין ברויט דיינע קינדער שפּייזן געגאַרט".

נאָך ווייטער גייט גאָמוליצקי, ער וויל ווייזן דאָס טיף-מענטשלעכע אינעם יידן אפילו אין אָנבליק פון שנאה און פאַראַכטונג. יאָסעק דער פורמאַן פון דער דערציילונג „כאַלאַט" איז שמוציק, און ס'פּילט זיך אַזוי מיט ציבעלעס פון אים, אַז זיין קריסטלעכער פּאַסאַזשיר איז אַרומגעכאַפּט מיט אַן עקל צו אים. אין קיין קרעטשמע לאָזט מען דעם שמוציקן יידן נישט אַריין. און דאָך, ווען דער יונגער קריסטלעכער פּאַסאַזשיר, אַ דורכגעפרוירענער פון בייסיקן פראָסט שלאָפט איין, נעמט יאָסעק אַראָפּ זיין וואַרעמען כאַלאַט, דעקט אים אַרום, און אַליין לויפט ער נאָכן וועגעלע, כדי זיך צו דערוואַרעמען. דער פּאַסאַזשיר האָט קיין דאַנק נישט געזאָגט,

---

* ליידער איז דער הומאַניסטישער שרייבער מיט אַסך יאָרן שפּעטער, שוין אין טיפן עלטער (ער איז געשטאָרבן אין 1938) געוואָרן אַ רעאַקציאָנער.

איבעריקנס האָט יאָסעק דערויף נישט אויסגערעכנט. און דער מחבר מאַכט אַזאַ קאָנקלוזיע: „אַבי מען זאָגט, אַז זיי רעכענען שטענדיק אויס אויף עפעס...“

די באַציונגען צווישן ייד און נישט ייד האָבן באַרירט כמעט אַלע אָן אויסנאַם שרייבער פון יענער צייט און צום ווייט גרעסטן טייל קומען זיי צו אַן ענלעכער קאָנקלוזיע. אָט וועלן מיר נאָך אילוסטרירן מיט יונאָשאַס אַ יידישער געשטאַלט. זיין יודקאַ פון דער דערציילונג דער „לאַטע־שנייַדער“ אַרבעט די גאַנצע וואָך אויף די דערפער, ער אַרבעט ביי טאָג און ביינאַכט און ווען ער קערט זיך אום אויף שבת אהיים, פאַלט ער אַ טויטמידער אַוועק אויפן וועג אויפן גראָז און שלאָפט איין. דער פריצישער עקאָנאָם און זיין פורמאַן געפינען אים, נעמען אים אַרויף אויפן וואָגן און וואַרפן אים פאָר פאַרוואָס ער שלאָפט נישט ביינאַכט. ווען דער יידישער לאַטוטניק קלערט זיי אויף אויף זיין פילאָזאָפישן שטייגער, אַז אַ שניידער מוז אויך לעבן און אויב ער וויל לעבן טאָר ער אין דער וואָך נישט שלאָפן, ווייל אויב ער וועט שלאָפן וועט ער נישט האָבן פון וואָס צו לעבן, ענטפערט דער גוישער פורמאַן: „אָט אַ ייד אַ ספעקולאַנט, אויף אַלעמען האָט אַזאַ בעסטיע אַ דריידל“.

די הויפט־טענדענץ, ווי מיר זעען, איז די זעלבע. אויב אָבער דער גרויסער הומאַניטאַרער ציל איז דער זעלבער, זענען די מיטלען אָפט אַנדערע. נישט ביי אַלע זעט גלייך אויס די יידישע נויט, נישט שטענדיק רופט די יידישע אַנדערשדיקייט אַרויס סימפאַטיע, זייער פאַרשידנאַרטיק זענען די יידישע געשטאַלטן ביי די פאַרשידענע שרייבער. אויב צום ביישפיל חוה רובין און יאָסעק דער פורמאַן זענען פשוטע, אָרעמע מענטשן, וועלכע יעדערער קאָן פאַרשטיין, זענען שוין יונאָשאַס יידישע העלדן אין זייער נויט און דלות מיסטיקער, פילאָזאָפן, וועלכע האָבן אויך ליב זיך צו באַווייזן מיט זייער קלוגשאַפט און געלערנטקייט און דער עיקר זיי זענען משונהדיק עקזאָטיש. ביי דער גאַנצער סימפאַטיע און מיטלייד, וואָס יונאָשאַ רופט אַרויס צו יודקאַ, צו בערעק גוזיק („אַ נס אויפן בית־עולם“) זענען זיי — און אויך די אַנדערע יידישע געשטאַלטן — אין זייער אויסזען, אין זייערע האַנדלונגען און טראַכטענישן אַזוי דורכויסיק עקזאָטיש, אַז פאַר די פוילישע לייענער קאָנען זיי אויסזען, ווי באַשעפענישן פון אַן אַנדער וועלט. למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז אַזאַ עקזאָטיק ביים שילדערן יידיש לעבן און יידישע מענטשן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך פוילישע שרייבער נישט נאָר פון יענער צייט. מ'קאָן דאָס אויך געפינען

בײַ געוויסע הײַנטצײַטיקע שרײַבער. אויב מען וויל קאָן מען געפֿינען אַ באַרעכטיקונג, ווײַל סוף כּל סוף האָט דאָס ייִדישע לעבן פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס עקזאָטישעס. לכּל הפּחות האָט די עקזאָטיק נישט געקאָנט אַרויסרופֿן קיין אַנטיפּאַטיע, אַפֿילו ווען זי שאָקירט אונדז טײלמאָל.

און ווען מיר לאָזן שוין פֿאַלן דאָס וואָרט „שאָקירן", איז זאָל מען דערמאָנען אַ באַרימטן פּוילישן שרײַבער פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט אַרײַנגעפֿירט אין זײַנע פֿילפֿאַרביקע שאַפֿונגען אַ סך געשטאַלטן און בילדער פֿון ייִדישן לעבן. ס'האַנדלט זיך, ווי דער לייענער ווײַט זיך זיכער אָנשטויסן, אין באָ־לעסלאַוו פּרוס, אויף וועלכן ס'לוינט זיך באַזונדער אָפּצושטעלן. זײַנע ייִדישע פּערסאָנאַזשן רופֿן אַרויס בײַ אונדז זייער געמישטע געפֿילן, אויב נישט זאָגן שאַרפֿער. איך געדענק, אַז אין גימנאַזיע, בעת אַ לעקציע, אויף וועלכער מיר האָבן אַנאַליזירט פּרוס „ליאַלקע", איז אַרויסגעשווומען די פֿראַגע פֿון שרײַבערס באַציונג צו ייִדן. אונדזער ווירדיקער פּראָפֿעסאָר פֿון פּוילישער ליטעראַטור האָט אונדז דערמאָנט דערציילט, אַז פּרוס האָט וועגן זיך געהאַט אַזוי געזאָגט: „די אַנטיסעמיטן האַלטן מיך פֿאַר אַ גרויסן ייִדן־פֿרײַנד, פֿאַר אַ ייִדישן אַדוואָקאַט און די ייִדן, ווען זיי לייענען מײַנע ביכער, האַלטן מיך פֿאַר אַן אַנטיסעמיט".

יאָ, דער ייִדישער לייענער קאָן זײַן ווייניקסטנס שאָקירט, ווען ער לייענט פּרוס ווערק, איבערהויפּט זײַנע דערציילונגען, אין וועלכע ער שיל־דערט ייִדישע מענטשן. מ'האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז ס'איז אַ פֿראַגע פֿון עמפּינדלעכקייט. געוויס איז איינער אַ ביסל מער און אַ צווייטער אַ ביסל ווייניקער עמפּינדלעך. פֿאַראַן אָבער דאָך אַ מין אַלגעמיינע מאָס אין מענטשלעכער עמפּינדלעכקייט. אָט איז דער דאָרפֿס־גייער יאָסעק פֿון „שטאָטישע און דאָרפֿישע דערציילונגען". דער ייִדישער דאָרפֿס־גייער איז אַ הענדלער, אָבער דער עיקר אַ וווכערניק, ממש אַ פּיאַווקע אויפֿן לײַב פֿון אָרעמען פּויער. לאָמיר אָננעמען, אַז אַזאַ יאָסעק איז געווען און פּרוס האָט זיך געקאָנט פֿאַרענטפֿערן, אַז ער האָט זײַנע נישט ייִדישע פּערסאָ־נאַזשן אויך נישט געשוינט. אמת, אָבער פֿאַראַן אַן אָבער.

דער אַרענדאַר שמואל אין ראָמאַן „אַניעלקאַ" איז אַ קלוגער מענטש, אָבער זײַן קלוגשאַפֿט איז אַ דיפּלאָמאַטישע, ער ווייסט ווי אַזוי צו מאַ־נעווירן צווישן דעם פּריץ און דעם פּויער, אַז ס'זאָל שטענדיק אויספֿאַלן לטובת אים גופֿא. יאַקוב קאַפּלאַן אין דער שיינער דערציילונג „יאַקובס חלום" איז אַ טרוימער, אַ פֿאַנטאַזיאָר, ער טרוימט וועגן רײַזעס, וועגן

פֿאַריאָגן די טערקן פֿון ירושלים נישט ווייסנדיק, ווו ירושלים געפֿינט זיך. ווען דער פֿעטער ברענגט אים צוריק צו דער רעאַליטעט און ער מוז פֿאַרבלייבן אין זיין געשעפֿט, שטערן אים זיינע טרוימען גאָרנישט צו מעסטן דעם באַרכן אַזוי, אַז פֿון יעדן מעטער נעמט ער אַרונטער אַ היפּשע צאָל צענטימעטערס. מיט איין וואָרט — אַפֿילו די מער סימפּאַטישע געשטאַלטן זיינע זענען קאָמבינאַטאָרן, געלט־גיריק, ווייסן ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פֿון מיליטער. באַזונדער שאָקירנדיק איז, ווען פּרוס לאָזט זיינע יידישע פּערסאָנאַזשן רעדן מיט זייער „אייגענער" שפּראַך, מיטן כאַראַקטעריסטישן אַי וואַי!

פּרוס וואָלט זיך געקאָנט פֿאַרענטפֿערן — און אויך אַנדערע האָבן אים אַזוי פֿאַרענטפֿערט — אַז אַזוי האָט דאָס יידישע לעבן אויסגעזען, אַז אַזעלכע יידן זענען געווען. האָט ער דאָך אויך די פֿאַרשידענע שיכטן פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט געשילדערט מיט אַלע זייערע נעגאַטיווע זייטן און דאָס איז דאָך די אויפֿגאַבע פֿון אַ שרייבער. און די פּויערים ביי פּרוסן? דערזעען מיר זיי דען נישט אין זייער גאַנצער אָפּגעשטאַנענקייט, פֿאַנאַטיזם, גראָבקייט, ביטערקייט? האָט דען אין דער יידישער ליטעראַטור דער זיידע און דאָס אייניקל נישט אַרויסגעבראַכט אַלע נעגאַטיווע, די אַמיינסטן טונקעלע אַספּעקטן פֿון יידישן לעבן? — איר שטעלט אייך פֿאָר, — האָט מען מיר געזאָגט — ווען אַ פּוילישער שרייבער וואָלט אונדז געבראַכט אַזאַ קאָלעקציע פּערסאָנאַזשן ווי ביי מענדעלען און שלום־עליכמען? ווען ער וואָלט זיי געשמיסן מיט זיין בייסיקער סאַטירע ווי דער זיידע מענדעלע, אָדער גוטמוטיק אויסגעלאַכט, ווי זיין אייניקל שלום־עליכם?

ס'איז אַ פּראָבלעם, אויף וועלכן ס'וואָלט אַמאָל געלוינט זיך ברייטער אָפּצושטעלן, ס'איז נישט נאָר שייך יידן. באַגרענעצנדיק זיך דערווייל צו אַן אויבנאויפֿיקן ענטפֿער, קאָן מען נאָר זאָגן, אַז מענדעלע שילדערנדיק זיינע פּערסאָנאַזשן, האָט אַרויסגעבראַכט זיין טיפֿע זאָרג פֿאַר זיי און שלום־עליכם, אויסלאַכנדיק זיינע פֿאַרשוינען, האָט זיי באַשיינט מיט זיין גרויסער ליבשאַפֿט, וויניקסטנס, מיט טיפֿן מיטלייד. גוטע און שלעכטע זייטן פֿון אַ פּערסאָנאַזש קאָן אַ שרייבער זייער פֿאַרשידנאַרטיק שילדערן. אַ סברה, אַז ס'איז נישט קיין צופֿאַל, ווען אַ נישט־יידישער שרייבער שילדערט אַזוי אָדער אַנדערש אַ יידישן פּערסאָנאַזש, ס'איז אַ גרויסער ספֿק, צי מע קאָן אין אַזאַ פֿאַל ווי ביי פּרוסן פֿאַרענטפֿערן די נעגאַטיווע שטריכן ביי יידישע געשטאַלטן מיטן שרייבערס „רעאַליסטישן קוק"

אויף דער זאַך, מיט זיין ווילן „צו זיין אמתדיק“, ווי מ'האָט דאָס אַמאָל געפּרווט טאָן.

פּרוס אין איבעריקנס אַ באַוויז דערפון. ס'איז גענוג איבערצולייענען זיין אָפּהאַנדלונג „אַ וואָרט וועגן פּאָזיטיווער קריטיק“, וואָס געפינט זיך אין זיינע שריפטן „סטודיעס איבער ליטעראַטור, קונסט און פּאָלעמיקעס“, כדי זיך איבערצוצייגן דערין. אין דער ליידנשאַפטלעכער פּאָלעמיק מיט שוויענטאָכאָווסקין איבער ליטעראַרישע פראַגן, האָט ער אויך נישט אויסגעמיטן זיך אַרויסצוזאָגן וועגן יידישע ענינים. אין פּובליציסטישער פּאָלעמיק איז מע געצוווונגען צו זיין אויפריכטיקער ווי אין בעלעטריסטיק. מיר קאָנען דאָ, אַלזאָ, לייענען צווישן אַנדערע אַזעלכע אויפריכטיקע זאַצן: „...כ'האָב פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון אומבאַגרענעצטער טאָלעראַנץ ביז כ'האָב זיך נישט איבערצייגט, אַז אויף דעם וועג ווערט דער יידן־פּראָבלעם געפערלעך סיי פאַר אונדז, סיי פאַר יידן... כ'וואָלט אָבער ווידער געענדערט מיין שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע, אויב די יידן וואָלטן זיך גענומען צו רעפאָרמירן זייער סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע (מיינט סאָציאַלן באַשטאַנד — ל. ב.) און וואָלטן אויפריכטיק געשטרעבט צו ווערן נוצלעכע מיטגלידער פון די אייראָפּעישע געזעלשאַפטן“ (ז'186). אין אַ ביסל ווייטער: „...אין גאַליציע שטאַרבט דאָס פאָלק פון הונגער, עמיגרירט און פאַרקויפט די ערד די יידן“.

פּרוס דער ראָמאַניסט און פּרוס דער היציקער פּאָלעמיסט זענען מסתמא נישט געווען קיין צוויי באַזונדערע מענטשן. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער דאָרפס־גייער יאָסעק, דער ארענדאַר שמואל, יאַקוב קאַפּלאַן און פיל אַנדערע יידישע געשטאַלטן זענען געשילדערט אין יענעם ספּעציעלן ליכט, וואָס שאָקירט אונדז אַזוי שטאַרק.

ווי אַנדערש עס זענען די יידישע געשטאַלטן ביי מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. אויך זי פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף דער יידישער אָפּגעשטאַנענקייט און פאַנאַטיזם. אין „יאַקטאַן“ צ.ב. איז נעבן דער איידעלער, נאָבעלער הויפּט־געשטאַלט, פאַראַן אַ גאַנצע מחנה פאַנאַטיקער. זיי זענען אָבער נישט דער עיקר, דער עיקר איז דער שטאָלצער טיף־מענטשלעכער לייבע ראַבינאָוויטש. און מיט וויפל ליבשאַפט און נאָבלקייט האָט זי באַהויכט מענדל גדאַנסקי. אויך דער אַלטער איינבינדער, איז אַ פרומער, טראַדיציאָנעלער מענטש, אָבער ער איז גלייכצייטיק אַ היינטצייטיקער מענטש, נעמט אויף דאָס לעבן יידיש־פילאָזאָפיש, איז אַן עטיקער, און קודם אַ שטאָלצער מענטש און שטאָלצער ייד. ער קאָן נישט מוחל זיין זיין אייניקל

פֿאַרוואָס ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַר די קריסטלעכע יינגלעך. און ווען מען קומט אים וואָרענען, אַז דער צערייצטער המון איז אויפֿן וועג צו זיין הויז און די שכנטע לייגט אים פֿאָר אַריינצושטעלן אַ קרייץ אין זיין פֿענצטער, זאָגט ער קאַטעגאָריש אָפּ — ער וויל נישט אויסבאַהאַלטן, אַז ער איז אַ ייד, ער וויל נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז ער קאָן מורא האָבן ביי זיך אין שטאָט, וואָס ער האָט ליב מיטן גאַנצן האַרץ.

מענדל גדאַנסקי פֿילט זיך נישט ווי ער וואָלט אַ פֿרעמדער געווען, פֿאַרקערט, ער איז מיט לייב און לעבן געבונדן מיטן לאַנד. נאָכן פּאָגראָם אָבער, נאָכדעם ווי די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אַריינגעוואָרפֿן שטיינער דורכן פֿענצטער, בלייבט ער אַ דערשיטערטער, אַ פֿאַרענדערטער. אויפֿן אַרגומענט פֿון סטודענט, וועלכער איז געקומען אים ראַטעווען, אַז ס׳איז קיינער נישט געשטאָרבן, ענטפֿערט ער, אַז ס׳איז יאָ עפּעס געשטאָרבן ביי אים, דאָס האַרץ צו דער שטאָט, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז ביי אים אָפּגעשטאָרבן. מיט די ווערטער, וואָס קאָנאָפּניצקאַ האָט אַריינגעלייגט מענדל גדאַנסקי אין מויל, האָט די גרויסע שרייבערין אין איר טיפֿן הומאַניטאַריזם געוואָלט ווייזן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, די פֿאַרפֿאָלגונגען קאָנען אַרויסרייסן די גרעסטע ליבע און צוגעבונדנקייט צום לאַנד.

און ווען מ׳רעדט וועגן ליבע און צוגעבונדנקייט צום לאַנד ביי יידישע געשטאַלטן, איז נישט מעגלעך נישט צו דערמאָנען נאָך אַ וווּנדערבאַרע יידישע געשטאַלט פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור פֿון יענער צייט און נעמלעך סרול פֿון לובאַרטאָוו. דער מחבר פֿון דער דערציילונג, אַדאַם שימאַנסקי טראָגט אונדז אַריבער אין וויטן צאַרישן סיביר, וווּ עס באַגעגענען זיך אויף פֿאַרשיקונג אַ פּוילישער אינטעליגענט און אַ פּשוטער, פּוילישער, פֿרומער ייד פֿון לובאַרטאָוו. ביידע ווערן זיי אין דער גלייכער מאָס צעריסן פֿון בענקשאַפֿט צום לאַנד. און ווען דער פֿריש אָנגעקומענער פּוילישער אינטעליגענט דערציילט אים די נייעס פֿון לאַנד, צעוויינט זיך סרול פֿון לובאַרטאָוו און די הערצער פֿון ביידע פֿאַרשיקטע קלאַפּן געמיינזאַם אין איין ריטם און זייערע טרערן מישן זיך צוזאַמען, ווייל „לאַנג האָט געוויינט דער אַלטער חסיד און איך האָב מיט אים צוזאַמען געוויינט“ — פֿאַרענדיקט דער מחבר.

געווייינלעך דערשיינט דער יידישער מענטש אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַן אָפּגעפֿרעמדטער, אַן איזאָלירטער. מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ האָט נישט נאָר אין מענדל גדאַנסקי אַריינגעהויכט אַ גרויסע ליבע צום לאַנד, נאָר זי האָט אויך אין פֿיינטלעכן אַרום געפֿונען פֿאַר אים פֿאַרטיידיקער.

עליזאַ אָזשעשקאָוואַ איז נאָך ווייטער געגאַנגען. אין דער סביבה פון שנאה און פאַראַכטונג געפינט זי מענטשלעכע פריינדשאַפט און געמיינזאַמקייט פון גורל. דאָס ברענגט זי צום אויסדרוק קודם אין אירע דערציילונגען, אויף וועלכע מיר ווילן זיך בעיקר פאַרהאַלטן. אָט ווי עס דערשיינט גדליה פון דער דערציילונג „גדליה“: דער קראַנקער, דערשעפטער, אָבער מוטיקער און שטאָלצער דאָרפס־גייער, דער באַפאַלענער און דערנידעריקטער אין פריציש הויז, וווּ מען האָט אים געבראַכט צו פירן ווי אַ גנב, ווייל ער האָט אַ הונגעריקער אָפּגעריסן אויפן פעלד עטלעכע אַרבעס־שויטן, געפינט אַ היימען פאַרטיידיקער און פריינד אין זעכצן־יאָריקן יאַנעק, וועלכער האָט זיך שוין אָנגעזאַפּט מיט נייע אידעען, מיט בילדונג אין שטאָט — דאָ רוקט אַגב אַרויס אָזשעשקאָוואַ, די גרויסע פאָרשטייערין פון פּוילישן פּאָזיטיוויזם, דעם געדאַנק, אַז אויך בילדונג וועט צעטרייבן די שנאה צום מענטש.

דער זעקס־יאָריקער כאַימעק פון דער דערציילונג „גיב אַ בלימל“, באַקומט די געגאַרטע בלומען פון דער אומבאַקאַנטער נישט־יידישער פרוי; זי פאַרשטייט אים, כאָטש ער קאָן קיין וואָרט אין איר שפּראַך נישט אַרויסרעדן און דעם זאַץ, וואָס זי האָט אים אויסגעלערנט „גיב אַ בלימל“ חזרט זיך כאַימעק איין אַפילו אין חדר.

דער אַלטער יידישער זייגערמאַכער בערעק פון דער דערציילונג „רינגען“ און דער אַלטער מאַגנאַט סטרומיעניצקי, אַזעלכע ווייטע און אַנדערשדיקע, דערפילן פלוצלונג, ביי אַ צופעליקער באַגעגעניש עפּעס געהיימע פעדים, וואָס פאַרבינדן זייער גורל. און ווען דער קריסטלעכער מאַגנאַט שטאַרבט, באַגלייט אים בערעק פון דער ווייטנס צו זיין אייביקער רו און שטייענדיק אויפן שכנותדיקן יידישן בית־עולם, האָט ער דאָס געפיל, אַז צווישן אים און דער טרומנע האָט אַן אומזעבאַרער שמיד אויסגעשמידט רינגען פון אַ קייט, וואָס בינדט אַלע צוזאַמען, רינגען פון אַ געמיינזאַמען גורל.

פּונקט ווי עס זענען טיף־מענטשלעך אירע פאַראַלגעמיינערונגען וועגן גורל־געמיינזאַמקייט, אַזוי זענען טיף־מענטשלעך אירע יידישע געשטאַלטן. די אַלטע שמאַטע־הענדלערין כאַיטאַ, איר פאַרשטאָרבענער מאַן לייבע, דער רב נחום, פאַרמאָגן אין זיך אַזוי פיל ווירדע, נאָבלקייט, אַזוי פיל אינטים־מענטשלעכס, אַז יעדער נישט־ייד קאָן דערזען אין זיי אַ שוועסטער, אַ ברודער. אויך ביי אָזשעשקאָוואַ איז פאַראַן די יידישע ספּעציפיק, די באַזונדערע יידישע וועלט מיט איר מיסטיק, מיט איר רעליגיעזן פאַנאַטיזם, ווי

מען זעט דאָס בעיקר אין „מאיר עזאָפּאָוויטש“. דער פרומער שימשעל פון איר דערציילונג „דער שטאַרקער שמשון“ איז אַ מיסטיקער, ער איז אָבער פול מיט מענטשלעכער דערהויבנקייט, מיט דראַנג צו שיינקייט, צו שעפערישקייט. דעם פרומען ייד דעם מיסטיקער מאַכט אָזשעשקאָוואַ נאָענט און פאַרשטענדלעך פאַרן נישט־ייד, מען דערפילט דעם אומזעבאַרן, געמיינזאַמען גורל, וואָס שפינט זיך צווישן זיי. און וואָס פאַראַ פרעכטיקע קינדער־געשטאַלטן אָזשעשקאָוואַ ווייזט אונדז! זיי זענען פול מיט קינדערישן חן, פול מיט דראַנג צו ליכט, צו שפיל, צו דער נאַטור, ווי כאַימעק, מענדעלע, הענעך.

דאָס איז בלויז אַ טייל פון די יידישע געשטאַלטן אין דער פוילישער ליטעראַטור פון יענעם איבערברוך־פעריאָד. טראָץ זייער ענלעכקייט זענען זיי פאַרשידנאַרטיק געמאָלן, אַזוי אַז געוויסע קאָנען אַרויסרופן ביים לייענער ליבשאַפט און אַכטונג, אַנדערע דאַקעגן בלויז מיטלייד אָדער אין ערגסטן פאַל — רחמנות. אַלע די פוילישע שרייבער האָט אָבער פאַראייניקט דער געמיינזאַמער שטריך, וואָס שילדערנדיק זייערע יידישע געשטאַלטן, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט אין אַלע ניואַנסן די יידישע אָרעמקייט, די נויט, די עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דעם יידן און דערמיט געקאָנט וועקן פראָטעסט און פאָדערן גערעכטיקייט.

די ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, וואָס זענען דאָ דערמאָנט געוואָרן, זענען פון זייער אַ פאַרשידענעם קינסטלערישן ווערט. אויב ס'איז דאָ גאָרנישט געזאָגט געוואָרן וועגן זייער ליטעראַרישן ווערט, איז דאָס דערפאַר, וואָס אין אויבנאויפיקן איבערזיכט איז געגאַנגען בעיקר צו ווייזן ווי אַזוי פוילישע שרייבער האָבן געוויזן דעם יידישן מענטש. ס'איז געגאַנגען בלויז צו ווייזן, ווי אַזוי דער ייד איז אין אַ געוויסן טראַגישן פעריאָד דערשינען אין דער פוילישער ליטעראַטור.

די חוה רובינס, די בערעקס, יאָסעקס, די גדליה׳ס און שמשונס זענען שוין מער נישטאָ. ס'איז אַ פאַרשוווּנדענע וועלט, אַ טראַגיש־אָפּגעווישטע. עס פאַרשווינדן ליידער אפילו די שפורן נאָך זיי. זייערע און זייערע קינדערס מצבות, די קברים, די בית עולמס גופא ווערן ליידער אויך אָפּגעווישט. דעריבער זענען אונדז די מצבות, וועלכע עס האָבן זיי געשטעלט פוילישע שרייבער, זייער פאַראייביקונג אין דער פוילישער ליטעראַטור, אונדז היינט באַזונדערס טייער.

II

יידישער אומקום און ווידערשטאַנד אין דער פּוילישער ליטעראַטור

פֿאַראַן מענטשלעכע דראַמעס, היסטאָרישע קאַטאַקליזמען, וואָס ליגן אַרויף אַ חוב אויף דער ליטעראַטור. אַ ליטעראַטור, אין וועלכער אַזעלכע דראַמעס געפֿינען נישט קיין קינסטלערישן תיקון איז ווי אַ פֿאַרשולדיקטע.

די יידישע טראַגעדיע בימי־היטלער האָט שוין געפֿונען אַ טיפֿן אָפּ־קלאַנג אין דער וועלט־ליטעראַטור. און הגם עס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דאָס ווערק, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען אין גאַנצן פֿאַרנעם די אומגע־הויערע פֿאָלקס־טראַגעדיע, זענען דאָך אַנטשטאַנען אין פֿאַרשידענע ליטעראַטורן אויפֿטרייסלענדיקע ביכער. אין קיין שום ליטעראַטור אָבער איז דער יידישער חורבן אַזוי נישט אָפּגעשפּיגלט געוואָרן — נישט רעדנדיק וועגן דער יידישער — ווי אין דער פּוילישער. און אַנדערש האָט דאָס נישט געקאָנט זיין, אַנדערש וואָלט די פּוילישע ליטעראַטור געבליבן אַן אויסערסט פֿאַרשולדיקטע.

זייענדיק אין דייטשלאַנד האָב איך געפֿרעגט אַ דייטשישע שרייבערין, פֿאַרוואָס די דייטשישע ליטעראַטור האָט פֿאַרהעלטנישמעסיק אַזוי ווייניק אַרויסגעבראַכט די רציחות, די שחיטה איבערן יידישן פֿאָלק. איז דאָך אויף דער דייטשישער ליטעראַטור, אויף די דייטשישע שרייבער געלעגן דער גרעסטער און דער דרינגנדיקסטער חוב דאָס צו טאָן. האָט דאָך די דייטשישע ליטעראַטור געדאַרפֿט דערשיטערן, אויפֿטרייסלען, פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ ליטעראַטור פֿון חשבון הנפֿש און מידת הדין. מיין מיטשמועסע־רין האָט פֿאַרוואונדערט געקוקט אויף מיר און געשוויגן. כ'קאָן נישט זאָגן, אַז זי איז נישט געווען גערירט פֿון דעם, וואָס כ'האָב איר דערציילט. זי האָט אַ פֿילבאַר האַרץ און אַ צאַרטע, לירישע פֿעדער. מסתמא דערפֿאַר שרייבט זי אַזעלכע רירנדיקע קינדער־מעשׂיות און קינדער־פּאָעמעס.

אָבער וועגן פאַרפייניקן מיט אוממענטשלעכע פיינען אַנדערהאַלבן מיליאָן יידישע קינדער האָט זי נישט אָנגעשריבן קיין איין וואָרט. און די דאָזיקע שרייבערין געהערט דאָך נישט צו די איינצעלנע אויסנאַמען.

אַן אַנדער דייטשישער אינטעלעקטועלער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון צייט־דיסטאַנס. איז נישטאָ קיין ספק, אַז עס זענען פאַראַן דראַמעס פון פעלקער און מענטשן, וועלכע ווערן שטענדיקע, אייביקע טעמעס פאַר דער קונסט, פאַר דער ליטעראַטור. דער יידישער חורבן, די דראַמע פון וואַרשעווער געטאָ — און אַנדערע געטאָס — וועלן נאָך לאַנגע, לאַנגע צייטן זיין אַ טעמע פאַר שרייבער און אַנדערע קינסטלער. די ליטעראַטור איז אָבער דער עדות פון איר צייט, זי איז דער עיקר דאָס געוויסן, דער שופט פון איר צייט. די דייטשישע ליטעראַטור איז אין דעם פרט דאָס נישט געווען, אין דער מינדסטער מאָס. די ווייניקע שרייבער, וועלכע האָבן אַזעלכע פרוון געמאַכט, האָבן נישט געקאָנט אָפּגעבן דעם שווערן חוב. אַנדערש איז דאָס געשען אין דער פוילישער ליטעראַטור.

* *

*

נישטאָ קיין איין געביט, קיין איין זשאַנר פון דער פוילישער ליטעראַטור — און אויך אין דער פּלאַסטישער קונסט — וועלכער זאָל נישט האָבן זיך צוגעאייגנט, ווי אַ באַלדיקע טעמע די יידישע קאַטאַסטראָפע. אין ראָמאַן, אין דער נאָוועלע, דערציילונג, אין דער דיכטונג און אין דער דראַמאַטורגיע, אומעטום האָט דאָס יידישע אומגליק באַקומען אַ געוויסע קינסטלערישע געשטאַלטיקונג. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט די זכרונות־ליטעראַטור, וואָס באַרייכערט זיך אַלע מאָל מער מיט נייע ביכער.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָט דער ווייט גרעסטער טייל פון די פוילישע שרייבער און צווישן זיי די אָנגעזעענסטע, געווידמעט ווייניקסטנס איינס פון זייערע שאַפונגען דער יידישער טראַגעדיע. געווען אַזעלכע שרייבער, ווי צ.ב. אַנדזשעיעווסקי, בראָשקעוויטש, אָטווינאָווסקי, וועלכע האָבן שוין בעת דער מלחמה, אונטערן באַלדיקן איינדרוק פון יענע טראַגישע געשעענישן, איינגעשפּאַנט זייער פעדער, כדי אויסצווייטיקן דעם יידישן ווייטיק. מען טאָר דערביי נישט פאַרשווייגן, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען אויף אַזעלכע ביכער און אַזעלכע שרייבער האָט מען געקוקט

מיט אַ קרום אויג. מ'האָט אַזעלכע ביכער אָנגערופן „גרויל־ליטעראַטור" — און גישט גאָר אויף יידישער חורבן־טעמאַטיק. דאָס האָט איבערגע־ריסן דעם אָטעם פון יענעם ספּאָנטאַנעם, ליטעראַרישן שטראָם. דאָס האָט אָבער אַנדערש נישט געקאָנט זיין, ווי פאַרבייגייענדיק.

זינט עטלעכע יאָר איז צו באַמערקן אַ צוריקקער צו דער חורבן־ליטעראַטור. עס באַווייזן זיך נייע ביכער אויף יידישער חורבן־טעמאַטיק און עס דערשיינען אין נייע אויפלאַגעס פריערדיקע ביכער. און נישט גאָר אין דער ליטעראַטור. עס זענען דערשינען איינציקע נייע פילמען אויף דער זעלבער טעמאַטיק און אין דער פּלאַסטישער קונסט זעצן פאָר אָנגע־געזעענע פּוילישע קינסטלער דאָס פאַראייביקן דעם פאַרטיליקטן, פּוילישן ייד. דאָס איז אָבער אַ טעמע פאַר זיך און מיר וועלן זיך האַלטן בלויז ביי דער ליטעראַטור — ביי דער שיינער ליטעראַטור, דורכלאָזנדיק אויך די פילע פּובליציסטישע און היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען אויף דעם געביט.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז די גרויסע צאָל ביכער אויף יידישער חורבן־טעמאַטיק דאַרף מען דערקלערן מיט דער גרויסער צאָל יידיש־פּוי־לישע שרייבער. איז דאָס אַ פאַקט, אַז אין דער פּוילישער ליטעראַטור פאַרנעמען אַ גאָר היפּשן אָרט שרייבער פון יידישער אָפּשטאַמונג און נישט גאָר אין דער היינטצייטיקער פּוילישער ליטעראַטור. אָבער אויסער אַדאָלף רודניצקי, קאַזימיעזש בראַנדיס, סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי, אַטווי־גאָווסקי, סאַנדויער, וואַזשיק, קאָט, פּאָגלער און אַנדערע, האָבן דאָך ארויסגעבראַכט דעם יידישן אומגליק אויך אַזעלכע פּוילישע שרייבער, ווי זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ, יעזשי אַנדזשעיעווסקי, בראָניעווסקי, קרוטשקאָווּ־סקי, מאַדעוש באָראָווסקי, שמאַגלעווסקאַ, בראָשקעוויטש, זשוקראָווסקי, בראַטני, מילאָש, בוטשקאָווסקי, יוזעף מאַרטאָן, קאָגוט, יוזעף הען, טאַ־דעוש רוזשעוויטש און נאָך און נאָך. עס קומט זיי דערפאַר נישט קיין יישר־כוח. נאָכן דייטשישן אין דער פּוילישער שרייבער געווען דער נאָ־ענטסטער עדות פון יידישן אומגליק. דער פאַקט איז אָבער אַ פאַקט און מ'דאַרף נישט זוכן אים צו מיניטמיזירן.

*   *
*

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז יעדערער פון די אויבן דערמאָנטע שריי־בער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער און פון זיין קוק־ווינקל געזען און אָפּגעשפּיגלט דעם יידישן חורבן. איינע האָבן אים געזען פון גאָר נאָענט,

געוועזן אומטיטלבאַרע עדות, אַנדערע האָבן אים אָבסערווירט פון דער זייט, אָנמעכטיק געקוקט פון דער ווייטנס, נאָך אנדערע האָבן ערשט נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן זיך נעענטער צוצוקוקן צו דער נעכטיקער יידישער פאַרטיליקונג, ווי ס'איז דער פאַל מיט די שרייבער פון יינגערן דור.

דער יידישער חורבן־מאָטיוו איז אויך אַריינגעפלאָכטן אין פאַרשידענע אנדערע טעמעס, איבער וועלכע פוילישע שרייבער האָבן פאַר די לעצטע קנאַפע צוויי צענדליק יאָר געאַרבעט. דאָ און דאָרט קלינגט ער בלויז אָפּ ווי אַ גרויליקער עכאָ, ווי צ. ב. ביי ווילהעם מאַך אין „יאַוואָראָווע הויז“, אָדער ווי אין די דערציילונגען פון רוזשעוויטש, העז און ביי אַנדערע — אגב האָט אויך רוזשעוויטש געשאַפן דעם סצענאַר צום ריירנדיקן פילם „אַ געבורט־שיין“, וואָס שפּיגלט אָפּ די דראַמע פון יידישן קינד, און יוזעף העז האָט די יידישע פאַרטיליקונג אויך אַרויסגעבראַכט אין זיין ביכל „דער אַרעסטאַנט און די העלהאָריקע“, וואָס איז דערשינען מיט א יאָר צוריק. טיילמאָל מיט עטלעכע זאצן אָדער גאָר מיט איין זאַץ גיט דער שרייבער אן אנונג וועגן דעם גאַנצן שוידער פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע. אזוי טאַקע זעען מיר דאָס ביים טאַלאַנטירטן יונגן דיכטער און דערציילער טאַדעוש רוזשעוויטש אין זיין דערציילונג „די פרוכט פון א לעבן“. צוויי דאָרפס־מיידעלעך טרעפן זיך אָן, בעת דער אָקופּאַציע, אויף צוויי דערמאָרדעטע מענטשן, וועלכע ליגן נאַקעטע אויפן מיסט, הינטערן דאָרף. די דערשראָקענע זעצן זיי פאָר זייער וועג, קאָמענטירנדיק די געשעעניש. איינע פון זיי זאָגט: „דאָס זענען זיכער יידן“. דערויף ענטפערט די צווייטע: „יידן זענען דאָך שוין אויף דער וועלט נישטאָ“.

* *

*

פאַרשידנאַרטיק איז דער יידישער חורבן אָפּגעשפּיגלט אין דער פוילישער ליטעראַטור. ביי געוויסע שרייבער איז דער טראָפּ געלייגט דער עיקר אויף דער דייטשישער רציחה און יידישן מאַרטירערטום, ווי ביי באָראָווסקי, קרוטשקאָווסקי, ביי אנדערע לאָזט זיך הערן צווישן דער רשעות און פיין אן אָפּקלאַנג פון ווידערשטאַנד אָדער אַן אומבאַהאָלפענער און אומ־מעכטיקער דראַנג צו קעמפן, ווי ביי גאַלקאָווסקאַ, בראָשקעוויטש, העז, נאָך ביי אַנדערע איז צוזאַמען מיט דער פאַרטיליקונג אַרויסגעבראַכט דער אַקטיווער, מסירת־נפשדיקער יידישער ווידערשטאַנד, ווי ביי אָטווינאָווסקי, אַנדזשעיעווסקי, רודניצקי, בראַנדיס, בוטשקאָווסקי, קאָגוט. די לעצטע צוויי האָבן

אויך געוויזן דעם יידישן פּאַרטיזאַן, דעם ייד אין וואַלד, אין באַוואָפנטן קאַמף צוזאַמען מיטן פּוילישן פּאַרטיזאַן, די באַציונג פון דאָרף, וואָס האָט אויך געוויזן יוזעף מאָרטאָן. א ווייניק אויסגעפּאָרשטן, טראַגישן אספּעקט פונעם יידישן אומגליק האָט אויפגעדעקט הענריק פּאָגלער, ווייזנדיק דעם ייד ביי דער שקלאַפן־אַרבעט אין פאַבריק צווישן פּוילישע אַרבעטער. פּאָגלער האָט אויך געוויזן („אַ גערעטעוועטער פון תהום") דעם חורבן פון יידישן שטעטל, וואָס איז פאַרהעלטנישמעסיק ווייניקער אָפּגעשפּיגלט אין דער פּוילישער ליטעראַטור. די פאַרטיליקונג פונעם שטעטל האָט צווישן די ווייניקע אויך געשילדערט לעאָפּאָלד בושקאָווסקי. און ווען מיר דערמאָנען שוין דאָס פאַרטיליקטע יידישע שטעטל, דאַרף מען דערמאָנען אַנטאָני סלאָנימסקי, וועלכער האָט עס מיט אַזוי פיל האַרץ באַוויינט:

„נישטאָ שוין, נישטאָ מער אין פּוילן די יידישע שטעטלעך,
אין קאַרטשעוו, בראָדע, פאַלעניצע, הרובישעוו,
בחינם וועסטו שבת־ליכטלעך זוכן אין פענצטער,
בחינם — ס'געזאַנג פון דער הילצערנער שול אַרויס"*).

נישט אַלעמענס אופן פון אַרויסברענגען דעם יידישן אומגליק קאָן אונדז געפעלן. און איך האָב דאָ נישט אין זינען די עטלעכע שרייבער, וועלכע די יידישע ליידן זענען ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. עס איז אויך נישט אָנצונעמען דער אופן, ווי אַזוי טאַדעוש באָראָווסקי האָט געשילדערט אַנטלאָפענע פון געטאָ יידישע פרויען אין זיין דערציילונג „די געזעגענונג מיט מאַריאַ" און יידישע געשטאַלטן אין אַנדערע דערציילונגען (אין דער זעלבער זאַמלונג). דער יונגער טאַלאַנטירטער און טראַגיש פאַרשטאָרבע־נער שרייבער האָט אין דער דערציילונג „איך פאַרבעט אייך, מיינע הער־שאַפטן, אין גאַז" געגעבן די שטאַרקסטע און אַממיינסטן אויפשוידערנדיקע וויזיע פון אוישוויצער גיהנום, אָבער אַזאַ גרויל־בילד טאָר נישט געשיל־דערט ווערן סתם אַזוי זיך, מיט עפּעס א מין ספּעציפישן נאַטוראַליזם. עס איז מיר אויך ביי קאָגוטן אין „געלן משה" נישט אַלץ צום האַרצן, איבער־הויפּט דאָס שילדערן די שרעק־קאָנוולסיעס פון יידישן פּאַרטיזאַן טשאַרני, בעת ער דאַרף אין העלן טאָג אויספירן פאַרן קלויסטער דעם אַטענטאַט אויפן פאַשיסטישן אויסוואָרף, כאָטש דער נאַראַטאָר ברענגט צום אויסדרוק די באַזונדערע לאַגע פון יידישן פּאַרטיזאַן און ניט אָנצוהערן, אַז ער קאָן אויך זיין א קרבן פון זיינע אייגענע קאַמפס־חברים.

*) איבערגעזעצט י. זאָנשיין

ביים ווייט גרעסטן טייל פּוילישע שרייבער איז אָבער דער יידישער אומקום אָפּגעשפּיגלט מיט גרויס השתפכות־הנפש און חשבון־הנפש. ביים גרעסטן טייל פון זיי איז אָנגעוויזן אויף דער מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָדער ווייניקסטנס אויף דער גלייכגילטיקער באַציונג צו דער יידישער טראַגעדיע מצד דער פּוילישער באַפעלקערונג. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן דאָס יידישע אומגליק אויסגעוויטיקט מיטן אויסבליק אין דער צו־קונפט, מאַכנדיק די ערשטע פּרוון צו פאַרשיטן דעם אָפּגרונט, וואָס די אָקופּאַציע האָט פאַרטיפט צווישן ייד און נישט ייד. אַזוי צום ביישפּיל האָט בראָניעווסקי אין זיין רירנדיק ליד „צו די פּוילישע יידן" געוואָלט איינפלאַנצן אין אלעמענס זכרון דעם באַוווסטזיין, „אַז מען האָט דאָס בשותּפותדיקע הויז חרוב געמאַכט, און דאָס פאַרגאָסענע בלוט פאַרברי־דערט אונדז, עס פאַראייניקט אונדז די עקזעקוציע־וואַנט..." באַזונדער בולט איז געקומען צום אויסדרוק דער מאָמענט פון גלייכגילטיקייט און מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט, דער גרויסער חשבון־הנפש אין די שילדערונ־גען פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

*   *

*

ס'איז אַלזאָ, אַ טעמע פאַר אַ גרעסערער אַרבעט, אויב מען וואָלט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אויף אַלע אַספּעקטן. וועלן מיר זיך דאָס מאָל פאַר־האַלטן בלויז אויף דער אָפּשפּיגלונג, וואָס דער וואַרשעווער געטאָ־אויפ־שטאַנד האָט געפונען אין דער פּוילישער ליטעראַטור. און באַגרענעצן וועלן מיר זיך צו עטלעכע פון די אָנגעזעענסטע פּוילישע שרייבער, קודם־כל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף יעזשי אַנדזשעיעווסקי און אַדאָלף רודניצ־קי. די צוויי שרייבער האָבן, דוכט מיר, די דראַמע אַמשטאַרקסטן גע־שילדערט.

אַנדזשעיעווסקי האָט דעם הערױשן און טראַגישן פינאַל פון געטאָ געשילדערט אויף דער „הייסער מינוט". „די גרויסע וואָך", אין וועלכער ער ברענגט אים ארויס, האָט ער אָנגעשריבן, ווי דער מחבר דערציילט אין דער הקדמה צום בוך „נאַכט", גלייך נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד, אוממיטל־באַר אונטערן איינדרוק פון די טראַגישע געשעענישן. שפּעטער, דערציילט ער ווייטער, האָט ער אין מאַנוסקריפּט בלויז ארייגעפירט קינסטלערישע אויסבעסערונגען, צוגעגעבן געוויסע איינצלהייטן.

אַנדזשעיעווסקי האָט די געטאָ־דראַמע איבערגעלעבט ווי א זייטיקער אָבסערוואַטאָר. ער האָט הויפּטזעכלעך אונטערגעשטראָכן דעם אָפּקלאַנג,

וואָס זי האָט געפונען אויסער די געטאָ=מויערן. ווי אַ דערשיטערטער עדות פון דער צווייטער זייט מויערן, האָט ער אויפן לייוונט פון אויפשטאַנד געוויזן מיט גרויסן חשבון=הנפש די באַציונג פון דער נישט יידישער באַפעלקערונג צום יידישן אומגליק. שילדערנדיק דעם געטאָ=אויפשטאַנד, שטעלט דער שרייבער דרייסט אַוועק אָנגעווייטיקטע, עיקרדיקע פּראָבלעמען. זיינע שילדערונגען פון יידישן קאַמף און ברענענדיקן געטאָ זענען אָנגעלאָדן אין זייער געפּרעסטקייט מיט אַזוי פיל איבערלעבונג, מיט פּיין און צאָרן, זייער באַלדיקע ווירקונג איז פון אַזאַ קראַפט, אַז דעם לייענער וועלן זיי שוין אויף שטענדיק פאַרבלייבן אין זכרון. אַנדזשעיעווסקיס שפּראַך איז דאָ פּרעציז, קאָנדענסירט, אָבער זייער פּלאַסטיש. „די גרויסע וואָך" איז איינע פון די שטאַרקסטע קינסטלערישע שילדערונגען פון ברענענדיקן געטאָ.

אַנדזשעיעווסקי, האָט, ווי עס זעט אויס, קודם געוואָלט ווייזן די אויסווירקונג, פון דער יידישער דראַמע אויף דער צווייטער זייט מויער. ער ווייזט אָבער גלייכצייטיק מיט קראַפט דעם יידישן, פאַרצווייפלטן קאַמף, זיין שטופנווייזן אָנוווקס, די עקשנותדיקע אַנטשלאָסנקייט און מסירת=נפשדיקייט פון די קעמפער=מאַרטירער און זייער טראַגישע איינזאַמקייט. מיר זעען, ווי דער אויפשטאַנד האָט זיך אַנטוויקלט כמעט טאָג נאָך טאָג, ווי ער איז פון קליינע פאַרטיידיקונגס=קאַמפן איבערגעגאַנגען אין אַ ברייטער, גוט אָרגאַניזירטער שלאַכט. „די פאַרטיידיקונג פון אָנהויב אַ כאַאָטישע און צופעליקע איז שנעל איבערגעגאַנגען אין אַ רעגולערן און פּלאַנמעסיקן קאַמף. אין פיל ערטער האָבן אָנגעהויבן ארבעטן אויטאָמאַטישע ביקסן". „...ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון די יידישע אויפשטענדלער, דער אמאייגסטן איינזאַמער און פייגלעכער פון אַלע קאַמפן, וואָס מ'האָט ערגעץ=ווו און אַלע צייטן אונטערגענומען אין פאַרטיידיקונג פון מענטשלעכן לעבן און פרייהייט". דער מחבר פון דער „גרויסער וואָך", דערמאָנענדיק, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען אַ באַוווסטזיניק צוגעגרייטער, האָט מיט קראַפט אונטערגעשטראָכן די אומפאַרגלייכלעכע העלדישקייט פון די קעמפער: „די אויפשטענדלער האָבן זיך פאַרטיידיקט עקשנותדיק און פּלאַנמעסיק, זיי האָבן פאַרביטערט געקעמפט פאַר יעדער גאַס, פאַר יעדן הייזער = בלאָק...". „פון די יידישע הייזער האָט מען אומאויפהערלעך געשאָסן".

אַנדזשעיעווסקי, ווי געזאָגט, האָט געוואָלט ווייזן, ווי אַזוי דער אויפשטאַנד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויסער די געטאָ=מויערן, אויפן וואַרשעווער

הימל, אין דער וואַרשעווער לופט. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דערמיט האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן דעם גרויל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון געטאָ און געדאַרפט דערשיטערן יעטוועדן. „...שוין פון דער ווייטנס האָט מען געקאָנט זען, ווי איבערן געטאָ האָט זיך אויפגעהויבן אַ ריזיקער זייל שוואַרצער רויך, גרייכנדיק הויך אין הימל. דאָס וועטער איז געווען אַ שיינס, אָבער דער פרילינג־ווינט האָט געבראַכט צו טראָגן ביזן זשאַליבאַזש אַ בייסיקן טשאַד פון דער שׂרפה“. „...הגם דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, האָט די לופט אַרום באַקומען אַ גרוי־בלויען קאָליר, זי איז געוואָרן ווי גלאָז, כמעט דורכזיכטיק“. און אָט ווי מ׳האָט געזען דעם געטאָ־אויפשטאַנד ביי נאַכט: „דער הימל איבער וואַרשע האָט געברענט, אין אַ סך ערטער האָבן זיך פון האָריזאָנט אַרויסגעריסן מוראדיקע קנוילן פון לעבעדיקן פייער...“.

אנדזשעיעווסקי איז אָבער נישט סתם אַ שילדערער פון גרויל. אויפן פאָן פון דער־אָט גרויליקער יידישער פאַרטיליקונג האָט דער שרייבער מיט אַ דרייסטער האַנט אָנגעוואָרפן שטריכן פון מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט. ביי זיין העלד, דעם ליבעראַלן און פאַסיוון פוילישן אינטעליגענט יאַן מאַלעצקי, האָט זיך אויפגעוועקט „דער ווייטיקלעכער און דערנידערנדיקער באַוווסטזיין פון אַ פאַרנעפּלטער, נישט קלאָרער מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם ים רשעות און פאַרברעכנס, וואָס זענען מיט דער שווייגנדיקער דערלויבעניש פון דער גאַנצער וועלט דורכגעפירט געוואָרן איבערן יידישן פאָלק“. דעם גרעסטן חשבון האָט אָבער דער שרייבער דורכגעפירט מיט זיין אייגן פאָלק. „אין אַלגעמיין האָט זעלטן ווער באַדויערט די יידן“. און זעלטן ווער האָט מיט אַזוי פיל מוט און אויפריכטיקייט געשילדערט די צושטימונג צו דער פאַרטיליקונג, די אומדירעקטע אָדער דירעקטע מיטהילף מצד דער נישט יידישער באַפעלקערונג. די וואַרשעווער איינוווינער קוקן זיך צו צום ברענענדיקן געטאָ מיטן גרעסטן גלייכגילט. דער אינזשיניער וואָלאַנסקי, וועלכער פאַרזיכערט, אַז ער איז נישט קיין אָנהענגער פון פאַשיזם, האַלט אָבער, אַז „היטלער לייזט פאַר אונדז דעם יידן־פּראָבלעם, אמת באַרבאַריש, אָבער ראַדיקאַל“. און אָט מאָלט אנדזשעיעווסקי אַ בילד, ווי אַ באַנדע קינדער באַפאַלן אַ שוואַרצע, איינגעקאָרטשעטע געשטאַלט, ווי מ׳קאָן זיך אָנשטויסן אַז אנטלאָפענעם פון געטאָ, מיט די אויסגעשרייען „זשיד“, איבערגעבנדיק אַזוי אַרום דעם אומגליקלעכן אין די הענט פון אַ דייטשישן תּלין.

אנדזשעיעווסקי שילדערט דאָ דעם גורל פון א יידישער משפּחה פון אינטעלעקטועלע. דער באַרימטער יידישער פּראָפעסאָר ליליען איז מער דערדריקט פון דער אַנטווישונג אין זיינע נישט יידישע פריינד, ווי פון די פארפאָלגונגען. לסוף פאַראייניקט ער זיך אליין מיט א מחנה יידן, וואָס מען טרייבט צום אומקום און וואָס ער באַגעגנט אויף זיין וואנדער־וועג. זיין טאָכטער אירען, די איינציק לעבנגעבליבענע פון דער משפּחה, קאָן אין ערגעץ נישט געפינען קיין זיכער ווינקל. דער פּוילישער שרייבער האָט דאָ געוויזן דעם אינערלעכן פּראָצעס, וואָס עס קומט פאָר אין די פולשטענדיק אסימילירטע יידן, וועלכע האָבן זיך שטענדיק באַטראכט פאר אויטענטישע פּאָליאַקן, דאָס דערפילן די גורל־געמיינשאַפט, די דערנעענטערונג צום יידישן שטאַם און דער טראַגישער ריס, וואָס אַנטשטייט ביי אירען ליליען — וואָס קאָן זיין אגב אַ טעמע פאר זיך — וועלכע ווערט פארטריבן פון מאַלעצקים הויז דורך די פּיאָטראָווסקים און לאָזט זיך אין אַן אומבאַקאַנטן וועג מיט אַ קללה אויף די ליפּן, וואָס זי ווענדעט צו די פּוילישע שכנים.

דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט דעם שרייבער באַוויגן צו ווייזן די יידישע דראַמע אין איר גאַנצן היסטאָרישן אמת. דאָס וואָלט אָבער נישט געווען דער גאַנצער אמת, ווען ס'וואָלט נישט געוויזן געוואָרן דאָס הייפל מסירת־נפשדיקע מענטשן. אָט איז דער 16 יעריקער וולאַדעק קאַרסקי אַ דערשיטערטער ביי די געטאָ־ווענט. „מאַמע אנדערש קאָן איך נישט" — שרייבט ער אין אַ בריוו צו דער מוטער, איידער ער לאָזט זיך מיט אַ גרופּע צו הילף די געטאָ־קעמפער. יולעק מאַלעצקי ווייסט, ווען ער איילט מיט הילף אין ברענענדיקן געטאָ, אַז דער קאַמף איז אַ פאַר־שפּילטער. „דאָרט קומען אום מענטשן, וועלכע קעמפן פאַרן זעלבן וואָס מיר... עמעצער מוז דאָך זיין מיט זיי. פּשוטע סאָלידאַריטעט און דאָס איז אַלץ" — זאָגט ער צו אננא מאַלעצקאַ. די יונגע מאַרטאַ שמייסט אין פּנים דעם אויסוווּרף זאַלעווסקי מיט די ווערטער: „איר זענט פּשוטע באַנדיטן... איר באַדעקט אונדז מיט שאַנד". אנדזשעיעווסקי האָט געוואָלט, דוכט מיר, ווייזן, ווי אָנמעכטיק עס איז געווען דאָס הייפעלע אין ים פון רשעות און גלייכגילט. יאַן מאַלעצקי קומט אום, זוכנדיק אַ מקום מקלט פאַר אירען ליליען.

* *

*

דעם דאָזיקן טרויעריקן אַספּעקט פון דער יידישער דראַמע שילדערט

אויך אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט רודניצקי. אויך ער איז געווען אַ דערשי־טערטער אָבסערוואַטאָר פון דער צווייטער זייט מויער. זיין בליק איז אָבער געווען געווענדט קודם כל צום געטאָ גופא. אַדאָלף רודניצקי, דער אויסבאַהאַלטענער ייד אויף דער אַרישער זייט, אויף וועלכן ס'האָט אויף יעדן טריט געלויערט דער טויט, האָט זיך דעמלט געפילט ווי איינער פון די פאַר־משפטע צווישן די געטאָ־מויערן און ער פירט אונדז אויף אַלע וועגן, מיט וועלכע עס זענען געגאַנגען די קעמפער און מאַרטירער, פונקט אַזוי, ווי ער וואָלט אַליין מיט זיי געגאַנגען.

אין זיין דערציילונג „פסח“, וואָס איז ווי ענלעכע זיינע דערציילונגען מער אַ טאָג בוך, זעען מיר רודניצקין אַ וואַנדערנדיקן צווישן דער מאַסע ביי די מויערן פון ברענענדיקן געטאָ. דאָ האָט ער באַגעגנט אַן איינזאַמע יידישע פרוי, ביי וועלכער פאַרשידענע מינים טויטן האָבן שוין געהאַט אַוועקגענומען אירע אַלע נאָענטע. „זי האָט געציטערט די יונגע שווארצע פרוי“, געציטערט און געשטיקט זיך מיט טרערן, „ס'זאָל כאָטש עמעצער דאָס באַשרייבן — האָט זי צו אים שטיל געזאָגט דורך טרערן,.... אויב ס'וועט אַפילו נאָר איינער פון אונדז פאַרבלייבן, זאָל ער דאָס אין אַ ביכל פאַרשרייבן, אז מענטשן זאָלן פון איבערן זיבעטן ים קומען הינטער די מויערן דאָ און וויינען, ווי מיר הייגט“.

רודניצקי איז דער דאָזיקער צוואה געבליבן געטריי. דער עדות איז דערנאָך געוואָרן דער היסטאָריקער, דער שרייבער־היסטאָריקער פון יידישן אומקום, וואָס ער האָט אין דער גאַנצער ברייט און טיף ארויסגעבראַכט אין זיינע פילע דערציילונגען.

ביי רודניצקין איז — אויסער אין „פסח“ — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ נישט קיין באַזונדערע טעמע. ער איז אריינגעפלאָכטן אין זיינע דערציילונגען טיילמאָל ווי א פראגמענט פון דער יידישער בלוטיקער עפּאָפּייע, טיילמאָל ווי דער טראגישסטער און דערהויבנסטער פינאַל פון גרויסן יידישן חורבן.

דער שרייבער פירט אונדז דורך אַלע פאזן פונעם אויפשטאַנד. מיר דערזעען די לאַנגע אונטערערדישע צוגרייטונגען. יונגע ייגגלעך גרייטן אין קעלערס גראַנאַטן און פלעשלעך מיט בענזין, מען גרייט אמוניציע „צו דעם מאָמענט פון אָפּרעכענונג און נקמה“. מיר דערפילן מיט אלע חושים, ווי אומגעהויער גרויס עס איז דער דראַנג צו נקמה. אין דער דערציילונג „גאָלדענע בענצמער“ זעען מיר אַן אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע גרופע, וועלכע האָט זיך טאַקע אַ נאָמען געגעבן „נקמה־נעמער“. זייער אָנפירער, דער

בלעכער=אַרבעטער דוד, איז אַנטלאָפֿן פֿון טרעבלינקער גיהנום און געקומען צוריק אין געטאָ נקמה צו נעמען. אַלע, ווי ער, ווילן שטאַרבן דאָ אויפֿן אָרט, „נאָר אויף אָט=דער ערד“, און דאָ קומען זיי אַלע אום אין קאַמף. און אַנדערש מאָל זעען מיר, ווי קעמפֿער=ייִנגלעך נעמען זיך אַרום און מיט אויגן איבערפֿולטע מיט טרערן קושן זיי זיך פֿון פֿרייד, ווייל אויף זייערס אַ מינע זענען אַרויפֿגעטראָטן די דייטשן.

אין גאַנצן פֿאַרנעם האָט רודניצקי אַרויסגעבראַכט די ראָל פֿון דער יוגנט און פֿון דער קאַמפֿס=אָרגאַניזאַציע. ער ווייזט אונדז ווי אין געטאָ קורסירט געהיימע ליטעראַטור, ווי מען לערנט זיך שיסן, ווי מען ווערבירט מענטשן, וועלכע האָבן געדינט אין מיליטער. „פֿאַר די פֿאַרמאַכטע אין געטאָ איז נישט געווען קיין מער וואָגיקער וואָרט, ווי דאָס וואָרט „אָרגאַניזאַציע“. „איצט הערשן נישט די דייטשן, נאָר די ייִנגלעך פֿון דער אָרגאַניזאַציע“ („גאָלדענע פֿענצטער“) — פֿלעגט מען זאָגן.

אַנדזשעיעווסקי דערציילט אונדז וועגן עקשנותדיקן, איינזאַמען און פֿאַרצווייפֿלטן פֿאַרטיידיקונגס=קאַמף פֿון די אויפֿשטענדלער. רודניצקי האָט אויך געשילדערט מיט קראַפֿט די דערהויבנקייט פֿון קאַמף, די הויכע ווירדע פֿון די קעמפֿער=מאַרטירער. זיי האָבן געוווּסט, אַז דער אומגלייכער קאַמף איז אַ פֿאַרשפּילטער. זיי האָבן אָבער געוואָלט שטאַרבן מיט כבוד און נישט לאָזן זיך פֿירן ווי שעפּסן צו דער שחיטה. „זיי האָבן געהאַט איין פֿאָטערלאַנד — די פֿאַרשיווע גאַסן, אויף וועלכע עס האָבן געשניטן זייער שגיט דער טיפֿוס און הונגער, גאַסן דורכגעווייקטע מיט בלוט און פּיין, פֿאַרדראָטעוועטע, ווי שטייגן פֿאַר ווילדע חיות און דאָ אויפֿן אָרט האָבן זיי געוואָלט שטאַרבן. זיי האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף, נישט דערוואַרטנדיק קיין נצחון... בלויז כדי צו שטאַרבן ווי מענטשן“ („פּסח“).

אין יענע טראַגישע טעג האָט דער שרייבער דערזען, ווי די בערשטן=מאַכער פֿון פֿראַנציסקאַנסקע, די טרעגער פֿון מילע, די שוסטער פֿון וואָלינסקע און די שמוגלערס פֿון סטאַווקע האָבן זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן. „די נשמה פֿון פֿאָלק זענען אין דעם מאָמענט די זין פֿון סטאַליאַרעס, שניידערס און טרעגערס“ („גאָלדענע פֿענצטער“). זיי האָבן דאָס גענומען אויף זיך די מיסיע צו ראַטעווען דעם כבוד פֿון פֿאָלק, זיך קעגנצושטעלן די פֿאַשיסטישע הענקער מיט זייער מסירת=נפֿשדיקייט, מיט דער קראַפֿט פֿון באַגער צו נעמען נקמה און שטאַרבן ווי מענטשן. מיר זעען זיי ביי רודניצקי אין זייער גרויסער גבֿורה און אין טיפֿן טראַגיזם. אָט זענען זיי באַפֿאַלן „מיט זייערע קרויטלעך“ אַ דייטשישע פּאָזיציע און כדי

זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די תלינים, האָבן זיי די לעצטע קויל געלאָזן פאַר זיך.

אין קעגנזאַץ צו אנדזשעיעווסקי האָט רודניצקי אַרויסגעבראַכט דעם ברענענדיקן געטאָ פון אינעווייניק. אין זיינע גרויסע דערציילונגען „דער לעבעדיקער און טויטער ים“ און „גאָלדענע פענצטער“ טויכט אויף פאַר אונדז א מוראדיקע אַפּאָקאַליפּסע. פאַר אונדזער דמיון שוועבן אויף וואַנזיניקע מענטשן, וועלכע ראַטעווען זיך פון קעלער צו קעלער, דראַפּן זיך איבער די שטיגן אויף די העכערע שטאָקן, אַנטלויפנדיק פאַרן פייער, און ווען די פלאַמען הויבן אָן „לעקן זייערע פיס גיט דער פאָטער איבער דאָס קינד אין די הענט פון דער מוטער, אַלע דריי צעקושן זיך צום לעצטן מאָל און שפּרינגען“ („לעבעדיקער און טויטער ים“). מיר דערפילן דאָ די אומגעהויערע שרעק נישט פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט, די אנגסט נישט דערשטיקט אָדער פאַרסאַדזשעט צו ווערן אין אַ בונקער. רודניצקי פירט דעם לייענער אַריין אין סאַמע אָפּגרונט, אין די טיפסטע טיפענישן פון מענטשלעכע ליידן — אין די ברענענדיקע און אויסגעברענטע הייזער, צווישן די שטיינערנע טרעפּ, אין די פאַרשרפעטע הייפן, וווּ די גרענעץ צווישן לעבן און טויט ווערט אַלע מאָל מער אָפּגעווישט. מיר זעען ווי שטומע רייען מענטשן שלעפּן זיך מיט פּעקלעך אין דער לענג פון די ברענענדיקע ווענט און מיט אויגן אָנגעפילטע מיט גרויליקער שרעק קוקן זיי שטומערהייט אַרום זיך.

און אָט פירט אונדז רודניצקי אריין אין דער לעצטער פאַזע פון אויפשטאַנד, ווען דער ווידערשטאַנד שטאַרבט אָפּ און דאָס טייוולאָנישע פּאַשיסטישע ווערק דערגרייכט זיין הויך-פּונקט. עס ציען דורך פאַר אונדזערע אויגן די אויפגעריסענע הייזער, די בערג אַש און ציגל, צווישן וועלכע עס וואַלגערן זיך פאַרסמאָליעטע מתים, דערשאָסענע און מיט אַלערליי מינים טויטן אומגעקומענע מענטשן. און דער שרייבער ווייזט אונדז, ווי אין יענעם מדבר פון קוימענס און רואינען האָבן מענטשן געלעבט נאָך לאַנגע חדשים, ביז אין ווינטער, ווייל אַלע אַריינגענג אין די קאַנאַלן האָבן די דייטשן געהאַט פאַרשטאָפּט.

רודניצקי איז אן אייגנאַרטיקער שרייבער. ער איז זעלטן ווען א זייטיקער שילדערער. ער שרייבט וועגן דער פאָלקס-קאַטאַסטראָפע ווי וועגן זיין אייגענער קאַטאַסטראָפע. נישטאָ, ביי אים קיין סתם באַשרייבערישקייט, נישטאָ קיין איין בלעטל, קיין איין שורה, פון וועלכע ס'זאָל נישט שטראָמען הייסער אָטעם. איר פילט ממש, ווי דער שרייבער אליין געפינט

זיך אינעם גרויסן, טראַגישן געראַנגל. רודניצקיס אייגנאַרט באַשטייט נאָך אין דעם, וואָס ער איז שטענדיק, צי ער רעדט אליין, צי דורכן מויל פון זיינע העלדן, אויסערסט שפּאָרזאַם אין ווערטער. ער איז ווי געוויסע געביאַלע מאָלער, ביי וועלכע ס'איז גענוג עטלעכע שטריכן מיטן בליי, אָדער אַ צי מיטן פּענדזל, אַז ס'זאָל זיין אַ גאַנץ בילד. אָפּטמאָל אויף אַ באַגרענעצטער צאָל בלעטלעך, אָדער גאָר אין קאַרגע שורות זענען פאַראַן קאָנדענסירטע שילדערונגען פון דער יידישער פאַרטיליקונג, אָנגעוואָרפענע בילדער מיט אַזאַ סוגעסטיווער קראַפט, אַז עס שפּרייט זיך אויס פאַר אונדז דער גאַנצער ים פון פּיין און בלוט, דער גרויסער חורבן אין זיין גאַנצער גרויזאַמקייט. אין די אויבן דערמאָנטע צוויי לאַנגע דערציילונגען און אין פיל אַנדערע, וועלכע ברענגען אַרויס די יידישע דראַמע, ווי „דער אומקומענדיקער דאַניעל“, „דער וועג צום הימל“, „דער גרויסער סטעפאַן קאָנעצקי“, „דער זויבערער שטראָם“, „מיין שוואַרצע באָרד“, „שעקספיר“, זענען פאַראַן בלעטלעך, וואָס געהערן צו די אממיינסטן אויפטרייסלענדיקע אין דער היינטצייטיקער פּוילישער פּראָזע.

* *

*

פון אַן ענלעכער פּאָזיציע ווי רודניצקי האָט געזען דעם אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ קאַזימיעזש בראַנדיס. בראַנדיס געהערט צום דור נאָכמלחמהדיקע שרייבער. ער האָט זיך מיט זיינע ערשטע ראָמאַנען באַרימט געמאַכט אלס שרייבער מיט א ברייטן עפּישן אָטעם, אלס שרייבער, וועלכער פילט שטאַרק אָפּ דעם ריטם פון דער צייט און אירע געשעענישן. בראַנדיסעס שרייבערישע פּערזענלעכקייט האָט זיך אגב אָנגעהויבן אויספורעמען אין פייער פון די דראַמאַטישע געשעענישן און שוין אין זיין ערשט בוך „די אומבאַצווינגענע שטאָט“ זענען אריינגעפלאָכטן געוואָרן סיי די יידישע פאַרטיליקונג, סיי דער יידישער ווידערשטאַנד. מיר וועלן אָבער אָנהויבן פון „שמשון“, כדי צו גיין בהדרגהדיק.

„שמשון“, ווי באַקאַנט, איז געווידמעט אויסשליסלעך דעם יידישן חורבן. און ס'איז קאָנטיק, אַז דער מחבר האָט געוואָלט ווייזן, דאָס די יידישע דראַמע אין פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער היטלערישער אָקופּאַציע. מיטן הויפּטהעלד פון ראָמאַן באַקענען מיר זיך אין יאָר 1934, ווען ער, יאַקוב גאָלד האָט אלס 16 יעריקער גימנאַזיסט שוין גוט געפילט דעם טעם פון זיין אַ ייד. די מלחמה טרעפט אים אין תפיסה

אַ פאַרמשפּטן אויף 10 יאָר, ווייל ער האָט נישט ווילנדיק דערהרגעט אַ פּוילישן סטודענט, בעת ער האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן די אַנטיסעמיטישע איבערפאַלער אויפן אוניווערסיטעט.

דורך די פּעריפּעטיעס און ליידן פון יאקוב גאָלד, וועלכער אַנטלויפט פון געטאָ, ווו ער האָט שוין קיינעם פון די זייניקע נישט געהאַט, דערשיינט פאַר אונדז דער טראַגישער יידישער גורל און אויך דער יידישער ווידערשטאַנד. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ דערשיינט אין בוך בלויז ווי אַן אָפּקלאַנג. דער אין קעלער אויסבאַהאַלטענער יאקוב דערוויסט זיך פון דעם גוטן פּוילישן מיידל קאַזיאַ, אַז אין געטאָ שיסן די יידן צו די דייטשן. די ידיעה עלעקטריזירט דעם יידישן מאַרטירער און דערגאָד, ווען דער ערלעכער פּוילישער פאָלקס־מענטש מאַלינאַ, וועלכער באַהאַלט אים אויס, קומט ווי געווייגלעך אים באַזוכן, ברענגט ער מיט נייגיר זיך צו דערוויסן צי די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ שטעלן נאָך אַ ווידערשטאַנד. ס'איז קאָנטיק, אַז אין זיין אומענדלעכן ווייטיק און אַפּאַטיע איז ער שטאָלץ מיטן קאַמף, וואָס דער געטאָ האָט אויפגעהויבן. דער יידישער ווידערשטאַנד אין בראַנדיסעס ראָמאַן איז אָבער פאַרקערפּערט אין יאקוב גאָלד גופא.

בראַנדיסעס העלד ווערט באַהערשט פון איין פאַרלאַנג און איין האָפענונג: אויב אומקומען איז אין קאַמף. יאקוב באַקומט מורא נאָר פאַר איין מין טויט — פאַר אַן אומנוצלעכן טויט. און דער נאַראַטאָר קאָמענטירט עס בזה הלשון: „ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס ערגסטע וואָס קאָן געשען, וועט זיין אויב ער וועט אומקומען, ווי אַ צעטראָטענער וואָרעם — אויב זיין טויט וועט זיך אַרויסווייזן אומנוצלעך, וועט דעמלט פאַר אַלע קלאָר זיין, אַז יאַקוב גאָלד האָט אומנויטיק געלעבט 26 יאָר אויף דער וועלט".

האָט, יאקוב גאָלד נאָכדעם, ווי פיאָלקאַ האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון שמאַלצאָווניק און געבראַכט אַ צעמזיקטן אין פאַרקאָנספּירירטן הויז, ווו מען גרייט אויפרייס־מאַטעריאַלן, אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג אים איבערצופירן אויף אַ זיכער אָרט. ער ווילט אויס צו בלייבן מיט די אַנטיפאַשיסטישע קעמפער. און ווען ער דאַרף אויסגעפינען פאַר זיך אַ פּסעוודאָנים, ווילט ער אויס דעם ביבלישן נאָמען שמשון, דעם סימבאָל פון יידישער גבורה און ווירדע און ווי יענער לעגענדאַרער גבור קומט ער אום אין קאַמף, באַוואַרפנדיק די היטלעריסטן מיט גראַנאַטן, בעת זיי באַפאַלן דאָס קאָנספּיראַטיווע הויז.

אָבער גישט נאָר די פּוילישע אנטיפּאשיסטן נעמען יאקובן אויף מיט אָפענע אָרעמס. פון דאָ און דאָרט שטרעקט זיך אויס צו אים א רעטערי־שע האַנט, דאָ און דאָרט באַגעגנט ער אַ מיטפילנדיקן פריינדלעכן בליק. קאָן מען פרעגן: איז דאָס אזוי געווען? אמת איז, אז בראַנדיס ווייזט אויך די געפאַרן, וואָס לויערן אויף יאקובן אויף דער צווייטער זייט מויער, זיין פאַרשטויסנקייט. וויל ער דאָך דערפאַר זיך אומקערן אין געטאָ. „...קיינער וועט מיר גישט אַריינגעמען צו זיך אפילו אויף קיין איין נאַכט, דע־ריבער מוז איך אדורכגיין דורכן מויער" — זאָגט יאקוב צו דער פרוי פון הויז־וועכטער, וועלכער ווייזט נאָענט ביים געטאָ־מויער און ביי וועלכן ער בעט אַן אָגווייזונג דורכצוגיין צוריק.

מ'קאָן אויך בראַנדיסן מאַכן מער ווענגטלעכע פאָרווורפן. אין קעגנ־זאץ צו רודניצקי, האָט דער מחבר פון „שמשון" נישט אריינגעדרינגען טיף אין דער פסיכיק פון זיין מאַרטירער־העלד, ביי וועלכן עס פעלט אָפט־מאָל דער לעבנס־אינסטינקט, וואָס האָט גובר געווען יעטוועדע לאָגיק און געטריבן די געדרודפטע זיך אָנצוכאַפּן אין דינסטן פאַדעם פון לעבן אָדער גאָר: צי קאָנען מיר אָננעמען, „אַז יאַקוב גאָלד האָט אומ־נויטיק געלעבט 26 יאָר אויף דער וועלט" אויב ער וואָלט אומגעקומען בלויז אלס מאַרטירער? יאקוב איז דאָך דורך א צופאַל אריינגעפאַלן צווישן די פּוילישע קעמפער, מיליאָנען פאַרטיליקטע האָבן קיין אויסוואַל פון קאַמף נישט געהאַט. ס'קאָן, פאַרשטייט זיך זיין א פאַרענטפערונג און נעמלעך, אַז יאקוב גאָלד, האָט, פונקט ווי די געטאָ־קעמפער, געוואָלט אומקומען ווי אַ ווירדיקער מענטש, פאַרן כבוד פון פאָלק, נקמה נעמענדיק אינעם בלוטיקן שונא.

* *
*

אויך אין דער „אומבאַזיגבאַרער שטאָט" האָט בראַנדיס גלאָריפיצירט, אַרויסגעהויבן הויך דעם יידישן ווידערשטאַנד. דאָ דערשיינט שוין פאַר אונדז דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ אין זיין גאַנצן גרויל און דערהויבנקייט.

„די אומבאַזיגבארע שטאָט" איז אייגנטלעך די געשיכטע פון דער מאַרטירער־שטאָט ווארשע. דער ראָמאַן איז געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, וואָס לייגט אַ שטאַרקן שטעמפּל אויף דער אויטענטישקייט פון די

שילדערונגען. דער יידישער קאַטאַקליזם איז, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אַל־
געמיינעם קאַטאַקליזם. ער טיילט זיך אָבער אַלע מאָל מער אוים מיט זיין
טראַגיזם, און דער צעשטערטער געטאָ איז דאָ ווי אַן אָנזאָג פאַר דער
שפּעטער צעשטערטער ווארשע.

בראַנדים פירט אונדז דאָ נישט אריין אין געטאָ גופא, נישטאָ קיין
באַשרייבונגען פון די קאַמפן, ווי ביי אַנדזשעיעווסקי און רודניצקי. מיר
זעען און פילן דעם אויפשטאַנד, אָדער ווי דער מחבר רופט אים — די
יידישע מלחמה דורכן גרויל וואָס טראָגט זיך פון געטאָ, דורך די וואָלקנס
רויך, זיילן פייער, און קנאַלן פון געווער, וואָס זענען גלייכצייטיק א צייכן
פון יידישער ווירדע, ווייל אין דער מארטירער־שטאָט האָבן דווקא יידן
אונטערגענומען די מלחמה קעגן דייטשן. און „זאָל די שטאָט און די וועלט
דערוויסן זיך, אז יידן הרגענען דייטשן". ס'איז דער טריאומף פון יידישער
גבורה און יידישן שטאָלץ, און דער מחבר ווייטיקט איבער דעם, וואָס ער
קאָן נישט זיין צוזאַמען מיט די קעמפנדיקע, מיט די בלאַסע יידישע ייִנג־
לער, וועלכע מען פלעגט שטענדיק אויסלאַכן און וועלכע זענען איצט אוים־
געוואַקסן צו גבורים, צו גרויסע היסטאָרישע געשטאַלטן, זיי, די אַממיינסטן
דערנידעריקטע, פאַרפייניקטע, פאַרמעסטן זיך איצט צו ראַטעווען דעם
מענטשלעכן כבוד. „...די ווארשעווער יידן האָבן פאַרטיידיקט דעם דורות־
דיקן מענטשלעכן כבוד... די ווירדע פון מענטשלעכע רעכט".

אין יענע טראַגישע און דערהויבענע טעג האָט בראַנדים פונקט ווי
רודניצקי פון דער נאָענט אָבסערווירט, ווי דער אָנגעלאָפענער המון קוקט
זיך גלייכגילטיק צו צו דער דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ צווישן די געטאָ־
מויערן, ווי פאַרשידענע פאַרשוינען וויצלען זיך איבער די „זשידקעס" און
זאָרגנדיק וועגן גורל פון יידישן דאָקטער, וועלכער קאָן נישט איינזיצן רו־
איק אין זיין באַהעלטעניש און קומט צו לויפן הינטער די געטאָ־מויערן,
מאַכט ער אויפמערקזאַם, אז קינדער דערקענען דאָך אויך היינט א יידן.
און אָט וואַנדערנדיק צווישן רויך און אָפּהילכן פון דער שיסעריי, האָט
דעם נאַראַטאָר פּלוצלונג עמעצער אונטערגעטראָגן און אָנגעבאָטן צו קויפן
א גאָלדענע קינבאַק, גאָלדענע ציין, ארויסגעריסענע, ווי ס'איז נישט שווער
זיך אָנצושטויסן, פון א יידישן דערמאָרדעטן. בלויז דער געבראַכטער
אַנעקדאָט אליין וואָלט גענוג געווען צו געבן א פאָרשטעלונג וועגן טראַגישן
אָפּגרונט וואָס האָט געטיילט ביידע זייטן מויער. פאַרטייטשט מאַקע דער־
נאָך דער שרייבער, אז די איניציאַלן ס.אָ.ס. באַדייטן: „ראַטעוועט אונדזע־
רע נשמות", וואָס האָט געזאָלט הייסן, אז אין אָנבליק פון דער יידישער

טראַגעדיע, זענען פיל נשמות פאַרדאָרבן געווען און גענויטיקט זיך געראַטעוועט צו ווערן פון געפאַלנקייט.

ביי בראַנדיסן איז אויך דאָ אַלע מאָל פאַראַן אַ פריינדלעכע, מסירת-נפשדיקע האַנט, וואָס שטרעקט זיך צום גערודפטן און טויט-באַדראָטן ייד. אַן אָפּגעריסן, פאַרהונגערט קינד, וואָס רייסט זיך דורך דורכן מויער און בלייבט זיצן הינטער אַ וואַנט, באַקומט מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער. די אַלטע פוילישע לערערין באַלבינאַ מאַכט פון איר הויז אַ מקום מקלט פאַר די צום טויט פאַרמשפּטע. רירנד איז דער מאָמענט, ווען זי גיט צו וויסן איר בני-בית, אַז זי נעמט אַריין אין שטוב דעם פון געטאָ אַנטלאָפענעם יידישן דאָקטער און פאָדערט אויף אים אַרומצורינגלען מיט וואַרעמקייט. אָבער די אַטמאָספער אַרום קעמפנדיקן און ברענענדיקן געטאָ, דער עיקר דער אַנעקדאָט וועגן האַנדל אין יענעם אָרט מיט יידישע גאָלדענע ציין און שפּעטער דער אופן פון פאַרטייטשן די איניציאַלן, קלינגען ממש סימבאָליש, ווי אַ שווערע באַשולדיקונג.

אין דער זעלבער ריי, לויטן נוסח חשבון-הנפש, ווילט זיך ציטירן אַן אָנגעזעענע פוילישע שרייבערין און נעמלעך זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ. נאַלקאָווסקאַ האָט געהערט צו די ערשטע פוילישע שרייבער, וועלכע האָבן דעם יידישן חורבן געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון. אירע אויפטרייסלענדיקע נאָוועלן און שקיצן אין די „מעדאַליאָנען“ האָט זי געשריבן אין 1945. שפּעטער האָט זי נאָך אָנגעשריבן די דערציילונגען „מוטערשאַפט פון אויסוואַל“, ווו עס דערשיינט דער פּראָבלעם פון אַדאָפּטירטן יידישן קינד און „ליאַ אָדער אַ ליבנדיקע טאָכטער“, ווי די טאָכטער ווילט אויס דעם וועג פון טויט, כדי צו זיין צוזאַמען מיט דער מוטער. די גרויסע הומאַניסטישע שרייבערין האָט אגב געהערט צו דער קאָמיסיע פאַר פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס און נאָך איר באַזוך אין דייטשישן „אַנאַטאָמישן אינסטיטוט“ אין גדאַנסק, ווו דייטשישע געלערנטע האָבן עקספּערעמענטירט איבער די לייבער פון דערמאָרדעטע יידן און נישט יידן, איז אַנטשטאַנען איר באַרימטער „פּראָפעסאָר שפּאַנער“, אין וועלכן זי האָט געבראַכט מיט קראַפט צום אויסדרוק דעם אָנטייל פון דער דייטשישער וויסנשאַפט און דייטשישע וויסנשאַפטלער אין די נישט נעאַנטע פאַרברעכנס.

זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ האָט אַרויסגעבראַכט בעיקר די רשעות איבערן יידישן פאָלק און די אומענדלעכע פּיין פון די קרבנות. דער ווידערשטאַנד איז ביי איר פאָרגעשטעלט אין אַקטיוון עקשנותדיקן זוכן רעטונג, אין די

פּרוּוון צו אַנטלויפן פון לויפנדיקן צוג, ווי מיר זעען דאָס אין דער דערשי־טערנדיקער דערציילונג „ביים באַן־וועג". — און דאַרף מען דאָך אַזעלכע און ענלעכע פּרווון פון רעטונג באַטראַכטן אַלס ווידערשטאַנד. אין איין דערציילונג בלויז פון די „מעדאַליאָנען", געמלעך אין דער „בית־עולם פרוי", זענען פאַראַן אָפּקלאַנגען פון קעמפנדיקן געטאָ. דאָ זעען מיר אין דער וואַרשעווער פּרילינג־לופט די דייטשישע באָמבאַרדירער, וואָס פליען צו די געטאָ־מויערן און נאָך יעדן אָנפאַל הויבן זיך אויף פון קעמפנדיקן געטאָ זיילן רויך. ווי אין אַלע אַנדערע דערציילונגען, לאָזט אויך דאָ נאַלקאָווסקא רעדן מיט זייער אייגענער שפּראַך די עדות, די דירעקטע, אָפּגעראַטעוועטע, אָדער אומדירעקטע עדות. דאָ דערציילט די דינערין פון בית עולם, וועלכע וווינט האַרט ביי די געטאָ־מויערן.

די בית־עולם פרוי זעט שלעכט אויס און באַקלאָגט זיך, אַז זי קאָן נישט שלאָפן און נישט עסן, ווייל טאָג און נאַכט הערט זי געשרייען און געוויינען, וואָס טראָגן זיך פון געטאָ. פון איר פענצטער זעט זי, ווי מאַמעס וויקלען אַרום זייערע קינדער, וואַרפן זיי אַרויס דורך די פענצטער פון די ברענענדיקע הייזער און דערנאָך שפּרינגען זיי אַליין אָדער מיט אַ הייפעלע אין די אָרעמס. זי ווייסט אויך צו דערציילן, אַז די, וועלכע פאַרטיידיקן זיך, שיסט מען אויפן אָרט און די אַנדערע פירט מען אַרויס, אָבער אויך זיי פירט מען צום טויט.

די בית־עולם פרוי איז דערדריקט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין קעמפנדיקן און ברענענדיקן געטאָ, ווייל „דאָס זענען דאָך אויך מענטשן, האָט אַ מענטש רחמנות אויף זיי". זי לאָזט אַפילו פאַלן אַ טרער. „מ'קאָן דאָס נישט איבערטראָגן, מ'קאָן דאָס נישט איבערטראָגן" — האָט זי אַ־בערגעחזרט. צו די געשעענישן, וואָס זי זעט פון איר פענצטער און וועל־כע זי רעלאַציאָנירט פאַר דער מחברין, בעת איר באַזוך אויפן בית־עולם, האָט זי אָבער צוגעגעבן אַזאַ קאָמענטאַר: „אָבער פאַר אונדז, זאָג איך אייך, איז דאָס בעסער, אַז די דייטשן וועלן זיי פאַרניכטן, זיי האַסן אונדז מער, ווי זיי האַסן די דייטשן..."

* *
*

ס'וועט אפשר נישט איבעריק זיין נאָך צו דערמאָנען אַ נישט לאַנג דערשינען בוך, וואָס איז ווייניק באַקאַנט און וואָס ברענגט אַ היפּשן דאָ־קומענטאַציע־מאַטעריאַל, פיל אויטענטישע עפּיזאָדן, וועלכע גיבן אַ בילד

פונעם פאַרנעם פון אָרגאַניזירטן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ. כ'האָב דאָ אין זינען „דער מויער האָט צוויי זייטן" פון באַליצקאַ־קאָזלאָווסקאַ. די מחברין איז געווען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיטן געטאָ און דערנאָך מיט זיינע לעצטע מאָהיקאַנער דורכגעמאַכט דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד. דאָס בוך קאָן מען, פאַרשטייט זיך נישט שטעלן אויף דער זעלבער פלאַך — כ'מיין ליטעראַריש — ווי די אויבן ציטירטע ביכער, מיר ברענגען עס צווישן דער רשימה, ווייל עס רוקט אַרויס די זעלבע פּראָבלעמען.

באַליצקאַ־קאָזלאָווסקאַ ברענגט אַרויס פיל אַספּעקטן פון ווידער־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, שילדערט דעם אומגעהויערן דראַנג צום קאַמף, די איבערמענטשלעכע מסירת־נפשדיקייט פון די אויפשטענדלער; אפילו דאָס קליינע הייפעלע לעבנגעבליבענע, וועלכע האָבן שוין געהאַט דורכגעגאַנגען אַלע פייערן פון גיהנום, האָבן זיך ווייטער געריסן צום קאַמף און מיט אַנטשטעק־צוקערמאַן און צביה לובעטקין בראש, זענען זיי אַ יאָר שפּעטער צוגעשטאַנען צום וואַרשעווער אויפשטאַנד. אין בוך זענען אויך דערמאָנט אַ גרופּע פון דריי הונדערט פּופּציק אונגאַרישע, רומענישע, פראַנצויזישע און בעלגישע יידן, וועלכע האָבן אויף פאַרשידענע אופנים אָנטייל גענומען אין וואַרשעווער אויפשטאַנד, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַ־דאַנק די אויפשטענדלער אַרויסגעריסן פון די דייטשישע נעגל. גלייכצייטיק שילדערט די מחברין די מויזנטער געפאַרן, וואָס האָבן אויף דער צווייטער זייט מויער געלויערט אויף די אָפּגעראַטעוועטע פון ברענענדיקן געטאָ. דער ווייט גרעסטער טייל איז אומגעקומען, ווייל זיי האָבן נישט געפונען קיין שום אָנשפּאַר אין נישט יידישן אַרום. די הילף מצד פּוילישע קאַמפס־גרופּן איז געווען ווי אַ טראָפּן אין פיינטלעכן ים. דאָס זענען אַגב זאַכן לאַנג באַקאַנטע, ס'איז אָבער גוט, וואָס אַ פּוילישער גבית־עדות ברענגט דאָס פאַר דער עפנטלעכקייט העכער 15 יאָר נאָך יענע געשעענישן.

„דער מויער האָט צוויי זייטן", כאָטש געשריבן אין דער פאָרם פון דערציילונגען זענען מער רעלאַציעס, זכרונות. ס'איז אָבער איינע פון די ביכער, וואָס דערגאַנצן דאָס בילד פון יידישן חורבן און העלדישקייט אין דער פּוילישער ליטעראַטור.

* *
*

כ'האָב זיך בכוון אָפּגעשטעלט אויספירלעכער אויף אייניקע ביכער, וואָס שפּיגלען אָפּ די פּארטיליקונג און דעם באוואָפנטן ווידערשטאנד פון ווארשעווער יידישן קבוץ. ס'וואָלט זיכער כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויף געוויסע יידישע פּראָבלעמען, וועלכע די מחברים רוקן ארויס, אָדער גאָר פּאָלעמיזירן מיט אייניקע. ס'האנדלט זיך אָבער אין דעם דאָזיקן באגרענעצטן שקיץ אונטערצושטרייכן צוויי אספּעקטן פון יידישן חורבן: דעם ווידערשטאַנד און די באציונג פון דער ניט יידישער באפעלקערונג צום יידישן אומגליק. די צוויי אספּעקטן זענען דורך די אויבן ציטירטע מחברים ארויסגעבראכט, דוכט מיר, אין הסכם מיטן היסטאָרישן אמת, געשילדערט מיט גרויסן השתפכות-הנפש און השבון-הנפש. דערמיט האָט די יידישע טראגעדיע באקומען א מער פולן אויסדרוק אין דער פּוילישער ליטעראטור.

מערץ 1960

„דער לעצטער פון די למדוואָווניקעס“

אָ, צי קאָן מע ביזן הימל גרייכן
פארוואָס עס געשעט אזוי גאָט צו פרעגן“.

אַנדרע שוואַרץ=באַרט

די געשיכטע פון דער ליטעראטור ווייסט אונדז צו דערציילן, וועגן גרויסע ליטעראַרישע געשעענישן, וואָס דאָס דערשיינען פון געוויסע ביכער האָבן ארויסגערופן. אָפטמאָל האָבן אזעלכע ביכער געהאט ביי זייער געבורט אויסצושטיין שארפע אָנגריפן, אָדער באגלייט געווען מיט פארשידנארטיקע סקאנדאלן. אזוי איז געווען, ווען ס'איז דערשינען פלאָבערס באַרימט ווערק „מאדאם באָווארי“, אָדער באָדלערס „די בלומען פון בייז“, אויב זיך נאָר באגרענעצן צו פראנקרייך און צו די צוויי ווערק. דער עפנטלעכער סקאנדאל איז געווען אזוי גרויס, אז די מחברים זענען צוגעצווינגען געוואָרן צו גערעכטלעכער פאראנטוואָרטלעכקייט.

דאָס בוך פון יונגן יידיש=פראַנצויזישן מחבר אנדרע שוואַרץ=באַרט „דער לעצטער פון די למדוואָווניקעס“ האָט אויפגערודערט די ליטעראַרישע קרייזן און געפונען א טיפן אָפּקלאַנג צווישן לייענער=עולם. אויך דאָס מאָל—הגם אויף גאָר אן אנדער פלאַך—איז די ליטעראַרישע געשעעניש באגלייט מיט א סקאַנדאַל. די אָנגרייפער, באשולדיקנדיק דאָס מאָל דעם מחבר פון „לעצטן פון די למדוואָווניקעס“ אין פלאגיאט, האָבן ווי שטענדיק זיך ארויסגעוויזן פאר קארליקעס, וועלכע האָבן זיך פארמאָסטן אויף א ריז. די גאָנקור=אקאדעמיע האָט צוליבן בוך צוגעאיילט מיט דריי וואָכן דעם אויסוואַל פון יערלעכן לאַורעאַט, כדי אנדערע זאָלן נישט פאַרלויפן דעם וועג, און צוגעטיילט שווארץ=באַרטן דעם העכסטן אין פראנקרייך ליטעראַרישן פרייז, דעם גאָנקור=פרייז.

פאר אונדז, יידן, איז אנדרע שווארץ־בארטס בוך מער ווי א ליטעראַרישע געשעעניש, עס איז נישט נאָר א פראנצויזיש בוך אויף יידישער טעמאטיק. פראנצויזישע, ענגלישע און אין אנדערע שפראכן ביכער אויף יידישע טעמאטיק זענען פאראן פיל. „דער לעצטער פון די למדוואָווניקעס“ איז, וואָלט איך געזאָגט, א יידיש בוך געשריבן אויף פראנצויזיש, *יידיש* נישט נאָר לויט דער טעמאטיק, נאָר אין גייסט, אין קינסטלערישן מהות, אין ליטעראַרישער טראַדיציע. ליאָן פויכטוואנגער האָט געהאט געזאָגט, אַז אין זיין שאפונג איז זיין שפּראַך געווען דייטש, *אָבער דאָס הארץ* — איז געווען יידיש. דער מחבר פון „לעצטן פון די למדוואָווניקעס“ האָט געשריבן זיין בוך נישט נאָר מיט א יידיש הארץ, מיט יידיש בלוט און טרערן ממש, נאָר אויך לויט געוויסע טראַדיציעס פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור. ס'איז קאָנטיק, אז אנדרע שווארץ־בארט האָט זיך אָנגעזאפט מיט יידיש וויסן, אז ער האָט זיין קינסטלערישע אינספּיראַציע געשעפּט סיי פון אלטע קוואלן, סיי פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

דאָס מיינט נישט, הס וחלילה, צו זאָגן, אז אין בוך זענען פאראַן פרעמדע השפעות אין וולגאַרן זין פון וואָרט. פאָרווורפן פון דעם מין און דער עיקר די באשולדיקונג אין פּלאַגיאַט זענען געווען לעכערלעכע און בייזוויליקע. די פראנצויזישע ערנסטע קריטיק האָט זיי צונישט געמאַכט און ס'איז נישט נייטיק זיך אומצוקערן דערצו. דאקעגן איז כדאי זיך אָפּצושטעלן כאָטש אין קורצן אויף די ליטעראַרישע איינפלוסן.

אנדרע שווארץ־בארט איז א שרייבער מיט אן אייגן פּנים. אלץ אין זיין ערשטלינג־בוך, סיי די קאָנצעפּציע פון ראָמאַן, סיי דער אופן פון צייכענען די פערסאָנאַזשן, סיי דער סטיל און דער הייסער אָטעם, וואָס באַהויכט דעם היסטאָרישן שטאָף, איז אייגנארטיק, אָריגינעל. א קינסטלער איז אָבער נישט קיין „טאַבולא ראַסאַ“. קונסט, ווי קולטור בכלל, וואקסט נישט אויף קיין שטיינערנעם, רויען באָדן. א קונסט־ווערק מוז האָבן, פונקט ווי א פלאַנץ, א קוואַל, פון וואנען עס שעפּט זיין יניקה. אזא קוואַל איז אין דער ערשטער ריי קולטור־טראַדיציע, אין ברייטסטן זין פון וואָרט, וואָס מיינט אויך ליטעראַרישע טראַדיציע.

געווען א צייט, ווען גרויסע גייסטער זענען געווען אונטערן איינפלוס און זיך אינספּירירט מיט די קולטור־טראַדיציעס פון דער אנטישער וועלט. אין 17־טן יאָרהונדערט האָבן בארימטע פראנצויזישע שרייבער געשעפּט

זייער טעמאַטיק און זיך איגספּירירט מיט די ווערק פון אלטן גריכנלאַנד. אַנדערע האָבן געגאַשט פון שפּאַנישע קוואַלן. קאָרנעי האָט די טעמע צו זיין טראַגעדיע „סיד“ בפירוש גענומען ביים שפּאַנישן שרייבער קאַסטראָ. די יידישע קלאַסיקער דאַקעגן, וועלכע האָבן געשעפּט זייער טעמאַטיק פון קליינעם יידישן שטעטל, זענען באַאיינפלוסט געווען פון דער רוסישער ליטעראַטור. און נישט נאָר פון דער רוסישער. ס'איז שווער צו זאָגן אויף וויפל סערוואַנטעס האָט געווירקט אויף מענדעלע מוכר ספרים אָדער שלום־עליכמען, ווען איר לייענט אָבער „מסעות בנימין השלישי“, „מנחם מענדל“, קומט אויפן זינען „דאָן קיכאָט“. און ווען איר לייענט „דעם אַנדענק פון צעלולאָזע“ פון איגאָר נעווערלי, מוזט איר מאַכן אַ פאַרגלייך מיט זשעראָמסקים „פשעדוויאָשניע“, הגם דאָס זענען צוויי פאַרשידנאַרטיקע ביכער. די אויבנדערמאָנטע שרייבער ווי אויך אַנדערע, זייענדיק באַאיינפלוסט, אינספּירירט אָדער „אויסלייענדיק“ בפירוש ביי עמעצן פון זייערע ווייטע, אָדער נאָענטע פאָרגייער, אַ טעמע, זענען דערמיט נישט געוואָרן קיין קלענערע קינסטלער, האָבן גאָרנישט פאַרלוירן פון זייער אייגענער אינדיווידואַליטעט. דער באַרימטער יידיש־דענישער קריטיקער, געאָרג בראַנדעס, האָט אין זיין גרויסן ווערק אָפּגעגעבן פיל אָרט די קעגנזייטיקע איינפלוסן ביי די מייסטער פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור.

דער יונגער מחבר פון „דעם לעצטן פון די למדוואָוניקעס“ האָט זיין ווערק געבויט אויף יידישער טראַדיציע, אויף פאָלקלאָר, לעגענדע. ער האָט געקאָנט באַאיינפלוסט זיין פון געוויסע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און אין דער ערשטער ריי פונעם זיידן מענדעלע. דאָ האַנדלט זיך נישט, פאַרשטייט זיך, אין אַ צענדליק שורות, וואָס באַשרייבן אַ טראַדיציאָנעל יידישן מאָלצייט, אין וועלכע פאַרינאָ, דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „אַר“ האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אין עטלעכע אַנדערע „זינד“, וואָס שטאַמען פון נישט קיין געלונגענער אַדאַפּטירונג פון דאָקומענטאַציע־שטאָף. אין גאַנצן בוך, וואָס פאַרמאָגט 350 זייטן, קאָן מען אָנציילן אַ צענדליק אַזעלכע שורות. מענדעלעס איינפלוס וואָלט דער געניטער לייענער געקאָנט דערפילן גאָר אויף אַן אַנדער פלאַך: דאָס איז דאָס יידישע שטעטל, דער ברייטער עפּישער אָטעם און אויך די סאַטירע. און אויב מיר האַלטן שוין ביי יידישער ליטעראַטור־טראַדיציע, וואָלט איך ריזיקירט צו דערמאָנען נאָך אַ מאָמענט: אין דער יידישער ליטעראַטור

האָט דאָס קינד פֿאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעען אָרט. שלום־עליכם האָט דורכן קינד אויסגעדריקט דאָס שענסטע און דערהויבנסטע. „דאָס קינד שטאַמט פֿון מענטש, יאָ... פּונקט אַזוי, ווי דער מענטש שטאַמט אָפּ פֿון דער מאַלפּע“ — זאָגט דער נאָבעלער דײַטשישער לערער קרעמער. צי אַנדרע שוואַרץ־באַרט האָט זיך דאָ יאָ אָדער נישט אינספּירירט מיט דער־אָ ליטעראַטור־טראַדיציע, איז דאָ נישט אַזוי וויכטיק. וויכטיק איז דאָ פֿעסטצושטעלן, אַז דער מחבר פֿון „דעם לעצטן פֿון די למדוואָוניקעס“ האָט מיט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט זיך געלאָזט אויף די שפּורן פֿון די ייִדישע קלאַסיקער.

עס וואָלט אונדז צו ווײַט פֿאַרפֿירט, ווען מיר וואָלטן אויסגערעכנט אַלע געמיינזאַמע פּעדעס, וואָס בינדן דאָס בוך, געשריבן אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, מיט ייִדישער קולטור־טראַדיציע. און ווי אין יעדן קונסט־ווערק שטערט נישט דער טיפֿער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט צו זײַן אוניווערסאַל, פֿאַרקערט. אויף דער אָפּשאַצונג פֿון בײַזוויליקע און קליינקעפּלדיקע פֿערזאָנען, אַז ס'איז אַ פֿרעמד בוך אין דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור, קאָן מען ענטפֿערן, אַז „דער לעצטער פֿון די למדוואָוניקעס“ פֿאַרנעמט אַזאַ אָרט אין דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור, ווי די לייוונטן פֿון אַ מאָדיליאַני, אַ סוטין, אַ קאַרס, אַ שאַגאַל פֿאַרנעמען אין דער פֿראַנצויזישער פּלאַסטישער קונסט.

*   *
*

דער לאַנגער אַרײַנפֿיר צו דער אייגנטלעכער אָפּהאַנדלונג קאָן זײַן באַרעכטיקט דערמיט, וואָס דער ייִדישער לייענער, נישט האָבנדיק נאָך די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן ווערק גופֿא, קאָן שווין פֿון דער פּרעסע די געשעענישן אַרום אים. פֿון דעם אויבן געזאָגטן איז אָבער נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ נישט געוויינלעך בוך. „דער לעצטער פֿון די למדוואָוניקעס“ איז די געשיכטע פֿון ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע און אין דעם זין איז דאָס אַ היסטאָרישער ראָמאַן. ער איז אָבער גלײַכצײַטיק אַ זיטן־ראָמאַן, אַ נאַציאָנאַלע עפּאָפּייע, אַ פֿאָלקס־עפּאָס, אַ בייסיקע סאַטירע און דער עיקר, אַ מעכטיקער באַשולדיקונגס־אַקט, אַ באַשולדיקונגס־אַקט נישט נאָר קעגן די רציחות פֿון פֿינצטערן מיטלאַלטער און קעגן די הײַנטצײַטיקע היטלעריסטישע אינקוויזיציעס, נאָר אויך קעגן

די דעמאָקראַטישע מלוכות, וועלכע האָבן פאַררינגלט טיר און טויער פאַר די אַנטלאָפענע קרבנות פון היטלער־גיהנום, בעת זיי האָבן זיך נאָך געקאָנט ראַטעווען.

די ראַמען פון אַ שקיץ זענען צו ענג צו ווייזן די ברייטע היסטאָרישע פּאַנאָראַמע, דעם אָפּגרונט פון מענטשלעכע לײַדן, די טיפקייט פון דראַמאַטישער שפּאַנונג. איבעריקנס איז נישט לײַכט צו מעסטן אַזאַ בוך מיט אַ פּשוטער ליטעראַרישער מאָס, דאָ איז קאָנדענסירטע מענטשלעכע פּײַן, העכסטע מענטשלעכע דערהויבנקייט אין אָנבליק פון ווילדער רציחה און נידעריקסטער מאָראַלישער געפאַלנקייט. איז דען פאַראַן אַזאַ מאָס צו מעסטן דעם אַנגסט און פּײַן פון יידישע קינדער אין די פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען אָדער אין גאַז־קאַמער?

* *
*

ווי באַקאַנט האָט דאָס בוך איבערגעשטיגן דעם פאַרמעסט פון מחבר. אין 4 יאָר זענען געבוירן געוואָרן עטלעכע ווערסיעס. דער ראָמאַן האָט פון אָנהייב געזאָלט זײַן די געשיכטע פון אַ יידישער משפּחה אין דײַטשלאַנד בעת דער היטלער־הערשאַפט. שוואַרץ־באַרט האָט זײַנע פּערסאָנאַזשן געזאָלט דערפירן ביז די טויערן פון דראַנסי. אין לאַנגער גופא האָט ער פון אָנהייב נישט געטראַכט אָדער — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — נישט געוואַגט אַרײַנצודרינגען. דערפירט האָט ער זיי אָבער — און כ'וואָלט געזאָגט: באַגלייט זיי — אין גאַז־קאַמער אין אוישוויץ. דער מחבר איז אויך אין פאַרלויף פון זײַן אַרבעט געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז כדי צו פאַרשטיין ווי געהעריק די פּסיכיק פון די פּערסאָנאַזשן, מוז ער זיך איבערטראָגן אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט, אין די צײַטן פון די מיטלאַלטערלעכע פאַרפאָלגונגען און רדיפות. „אַ ביאָגראַפיע פון מײַן פרײַנד ערני לעווי — לייענען מיר אויף דער ערשטער זײַט — וואָלט זיך גוט אַרײַנגעפּאַסט אין צווייטן קוואַרטל פון XX יאָרהונדערט; די אמתע געשיכטע אָבער פון ערני לעווי הייבט זיך אָן אַ סך פריער, אַרום יאָר טויזנט פון אונדזער ערע..."

אַנדרע שוואַרץ־באַרט האָט גענומען צוהילף אַלס קינסטלערישן אויסדרוק־מיטל די לעגענדע. און די ווײַטע געשיכטלעכע פּאַנאָראַמע, דער היסטאָרישער לייוונט איז געוועבט מיט אַלטע כראָניקעס; אין פלוג דוכט זיך

אייך, אז דער היסטאָרישער הינטערגרונט צוימט דאָ עטוואָס די דינאַמיק פון ראָמאַן. איר איבערצייגט זיך אָבער באַלד, אַז די עטלעכע צוואַנציק זייטן כראָניק זענען ווי אַ לעבעדיקער קוואַל, פון וועלכן דער ראָמאַן פליסט ארויס ספּאָנטאַן, ווי א מעכטיקער טייך, וואָס רייסט אַלץ מיט זיך אין זיין לויפנדיקן שטראָם. וואָלט מען געקאָנט מענטשלעכע שאַפונג פאַרגלייכן צו נאַטור־עלעמענטן, וואָלט איך שוואַרץ־באַרטס בוך פאַרגליכן נאָר צו אַזאַ שטראָמענדיקן, מעכטיקן טייך.

דער אויסגאַנג־פּונקט איז אַלזאָ די לעגענדע: די וועלט שפּאַרט זיך אָן — האָבן אונדז דאָך אונדזערע באָבעס דערציילט — אויף 36 צדיקים אָדער למדוואָוניקעס, פון וועלכע יעדערער נעמט אויף זיך די ליידן פון דער מענטשהייט. דורך א לאַנגער קייט פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע, וואָס ציט זיך דורך דורות און יאָרהונדערטער, אָנהייבנדיק פון די קרייץ־צוגן ביז די היטלעריסטישע גאַז־קאַמערן, דערשיינט פאַר אונדז דער יידישער גורל אין זיין גאַנצן טראַגיזם פון היסטאָרישער קאָנטינואיטעט. „דורך משונהדיקע וועגן האָבן די אמאָליקע פּראָצעסיעס בעת די אויטאָדאפעס געפירט צו די קרעמאטאָריעס" — שרייבט דער מחבר. לעגענדע אוןווירקלעכקייט פלעכטן זיך צוזאַמען, דאָס טיף נאָבעלע און דערהויבענע פון דער לעגענדע און דאָס שוידערלעכע פון דער ווירקלעכקייט: דער יונגער מאַרטירער ערני לעווי, דער לעצטער פון די למדוואָוניקעס, „וועלכער איז אומגעקומען 6 מיליאָן מאָל" גייט דורך אַלס קינד אַלע פּייניקונגען און דערנידערונגען אין היטלעריסטישן דייטשלאַנד, אין אָקופּירטן פראַנקרייך, לאָזט זיך אין די צייטן פון טויט פון מאַרסיליע קיין פּאַריז, טוט אָן מיט זיין אייגענעם ווילן די געלע לאַטע, מיט זיין אייגענעם ווילן גיט ער זיך אליין איבער אין דראַנסי, טרעט נישט אָפּ פון טויער ביז מען נעמט אים אריין אין לאַגער, ווו ער ווערט אוממענטשלעך געפּייניקט, צעקאַליעטשעט. פון זיין אייגענעם ווילן באַגלייט ער לסוף די יידישע קינדער אויף זייער לעצטן וועג קיין אוישוויץ, דערוואַרעמט זייערע פאַרפרוירענע גלידער, העלפט זיי איבערטראָגן די ליידן און דערנאָך העלפט ער זיי שטאַרבן. ער שטאַרבט דער לעצטער אין גאַז־קאַמער, פּונקט אַזוי, ווי ס'איז דעם 11 מערץ 1185 דער לעצטער געשטאָרבן אין ענגלישן יאָרק אין א באַלאַגער־טער געביידע דער למדוואָוניק רבי יום־טוב לעווי.

איז דאָס פאַטאַליזם פון יידישן גורל? אין דעם טראַגישן געשיכט־לעכן המשך קאָן טאַקע דער לייענער אויסגעפינען א מין פאַטאַליזם. פאַר סימבאָליש קאָן ער אויך באַטראַכטן דעם טויט פון לעצטן למדוואָוניק.

זאָל דאָס הייסן, אַז ס'איז פאַרשווּנדן די לעצטע האָפענונג, די לעצטע זונשטראַלן, וואָס האָבן דערוואַרעמט און באַלויכטן די געדרוקטע און פאַרפּייניקטע? מ'דאַרף זיך אויסהיטן צו מאַכן אַזעלכע אויספירן. נישט דאָס איז, דוכט מיר, דעם מחברס געדאַנק. נישט דער געשיכטלעכער אַנאַליז, מיט וועלכן מ'קאָן יאָ אָדער נישט מסכים זיין, נישט קיין אַנדייטונג פון אַזאַ אָדער אַנדער סימבאָל איז דאָ די הויפּטזאַך, נאָר דאָס פאַנאַנדערשפּרייטן די היסטאָרישע דראַמע גופא, די הויפּט=זאַך איז דאָ דער באַשולדיקונגס=אַקט, וואָס וועקט דאָס וועלט=געוויסן, וואָס מאָנט און פאָדערט רעכענונג. אין דעם זין איז געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס בוך איז פאַר אונדז מער ווי אַ ליטעראַרישע געשעעניש. און דער באַשולדיקונגס=אַקט, דער היסטאָרישער דאָקומענט איז דאָ ווי זעלטן אַנדערש=ווו מעכטיק, אויפטרייסלענדיק, דערשיטערנדיק. די קראַפט פון שוואַרץ=באַרט איז נישט אַזוי די באַשרייבערישקייט. ווי דאָס אַריינדרינגען אין דער פּסיכיק פון די פּערסאָנאַזשן. נישט אַזוי דאָס מאָלן דעם לאַגער, דעם לעצטן וועג, די גאַז=קאַמער, ווי דאָס ווייזן אונדז דאָס טראַכטן און פילן פון די געפּייניקטע.

מ'קאָן פאַרשידנאַרטיק אויסטייטשן די איידעלע געשטאַלט פון יונגן ערני לעווי, זיין אינגערלעכן געהיימען באַרוף צו טראָגן הילף די ליידנדיקע, זיין מיסטעריעזע שליחות קעגן בייז, זיין איבערגעבן זיך מיטן אייגענעם ווילן אין די הענט פון די הענקער. אייגנטלעך האָט ער דאָך געוואָלט אין דראַנסי אָפּזוכן זיין גאָלדעלע און טיילן איר גורל. גאָלדעלע האָט אים דען פריער נישט געהאַט געזאָגט: „...דו ווייסט, מיר זענען אַלע פאַרמשפּט צום טויט". דאָס האָט שוין נישט צו טאָן מיט זיין מיסטישער נאַטור. אָפּגעזען אָבער פון דעם אַלעמען קומט אין ערני לעוויס האַלטונג צום אויסדרוק דער טיפסטער טראַגיזם, די העכסטע דראַמאַטישע שפּאַנונג. ווייל טראַגישקייט נעמט אָן די בולטסטע און שאַרפסטע אַספּעקטן נישט נאָר, ווען דער מענטש ווערט געטריבן אוממיטלבאַר צום אומגליק, נאָר ווען ער ווילט זיין אומגליק אַליין אויס, ווייל אַנדערש קאָן ער נישט האַנדלען. אַזוי האָבן אַלע מאָל אַרויסגעבראַכט דאָס טראַגישע די גרויסע מייסטער אין דער ליטעראַטור. ס'איז שווער צו זאָגן מיט וואָס דער מחבר פון „לעצטן למדוואָווניק" האָט זיך גערעכנט. כ'בין נישט אויסן עפּעס וואָס אים צוצושרייבן. איינס זעט מיר אויס צו זיין זיכער, אַז ערניס זיך איבערגעבן אַליין אין די נעגל פון טויט, ווייל אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט — און דער מחבר דערמאָנט, אַז דאָס איז נישט קיין איינצלפאַל און דאָס זעלבע האָבן געוויזן פיל אָנגעזעענע פּוילישע שרייבער, וועלכע

האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם יידישן חורבן — דריקט דאָ אויס די טיפסטע טראַגיק סיי פונעם יחיד, סיי פון דער עדה.

ערגי איז די אינערלעכע צעריסנקייט, אונדזער צעריסנקייט. „ערגי לעווי, וועלכער איז אומגעקומען זעקס מיליאָן מאָל, לעבט ערגעץ, כ׳ווייס נישט ווו“. מיר דוכט, אז צווישן אונדז גופא, אין אונדז גופא.

*　　*

*

מ׳האָט פאָרגעוואָרפן דעם מחבר, אז ער האָט ארויסגעבראכט בלויז דעם מאָראַלישן ווידערשטאנד פון די קרבנות און נישט זייער אקטיוון ווידערשטאנד. דאָס איז אמת. דער מחבר שטעלט קעגן דער קראפט פון אכזריות בלויז דעם מאָראַלישן כוח און פּאַסיוון ווידערשטאַנד. ערגי האָט אָפּט געטראכט צוצוטרעטן צום אקטיוון קאמף קעגן דער היטלעריסטישער בעסטיע, ער האָט אָבער בעסער אויסגעוויילט דעם גרויזאַמען טויט צוזאמען מיט די זייניקע, איידער „א לוקסוס־טויט אין קאמף“. קאָן מען פארשטייט זיך נישט מסכים זיין דערמיט — דערביי איז כדאי צו דערמאָנען, אז דער מחבר גופא, האָט אלס גאנץ יונגער בחור יאָ אָנטיילגענומען אין פּראנצויזישן ווידערשטאַנד. פאראן נאָך אנדערע מאָמענטן אין בוך, מיט וועלכע דער לייענער קאָן אפשר נישט מסכים זיין. צי מוז מען אָבער מיט אַלעם מסכים זיין? די אַט־פראַגע קומט מיר, אגב, אויס אָפט איבערצוחזרן. אַן אַבסורד איז צו מיינען, אַז אַ גוט בוך אָדער אַן אַנדער קונסט־ווערק דאַרף אַלעמען גלייך געפעלן. די גרויסקייט פון אַ ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס עס רופט אַרויס אין אונדז די פּ אַ ר ש י י ד נ ס ט ע אָפּקלאַנגען, וואָס רירט אָן פּ אַ ר ש י י ד נ אַ ר ט י ק ע סטרונעס פון אונדזער האַרץ און מוח. ס׳איז נישט שייך צו פרעגן דעם מחבר, ווי ס׳האָט דאָס ווער געטאָן, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרשלאָסן בלויז אין ווייטיק. ווען אַ בוך איז געשריבן מיטן בלוט פון האַרץ, ווען פון יעדן בלעטל שרייט אַרויס דער פּיין פון מיליאָנען, ווען אַ הייסער אָטעם באַהויכט אַ ווערק, איז נישט שייך צו פרעגן פאַרוואָס, מחבר, האָסטו אויך נישט געשריבן וועגן דעם און יענעם. אַ צווייטער מחבר וועט אַרויסברענגען דעם ווידערשטאַנד און וועט פאַרזען אַן אַנדער וויכטיקן אַספּעקט. און ס׳וועט אויך נישט פאַרמינערן דעם ווערט פון ווערק, אויב

ס'וועט גאָר אָטעמען מיט אַן אינערלעכן לעבן, מיט היסטאָרישער, פּסיכאָלאָגישער און קינסטלערישער אמתדיקייט.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף איין אַספּעקט פון בוך, אויף דעם, נעמלעך, וואָס בילדעט די אַקט. דאָס יידישע שטעטל — זעמיאַטיצק — א רעאַלס אָדער א קרעאירטס, דורך דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע, אָבער וואָס האָט זיך געפונען אין פּוילן, ערגעץ־ווו אין ביאַליסטאָקער געגנט; דאָס פּוילישע יידנטום, וואָס האָט ווי א פּיל פאַרצווייגטער בוים איבערגעפלאַנצט זיינע שפּראָצונגען איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, פאַרנעמען אין בוך אַ היפּש אָרט. אַן אַ שיעור בילדער, סיטואַציעס, אידילישע און טראַגישע פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן.

מ'וואָלט געדאַרפט באַזונדער זיך אָפּשטעלן אויף דעם יידישן קינד, זיין דראַמע אין דער היטלעריסטישער שול, וואָס שוואַרץ־באַרט האָט ווי קיינער ביז אים נישט געשילדערט. דורכן קינד און נעמלעך דורכן דייטשישן קינד, האָט אויך דער מחבר געוויזן דאָס אָפּטויטן אין וואָרצל דאָס מענטשלעכע אין מענטש. דערשיטערנדיק זענען די בלעטלעך, וואָס שילדערן די היטלעריסטישע דערציונג, די באַציונגען צווישן דייטשישע און יידישע קינדער און לסוף דאָס גערודפטע יידישע קינד.

מ'דאַרף צום סוף דערמאָנען דעם דיכטערישן צויבער, מיט וועלכן דאָס בוך איז באַהויכט. אַנדרע שוואַרץ־באַרט איז, ווי שוין געזאָגט, אַ שרייבער מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל. ער איז אי עפּיקער, אי ליריקער. ער איז אַ דיכטער אין פּראָזע.

מען וואָלט געקאָנט נאָך פיל שרייבן וועגן דעם נישט געוויינלעכן בוך. מיר וועלן זיך אָבער באַגרענעצן צו זאָגן ביים סוף, אַז „דער לעצטער פון די למדוואָוניקעס“ אין יידיש, וועט זיכער אין יעדער יידישער שטוב פאַרנעמען אַזאַ אָרט, ווי עס פלעגט אַמאָל ביי אונדזערע עלטערן פאַרנעמען אַ הייליק ספר.

* *
*

סאמועל סאַנדויער האָט אָפּגעדרוקט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַרישער שריפט „נוועל ליטערער“ אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג איבער דעם בוך און ווי זיין שטייגער דורכגעפירט איבער דעם אַ „בעמישע“ עקספּערטיזע. איז נישט דאָ דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן איבער אַלע פאַרוורפן.

איין פּאָרוואורף וועלן מיר יאָ דערמאָנען, און נעמלעך, אז שווארץ⸗בארט
האָט נישט פּינקטלעך איבערגעגעבן די סיטואציע אין גאז⸗קאמער אין
אוישוויץ. לויט סאַנדויערן קומט אוים, אַז דער גאַז האָט אַזוי שנעל גע⸗
ווירקט, אז די יידן האָבן נישט געהאט קיין צייט עטוואָס א טראכט צו טאָן.
איז וואָס שייך דעם עצם⸗ענין איז קיינער פון אונדז אין גאז⸗קאמער נישט
געווען. ס'איז אָבער צו שטוינען ווי אַזוי אַזאַ ערנסטער קריטיקער פאָדערט
אַזאַ פּינקטלעכקייט פון אַ שרייבער. צי ווייסט נישט סאַנדויער, אַז דעם
שרייבער פאַרפליכטעט נישט קיין היסטאָרישע פּינקטלעכקייט בכלל און
פּינקטלעכקייט אין אזא פאל בפרט? אז ער קאָן האָבן אין אזא פאל אן
אייגענע וויזיע? ווען סאנדויער וואָלט אפילו גערעכט געווען מיט זיין
פּינקטלעכע אויסרעכענונג אין גאַז⸗קאַמער האָט עס דען אַ באַדייטונג?
נישט די „פּינקטלעכקייט“ איז דאָ וויכטיק, נאָר טאקע די אלגעמיינע גרויל⸗
וויזיע, דער באשולדיקונגס⸗אקט, וואָס וועקט דאָס מענטשלעכע געוויסן. ווי
נישט וועזנטלעך איז דער פאָרוואורף וועגן נישט „פּינקטלעכקייט“ אין גאז⸗
קאַמער באַגרייפט מען נאָך מער איצט, ווען די אָנהענגער פון די זעלבע
גאַז⸗קאַמערן און די דראַנסים קאָנען אין מערב⸗דייטשלאַנד און אין אַנ⸗
דערע לענדער ווידער צעפירן די הענט.

דער מענטש־אויטאָמאַט — אַ וואָרענונג

(אויפן ראַנד פון ראָבער מערלס בוך
„מיין באַשעפטיקונג איז טויטן")

ווי אַזוי געשעט עס, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען פאַראורזאַכן די גרויזאמסטע פייניקונגען זיינע מיטמענטשן? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז א מענטש זאָל קאָנען אָן אַ צאַפּל פון זיין געוויסן פאַרטיליקן מענטשלעכע לעבנס, פארפייניקן פרויען, קינדער, אלטע און קראנקע? ווי אזוי געשעט עס, אז א נאָרמאלער מענטש זאָל פארוואנדלט ווערן אין א ווילדער בעסטיע?

אָט די פראַגן זענען אומאויפהערלעך אויפגעשווומען נאָך דער שוואַרצער היטלעריסטישער נאכט. היינט נאָך, ווען מען לייענט אָדער הערט דערציילן וועגן אוישוויץ אָדער אנדערע פייניקונגס־ און מאָרד־ערטער, הויבט אָן עקבערן דער זעלבער גדאנק. געוויינלעך איז דער היטלעריסטישער פארברעכער דערשינען אין אונדזער פאָרשטעלונג, ווי א בלוטדורשטיקער סאַדיסט, כמעט ווי א פסיכאָפּאט. צי קאָן מען אָבער דערמיט דערקלערן אַזאַ מאָנסטרועלע דערשיינונג, ווען צענדליקער טויזנטער מענטשן ווערן פארוואנדלט אין תליינים? וועגן היטלערן האָט זיך געהאט פארשפרייט א מיינונג, אז ער איז געווען אומנאָרמאל, א משוגענער. געוויסע פילם־רעזשיסאָרן האָבן אים טאקע ווי אזעלכן ארויסגעבראכט אויפן עקראַן. וועגן פיל אנדערע בלוטיקע הערשער האָט מען אויך גזאָגט, אז זיי זענען געווען פסיכאָפּאטן. איז קיין ספק נישטאָ, אז געוויסע אומנאָרמאַלע מענטשן האָבן אין פאַרשידענע פעריאָדן געקאָנט ווערן הערשער איבער פעלקער און לענדער, ס'קאָן געשען, אז א תלין זאָל האָבן איינגעבוירענע נייגונגען פאר אזא בארוף. די נאטור האָט פארשידענע אנאָמאליעס. די קרימינאליסטיק און פסיכיאטריע ווייסן וועגן אזא קרענק, וואָס הייסט סאדיזם, אָדער בעסטיאלישקייט. ווי אזוי אָבער דערקלערן אזא קרענק, ווען זי ווערט א מאסן־דערשיינונג? האָבן דאָך צענדליקער טויזנ=

טער דייטשן זיך פֿאַרוואַנדלט אין בעסטיעס און מיליאָנען אַנדערע האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דער בעסטיאַליטעט.

דאָ נישט לאַנג זענען ביי אונדז דערשינען די זכרונות און בריוו, וואָס רודאָלף העס, דער קאָמענדאַנט פֿון אוישוויץ, האָט אָנגעשריבן אין זיין תפיסה־קאַמער אין קראָקע. דר. סטאַניסלאַוו פּיאָטראָווסקי, פֿאַרשטעלנדיק פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט דעם דאָזיקן דאָקומענט, שרייבט, אַז „דאָס מאָרדן יידישע פֿרויען און קינדער בלייבט אַ פּסיכאָלאָגיש רעטעניש, וואָס דאַרף געלייזט ווערן דורך ספּעציאַליסטן, וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט דעם געביט וויסנשאַפֿט“.

דער באַקאַנטער פֿראַנצויזישער שרייבער ראָבער מערל, האָט זיך פֿאַרטאָמט צו לייזן דאָס דאָזיקע רעטעניש. אין זיין אויסטרייסלנדיק בוך „מיין באַשעפֿטיקונג איז טויטן“, פּרוּווט ער צו דערגרונטעווען זיך צו דער פּסיכיק פֿון היטלעריסטישן מאַסן־מערדער און צו געבן אַן ענטפֿער אויף די אויבן אַרויסגערוקטע פֿראַגן.

אַלס העלד פֿון זיין ראָמאַן, אַ זעלטענער אין זיין מין, האָט מערל גענומען איינעם פֿון צווישן די גרעסטע מאַסן־מערדער, טאַקע דעם קאָמענדאַנט פֿון אוישוויצער לאַגער. אונטערן געענדערטן נאָמען דערקענען מיר גלייך רודאָלף העסן. ס'איז אויך נישט שווער צו דערקענען, אַז דאָס בוך שטיצט זיך הויפּטזעכלעך אויף זיינע זכרונות, נאָטיצן און בריוו, געשריבן אין תפיסה, האַרט פֿאַר זיין עקזעקוציע. דער מחבר האָט אויך געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע מאַטעריאַלן, וועלכע זענען ביז היינטיקן טאָג נישט באַקאַנט. דאָ נישט לאַנג האָט ראָבער מערל פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט אין דער ליטעראַרישער שריפֿט „לע לעטר פֿראַנסעז“, ווו ער דערציילט וועגן איינציקן לעבן־געבליבענעם עדות פֿון די אוישוויצער קרעמאַטאָריעס. עס האַנדלט זיך וועגן אַ יידיש־אונגאַרישן דאָקטער מיטן נאָמען נישלי, וועלכער האָט געאַרבעט 9 חדשים אין דער קרעמאַטאָריע 1. נישלי האָט פֿאַרפֿיקסירט אויפֿן פּאַפּיר אַלץ, וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט, און מערל דריקט אויס זיין פֿאַרוווּנדערונג, וואָס אַזאַ מאַטעריאַל איז ביז היינטיקן טאָג נישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן — בלויז געוויסע פֿראַגמענטן זענען געווען געדרוקט אין סאַרטרס צייטונג „טאַן מאָדערן“*. דאָבער מערל האָט זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיטן איינ=

* מיר דערוויסן זיך, אַז נישלים זכרונות זענען לעצטנס דערשינען אין פֿראַנקרייך.

ציקן לעבנגעבליבענעם עדות פון די קרעמאַטאָריעס, וועלכער האָט אים צוגעשטעלט פיל איינצלהייטן וועגן אוישוויצער גיהנום.

אַדאַנק גישליס מאַטעריאַלן איז דעם מחבר געלונגען אַרויסצוברענגען אין „מיין באַשעפטיקונג איז טויטן" דעם גאַנצן שוידער און גרויל פון אוישוויץ, צו ווייזן אַלע שרויפן און שרייפעלעך פון דער גיגאַנטישער טויטן=פאַבריק. צום ערשטן מאָל, אויב כ'האָב קיין טעות נישט, דערוויסן מיר זיך געוויסע, גענויע פרטים וועגן אויפשטאַנד פון דער זאָנדער=קאָמאַנדע אין די אוישוויצער קרעמאַטאָריעס. מיר דערוויסן זיך דאָ אויך פרטים וועגן מערערע בונטן אין טרעבלינקער לאַגער, סיי קאָלעקטיווע, סיי פון יחידים, איבערהויפט פון פרויען ווייל, דאָס בוך „מיין באַשעפטיקונג איז טויטן" איז נישט שייך בלויז אוישוויץ. דאָס איז אַ בוך וועגן דער יידן=אויסראָטונג בכלל. דער מחבר נעמט דיך פאַרן האַנט און פירט פון איין גיהנום אין צווייטן. און פרוווסטו צומאַכן די אויגן — צווינגט ער דיך די אויגן צו עפענען, צו קוקן און פאַרגעדענקען און קיינמאָל נישט פאַרגעסן. לסוף פירט ער דיך אַריין אין די אוישוויצער קרעמאַטאָריעס און רופט צו דיר: זע, פאַרגעדענק, וואָס דער מענטש קאָן פעיק זיין אָפצוטאָן!

וועט אפשר עמעצער פרעגן: צוואָס? האָבן מיר זיך דען ווייניק אָנגעלייענט און אָנגעהערט וועגן די אַלע שוידערלעכקייטן? ווייסן מיר דען נישט דאָס אַליין?

ווייזט זיך אָבער יעדעס מאָל אַרויס, אַז מיר ווייסן נאָך נישט אַלץ. און אויך וועגן דעם, וואָס מיר ווייסן שוין שרייבט ראָבער מערל אַנדערש, ווי מען שטעלט זיך דאָס אָפטמאָל פאָר. „מיין באַשעפטיקונג איז טויטן" איז אין דעם מין ליטעראַטור אַן אוניקום און צווינגט יעדערן נאָכצוטראַכטן, צו קוקן אַרום זיך און אויך צו מאַכן אַן אייגענעם חשבון.

אַן עכטער שרייבער, אַ שרייבער אַ דענקער, אַ הומאַניסט, איז קודם אַן עמפינדלעכער פסיכאָלאָג. האָט ראָבער מערל זיך אַראָפּגעלאָזט אין די לאַבירינטן פון דער פסיכיק פונעם מאַסן=מערדער, כדי זיך צו דערגרונטעווען צו די קערנדלעך, וועלכע געבוירן דאָס געפערלעכע געוויקס. מ'קאָן זאָגן, אַז מערל קריכט אַריין אין דער הויט פון היטלעריסטישן פאַרברעכער. דערפאַר אפשר האָט ער אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע פאָרם פאַר זיין ראָמאַן, די פאָרם פון פערזענלעכע דערינערונגען. דער העלד פון בוך רודאָלף לאַנג=העס דערציילט וועגן זיך, וועגן זיין לעבן, זיין דערציונג, זיינע משפּחה=באַציונגען און וועגן זיין אויפגאַבע אויסצוראָטן די יידן. און פון תהום פון פאַרברעכנס, פון נישט געאַנטע פייניקונגען, פון צווישן

די שטויסן פאַרגאַזטע און פאַרברענטע לעבנס, הויבט זיך ארויס דער מענטש, וועלכער האָט דאָס אלץ פאַראורזאַכט.

וואָס איז ער? אַ געבוירענער סאַדיסט? אַ פּסיכאָפּאַט? אַ מאָנסטער? ניין — פאַרזיכערט אונדז ראָבער מערל — דער דאָזיקער מערדער פון מיליאָנען איז א נאָרמאַלער, געלאַסענער, רואיקער, דורכשניטלעכער דייטש. ער האָט ליב קינדער און חיות און פלעגט נישט פאַרטראָגן צו גיין אויף יאַגד... מען האָט געמאַכט פון אים א פאַרברעכער, און מען האָט געקאָנט מאַכן פון אים א פאַרברעכער, ווייל די, וועמען ער איז אונטערגעאָרדנט געווען איז געלונגען אים צו פאַרוואַנדלען אין א מענטשלעכן אויטאָמאַט.

ראָבער מערל פירט אונדז אַריין אין לעבן פון לאַנג-העס זינט זיין יינגסטן עלטער. אין הויז פון זיינע עלטערן הערשט א קאַזאַרמע-דיסציפּלין. זיין פאַנאַטיש-קאַטוילישער פאָטער, אַן אָפיציר פון דער דייטשישער קאָלאָניאַלער אַרמיי אין אַפריקע, דערציט אים אין אומבאַגרענעצטער געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניקייט. פון קינדוויז אָן זאַפּט ער איין אין זיך דעם שאָוויניסטיש-ראַסיסטישן סם. בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה שלאָגט ער זיך אַלס 16-יעריקער פרייוויליקער אויפן פּאַלעסטינער פראָנט, געוויינט זיך ביסלעכוויז צו צו בלוט, צו גלייכגילטיקייט פאַר מענטשלעכע ליידן. שפּעטער דינט ער אין א ספּעציעלן טעראָר-קאָרפּוס, וועלכער ווערט געוואָרפן אומעטום, וווּ מען דאַרף אין בלוט דערשטיקן אַ רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון די אַרבעטנדיקע. שטופנווייז ווערט ער רייף פאַר א מיטגליד אין היטלערס נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און ערשט דאָ באַקומט ער די אמתע עדוקאַציע צו טויטן.

און וואָס באַשטייט זי?

קודם אין אַטראָפירן די מענטשלעכע געפילן, אין אָפּטויטן די עמפּינדלעכקייט מיטצופילן מיט א צווייטן מענטש, אין אויסוואָרצלען דאָס עלעמענטאַרע געפיל פון רחמנות. מענטשלעכע געפילן זענען נאַרישע סענטימענטן, העכער פון דעם אַלעמען איז דער ציל-מיטאָס, וואָס הייליקט אַלע מיטלען.

איז ווי דערלאָזט דערצו דער עלעמענטאַרער שכל? דערשטיקט מען טאַקע גלייכצייטיק דעם שכל, דאָס זעלבשטענדיקע טראַכטן, דאָס קריטישע באַנעמען און אַנאַליזירן. דער מיטאָס וועגן ראַסע און בלוט, די לעגענדע וועגן אַז „אַלץ ווייסנדיקער, העכערער פּערזענלעכקייט“, דער בלינדער, פאַנאַטישער גלויבן אין א „פירער“ טעמפּט אָפּ דעם געדאַנק, דער אייגע-

גער מוח איז נישט גוטיק, ער, דער פירער, טראכט פאר אלע, ער ווייסט אַלץ. ווען אַלץ ווערט דערפירט צו אַ מיטאָס, פאַרשווינדט במילא דאָס ראַציאָנעלע דענקען, עס בלייבט דעמלט בלויז א בלינדער גלויבן. אָט דער בלינדער גלויבן און די אייזערנע דיסציפּלין פון דער היטלער־פּאַרטיי, אין וועלכער דער העכסטער געבאָט איז געווען אויספירן באַפעלן, האָט אויס־געפורעמט אַ מענטש־אויטאָמאַט. אַ מענטש־אויטאָמאַט קאָן זיין אַ דאָק־טער, אַ מוזיקער, אפילו אַ געלערנטער, אָבער זיינע געפילן זענען אַטראָ־פירט און טראַכטן טראַכט ער נישט מיט זיין אייגענעם מוח, נאָר מיטן מוח פון זיין „פירער“.

רודאָלף העס איז געווען אַזאַ מענטש־אויטאָמאַט. ער האָט נישט געטראכט, נאָר אויסגעפילט באַפעלן. געטראכט און דעצידירט פאר אים האָט זיין שטורמבאַנפירער הימלער, וועמענס וואָרט און באַשלוס האָבן נישט געקאָנט אונטערליגן קיין שום ספק, קיין שום קריטיק. און ווען הימ־לער האָט אים ארויסגערופן און איבערגעגעבן דעם באשלוס פון היטלערן צו אָרגאַניזירן דעם לאַגער אין אוישוויץ און צו ליקווידירן פולשטענדיק די יידן, האָט זיך רודאָלף לאנג שטייף אויסגעצויגן און בלויז געענטפערט: „יאַוואָל!“. ווען אן אמעריקאנער פּולקאָווניק האָט, בעת א באזוך ביי אים אין תפיסה, געפרעגט אים, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט אויספירן אַזעלכע בעסטיאַלישע באַפעלן, האָט ער רואיק געענטפערט: „מיין אויפגאַבע איז נישט צו טראַכטן, מיין אויפגאַבע איז צו זיין געהאָרכזאַם“.

אין בוך איז פאראן א דיאלאָג צווישן רודאָלף לאנג און זיין פרוי עלזא, וועלכע האָט געטיילט מיט אים זיינע פּאָליטישע איינשטעלונגען, אָ־בער האָט דאָך נישט געקענט געננוי די היטלעריסטישע פּראַקטיק:

— אַלזאָ, דאָס טוסטו מיט זיי? — רופט זי אויס אַ דערשטוינטע, נאָכדעם ווי זי האָט זיך דערוווסט, אז איר מאַן פארגאזט און פארברענט די אינטערנירטע יידן.

— אזא איז דער באַפעל.

— אזא באפעל האָסטו געדארפט אָפּזאָגן אויסצופירן.

— איך בין פשוט נישט פעיק נישט אויסצופירן קיין באַפעל, פאַר־שטייסט? דאָס איז פאר מיר פיזיש נישט מעגלעך.

— וואָלסט אויך דערהרגעט דיין אייגן קינד, ווען מ׳וואָלט דיר אזא באַפעל געגעבן? — פרעגט זי.

— פארשטייט זיך. — ענטפערט ער קעגן זיין ווילן.

איך ווייס ניט צי דער לאַנגער דיאַלאָג, פון וועלכן איך ברענג דאָ עטלעכע זאַצן, פאַרמאָגט אין זיך עפעס אויטענטישעס, הגם דאָס גאַנצע בוך שטיצט זיך אויף אויטענטישע פאַקטן. ווי ס'זאָל ניט זיין האָט מערל דערמיט געוואָלט ווייזן, אַז לאַנג=העס וואָלט פעיק געווען צו פאַרגאַזן און פאַרברענען זיין אייגן קינד, אָדער זיינע נאָענטע, ווען זיינע פירער וואָלטן אים דאָס באַפוילן צו טאָן. ווייל אַזאַ איז די לאָגיק פון דער פּראַקטיק, וועלכע אַטראָפירט ביים מענטשן דעם מוח און האַרץ, ווייל אַזאַ איז די לאָגיק פון עקסטרעמען פאַנאַטיזם, אָן אונטערשיד צי ער איז אַ רעליגיעזער , צי פּאָליטישער.

דער היטלעריזם האָט באַוויזן, אַז מ'קאָן דעם מענטש פולשטענדיק אַנטמענטשלעכן. אוישוויץ האָט באַוויזן, אַז מ'קאָן פאַרוואַנדלען מענטשן אין ווילדע בעסטיעס. אויב לאַנג=העס און צענדליקער טויזנטער אַנדערע דורכשניטלעכע, נאָרמאַלע דייטשן, וועלכע האָבן אָן אַ צאָל פון זייער געוויסן מיט די גרויזאַמסטע מיטלען פאַרניכטעט מענטשלעכע לעבנס, זענען קיין געבוירענע סאַדיסטן, אָדער געבוירענע מערדער ניט געווען, ווי עס איבערצייגט אונדז ראָבער מערל, האָט מען זיי אָבער דערצויגן, אויסטרעסירט צו זייער בעסטיאַלישער פונקציע. לאַנג=העס האָט דורכגעפירט זיין „מלאכה“ אין אוישוויץ און אין אַנדערע לאַגערן — שפעטער איז ער דערהויבן געוואָרן צו דער ראַנג פון הויפּט=פאַראַנטוואָרטלעכן איבער דער אויסראָטונג פון די יידן אין אַלע לאַגערן — פונקט אַזוי, ווי ער וואָלט דורכגעפירט אַן אַנדערע פונקציע, לאָמיר אָננעמען, ווי ער וואָלט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער טראַקטאָרן=פאַבריק. און אין דעם באַשטייט טאַקע די טיפע מענטשלעכע געפאַלנקייט, דער גרויסער באַנקראָט פונעם מענטשלעכן פונק, טיי די גרויסע געפאַר פאַר דער מענטשהייט. אַ באַשטימטער סיסטעם קאָן דעם מענטשן מאָראַליש און גייסטיק פולשטענדיק דעגענערירן, פאַרוואַנדלען אים אין אַ בלינד געצייג, אין אַן אויטאָמאַט. — אָט זעט, דוכט זיך, זאָגט צו אונדז ראָבער מערל, אַזאַ בלינד געצייג, אַן אויטאָמאַט, איז לאַנג=העס, דער מערדער פון קרוב 3 מיליאָן מענטשן.

צי הייסט עס, אַז דער מחבר פון „מיין באַשעפטיקונג איז טויט“ געפינט מילדערע אומשטענדן פאַרן מאַסן=מערדער העס?

בשום אופן ניט, הגם מערל מאַכט ניט קיין שום אויספירן, און אַזוי ווי מען וויל, קאָן מען צו אים דערפאַר האָבן טענות און אפשר באַרעכטיקטע. ראָבער מערל האַלט זיכער, אַז דער שרייבער מוז ניט אַליין צעקייען און אַריינלייגן עס דעם לייענער אין מויל. די קאָנקלוזיע

לאָזט ער פאר אונדז, מיר זאָלן זי אליין מאכן. און קאָן זי דען זיין אַנדערע ווי די, אַז קיין שום דיסציפּלין און קיין שום באַפעל קאָנען נישט באַפרייען פון דער פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דעם, וואָס דער מענטש טוט? אַז קיין שום זאַך קאָן נישט באַפרייען דעם מענטש פון דער פליכט צו טראַכטן מיטן אייגענעם שכל, פון דער פליכט צו האַנדלען אין הסכם מיט זיין אייגענעם געוויסן?

אלע היטלעריסטישע פארברעכער פארטיידיקן זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט באַפעלן. מער האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו זאָגן. די קרימינאַליסטיק — און אויך די ליטעראַטור — ווייסט צו דערציילן אויספירלעכע געשיכטעס פון פאַרברעכער, וועלכע ס'האָט שפּעטער געפרעסן דאָס געוויסן, די חרטה, אַ געפיל פון שולדיקייט. ביז היינט האָט נאָך קיין איין געמשפּטער היטלעריסטישער פארברעכער נישט ארויסגעוויזן דאָס מינדעסטע געפיל פון שולדיקייט. כ'האָב אויף זיין פּראָצעס אָבסערווירט דעם היטלעריסטישן גענעראַל סטראָפּ, וועלכער האָט פּערזענלעך די לעצטע יידן פון ווארשעווער געטאָ. כ'האָב געזוכט אין זיין געזיכט אַן אויסדרוק, אַ צייכן, אַן אָנדייטונג פון אינערלעכער שולדקייט. אומזיסט. זיין שולד האָט ער זיכער געזען אין דעם, וואָס ער האָט פארשפּילט די מלחמה.

מערלס העלד האָט זיך נישט געפילט שולדיק. ער האָט אין תפיסה קאַמער, דערוואַרטנדיק דעם טויט, נישט געפירט קיין שום חשבונות מיט זיך, ער האָט נאָר פעסטגעשטעלט פאקטן פון זיין פאַרגאַנגענהייט, קאַלטבלוטיק, רואיק, אָן אויפטרייסלונגען דערמאָנט זיך און פארצייכנט אלע זיינע גרויזאַמע אויפטוען. צי וואָלט ער זיי איבערגעחזרט, אויב דער באַפעל וואָלט ווידער געקומען? ער וואָלט. ער גיט אונדז קיין שום גרונט נישט צו צווייפלען אין דעם. וויפל זענען זיי אַזעלכע, וועלכע וואָלטן איבערגעחזרט? ס'כאַפּט ארום אַ פחד צו טראַכטן וועגן דעם און נישט טראַכטן וועגן דעם טאָר מען נישט.

ווען מען לייענט די אַפּאָקאַליפּטישע באַשרייבונגען אין ראָבער מערלס בוך, קוקסטו זיך אַרום מיט אַנגסט און בושה. וויפל מאָל האָט מען אונדז געזאָגט, אַז ס'איז שוין צייט צו פארגעסן „די צייטן פון קרעמאַטאָריעס“? וויפל מאָל האָט מען דעם שרייבער אינסטרואירט, אַז ער מוז פארענדיקן מיטן גריבלען זיך אין דער פינצטערער הגם אַזוי נאָענטער פארגאַנגענהייט? און אָט הענגט איבער דער וועלט דאָס געשפּענסט פון נאָך אַ גרויליקערער פארניכטונג — פון דער אַטאָם-פארניכטונג. „דער

מענטש קאָן זיך אַליין איבערשטייגן" — האָט געשריבן ראָבער מערל אין זיין אויבנדערמאָנטער ארבעט. אין נאָבלקייט און שעפערישקייט און אויך אין וואנזיניקער גרויזאמקייט. „מיין באשעפטיקונג איז טויטן" איז א ווארענונג: מ'האָט דעם איינדרוק, ווי ראָבער מערל וואָלט אומאויפהערלעך גערופן צו אונדז: „זעט, צו וואָס פאַר א צוועק מ'קאָן דעם מענטש אויסטרעסירן!"

1957

וועגן זכרונות געשריבענע אין די געטאָס

אין די יאָרן, וואָס טײלן אונדז אָפּ פון דער גרויסער קאטאסטראָפע, זענען דערשינען א היפּשע צאָל זכרונות און טאָג־ביכער געשריבענע אין די געטאָס, אָפטמאָל געשריבענע דורך פּשוטע מענטשן — מענער, פרויען און אויך קינדער. פאראן דערשינענע טאָג־ביכער, וועלכע זענען שוין ברייט באקאנט אין דער וועלט. פאר דער לעצטער צייט האָבן דערשיטערט די טאָג־ביכער פון דוד שעראַקאָוויאַק און דודל רובינאָוויטש. דאָס טאָג־בוך פון דודל רובינאָוויטש איז אין א פארהעלטנישמעסיק קורצער צייט איבערגעזעצט געוואָרן אין מער ווי א צענדליק שפּראכן.

ס'דארף אָבער געזאָגט ווערן, אז דאָס וואָס ס'איז דערשינען ביז איצט, סיי ביי אונדז סיי אין אויסלאַנד, איז א גאָר קליינער טייל פון דעם, וואָס איז אין יענע פינצטערע יאָרן אויפגעשריבן געוואָרן דורך מענטשן, וועלכע האָבן אין שאָטן פון טויט פארפיקסירט אויפן פאפיר דאָס, וואָס זיי האָבן געזען און איבערגעלעבט, כדי די וועלט זאָל זיך דערוויסן דערוועגן. א קליינער טייל פון דעם אויפגעשריבענעם האָט זיך בכלל אָפּגעראטעוועט ד.ה. געבליבן פארשטעקט אין פאַרשידענע לעכער אָדער ביי פּערזאָנען. אַ קליינער טייל פון דעם פאַרשטעקטן איז ביז היינט אָפּגעפונען געוואָרן און בלויז א טייל פון דעם אָפּגעפונענעם איז דערשינען אין דרוק.

ס'איז א באקאנטע זאך, אז אין די געטאָס האָבן מענטשן פיל געשריבן און אַ סך מענטשן האָבן געשריבן. וועגן דעם דערציילט דר' עמנואל רינגעלבלום און וועגן דעם דערציילן פיל אַנדערע עדות. מ'האָט געשריבן אין די שוידערלעכסטע באדינגונגען, אפילו אין די בונקערס און אין די טויט־לאַגערן — ליידער איז פון די ערטער אַמווייניקסטן פאַרבליבן. מענטשן האָבן געשריבן אויס פארשידענע סיבות און גרונטן: איינע האָבן געשריבן מיט א גרויסער מיכיע, פילנדיק אויף זיך א הייליקן חוב אויסצושרייען פאר דער וועלט דעם אומענדלעכן ווייטיק פון די פארפייניקטע און פארטיליקטע, מיטן געהויבענעם ציל צו וועקן דאָס וועלט־געוויסן, צו

וואָרענען און אויך נישט צו דערלאָזן, אז דאָס גרויסע פארברעכן זאָל פארבאָרגן און פארבאַהאַלטן ווערן, ווי דאָס האָבן געוואָלט די היטלעריסטישע רוצחים.

אַנדערע האָבן פשוט געוואָלט אויסגיסן אויפֿן פאפיר דעם צער און צאָרן, וואָס האָבן געפרעסט און צעזעצט דאָס הארץ, טיילן זיך מיט עמעצן, אפילו מיט א פיקטיוון לייענער מיט די שוידערלעכע איבערלעבענישן. אין דער אָנמעכטיקייט און איינזאמקייט איז דאָס שרייבן געווען א מין אראָפּרעדן זיך פון הארץ, כדי ס'זאָל לייכטער ווערן. ס'איז אין דער מענטשלעכער נאטור, ס'איז אן אלגעמיין מענטשלעכע טבע.

אנדערע נאָך האָבן געשריבן, ווייל זיי האָבן געוואָלט עפּעס איבערלאָזן נאָך זיך. גאַנצע משפּחות זענען אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, לעבנס זענען רשעותדיק אָפּגעווישט געוואָרן, מענטשן האָבן געוווסט, אז זיי קומען אום און נישט געוואָלט פאַרשווינדן שפורלאָז. דער מענטש, וועלכער האָט געזאָלט פארטיליקט ווערן, האָט געוואָלט כאָטש לאָזן נאָך זיך א וואָרט, א פארשריבן בלעטל, א פארשריבענעם העפט, ער האָט געוואָלט לאָזן א געדעכעניש, אן אָנדענק נאָך זיך. אויך דאָס ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור, ס'איז טיף מענטשלעך. דער הויפּט מאָטאָר אָבער איז מסתמא געווען דער ווילן אויסצושרייען דאָס פאַרברעכן פאַר דער וועלט.

וועגן די סיבות, וואָס האָבן געשטויסן אין יענע גרויליקע יאָרן צו שרייבן און ווי אזוי מ'האָט געשריבן, וואָלט מען געקאָנט שאפן א גאנץ ווערק, ס'איז איינע פון די פּילצאָליקע טעמעס, וואָס ווארטן נאָך אויסגעפאָרשט און באַארבעט צו ווערן. ניין, נאָך נישט אלץ, ווייט נישט אלץ פון דער אומקום-צייט איז אויסגעפאָרשט און באארבעט געוואָרן.

אַלזאָ, די געטאָ-מענטשן האָבן פיל געשריבן. דוד שעראַקאָוויאַקס טאָגבוך איז נאָר א טייל פון דעם, וואָס דאָס לאָדזשער עמפּיגדלעך, אינטעליגענט יינגל האָט אָנגעשריבן. דער יונגער מחבר דערמאָנט וועגן לידער, וועגן א שאַפונג א.ד.ט. „קאָשמאַרן פון אַ פון הונגער גוססדיקן מענטשן“, וואָס זענען צו אונדז נישט דערגאנגען. אויף איין אָרט דערמאָנט שעראַקאָוויאַק, אז ער האָט זיך באקענט מיט א געוויסן דר' פרעד גאָלדשמידט, אַ פּראָקוראָר פון ביעלסק — ס'איז באקאנט, אז אין לאָדזשער געטאָ האָבן די דייטשן געבראכט יידישע אינטעלעקטועלע פון פארשידענע געגנטן און לענדער — א געשוואָלענעם שוין פון הונגער, וועלכער האָט אָנגעשריבן זייער פיל און שרייבט אומאויפהערלעך. ביז דער מלחמה, דערציילט שעראַקאָוויאַק, האָט דר' גאָלדשמידט קיינמאָל נישט געשריבן. איצט האָט ער

געשריבן לידער, דערציילונגען, בילדער פֿונעם יידישן מאַרטירער־לעבן. ווי זענען אַהינגעקומען דר' גאָלדשמידטס שאַפֿונגען? אפֿשר וועלן זיי זיך נאָך אָפּגעפֿינען. האָט מען דאָך דעם רובינאָוויטשעס העפֿטן אָפּגעפֿונען איצט אין 1959. עס גייט נישט דאָ, פֿאַרשטייט זיך, בלויז אין דר' גאָלדשמידטס שאַפֿונגען. ס'איז זיך משער צו זיין, אַז נישט ווייניק פֿאַרשריבענע בלעטלעך, פֿאַרגעלטע, באַשעדיקטע העפֿטן, וואָס אַנטהאַלטן זכרונות, ליטעראַרישע שאַפֿונגען, זענען נאָך פֿאַרשטעקט אין פֿאַרשידענע ערטער.

ס'איז אין דעם פֿרט באַלערנדיק ווי אַזוי עס זענען ביז איצט אָפּגעפֿינען געוואָרן אַזעלכע דאָקומענטן. אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע איז צווישן אַנדערע אוצרות צונויפֿגעזאַמלט און אין אָרדענונג געבראַכט געוואָרן איבער 100 טאָגביכער פֿון פֿאַרשידענעם פֿאָרנעם און ווערט, פֿון וועלכע בלויז א טייל — וואַרשיינלעך די בעסטע — זענען דערשינען אין דרוק. כ'האָב דאָרט דורכגעקוקט עטלעכע צענדליק טאָגביכער. יעדעס פֿון זיי איז א קוויל פֿון מענטשלעכע ליידן, א שטיקל בלוטיקע געשיכטע אונדזערע. און יעדעס העפֿטל האָט אויך זיין אייגענע עפּאָפּייע.

אָט איז אַן אויסגעמאַטערטער גרינער העפֿט, אַלטע אָפּגעריבענע גרינע טאָוולען, פֿאַרטונקלטע בלעטלעך געדיכט פֿאַרשריבן אין יידיש. די ערשטע בלעטלעך פֿעלן, די לעצטע זענען ליידיק געבליבן. דער מחבר מיטן נאָמען קאָרנגאָלד, וועלכער האָט געוווינט אויף מוראַנאָווסקא 12, האָט זיי זעט אויס שוין נישט באַוויזן אויסצופֿילן. דאָס זענען פֿאַרצייכענונגען וועגן וואַרשעווער געטאָ. ווי אַזוי איז אַזאַ העפֿט דערגאַנגען צו אונדז? א פּוילישע פֿרוי האָט אים געהאַט געפֿונען אויפֿן הויף צווישן שטויב, אַש און מיסט און געבראַכט אים אין יידישן אינסטיטוט.

זומער 1957 האָט א מיליציאַנט איבערגעגעבן דעם אינסטיטוט א היפּשן כתב־יד אין יידיש. דאָס זענען זכרונות געשריבן בעת די ערשטע אָקופּאַציע־יאָרן דורך א געוויסער שרה ביאַלקאָ פֿון זשעלעכאָוו. ווי אַזוי האָט זיך אַזאַ דאָקומענט אָפּגעפֿונען? בעתן איבערנעמען א וווינונג, דורכזוכנדיק אַלע ווינקלען און לעכער, האָט דער מיליציאַנט געפֿונען דעם אויסבאַהאַלטענעם כתב־יד.

און אָט איז א טאָגבוך געשריבן אין פּויליש דורך דער 13 יעריקער רעגינאַ קנאָל. דער טאָגבוך האָט דורכגעמאַכט א לאַנגן וועג ביז ער איז אָנגעקומען אין יידישן אינסטיטוט: אין מערץ 1943 האָט א פּוילישער אַרבעטער, זייענדיק באַשעפֿטיקט אין דער פּאַפּיר־פֿאַבריק אין יעזשאָרנע לעבן וואַרשע, געפֿונען אים אין דער מאַקולאַטור, וואָס די דייטשן פֿלעגן ברענ־

גען צו פירן פון פאַרשידענע געגנטן, כדי צו צעמאָלן עס אין פאַבריק און פאַרוואַנדלען אין רוי־שטאָף — נישט ווייניק יידישע ביבליאָטעקן זענען אַזוי אַרום צעמאָלן געוואָרן. מ׳האָט געדאַרפט האָבן אין יענער צייט א סך מיט אויסצובאַהאַלטן אַזאַ דאָקומענט. דער טאָג־בוך איז אָבער איצט אין 1958 איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן אינסטיטוט.

די רשימה פון אַזעלכע צופעליקע פאַלן פון אָפּגעפינען טאָג־ביכער און זכרונות וואָלט מען געקאָנט ציען. זי איז א גענוג לאַנגע. וויפל אַזעלכע דאָקומענטן זענען אָבער אומגעקומען צוזאַמען מיט די מחברים? וויפל זע־נען נאָך געבליבן פאַרשטעקט און וואַרטן מ׳זאָל זיי אויפדעקן? און וויפל אָפּגעפונענע וואַרטן פאַרעפנטלעכט צו ווערן?

ס׳איז זיכער, אַז נישט אַלע זכרונות און טאָג־ביכער געשריבן אין די געטאָס און אין באַהעלטענישן האָבן דעם גלייכן ווערט, נישט אַלע קאָנען האָבן די ווירקונג און דעם באַדייט ווי צ.ב. די זכרונות פון יוסטינען, די טאָג־ביכער פון רובינאָוויטשן און שעראַקאָוויאַקן אָדער גאָר, ווי דער טאָג־בוך פון אננא פראַנק. אַלע האָבן אָבער א גרעסערן אָדער קלענערן דאָקו־מענטאַלן ווערט, אויב זיי האָבן נישט קיין ליטעראַרישן ווערט. יעדער טאָג־בוך, ווי פרימיטיוו ער זאָל נישט זיין אָנגעשריבן, איז א וויכטיקער היסטאָ־רישער דאָקומענט, א גרויסער מענטשלעכער דאָקומענט, א שרייענדיקער באַשולדיקונגס־אַקט. קאָן מען האָבן צענדליקער מאָל געהערט וועגן די זעל־כע געשעענישן, ווירקט דאָס קיינמאָל נישט אַזוי, ווי ווען איר לייענט עס פאַרצייכנט דורך א גבית־עדות, דורך אַזעלכן, וועלכער האָט דעם גאַנצן גיהנום אַליין דורכגעמאַכט. טיילמאָל דווקא פון דער פרימיטיווער, אומבאַ־האָלפענער שפּראַך רייסט זיך אַן אומגעהויערער ווײ־געשריי, דווקא דורך די אָרעמע, פּשוטע ווערטער דערפילט מען נאָך שטאַרקער דעם אָפּגרונט פון פּיין. אין דעם באַשטייט קודם די קראַפט פון אויטענטישקייט און פון אוממיטלבאַרער, סוביעקטיווער איבערלעבונג. קיין שום אַנאַליטישע אָפּ־שאַצונגען, פאַראַיילגעמיינערונגען פון גענויע היסטאָריקער קאָנען נישט פאַרטרעטן די טיילמאָל פרימיטיווע פאַרצייכענונגען פון די מענטשן, אויף וועלכע דער טויט האָט געלאָקערט יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט.

און נאָך עפּעס: ווי ענלעך געוויסע טאָג־ביכער זאָלן נישט זיין, ווי ס׳זאָלן זיך אין געוויסע פון זיי נישט איבערחזרן אַלגעמיין באַקאַנטע גע־שעענישן, וועט איר שטענדיק אין יעדן פון זיי געפינען א נייע אַנדייטונג, א נייעם פּרט, וואָס איז נאָך נישט באַקאַנט, א שילדערונג, וואָס דעקט אויף א פאַרבאָרגענעם נאָך ווינקל פון היטלעריסטישן גיהנום. די יידן־פּאַרטיזי־

קונג האָט דאָך געהאַט טויזנטער אַספּעקטן און נישט אַלע זענען שוין אויפגעדעקט, נישט אַלץ ווייסן מיר ווי צ.ב. וועגן ווידערשטאַנד, וואָס יידן האָבן געשטעלט אין די טויט־לאַגערן גופא. אָט האָב איך דורכגעלייענט דריי העפטן געשריבן דורך עליע ראָזענבערג, אַ געבוירענעם אין 1924 אין וואַרשע, אַן אַנטלאָפענער פון טרעבלינקע לאַגער. אין ערשטן העפט, דוכט זיך באַקאַנטע זאַכן — וואַרשעווער געטאָ און דערנאָך דער וועג קיין טרעבלינקע, אין צווייטן העפט געפינען מיר שוין אַ באַשרייבונג פון די צוגרייטונגען און דעם אויפשטאַנד אין לאַגער, אין דריטן העפט זעען מיר די איינצעלנע אַנטלאָפענע נאָכן אויפשטאַנד ביים טייך בוג, דערנאָך אין וואַלד, ווו זיי זענען וואַרשיינלעך אומגעקומען. אָט איז אַ פּרט פון אויפשטאַנד אין טרעבלינקע: „...יעדער פינפטל האָט זיך באַמיט צו זיין נאָענט צו זיין פירער, יעדערער איז געווען גרייט זיך צו פאַרטיידיקן, גרייט צו פאַלן ווי אַ העלד...“ אָדער אַזאַ באַשרייבונג פונעם וועג קיין טרעבלינקע: „...לעבן מיר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן און זאָגט אַזוי, אויב מען וועט אונדז פירן ווייטער ווי מאַלקין, ווייס איך נישט ווו אהין מען וועט אונדז פירן, און אויב מען וועט אונדז אָפּשטעלן אין מאַלקין, איז זייער שלעכט, זאָגט דער יונגערמאַן, ווייל מיר האָט געזאָגט אַ באַקאַנטער קריסט, אַז אין מאַלקין נעמען איבער דעם צוג דייטשישע מאַשיניסטן און פירן אַוועק די יידן אין אַ לאַגער נישט ווייט פון מאַלקין און דאָרט שלאָגט מען און מען הרגעט. זייט נישט קיין נאַר, רופט זיך אָפּ אַ יידינע, די גויים ווילן, אַז מען זאָל זיי אוועקגעבן אונדזערע פאַרמעגנס דערפאַר זאָגן זיי, אַז די דייטשן וועלן אונדז אויסהרגענען, ס'איז נישט מעגלעך אין דער וועלט, אַז די דייטשן זאָלן אויסהרגענען אַזוי אומשולדיקע מענטשן, שרייט די יידענע“.

אַ צווייטער ביישפּיל: אַ געוויסע אידאַ גליקשטיין פון לובלין האָט געלאָזן 7 העפטן זכרונות געשריבן אין פּויליש. די רעלאַציעס זענען נישט קיין רעוועלאַציעס און דאָך איז דאָס אַ מאַטעריאַל פון אַ וויכטיקער דאָקומענטאַלער באַדייטונג, שוין אָפּגערעדט וואָס דאָס פאַרמאָגט אויך אַ געווויסן ליטעראַרישן ווערט.

מ'וואָלט געדאַרפט אָפּגעבן אַ ספּעציעל אָרט פאַר טאָג־ביכער געשריבן דורך קינדער. דאָס פאַרברעכן געזען דורך קינדערישע אויגן, דערשיינט באַזונדער אויפטרייסלנדיק. שווער צו פאַרענדיקן דעם אויבנאויפיקן איבערבליק נישט ציטירנדיק די אויבן דערמאָנטע רעניאַ קנאָל פון קראָקאָווער געטאָ, ווו דאָס מיידעלע האָט פאַרצייכנט אירע איינדרוקן און אי־

בערלעבונגען אין די יאָרן 1940—41. „כ'בין רעגינאַ קנאַל, כ'האָב 13 יאָר" — הויבט זי אָן. — אינטערעסאַנט, אז אלע גיבן פון אָנהויב אָן דעם נאָמען, די עלטער און פון וואַנען זיי שטאַמען, ווי זיי וואָלטן געוואָלט לאָזן נאָך זיך דעם נאָמען, אַ זכר, ריכטנדיק זיך אויפן טראַגישן סיגאַל. „ס'איז שוין מאַי און אין געטאָ ווייסט מען נישט, אַז ס'איז פרילינג, ווייל ס'איז נישטאָ קיין איין בוים". אָדער: „היינט פון פרימאָרגן בין איך זייער הונגעריק, אויף מיטאָג האָבן מיר געגעסן בלויז אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסעלע פוטער און ביטער געקאָכט וואַסער. און דאָס הייסט לעבן, איך פאַרליר דעם גלויבן אין גאָט".

צי רעדט דאָס נישט שטאַרקער, צי דערציילט דאָס נישט מער, ווי אַ סך לאַנגע אָפּהאַנדלונגען?

אין אויספיר: פון דער ברייטער זכרונות־ליטעראַטור, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין בלוט און אין פייער אין די געטאָס, איז וואַרשיינלעך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן בלויז אַ טייל. יאָרן גייען צוועק שנעל. דאָס מענטשלעכע לעבן איז קורץ. קורץ און שטערבלעך איז אויך דער מענטשלעכער זכרון. דאָס געדעכעניש ווערט אָפּגעווישט. איז דעריבער אַ הייליקער חוב ווייטער צו זוכן, צו פאָרשן, דאָס נאָך נישט אַנטדעקטע, צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן אַלץ — און איך שטרייך אונטער: אַלץ וואָס איז אָפּגעפונען געוואָרן און ליגט אין שטויב — אַלץ וואָס איז אין יענע פינצטערע יאָרן פאַרצייכנט געוואָרן, דאַרף צוטריטלעך ווערן פאַרן לייענער, ס'דאַרף פאַראייביקט ווערן אין אַ גרויסן ספר־הזכרונות, כדי דאָס זאָל אויף דור דורות דערמאָנען און וואָרענען.

...נישט קיין שבחים... נאָר אַ זכר פאַר מיין נאָמען

(וועגן סאַנדעלס „אומגעקומענע יידישע קינסטלער“)

די קריטיק בלייבט ביי אונדז אָפטמאָל א בעל-חוב. אָדער זי פארשפעטיקט אָדער זי בלייבט סתם הינטערשטעליק. איז מען שוין צוגעווינט, אַז דעם אָדער יענעם בוך געשעט אַן עוולה. אָבער ווען אַזאַ גורל פאַלט צו אַ ווערק, וואָס איז אונדז צוליב ספּעציעלע סיבות באַזונדער נאָענט צום האַרץ, איז דער חוב, וואָס די קריטיק בלייבט שולדיק אַ באַזונדער שווערער.

אזא חוב איז מען נאָך שולדיק ביי אונדז די צוויי בענדער „אומגעקומענע יידישע קינסטלער“, וואָס זענען דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק און זענען שנעל צעכאפּט געוואָרן.

די צוויי בענדער „אומגעקומענע יידישע קינסטלער“ פון יוסף סאנדעל זענען אפשר דאָס זעלטענע אין זייער מין אין דער יזכור-ליטעראַטור. יזכור-ביכער זענען דערשינען אין פארשידענע לענדער אין א היפּשער צאָל. אין פיל לענדער האָבן לאַנדסמאַנשאפטן געשטעלט זייער שטעמפּל אָדער שטאָט א מצבה אין דער פאָרם פון א יזכור-בוך און אזוי ארום פאַראייביקט זייער אַלטע היים. אינערגעץ איז מען נאָך נישט צוגעטראָטן אויפצושטעלן די מצבה, דעם דענקמאָל, וואָס עס קומט דער גרויסער יידישער עליטע, דער עליטע שרייבער, דענקער, וויסנשאפטלער און אנדערע יידישע שעפער, וועלכע זענען דורך די היטלעריסטישע רוצחים פארטיליקט געוואָרן. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז בלויז אין פאריז נאָך דער מלחמה דערשינען א יזכור-בוך, געווידמעט די דאָרטיקע שרייבער און זשורנאַליסטן, און ביי אונדז בער מאַרקס בוך „די אומגעקומענע שרייבער פון די געטאָס און לאַגערן און זייערע ווערק“.

אין פוילן זענען צוזאמען מיט דער 3 מיליאָניקער עדה יידן אומגעקומען א גרויסע פלעיאדע פון שרייבער, פלאַסטישע קינסטלער, אַקטיאָרן, און פיל אַנדערע שעפערישע מענטשן פון פארשידענע געביטן. א גרויסער טייל פון זייערע ווערק איז אומגעקומען צוזאמען מיט זיי. נאָך א סך פון

זיי איז קוים א זכר פארבליבן. און וואָס ווייטער מיר רוקן זיך אָפּ פון יענע קאָשמאַרע יאָרן אַלץ מערער ווערט דער איבערגעבליבענער זכר פאַרווישט, אויב ער ווערט נישט איינגעהיטן און פאַרפיקסירט דורך אונדז. ווען זיי זענען געגאַנגען דעם לעצטן וועג האָבן זיי גערעכנט אויף אונדז, גע־גלויבט, אַז די לעבנגעבליבענע וועלן נישט דערלאָזן זייער ווערק זאָל אונ־טערגיין אונטערן שטויב פון פאַרגעסנקייט.

„ווען איך שטיי אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט, ווען איך בין מער זיכער, אַז איך וועל נישט לעבן, ווי יאָ, וויל איך זיך געזעגענען מיט מיינע פריינד און מיינע אַרבעטן.

צען יאָר אַרבעט, געקליבן, צעריסן און ווידער געאַרבעט, געגרייט זיך אויסצושטעלן מיינע בילדער און ספּעציעל די אויסשטעלונג „פּאָרטרעט פון יידישן קינד". איצט ראַטעווע איך לויט די מעגלעכקייטן וויפל איך קאָן און וויפל עס איז צוגעפּאַסט דאָס אָרט. פאַר דעם לאָז איך איבער אויף הפקר, אויף גאָטס באַראָט צענדליקער איילּ־אַרבעטן, פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, סקיצן און אַנדערע.

איך בעט נישט קיין שבחים, איך וויל נאָר א זכר פאַר מיין נאָמען און פאַר מיין טעכטערל, דאָס פעיקע מיידעלע מרגלית ליכטענשטיין, אויפן נאָמען פון מיין מאַן ליכטענשטיין, וואָס ווייזט אַרויס צוואַנציק חדשים מאָלערישע פעיקייטן. א יידיש מיידעלע, רעדט א שיינעם יידיש און איז גייסטיק און פיזיש שיין אַנטוויקלט. מיינע אַרבעטן שענק איך אַוועק דעם יידישן מוזיי, וועלכער וועט געשאַפן ווערן אין דער צוקונפט, כדי צו רעסטאַווירן דאָס יידישע קונסט־לעבן פון פאַר דער מלחמה ביזן יאָר 1939, ביז דער גרויליקער טראַגעדיע פון יידישן קיבוץ אין פּוילן.

איך בין נישט פעיק איבערצוגעבן פּרטים וועגן אונדזער שוידערלעכן גורל, וועגן דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק. דאָס לאָז איך אי־בער מיינע קאָלעגן יידישע שרייבער. איך בעט דעם מענטשן, די געזעל־שאַפט, וועלכע וועט געפינען מיינע אַרבעטן, זאָל וויסן, כ'האָב דעם פאַר־מאָט געמוזט אַרומשניידן און צופּאַסן צו די באַדינגונגען... איצט בין איך רואיק, איך מוז אומקומען, אָבער מיינס האָב איך געטאָן. איך פּרוּוו באַ־האַלטן א זכר פון מיינע אַרבעטן, זייט געזונט מיינע חברים און פריינד, זייט געזונט יידיש פאָלק, דערלאָזט נישט מער צו אַזעלכע חורבנות".

אַזוי האָט דעם ערשטן אויגוסט 1942 געשריבן צווישן אַנדערן די טאַלאַנטירטע מאָלערין געלע סעקשטיין אין איר אויפטרייסלענדיקער צוואה, וואָס זי האָט געלאָזן צוזאַמען מיט א טייל פון אירע אַרבעטן אין רינגל־

בלום=אַרכיוו. אַזוי ווי זי, האָבן הונדערטער אַנדערע שעפער, ווען זיי האָבן זיך געפונען אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט, געזוכט אַ מיטל ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען עפּעס פון זייערע שאַפונגען. ס'איז זיך לייכט משער צו זיין ווי שרעקלעך ס'האָט זיי אין אָנבליק פון טויט געמאַטערט דער געדאַנק, אַז ס'קאָן יעדער שפּור נאָך זיי פאַרווישט, אָפּגעמעקט ווערן. „איך בעט נישט קיין שבחים, איך וויל נאָר אַ זכר פאַר מיין נאָמען...‟ און קומען קומט זיי דאָך מער ווי נאָר אַ זכר. ס'קומט זיי, אַז מען זאָל צונויפנעמען און צונויפזאַמלען אַלץ וואָס איז נאָך יעדן איינעם פאַרבליבן און וואָס מיר האָבן וועגן זיי אין אונדזער זכרון איינגעהיט און עס אין אַ ביכל פאַראייביקן.

אַזאַ הייליקן חוב האָט דערפילט יוסף סאַנדעל אין באַצוג צו די אומגעקומענע יידישע קינסטלער פּלאַסטיקער.

*   *
*

ווי באַקאַנט איז ביים סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט פאָרגעקומען אין שויס פון פוילישן יודנטום אַ ראַשיקער אויפבלי פון דער פּלאַסטישער קונסט. אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט=מלחמה האָבן אין פוילן געלעבט און געשאַפן, ווי עס גיט מיר איבער יוסף סאַנדעל, — 300 פּלאַסטיקער — סקולפּטאָרן, מאָלער, פאַרשידענע גראַפיקער, דעקאָראַטאָרן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַזעלכע קינסטלער ווי מאַוריצי טרעמבאַטש, ראָמאַן קראַמשטשיק, דער סקולפּטאָר העניריק קונאַ, די ברידער זיידנבייטל, און אַנדערע באַרימטקייטן. כמעט די גאַנצע עדה יידישע קינסטלער אין פוילן איז פאַרטיליקט געוואָרן, געראַטעוועט האָבן זיך בלויז איינצעלנע. אומגעקומען איז אויך דער ווייט גרעסטער טייל פון זייערע לייוונטן, סקולפּטורן, צייכענונגען און אַנדערע שאַפונגען. צום גליק האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַ מענטש — כ'מיין דאָ יוסף סאַנדעלן — וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט צווישן די קינסטלער און זייער קונסט און האָט זיך נאָך דער מלחמה אונטערגענומען צונויפצוזאַמלען אַלץ וואָס איז פאַרבליבן נאָך די אומגעקומענע, איבערצוגעבן אַלץ וואָס ער ווייסט וועגן זיי. אין די ראַמען פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט האָט יוסף סאַנדעל אין די יאָרן נאָך דער מלחמה פאַרנומען זיך מיטן אויפזוכן די פאַרבליבענע ווערק, די שפּורן פון

די אומגעקומענע יידישע פּלאַסטיקער. ווי דער מחבר גיט איבער, האָט ער 10 יאָר געאַרבעט איבער די צוויי בענדער, וועלכע נעמען אַרום ביי 200 קינסטלער, קונסט־היסטאָריקער און קונסט־קריטיקער און אפילו איינוקע קאָלעקציאָנערן.

* *
*

פאַראַן ווערק, וואָס לאָזן זיך בשום אופן נישט מעסטן מיט קיין געוויינלעכער מאָס. — דאָ נעם אַראָפּ די שיך, ווייל דער באָדן אויף וועלכן דו טרעסט אַרויף איז הייליק, דורכגעווייקט מיט מענטשלעך בלוט און טרערן.

יוסף סאַנדעל האָט זייגע צוויי בענדער צונויפגעשטעלט פון ברעקלעך, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די אומגעקומענע שעפער. ער האָט צונויפגעזאַמלט שפּליטערס, ציגל, אָפּטמאָל צעבראָכענע ציגל פון פריערדיקע שיינע געביידעס. און לייגנדיק א ברוך־ציגל צו א ברוך־ציגל האָט ער אויפגעבויט א מאָנומענט, געבויט אים מיט אויסדויער, מיפולער אַרבעט און פיעטעט. ער האָט אים געבויט אזוי ווי די מעגלעכקייטן האָבן דאָס דערלויבט.

מיר האָבן דאָ נישט קיין אָפּשאַצונגען פון קונסט־ריכטונגען, וואָס האָבן באַהערשט די מאסע יידישע קינסטלער און נישט קיין פאַראַלגעמיינערונגען. די קינסטלער זענען נישט גרופּירט לויט ריכטונגען אָדער קרובישע נייגונגען, און דער מחבר זאָגט אונדז דאָס פאָרויס אין דער הקדמה. ער איז אונדז באלד פון אָנהייב מודיע, אז ער האָט געמוזט אָנווענדן „דעם ביאָגראַפיש־כראָניקאַלן מעטאָד“. מיר האָבן, אַלזאָ, פאַר זיך אַ סומע פון כראָניקעס, ביאָגראַפישע נאָטיצן פון קינסטלער צוזאַמען מיט קליינע אָפּשאַצונגען איבער זייער קונסט, אָדער אויב איר ווילט — בעסער אָדער ערגער שקיצירטע פּאָרטרעטן פון יידישע פּלאַסטיקער. ביים גרעסטן טייל שקיצן איז פאַראַן די פאָטאָגראַפיע פון קינסטלער. די שקיצן אָדער נאָטיצן זענען נישט קיין גלייכע, איינע זענען אָנגעזעטיקט מיט מער אינפאָרמאַציע און גיבן כמעט אַ בילד וועגן קינסטלער, אַנדערע מיט ווייניקער און שאַפן בלויז אן אָרעמען שקיץ פון דער געשטאַלט. קיין טענות דערפאַר קאָן מען צום מחבר נישט האָבן, ווייל ווי שוין געזאָגט האָט ער צונויפגעזאַמלט דאָס וואָס איז מעגלעך געווען.

אַ גרויסער פאַרדינסט פונעם ווערק איז זיין אויטענטישקייט. יוסף סאַנדעל, ווי שוין דערמאָנט, האָט לאַנגע יאָרן געלעבט צווישן די קינסט־

לער, מיט פיל פון זיי געווען באַפריינדעט, פאַרנומען זיך מיט איינאָרדענען זייערע אויסשטעלונגען, וועגן פיל פון זיי געהאט געשריבן. די עפּיזאָדן וועגן זייער לעבן, זיינע באַגעגענישן מיט זיי, וואָס דער מחבר ברענגט ארויס, לייגט א מערקווירדיקן שטעמפּל פון אויטענטישקייט. סאַנדעל פירט אונדז אריין אין דער סביבה, אין די באַדינגונגען, אין דער אַטמאָספער, וואָס האָט דאָרט געהערשט און מאַכט אונדז אַזוי ארום די קינסטלער=געשטאַלטן נאָענט, אייגן, טייער. מיר האָבן באַזונדער פאַרכאַפּט די אָבסערוואַציעס, וואָס דער מחבר האָט געמאַכט, בעת ער האָט זיך געפונען צווישן די קינסטלער, אַזוי צ.ב. שרייבט ער וועגן דער מערקווירדיקער ווילנער קינסטלערין רחל סוצקעווער: „ס'איז אינטערעסאַנט געווען זי צו אָבסערווירן בעת זי האָט אַ צעפּלאַמטע אָנגעהויבן מאָלן אַ ניי בילד. זי האָט דעמלט געהאַט שנעלע באַוועגונגען, פלעגט נעמען דאָ איין פּענדזל, דאָ א צווייטן, אָדער האָט א גאַנצן הויפן פּענדזלען א וואָרף געטאָן אין א קרוג מיט וואַסער כדי אין א ווײַלע ארום א כאַפּ צו טאָן א צווייטן און פאַנאַנדערפירן מיט אים פאַרב אויף דער פּאַלעטע. עס האָט זיך געדוכט, אז פונקען שפּריצן פון איר".

א גאָר וויכטיקער צושטייער צום ווערק, וואָס פאַראייביקט די יידישע אומגעקומענע קינסטלער, איז די היפּשע צאָל רעפּראָדוקציעס פון זייערע ווערק. אין ביידע בענדער געפינען זיך צוזאַמען 145 רעפּראָדוקציעס פון אייל=בילדער, סקולפּטורן, פאַרשידענע גראַפישע ארבעטן און אָרנאַמענטיק. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אז די גרויסע אוצרות פון די ווערק פון יידישע קינסטלער זענען פאַרניכטעט געוואָרן, האָט דאָס פאַרעפנטלעכן רעפּראָדוקציעס פון די איינצעלנע אָפּגעפונענע שאַפונגען זייערע א באַזונדערע באַדייטונג פאַרן איינהיטן דאָס געדעכעניש נאָך זיי.

מען וואָלט פאַרשטייט זיך געקאָנט מיטן מחבר דיסקוטירן וועגן אזא אָדער אַן אַנדער אויפפאַסונג אין דער פּלאַסטישער קונסט. אַזוי צום ביישפּיל, ווען יוסף סאַנדעל באַהאַנדלט שמעון פּיאַסעצקיס קונסט, שרייבט ער צווישן אַנדערן: „...ניט קוקנדיק אויף זיין נייגונג צו מאָדערניזם, האָט פּיאַסעצקי תמיד געזוכט מאָטיוון, וואָס זאָלן קאָנען דינען צום גונסטן פונעם ארבעטער=קלאַס". פרעגט זיך: פאַרוואָס דאַרף מאָדערניזם דווקא ניט זיין צום גונסטן פון ארבעטער=קלאַס? ארום דעם באַגריף מאָדערניזם איז שוין פאַראַן גענוג מיספאַרשטייעניש און צעטומלעניש, יוסף סאַנדעל ווייסט פונקט אַזוי גוט ווי איך — און אפשר בעסער ווי איך — אַז מאָדערניזם איז זייער און זייער אַ ברייטער באַגריף און אַז אויך פּי-

קאַסאָס „גערניקאַ“ און זיין „מלחמה אין קאָרייע“ זענען געמאָלן אין גייסט פון מאָדערניזם און זענען צום גונסטן פון ארבעטער־קלאַס. מ'וואָלט גע־קאָנט ברענגען אָן אַ שיעור פאַרשידנאַרטיקע ביישפּילן, אַז מאָדערניזם אפילו אין זיינע עקסטרעמסטע שאַטירונגען איז נישט אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון ארבעטער קלאַס.

און נישט נאָר מכוח מאָדערניזם אין דער קונסט. דאָ און דאָרט איז שווער מיט עפּעס מסכים צו זיין. איך האַלט אָבער נישט, אז מיר מוזן מיט אלעמען מסכים זיין, אז אלע מוזן האָבן דעם זעלבן קוק אויף פּלאַסטישער קונסט. ס'וואָלט העכסטנס געקאָנט זיין אַ מיינונגס־אויסטויש, פאַר וועלכן אזעלכע פאַלן איז א גוטע געלעגנהייט. האָב איך דאָך אָבער געזאָגט — דער באָדן אויף וועלכן טרעסט ארויף איז הייליק...

דער אויפטו, די פאַרדינסטן פון מחבר זענען אַזוי גרויס, אַז די בלויזן פאַרלירן זיך אין זיי. יוסף סאַנדעל האָט אין זיינע צוויי בענדער יזכור אָפּגעראַטעוועט פון א ווייטערדיקן אומקום ד.ה. פון ארייננפאַלן אין פאַרגעסנקייט די פּלעיאַדע יידישע פּלאַסטישע קינסטלער. ער האָט פאַראייביקט די מאַרטירער און זייערע ווערק. דער דענקמאָל, וואָס ער האָט זיי מיט פּיעטעט אויפגעבויט אין דער פאָרם פון יזכור־בוך, וועט אייביק דערמאָ־נען און וואָרענען.

„מענטשן וועלן מסתמא עפּעס לערנען...“

ווען אַ בוך דערוואַרט זיך אַ נייע אויפֿלאַגע, איז דאָס אַלע מאָל אַ סימן פֿון פּאָפּולאַריטעט פֿונעם ווערק, צייטנווייז אָבער איז אַ נייע אויפֿלאַגע אַ סימן פֿון אַ לאַנגן פֿאַרשווייגן, אָדער גאָר פֿון אַריינגעשטויסן ווערן אין פֿאַרגעסנקייט.

אַזוי איז עס טאַקע געשען מיט יעזשי בראַשקעוויטשעס בוך „דערוואַרטונג“, וואָס איז גאָר־וואָס דערשינען אין אַ צווייטער אויפֿלאַגע. ווער האָט דען ביז איצט דערמאָנט דערוועגן? וויפֿל לייענער האָבן בכלל געוווּסט, אַז אַזאַ אויפֿטרייסלענדיק בוך איז ווען עס איז דערשינען? וויפֿל פֿון די יידישע לייענער, וועלכע קענען זיכער דעם מחבר פֿון „דערוואַרטונג“, פֿון זיינע באַרימטע פּובליציסטישע אַרטיקלען קעגן אַנטיסעמיטיזם ווייסן, אַז בראַשקעוויטש האָט זיין ערשט ווערק געווידמעט דער יידישער טראַגעדיע בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע?

„דערוואַרטונג“ איז דערשינען אין 1948 יאָר און, ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, איז דאָס בוך פֿון אָנהייב וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן סיי דורכן לייענער, סיי דורך דער קריטיק. לאַנג האָט זיך אָבער דער מחבר מיט זיין דערפֿאָלג נישט געפֿרייט. ס'איז געקומען דאָס יאָר 1949, מיט די באַקאַנטע אויסווירקונגען פֿונעם פּערזאָנען־קולט. אויף בראַשקעוויטשעס בוך, ווי אויף אַנדערע, איז געפֿאַלן אַ שוואַרצער שאָטן.

מיר איז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען צו דערמאָנען וועגן דער גרויסער צאָל פּוילישע ביכער, געווידמעט דער יידן־אויסראָטונג אויף דער פּוילישער ערד. „דערוואַרטונג“ איז נישט ענלעך צו קיין שום אַנדער בוך פֿון דעם מין. אפֿילו די קאָנסטרוקציע פֿון דעם בוך איז אַן אייגנאַרטיקע.

לעמבערג 1942. די צוועלף חדשים פֿון יענעם פֿינצטערן יאָר בילדן 12 קאַפּיטלעך פֿונעם ראָמאַן און חודש נאָך חודש ברענגט דער מחבר אַרויס דעם שטופֿנווייזן אָנוווקס פֿון דעם יידישן אומגליק. עס באַקומט זיך אַזוי אַרום אַן אויטענטישע רעלאַציע נישט פֿון קיין זייטיקן צושויער,

נאָר פון עמעצן אַ נאָענטן, וועלכער האָט פון אינעווייניק דאָס אַלץ אָבסערווירט.

ס'איז קענטיק, אַז דער מחבר האָט געקענט די סביבה פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, וועלכע פאַרנעמט דאָס הויפּט־אָרט אין ראָמאַן. איינע פון די הויפּט־אַקציעס שפּילט זיך אָפּ צווישן יידישע מעדיקער אין אַ ציימווייליקער אַמבולאַטאָריע. עס דערשיינען פאַר אונדז איידעלע געשטאַלטן פון יידישע אינטעלעקטועלע, ווי דר. גראָסמעיער, סטעפאַן בערגמאַן, וועלכע וואַקסן אויס צו אַ סימבאָל פון מענטשן־ווירדע, פון מסירת־נפשדיקייט. מאָלנדיק די געשטאַלט פון אַלטן מעדיקער גראָסמעיער, זיין קרישטאָל־ריין האַרץ, זיין רייכע נאַטור און רייפן שכל, האָט בראָשקעוויטש געשטעלט אַ דענקמאָל דעם פאַרשניטענעם דורך דער היטלעריסטישער האַק יידישן אינטעלעקטועלן. און מיט וויפל ווירדע און שטאָלץ האָט דאָ דער מחבר באַשאַנקען אַ יידישן מאַטעמאַטיקער, אַ הויקער, וועלכער האָט, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, געענטפערט אַ היטלערישן אָפיציר, וואָס האָט אים געמאַכט אויף דער גאַס אויפמערקזאַם, אַז זיין שאַנד־צייכן איז נישט ווי געהעריק צוגעשפּילעט: „ס'איז דאָך אייער שאַנדע!“ אָט אַזעלכע איינצלנע זאַצן, אָנדייטונגען, רעפלעקסן, אָדער גראָסמעיערס אינערלעכע איבערצייגונג, אַז מ'דאַרף ביזן לעצטן אָטעם דינען דעם מענטש, אָדער גאָר, אַז מ'דאַרף „אויף דער קאָנסעקווענץ פון פאַרברעכנס ענטפערן מיט קאָנסעקווענץ פון מענטשלעכער ווירדע“ — וואַקסן דאָ אויס צו גרויסע סימבאָלן פון יידישער און מענטשלעכער דערהויבנקייט.

נישט אַלע פּערסאָנאַזשן זענען דאָ, פאַרשטייט זיך, פון דעם קאַליבער, וואָס גראָסמעיער, סטעפאַן בערגמאַן אָדער דער אַרבעטער ווייס. הגם ס'איז קענטיק, אַז דער יונגער בראָשקעוויטש איז געווען אונטער דער ווירקונג פון אימפּרעסיאָניזם, וואָס האָט געלייגט אַ געוויסן שטעמפּל אויפן ראָמאַן, איז ער אָבער עכט רעאַליסטיש אין זיין מאָלן די פאַרשידנאַרטיקייט פון דער סביבה, פון כאַראַקטערן און זייער צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן. נעבן די איידעלע געשטאַלטן האָבן מיר פאַר זיך אַ מנוול, ווי זאָמערשטיין, אַן עגאָיסט, ווי דער כירורג־ספּעציאַליסט שטיין. בכלל פירט דער מחבר אַרויס אַ גענוג רייכע גאַלעריע פון פאַרשידנאַרטיקע טיפּאַזשן און צווישן זיי פאָלקס־מענטשן, יידישע און נישט יידישע אָן שום באַפוצונגען. אמתדיק דערשיינען אויך די באַציונגען צווישן דער יידישער און נישט יידישער באַפעלקערונג.

אין וואָס אָבער באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פונעם בוך?

איך וואָלט געזאָגט, אַז נישט די אַרומיקע געשעענישן און די האַנדלונגען פון די פערסאָנאַזשן זענען די אַקס פונעם ראָמאַן, נאָר זייערע אינערלעכע איבערלעבונגען. נישט דער אַרום מיט זיין חיהשער אכזריות און אַבסורדאַלקייט, נאָר דער אינערלעכער צושטאַנד פון מענטש שטייט דאָ אין פאָדערגרונט. עס באַקומט זיך אָפטמאָל אַן איינדרוק, ווי די טראַגישע, טאָג־טעגלעכע געשעענישן וואָלטן געווען בלויז דער לייוונט, אויף וועלכן דער מחבר האָט געמאָלן אין די פאַרשידנסטע און דינסטע ניואַנסן דעם פסיכישן צושטאַנד פון פאַרמשפטע מענטשן, וועלכע ווייסן נישט וואָס זיי דערוואַרט, אָדער וועלכע ס'איז שווער צו גלייבן אין דעם, וואָס זיי דערוואַרט. איבעריקנס, דער טיטל אַליין פון בוך זאָגט שוין אין וואָס דעם מחבר איז געגאַנגען. ס'איז אים געגאַנגען צו ווייזן די אַנגסטיקע דערוואַרטונג, די שטימונגען פון מענטשן, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַן אומבאַשטימטן אָבער גרויליקן גורל. מיר פילן בחוש אינעם בוך, ווי עס אַנטשטייט אַ דערוואַרטונגס־פסיכאָלאָגיע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען אין יענע פינצטערע צייטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער גאַנצער טראַגישער אמתדיקייט ברענגט דער מחבר אַרויס דאָס דאָזיקע פאַטאַלע וואַרטן, הגם יעדער זוכט אַ וועג זיך צו ראַטעווען. אפילו סטעפאַן בערגמאַן, וועלכער האָט אין זיין נאַיווער איידלקייט נישט געוואָלט גלויבן אין ערגסטן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט, האָט זיך דערצידערט נאָכצוטאָן צוזאַמען מיטן דר. גראָסמעיער דעם ביישפיל פון אַרבעטער ווייס און אַוועקגעלאָזן זיך אין וואַלד, אָבער צו שפעט.

ס'וואָלט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז דאָס אַרויסרוקן אין אויבנאָן דעם פסיכישן צושטאַנד פון די קרבנות פאַרמינערט דעם היסטאָרישן און פאַקטאָלאָגישן שטאָף. אַזוי איז דאָס אָבער נישט. אמת, „דערוואַרטונג“ פאַרמאָגט נישט קיין ברייטע עפישע ראַם. דער ראָמאַן גיט אָבער אַ טיף־טראַגיש בילד פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע. עס דערשיינען פאַר אונדז די ערשטע אויסנאַם־געזעצן, די פערפידקייט אין דער היטלעריסטישער אויסראָטונגס־פאָליטיק, די ערשטע אַקציעס, דאָס פאַרמאַכן די יידישע באַפעלקערונג אין געטאָ, ביז דעם אַנטשטיין פון די טויט־לאַגערן. אמת, מיר זעען דאָס, ווי דורך אַ פריזמע פון פערזענלעכע איבערלעבונגען; מיר דוכט זיך אָבער, אַז אָפטמאָל אַקצענטירט דאָס נאָך מער די היטלעריסטישע גרויזאַמקייט און דעם אומענדלעכן טראַגיזם פון דער יידישער עדה.

ס׳איז כדאי באַזונדער אונטערצושטרייכן די דורותדיקע פאַרבינדונג פון דער פאַרמשפטער עדה מיטן פאָלק און זיין מאַרטירער־געשיכטע. דער מחבר האָט עס מיט קראַפט געבראַכט צום אויסדרוק אין דער וויזיע פון ד״ר. גראָסמעיער, וועלכער דערפילט איצט, אַז ער איז אַ רינגעלע אין אַן אומענדלעכער געשיכטלעכער קייט. אין זיין דמיון קומען אויף די יידישע מאַרטירער פון אַלע צייטן און אַלע ערטער, וועלכע זענען געפירט געוואָרן צו שייטערהויפנס, אָדער אומגעקומען דורך קוילערישע הענט אין אַלע געטאָס. מ׳דאַרף דאָ נישט זען קיין היסטאָרישע פאַראַלגעמיינערונג און אוודאי נישט זוכן קיין היסטאָרישע פינקטלעכקייט. דאָס האָט דאָ קיין באַדייטונג נישט. אַ באַדייטונג האָט דאָ די אָנדייטונג, אַז די יידישע ליידן קומען שטענדיק און אומעטום אויף אין רעזולטאַט פון פאַרווילדונג, אָפּגעשטאַנענקייט, אין אַ קלימאַט פון אַלגעמיינע פאַרפאָלגונגען.

* *
*

מ׳קאָן נישט וויניק פאָרוואַרפן בראָשקעוויטשעס ראָמאַן. אין די מאָנאָלאָגן מוז מען אָפטמאָל לייענען צווישן די שורות, זיך אָנשטויסן. דער לייענער קאָן זיך צוליב דעם אָנטרעפן אויף נישט קלאָרקייטן. מ׳דאַרף אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז בראָשקעוויטש האָט זיין בוך געשריבן אין 1943 יאָר, אין סאַמע ברען פון די געשעענישן, און געווען איז דאָס זיין ערשט בוך.

מיר מוזן אויך נישט מסכים זיין מיט דער דעמלטיקער פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די דיאַלאָגן און האַנדלונגען פון פאַרשידענע פערסאָנאַזשן. איבעריקנס, דער מחבר אַליין האָט שוין געהאַט אָנגעוויזן אויף די בלויזן ווען ער האָט געשריבן: „די פאַרברעכנס, דער פאַשיזם און מיין האַס צו זיי האָבן מיך געשטויסן אָנצוהייבן שרייבן און צו בלייבן שוין ביי דער ליטעראַטור. איך זע אָבער דייטלעך און קלאָר, אַז כ׳האָב ליידער פריער וויניק געוווּסט וועגן אים, כ׳האָב נישט געזען די רעזולטאַטן און נישט געזען די סיבות...“ דעריבער מסתמא האָט דער מחבר נישט געקאָנט באַהויכן זיינע שענסטע געשטאַלטן מיטן הייליקן פונק פון קאַמף.

אַלע בלויזן קאָנען נישט פאַרשטעלן דעם פאַקט, אַז „דערוואַרטונג“ איז אַ רירנדיק בוך. און אַבסורדאַל זענען איצט אוים אַלע פריערדיקע פאָרווורפן וועגן פּסיכאָלאָגיזם אָדער „סטערילע אינטעליגענטישע גריבלענישן“.

* * *

ס'איז דעריבער גוט געשען, וואָס די באַנייטע אויפלאַגע פון „דערוואַר־טונג" איז דערשינען אָן ענדערונגען — אויסער קליינע סטיליסטישע אויס־בעסערונגען, וואָס רעכענען זיך נישט. אַ ליטעראַריש ווערק איז נישט קיין קלייד, וואָס מען קאָן איבערמאַכן, צופּאַסנדיק יעדעס מאָל צום וווקס פון מענטש אָדער גאָר צו דער מאָדע. אַזוי ווי ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן, מיט אַלע בלויזן, פאַרכאַפּט בראָשקעוויטשעס בוך דעם לייענער מיט זיין הומאַניטאַריזם, מיט זיין פּראָטעסט קעגן פאַרברעכנס. דווקא היינט קריצן זיך איין אין זכרון דר. גראָסמעיערס ווערטער און צווינגען נאָכצוטראַכטן: „ס'וועט מסתמא נישט פאַרגעסן ווערן. מענטשן וועלן מסתמא עפּעס לער־נען פון אונדזער גורל. דאָס אַלץ קאָן דען זיין אומזיסט, וואָס?"

III

צווישן האַלוצינאַציע אוןווירקלעכקייט

(אימפּרעסיעס, לייענענדיק קאַפקאַ)

מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק, אין פריען זומער 1924, האָט אין קירלינג, נישט ווייט פון ווין, אויסגעהויכט אין איינזאמקייט דעם לעצטן אָטעם אַן 41־יעריקער יידיש־טשעכישער באַאַמטער. כמעט אומבאמערקט איז דעמלט דורכגעגאַנגען זיין טויט, פּונקט ווי אומבאַמערקט עס איז דורכגעגאנגען זיין טראגיש לעבן, וואָס איז צעפרעסן געוואָרן פון א שווערן טובערקולאָז. צווישן די נאָטיצן, וואָס זענען געבליבן אויפן טיש, האָט א פריינד פונעם פארשטאָרבענעם געפונען א בריוו, אין וועלכן ער האָט געלייענט: „טייערסטער מאַקס, מיין לעצטע בקשה צו דיר איז: אלע מיינע זכרונות, בריוו, אייגענע און פרעמדע, צייכענונגען און ענלעכע זאכן, אלע איבעריקע מיינע שריפטן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען (אויף די זאָליצעס, אין דער וועש־שאנק, ביי מיר אין שטוב, צי אין ביוראָ אָדער ערגע'ן אַנדערש און דו קאָנסט זיי אויסגעפינען) בעט איך דיר, נישט לייענענדיק, צו פארברענען. דאָס זעלבע בעט איך דיר צו טאָן מיט אלע שריפטן און צייכענונגען, וואָס געפינען זיך ביי דיר און ביי אנדערע, ביי וועמען דו וועסט זיי אָפּנעמען אין מיין נאָמען, אויב ס'וועט ווער נישט וועלן דיר ארויסגעבן קיין בריוו, זאָלן די פערזאָנען זיך פארפליכטן פאר דיר, אז זיי וועלן זיי אליין פארברענען".

אונטערן בריוו איז געווען אונטערגעשריבן פראנץ קאפקא. זיין נאָענטער פריינד, מאקס בראָד, האָט דעם ערשטן טייל פון דער צוואה גלייך דערפילט: ער האָט צוזאמענגענומען אלע מאַנוסקריפּטן, נאָטיצן פארצייכענונגען; קענענדיק אָבער גוט זיין פריינד, ביי וועלכן מ'האָט געדארפט מיט געוואלט ארויסרייסן די 4 דערציילונגען און עטלעכע קליינע נאָוועלקעס, וועלכע זענען פאר זיין לעבן אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט ער זיך מיטן אויספירן דעם צווייטן טייל פון דער צוואה נישט געאיילט. ס'איז זיך משער

צו זיין, אז נישט לייכט איז בראָדן אָנגעקומען נישט צו דערפילן די לעצטע בקשה פון זיין פאַרשטאָרבענעם פריינד. אָבער אַדאַנק אים האָט זיך די וועלט־ליטעראַטור באַרייכערט מיט אויסערסט אָריגינעלע ווערק, איבער וועלכע ס'איז ארויסגעטראָגן געוואָרן פאַרשידענע אורטיילן.

וועגן קאַפקאַס שאַפונג איז פיל געשריבן געוואָרן. ליטעראַטור־קריטי־קער, פסיכאָלאָגן און אפילו סאָציאָלאָגן האָבן דאָ געפינען א ברייט, הגם שווער פעלד פאַר זייערע פאָרשונגען. אין קאַפקא האָט מען אויסגעפינען: אַ פאָרגייער פון די עקזיסטענציאַליסטן, אַן אָנהענגער פון פרוידיזם, אַ פּרע־דיקער פון סאָציאַלע רעפאָרמען און אפילו אַ געוויסן רעליגיעזן מיסטי־ציזם. פונקט ווי די אָפּשאַצונגען, אַזוי איז אויך דער גורל פון זיינע ווערק געווען א פאַרשידענער: איינע האָבן זיי ארויסגעהויבן הויך ביזן הימל, אנדערע ווידער האָבן זיי געלייגט אין חרם, אויסגעפינענדיק אין זיי אלדאָס בייז. ס'איז אנטשטאַנען א באַגריף קאַפקיזם און א סברה, אז יעדער נעמט דעם באַגריף אויף זיין אופן. א סברה אויך, אז ס'איז נאָך פאַראַן גע־נוג נעפּלדיקעס סיי ארום דער שאַפונג פון קאַפקא, סיי ארום זיין פּערזאָן, זיין לעבן.

דער פאַרלאַנג זיינער צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס ער האָט ווען עס איז אָנגעשריבן, צו פאַרניכטן אַזוי, אַז עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן, איז נאָך אויך אינגאַנצן נישט פאַרשטענדלעך. מען קאָן זיך בלויז משער זיין וועגן די שווערע ראַנגלענישן און ספקות, וואָס האָבן אים געמאַטערט און פאַר־שטאַרקט זיך אין די לעצטע שעה'ן פון זיין לעבן. ס'איז אָבער באַקאַנט, אז קאַפקא האָט פריער אליין געוויסע שאַפונגען פאַרניכטעט. און מעגלעך, אז ער האָט נישט ווייניק פאַרניכטעט, ווייל אָנגעשריבן האָט ער וואַרשייג־לעך פיל מער, ווי ס'איז דערגאַנגען צו אונדז, ער האָט געשריבן אין אַן אויסערגעוויינלעכן אימפּעט. אין איין נאַכט האָט געקאָנט געבוירן ווערן ביי אים א גאַנצע זאַך, ווי צום ביישפּיל די באַקאַנטע דערציילונג „דער אור־טייל". אָט לייענען מיר אין זיינע „נאָטיצן פון אַ טאָג־בוך": „23 סעפּ־טעמבער (1912). די דערציילונג „דער אורטייל" האָב איך אָנגעשריבן אין דער נאַכט פון 22־טן אויפן 23־טן, פון 10 אַזייגער אָוונט ביז 6 אינדערפרי, נישט אָפּרייסנדיק די פעדער. און ער גיט צו: „נאָר אַזוי מעג מען שרייבן, נאָר ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ביי אַזאַ פאַרזינקונג פון קערפּער און נשמה".

מען קאָן זיך אויך משער זיין, אז די שווערע קראַנקהייט און זיין פּסיכי־שער צושטאַנד, בעסער געזאָגט, זיין גאַנצע פּסיכישע פאָרמאַציע, האָט

געלייגט אַ שטאַרקן שטעמפּל, נישט נאָר אויף זיין אַרט דענקען, פילן און שאַפן, נאָר אויך אויף זיינע האַנדלונגען.

*　　*

*

לייענט מען קאַפקאַס שאַפונגען האָט מען דעם איינדרוק, אַז געשריבן האָט זיי אַ מענטש אַ צעריסענער אינערלעך, אַ דערדריקטער פון ספקות און פאַרפאָלגונגען. שוין די פאָרם אַליין איז ווי אַ צעריסענע, פיל פון זייענע שאַפונגען זענען נישט פאַרענדיקט, אַנדערע זענען אַזוי ווייניק קאָאָרדינירט, ווי געשריבן פאַר זיך אַליין און נישט מיטן ציל צו דרוקן, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דער נאַראַטאָר, אָדער דער העלד, רעדט אָדער דערציילט ווי פון היץ, איבערשפּרינגענדיק פון איין עפּיזאָד צו אַ צווייטן, פון איין געשעעניש צו אַ צווייטער.

אַלע זיינע שאַפונגען — און צום גרעסטן טייל זענען דאָס דערציילונגען, נאָוועלן, גרעסערע אָדער קלענערע — האָבן דעם זעלבן געדאַנקען-גאַנג, דעם זעלבן אידעישן אונטערשלאַק און אויך די זעלבע סטרוקטור. קודם האָבן זיי כמעט נישט, אָדער קוים אַן אָנגעצייכנטע פאַבולע. דאָס זענען באַטראַכטונגען פון די פּערסאָנאַזשן — אָדער פון נאַראַטאָר — איבערן מענטשלעכן גורל, אַ מענטשלעכן ציל, וואָס איז קיינמאָל נישט דערגרייכבאַר. דער מענטש דרייט זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז מיט זיין אַנגסט און זיינע בלאָנדזשעניש, אין אַ קרייז, אין וועלכן ער שטייט מיט זיינע באַטראַכטונגען שטענדיק אויף איין אָרט, ווייל ווו ער זאָל זיך נישט אַ באַוועג טאָן פאָרויס, קומט ער צוריק אויפן זעלבן אָרט; נישטאָ קיין פאָרויס, קיין אַרויס, קיין אויסוועג. קאַפקאַס נאַראַציע אָדער אויב מען וויל בעסער, די רעלאַציעס און באַטראַכטונגען, פאַרמאָגט כמעט נישט קיין עפּישן גאַנג, זי פליסט נישט, נאָר זי פּלאָנטערט זיך, די באַטראַכטונגען האָבן נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף און דער לייענער מוז מאַכן אַן אָנשטרענג, כדי נאָכצופאָלגן דאָס עפּיזאָדישע און צומאָל דעם געדאַנקען-גאַנג. עס דוכט זיך אָפטמאָל, אַז עס רעדן פאַר אונדז מענטשן אין האַלוצינאַציע אָדער מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון שיכרות. נישט אומזיסט זאָגט דער נאַראַטאָר אין דער דערציילונג „די באַשרייבונג פון קאַמף“: „גאָט מיינער, וויפל נוצן וואָלט עס געקאָנט ברענגען, ווען דענקנדיקע מענטשן וואָלטן זיך געלערנט פון שיכורע“.

אַ שיכורער, אָדער אַ מענטש, ווען ער חלומט, אָדער גאָר ווען ער רעדט פון האַלוצינאַציע, דערציילט ער אַלץ, וואָס עס ליגט אים אויפֿן האַרץ, וואָס דריקט און פּייניקט אים. אמת, זיינע רייד זענען נישט קאָאָרדינירט, פֿאַרמאָגן נישט קיין אָנהייב און קיין סוף, אָפּטמאָל איז אין זיי קיין לאָגיק נישטאָ, אָבער ס'איז פֿאַראַן דער אמת, דער ווייטיק, די שרעק אָדער עפּעס אַן אַנדער פּלאָג, וואָס פֿאַרפֿאָלגט און פּייניקט דעם מענטש.

ס'האָט זיך אָנגענומען דער באַגריף „קאַפֿקאַס וועלט". וואָס איז דאָס פארא וועלט? אויפֿן סמך פון זיינע שאפונגען קאָן מען זיך מאכן וועגן איר א פֿאָרשטעלונג מאַקע ווי וועגן א פארכישופטן קרייז, אין וועלכן דער מענטש — א שטענדיק פארפֿאָלגטער — דרייט זיך ארום ווי אין האַלוצינאציע. וואָס און ווער פארפֿאָלגט אים? שווער צו זאָגן. ער איז באשולדיקט, אָבער שווער צו זאָגן אין וואָס און דורך וועמען. איז דאָס אַלזאָ א פיקטיווע וועלט און א פיקטיווער מענטש? יאָ און ניין. די פיקציע קאָן זיין רעאליטעט, זי איז מסוגל, ווי מיר וועלן דאָס זען, צו זיין רעאליטעט און פארקערט, די רעאליטעט איז פֿאָרגעשטעלט אין דער פיקציע, מיט איין וואָרט: פיקציע און רעאליטעט, חלום אוןווירקלעכקייט, שיכרות און ניכטערקייט גייען צוזאמען, איר זעט נישט צווישן זיי קיין גרענעץ-ליניע.

די אַמעריקאַנער שרייבערין רעבעקאַ וועסט האָט געהאַט געשריבן אין אירן א ליטערארישן עסיי וועגן קאפקא, אז מ'האָט אים געהאט געפרעגט, צי די געשטאלטן פון זיינע דערציילונגען זענען גענומען פון לעבן. דערויף האָט דער מחבר געענטפערט: „כ'האָב נישט באשריבן קיין מענטשן, כ'האָב נאָר דערציילט א געשיכטע און די געשטאלטן זענען בלויז בילדער, סימבאָלן". סימבאָלן פון וואָס? פון דער ווירקלעכקייט? מיר דוכט, אז יאָ. און די סיטואציעס? קאפקא גלויבט אזוי אין זיין אימאגינירטע וועלט אָדער בעסער געזאָגט — ער איז אַזוי אונטערן איינדרוק פון זיין קינסטלערישער וויזיע, וואָס לעבט אין אים, אז זי ווערט פאר אים רעאליטעט, און פארקערט די ווירקלעכקייט ווערט ביי אים פארוואנדלט אין א בייזן חלום, אין האלוצינאציע.

* *

*

אויף דער שאפונג פון יעדן קינסטלער ווירקן די אויסערלעכע וועלט, אָדער ווי מיר זאָגן די אַרומיקע באַדינגונגען און זיין אינערלעכע וועלט, אָדער די פסיכישע און גייסטיקע איינשטעלונגען. קאפקא איז נישט געווען

קיין אויסנאַם אין דעם פּרט. קאַפקאַס אינערלעכע וועלט איז אָבער געווען אַן אויסערסט קאָמפּליצירטע, א טיף-טראַגישע. ס'איז געגאַנג אַרייַנצוקוקן אין זיינע „פאַרצייכענונגען פון טאָג-בוך", כדי זיך איבערצוצייגן אויף וויפל זיין פסיכישער צושטאַנד האָט געווירקט אויף זיין שאַפונג. אין קיין שום פון זיינע שאַפונגען האָט קאַפקא אָפן נישט גענומען שטעלונג, נישט געמאַכט קיין קאָמענטאַרן, אפילו קיין אָנדייטונג פון א קאָמענטאַר איז נישט פאַראַן... קאַפקאַ געהערט צו דער קאַטעגאָריע שרייבער, וועלכע שטעלן פּראָבלעמען און דאָס גאָר שווערע, און וועלכע פּרוּוון נישט געבן קיין ענטפער אויף זיי. אינעם ענטפער, אינעם זוכן די לייזונג, דערקענען מיר בעכער די פּערזאָן פון שרייבער. קאַפקאַס פּערזאָן דאַקעגן דערקענען מיר אַמבעסטן אין זיין טאָג-בוך, דאָ זעען מיר אים מיט זיך אליין, מיט זיינע אינטימע געפילן און טראַכטענישן, אין זיין אייגענער צעריסנקייט און אויסוועגלאָזיקייט, אָט לייענען מיר: „...כ'בין נישט פּעיק דאָס אַלץ איבערצוטראָגן, איבערצוטראָגן די לאַסט פון מיין אייגענעם לעבן, די פאַרלאַנגען פון מיין פּערזאָן, דעם הרוק פון צייט און יאָרן, דעם אומבאַגרייפלעכן דראַנג צו שרייבן, די שלאָפלאָזיקייט און די נאָענטקייט צו וואַנזיניקייט — יאָ, דאָס אלץ איבערצוטראָגן בין איך נישט בכוח...."

אויף א צווייטן אָרט לייענען מיר: „די אַנטוויקלונג איז געווען א פּשוטע. ווען איך בין געווען צופרידן, האָב איך געשטרעבט צו זיין נישט צופרידן און מיט דער הילף פון אַלע מיטלען, וואָס עס שאַפן די צייט און טראַדיציע האָב איך זיך אַריינגעשטופּט אין אומצופרידנקייט, איצט וואָלט איך געוואָלט זיך אומקערן צום פריערדיקן צושטאַנד. כ'בין, אלזאָ, כסדר געווען אומצופרידן פון מיין צופרידנקייט. א כאַראַקטעריסטישע זאַך, וואָס באַרדינט אויפמערקזאַמקייט, אַז פון דער קאָמעדיע — ווען דאָס קומט פאָר סיסטעמאַטיש — קאָן ווערן א רעאַליטעט. מיין גייסטיקע ירידה האָט זיך אָנגעהויבן ווי א קינדערישע — באַוווסטזיניק קינדערישע — שפּיל... אויב מ'קאָן אויף אַזא אופן אַרויסרופן אומגליק, קאָן מען אַלץ אַרויסרופן. כ'קען — כאָטש מיר דוכט, אַז אַזא אַנטוויקלונג איז בכלל שטאַרק אין קעגנזאַץ מיט מיין פּערזאָן — אַזוי טראַכטן, נישט מודה זייענדיק זיך, אַז דער אָנהויב פון מיין אומגליק איז געקומען ווי אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט, ס'איז געקומען, ווי עס קומען פליגן צופליען און ווי פליגן לאָזט עס זיך פאַרטרייבן".

א פראַנצויז וואָלט אויף אַזא אופן פון טראַכטן געזאָגט, אַז ער „שפּאַלט אַ האָר אויף פיר טיילן". אונדז קאָן דאָס אויך אויסזען, ווי סכאָ=

לאסטיק, אָבער מיר קאָנען אים מוחל זיין די גאנצע אומקלאָרע שפּיל קודם דערפאר, וואָס ער האָט דאָס נישט געשריבן פאר אונדז, נאָר פאר זיך גופא. פאַנאַנדערשיפרירן לאָזט עס זיך דאָך: נישטאָ אין זיין פערזענלעכן לעבן קיין אונטערשיד, קיין שייד־ליניע צווישן מיסטיפיקאציע און אינערלעכער באדערפעניש, אָדער נויטווענדיקייט. אין זיין שאַפונג איז דאָס כמעט דאָס זעלבע.

קאפקא האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיין אייגענעם לעבן, מיט זיין אייגענער עקזיסטענץ, ער איז געווען אָנמעכטיק לגבי די געזעצן פון לעבן, אומבאַהאָלפן אפילו מיט די טויטע קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן זיך געפונען ארום אים. „כ'האָב זיך איצט גענויער צוגעקוקט צו מיין ביוראָ־טיש און פארשטאַנען, אז מען קאָן ביי אים קיין שום זאך ווי געהעריק נישט מאַכן. אזוי פיל זאַכן ליגן דאָ אָנגעוואָרפן און שאפן אַן אומאָרדענונג פון קעגנשטאַנדן, פאנאנדערגעשפרייט אָן שום ריטם און אָן שום הארמאָניע, וועלכע דערמעגלעכן איבערצוטראָגן אַן אומאָרדענונג".

ער האָט זיך אויך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיין אייגן לייב, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין צו גרויס, אין דיספּראָפּאָרץ צו זיין ווייניק ...ונט, וואָס איז געוואָרן זיין שטענדיקע זאָרג און זיין שטענדיקע פּלאָג. אין ... כאַאָס פון דער וועלט, דערשיינט אים זיין אייגענער שוואכער קער־ר··ר, ווי א דעפעקטיווע אומגעלומפּערטע זאך אָן פּראָפּאָרץ: „מיין קערפּער איז א סך צו לאַנג אין פארגלייך מיט זיין שוואכקייט, עס פעלט אים דאָס מינדעסטע ביסל פעטס, וואָס גיט ארויס די גליקזעליקע ווארעמקייט, און וואָס נערט די אינערלעכע וואַרעמקייט, עס פעלט דאָס פעטס, מיט וועלכן דער גייסט זאָל זיך שפּייזן איבערגענוג און אָן שאָדן פאר זיין גאַנצקייט".

אמת, נישט שטענדיק דערשיינט ער אין אויבן אָנגעצייכנטן, פּסיכישן און פיזישן צושטאַנד. אין די פארצייכענונגען בעת א רייזע צ. ב. זעען מיר אים ווי אַ יונגנמאַן מיט אַ רעאַליסטישן קוק אויפן לעבן, ווי אַ ראָמאַנטישן יונגן מענטש, וועלכער איז פול מיט נייגיר, מיט סובטעלן הומאָר, ווי א שעפערישן מענטש, וועלכן עס פאַסצינירט די ארומיקע רעאליטעט. איבערגעוויגן האָט אָבער יענער פּסיכישער צושטאַנד פול מיט קאָמפּלעקסן און זעט אויס, אז קאַפקאַ האָט פון זיין אייגענער רעאליטעט געוואָלט אנטלויפן, אויסבאהאלטן זיך פאר איר, און א באהעלטעניש האָט ער אויסגעפונען אין דער ליטעראטור, אין דעם שעפערישן וואָרט. די ליטעראַטור איז געוואָרן זיין לעבן, אָבער אַנטלויפנדיק פון זיך גופא, האָט ער

זיך מיטגענומען אין זיין באַהעלטעניש, אין דער ליטעראַטור. אַ סבֿרה, אַז פֿון זיך גופֿא איז שווער צו אַנטלויפֿן. אין דער אימאַגינירטער וועלט האָט ער אַריינגעפֿירט די רעאַליטעט און פֿאַרקערט — ער האָט די פֿיקציע אַריינגעפֿירט אין דער רעאַליטעט. לייענענדיק זיינע פֿאַרצייכענונגען, האָט מען דעם איינדרוק, אַז ער האָט אָנגעהויבן זען, גלויבן אין אומרעאַלן: „די עלטערן מיט זייערע קינדער, מיטן זון און טאָכטער, זענען אַ זונטיק נאָכמיטאָג געזעסן ביים טיש. די מוטער איז אויפֿגעשטאַנען און נאָרוואָס געהאַט אַריינגעשטעקט די שעפֿלעפֿל אין דער בייכיקער זופּ־וואַזע, כּדי צו סערווירן די זופּ, דעמלט טאַקע האָט פּלוצלונג דער טיש זיך אַ הויב געטאָן אין דער הויך, דער טישטוך האָט אָנגעהויבן פֿלאַטערן, די הענט, וואָס זענען געווען אָנגעשפּאַרט אין טיש האָבן זיך פֿון אים אַראָפּגעגליטשט אונטן און די זופּ צוזאַמען מיט די פֿעטע קנעדלעך האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אויפֿן פּאָטערס שויס“.

אַ בילד, פֿון אַ קראַנקער פֿאַנטאַזיע? אַ וויזיע פֿון אַן אומנאָרמאַלן מענטש? לחלוטין נישט. ס'איז פּונקט אַזוי מעגלעך, ווי אַ פֿערד און וואָגן צוזאַמען מיטן בעל־עגלה זאָלן פֿליען אין דער לופֿטן איבער די דעכער פֿון וויטעבסק, אָדער די געליבטע זאָלן זיך באַגעגענען מיט צערטלעכע קושן אין רוים איבערן שטעטל, מיט דעם אונטערשיד, פֿאַרשטייט זיך, וואָס שאַגאַלס פֿליענדיקער פֿערד און וואָגן און ענלעכע בילדער זענען פֿול מיט צאַרטער ליבשאַפֿט, מיט לירישן חן און מוזיק. אָבער ס'איז רעאַליטעט אין חלום, אין טרוים. דער פֿאַרגלייך איז אפֿשר נישט קיין פּאַסיקער צוליב דער ווייטקייט און אַנדערשדיקייט פֿון אַזעלכע צוויי קינסטלער, אָבער אַ פֿאַרגלייך איז דאָס. מיר פֿאַרגעסן אויך נישט, אַז די קונסט פֿון וואָרט האָט אירע אייגענע געזעצן.

קאַפֿקאַ האָט אין זיין שאַפֿונג, פּונקט ווי אין דער אויבן ציטירטער פֿאַרצייכענונג, דוכט מיר, אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן חלום און ווירקלעכקייט. ווי דורך אַ קאָשמאַרן חלום האָט ער געשילדערט די רעאַליטעט און אין דעם קאָשמאַרן קומט צום אויסדרוק דאָס הומאַניטאַרע און מאָראַליזאַטאָרישע, ווייל ווי קענגזעצלעך ס'זאָל נישט אויסזען, איז קאַפֿקאַ טיף דורכגעדרונגען מיט הומאַניטאַריזם און איז אויך אַ מאָראַליזאַטאָר אויף זיין אייגענעם שטייגער. אַמבעסטן ווייזט דאָס אונדז „דער פּראָצעס“. און ס'איז אפֿשר נישט געווען קיין צופֿאַל, וואָס דאָס ערשטע בוך, פֿון זיין צונויפֿגעזאַמלטער ליטעראַרישער ירושה, וואָס איז דערשינען אומגעפֿער אַ יאָר נאָך זיין טויט, איז געווען „דער פּראָצעס“. דאָס איז געווען מסתּמא

נישט נאָר צוליב זײַן קינסטלערישער שלימותדיקייט — וועגן קאַפֿקאַס אָריגינעלע מייסטערשאַפֿט פֿון וואָרט, וועגן זײַן פּשוטן און געפּרעסטן סטיל, וואָס דערגייט מײַלמאָל צו קאַרגער, פּראָטאָקאָלאַנטישער פֿאַרצייכענונג, האָט מען פֿיל געשריבן — מיר דוכט, אַז דאָס איז דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע ווערק פֿון קאַפֿקאַ.

פּונקט ווי אין אַלע שאַפֿונגען קאַפֿקאַס, איז די פֿאַבולע אין „פּראָצעס" זייער אַ לויזע און גלײַכצײַטיק אַ פֿאַרפּלאָנטערטע. ווען מען וואָלט געוואָלט גענוי איבערגעבן אַזאַ פֿאַבולע, וואָלט עס נישט לײַכט אָנגעקומען. ס'וואָלט שווער געווען אויסצוגעפֿינען ווו דער אָנהויב איז און ווו דער סוף. דער הויפּט־העלד פֿון פּראָצעס, יוזעף ק. איז אַ פֿאַרפּלאָנטער, אַ באַשולדיקטער, אָבער ער ווייסט נישט אין וואָס מען באַשולדיקט אים און איז איבערצייגט אין זײַן אומשולד. וואָס מער ער זוכט זיך צו פֿאַרטיידיקן און באַווײַזן זײַן אומשולד, אַלץ מער פֿאַרפּלאָנטערט ער זיך. מיר נעמען אָן, ווי קאַפֿקאַ האָט דאָס אַמאָל געהאַט פֿאַרזיכערט, אַז זײַנע העלדן זענען סימבאָלן, הגם דאָס זענען מענטשן מיט אַלע מעלות און חסרונות, מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן. די קרעאירטע סיטואַציעס קאָן מען אויך באַטראַכטן פֿאַר סימבאָלן. דער פֿאַרפּלאָנטערטער אין דער נעץ פֿון פֿאַרפּאָלגונגען אין „פּראָצעס" איז אַ סימבאָל. יוזעף ק., די אויסטערלישע סיטואַציעס, אין וועלכע ער ווערט געשליידערט, זענען סימבאָלן פֿון אַ משונהדיקער וועלט, ווי אַ תּפֿיסה אַ פֿאַרמאַכטע אָן אַן אויסגאַנג. אין דער דאָזיקער אומענדלעכער תּפֿיסה־וועלט זוכט קאַפֿקאַ אַ זין, אַן אָנשפּאַר, ער וויל זיך דערגרונטעווען צו עפּעס אַן אמת, פּונקט ווי יוזעף ק. זוכט אַן אָנשפּאַר קעגן די פֿאַרפֿאָלגונגען. וואָס פֿאַר אַן אמת? וואָס פֿאַר אַן אָנשפּאַר? מיר ווייסן דאָס נישט קלאָר, ס'איז אײַנגעוויקלט, ווי אין אַ מיסטישן נעפּל. דאָס וואָס מיר פֿילן קלאָר, דײַטלעך, איז דאָס טראַגישע, דער מענטשלעכער אומגליק, די אַנגסט און די זינלאָזיקייט. מען פֿילט דאָס אַזוי מיט אַלע חושים, אַז עפּעס שטיקט אַזש אין האַלדז. דער עמפּינדלעכער לייענער וועט ביי געוויסע סצענעס פֿאַרמאַכן די אויגן, ווי צום בײַשפּיל בעתן שפּילן זיך מיטן שאַרף פֿון קיילער־מעסער ביים שײַן פֿון דער לבֿנה. איז דאָס נישט קיין פּראָדוקט פֿון אַ קראַנקער פֿאַנטאַזיע?

מ'דאַרף אָננעמען, דוכט מיר, אַז די שווערע קראַנקהייט, וואָס האָט קאַפֿקאַן געהאַלטן ווי אין אַן אײַזערנער קלעם, און זײַן געמיט־צושטאַנד האָבן דאָ מער געווירקט, ווי וועלכע עס איז באַוווסטזיניקע קאָנצעפּציע

אָדער וואָס פאַראַ ס'איז פילאָזאָפיע, וואָס מ'האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלע קאָשמאַרע שילדערונגען געפרווּט אים צושרייבן. ס'איז אויך מעגלעך, אַז דאָס בוך — ווי אויך אַנדערע שאַפונגען — וואָלט אַנדערש אויסגעזען, ווען דער מחבר וואָלט עס אַליין אָפּגעגעבן צום דרוק. דאָס איז דאָך נישט געווען קיין אויסגעפאַרטיקטע זאַך. די קאַפּיטלען פון „פּראָצעס" זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נאָך זיין טויט און איין קאַפּיטל איז בכלל נישט געווען פאַרענדיקט, וואָס באַווייזט אַז איבעריקס מאָל ווי ווייט קאַפקאַ האָט זיך געראַנגלט מיט זיך גופא ביים שאַפן זיינע ווערק און נישט מיט לייכטקייט זיי פאַרענדיקט. ווי ס'זאָל נישט זיין, דערשיינט פאַר אונדז די אַנגסט, די מענטשלעכע איינזאַמקייט, די טראַגישע פאַרפּלאָנטערטקייט און די אָנמעכטיקייט ווי אין אַ קאָשמאַרן חלום.

און די טרעפפּונקטן מיט דער ווירקלעכקייט, וועגן וועלכע ס'איז דערמאָנט געוואָרן?

זיי זענען אומעטום פאַראַן.

יוזעף ק., ווען ער קוקט אויף זיינע מיטמענטשן, דערמאָנט ער זיך אין „פליגן וואָס רייסן זיך אַרויס מיט אָפּגעריסענע פיסלעך פון אַ קלעפּיקער מאַסע". ווידער אַ סימבאָל — די קלעפּיקע מאַסע קאָן זיין אונדזער רעאַליטעט. אויב אָבער געוויסע העלדן און סיטואַציעס זענען סימבאָלן, זענען דאַקעגן די אינסטיטוציעס, זייערע פאָרשטייער און דער סדר פון דער תפיסה-וועלט ביז גאָר רעאַליסטיש, און קאַפקאַ איז אומברחמנותדיק אין זיין משפט איבער זיי. די פיקציע האָט אים נישט געשטערט צו אַנטבלויזן דעם מעכאַניזם פון דער ביוראָקראַטיע און פון דער הערשנדיקער גערעכטיקייט, די ברוטאַלע צווישן-מענטשלעכע באַציונגען. „איין איינציקער תלין וואָלט געקאָנט פאַרטרעטן דאָס גאַנצע געריכט" — זאָגט יוזעף ק. קאַפקאַ שמייסט די אָפיציעלע גערעכטיקייט מיט זיין ביטערער סאַטירע. אויף זיין אופן דעמאַנסטרירט ער, ווי אַזוי די הערשנדיקע גערעכטיקייט פּייניקט דעם מענטש, רויבט פון אים אַוועק זיין רעכט און פרייהייט.

קאַפקאַ האָט גוט געקענט די ביוראָקראַטישע פעסט, וועלכע ער שילדערט, ער איז אַליין לאַנגע יאָרן געווען אַ שרייבער אין דאָזיקן מעכאַניזם. אין זיין געבוירן שטאָט פראָג האָט ער געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין אַ מלוכהשער אינסטיטוציע פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, ער האָט זיך אפילו אַרומגעטראָגן מיט פּלענער פון סאָציאַלע רעפאָרמען. אים האָט רעוואָלטירט די דערנידערונג, אין וועלכער מען האָט אַריינגעשטויסן דעם

אַרבעטער, ער האָט באַוווּנדערט זיין געדולד. אין אַ שקיץ אויף אַזאַ טעמע האָט ער געהאַט געשריבן: „ווי באַשיידן זיי זענען די דאָזיקע מענטשן, זיי קומען דאָ בעטן. אָנשטאָט אָנצופאַלן אויף דער אינסטיטוציע און אַלץ צעברעכן, קומען זיי בעטן“. ער, דער רעוואָלטירער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין.

דער סאָציאַלער פּראָבלעם האָט בלויז קורץ געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אָבער אומעטום מיט זיין גאַנצער קינסטלערישער קראַפט צו שפּאָט געמאַכט די הערשנדיקע, צווישנמענטשלעכע באַציונגען. דער סוחר בלאָך דערנידעריקט זיך אַזוי ווייט פאַר זיין אַדוואָקאַט, אַז ער הערט אויף צו זיין אַ קליענט און ווערט פּשוט דעם אַדוואָקאַטס אַ הונט. ווען דער אַדוואָקאַט וואָלט אים באַפוילן ארונטערצוקריכן אונטערן בעט, ווי אין אַ הינטישער בודע און פון דאָרטן בילן, וואָלט ער עס גערן געטאָן. און ווי אמתדיק און רעאַליסטיש זענען דעם גלחס ווערטער, ווען ער זאָגט ביים סודותפולן באַגעגענען זיך מיטן באַשולדיקטן אין דער קאַטעדרע: „מען דאַרף נישט אַלץ אָננעמען פאַר אמת, מען דאַרף עס אָננעמען פאַר נויטיק“. און יוזעף ק. מאַכט דעם אויספיר: „אַ טרויעריקע שטעלונג, פון ליגנס בויט מען דעם יסוד פון דער אָרדענונג פון דער וועלט“.

פּונקט ווי אין „פּראָצעס“ אַזוי זענען אויך אין אַנדערע שאַפונגען די קרעאירטע געשטאַלטן און קינסטלער-געשאַפענע סיטואַציעס אָנגעזעטיקט מיט קאָנקרעטן, דעמאַסקאַטאָרישן, בונטאַרישן אינהאַלט. בכלל פּלעכטן זיך, ווי שוין דערמאָנט, אומעטום צוזאַמען פיקציע און רעאַליטעט, דאָס אירעאַלע און דערשיינונגען פון דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט. די ברווזנדיקע בונטאַרישקייט, די נעגאַציע, דאָס פּאַראַייגיקן לויז, פּאַנטאַסטיש קאָנקרעטע, נאַטוראַליסטיש געצייכנטע פּרטים דערמאָנען דאָ אין די סיררעאַליסטישע גרויסע שרייבער און מיר דוכט, אַז אפילו קאַפקאַס קרעפּטיקער סטיל, הגם אַז אייגנאַרטיקער אין זיין פּשטות און געפּרעסטקייט, פאַרמאָגט אויך עפּעס געמיינזאַמעס מיט דער סיררעאַליסטישער פּראָזע.

מעגלעך, אַז ס'וועט מיר ווער פאָרוואַרפן, אַז פון קאַפקאַ, וועלכער גייט אָן אַלס עקזיסטענציאַליסט און פלעגט געשטעלט ווערן אַלס ביישפּיל פון ערגסטן מין דעקאַדענטישקייט, מאַך איך שיעור נישט קיין קריטישן רעאַליסט און גלייכצייטיק אַ סיררעאַליסט.

דאָס לעבן, די דערפאַרונגען ווייזן אונדז, אַז דער אמתער קינסטלער וכט — דאָס איז נישט נאָר זיין רעכט, נאָר אין דעם באַשטייט אויך זיין

גרויסקייט — פאַרשידענע מיטלען און מעטאָדן פון קינסטלערישן אויסדרוק. סיי פון דער פארגאנגענהייט, סיי פון היינט זענען באקאנט גרויסע שעפער פון אלע געביטן פון דער קונסט, וועלכע האָבן זיך באנוצט גלייכצייטיק מיט פארשידענע מעטאָדן, כדי ארויסצוברענגען די ווירקלעכקייט. מען קאָן קיין קינסטלער נישט קלאסיפיצירן אין שופלאָדן און צוקלעפן עטיקעטן. אַזוי איז טאַקע קאַפקאַ לאַנגע יאָרן — און נאָך היינט — געווען קלאַסיפיצירט, דערביי אין דער צוגעקלעפּטער עטיקעט געווען, איידל געזאָגט, נישט אינגאַנצן קיין ריכטיקער. צווישן אַנדערע זינד, האָט מען אים אויך פאָרגעוואָרפן, אַז זיין שאַפונג האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער רעאַלער וועלט, מיטן לעבן. דער „פּראָצעס“ אין דער ערשטער ריי לייקנט דאָס אָפּ. ווייל וואָס באַדייטן צ. ב. די ווערטער פון יוזעף ק., ווען ער זאָגט, אַז נישט די, וועלכע האָבן אים אַרעסטירט, נאָר „די שולדיקע זענען די אָרגאַניזאַציע, די הויכע באַאַמטע“. צי איז דאָס נישט פּראָטעסט קעגן אַ באַשטימטער אָרדענונג אַ רעאַליטעט, ווען ס׳איז אפילו נישט אויסגעדריקט אויף אַ רעאַליסטישן אופן?

אוודאי זענען אין קאפקאס שאפונג פאראן אי פאטאליזם, אי שווערער קאָשמאַר, אויסגעדריקט קודם אין דעם מענטשנס פאַרפלאָנטערטקייט און אויסוועגלאָזיקייט. ס׳איז וואַרשיינלעך געוואָרן אַ וועלט=באַגעם, וואָס האָט זיך אויסגעקריסטאליזירט ווי שוין דערמאָנט אויך, אויפן סמך פון זיין אייגענער לעבנס=סיטואציע. אָט דעם וועלט=באַגעם דערקענען מיר אַמייסטן אין זיינע גאָר קורצע שאַפונגען, אין די קליינע נאָוועלן, אַפאָריזמען, ארויסזאָגונגען. אין א קליין מעשהלע וועגן מייזל, פאר וועלכן די וועלט ווערט אַלע מאָל קלענער און ס׳איז גענוג איין טריט צוריק, אַז די קאַץ זאָל עס איינשלינגען, איז גענוג געזאָגט וועגן דער וועלט און מענטש. „ווו פאָרט איר?“ — פרעגט איינער דעם אנדערן, „כ׳ווייס נישט... אבי וויטער פון דאַנען, אַבי וויטער“ — קענסטו אַלזאָ דיין ציל?... — אַנטלויפן פון דאַנען, אָט איז מיין ציל („אַרויספאָר“). „כ׳בין געווען פאַרשטייפט און קאלט, כ׳בין געווען א בריק, וואָס איז געהאָנגען איבער אַן זאָפגרונט“ („די בריק“). גיין, מיר ווילן נישט אָננעמען, אַז דער מענטש איז ווי א מויז אויף וועלכן עס לויערט די קאַץ, אז ער האָט קיין שום ציל נישט און הענגט ווי א בריק איבער אַן אָפּגרונט. געוויסע עלעמענטן אין זיין שאַפונג זענען אונדז בפירוש דערווידער. ביי מיר, ווי אַ לייענער, האָבן א סך דערציילונגען ארויסגערופן ממש דערווידערונג, ווי צ.ב. די גרויסע

דערציילונג „אומוואנדלונג“ (אָדער „טראַנספאָרמאַציע“). כ'בין זיך מודה, אז געוויסע זאכן האָב איך קוים דערלייענט ביזן סוף.

פאַראַן אויך ביי קאַפקאַ אַן אויסטערלישער געמיש פון מענטשלעכער דערהויבנקייט, קעמפערישקייט און טראַגישן אונטערגעבן זיך דעם פאַטאַלן גורל, און ס'איז בפירוש דערווידער דאָס פאַטאַלע אונטערגעבן זיך, כאָטש עם רירט מיט זיין טיפער טראַגיק, ווי צום ביישפיל, ווען דער יונגער גע־אָרג פירט אַליין אויס איבער זיך דעם אורטייל, אריינשפּרינגנדיק אין וואַסער, בפרט, ווען דער שגעון פון אַלטן פאָטער, וועלכער גיט אַרויס דעם אורטייל, איז איינגעהילט אין געהיימניש („דער אורטייל“). פאַ־ראַן ביי אים אויך זאכן, אין וועלכע עם לויכט אַ שטראַל, ווי צום ביישפיל „אַ פענצטער צו דער גאַס“.

די אנגסט און שרעק פון היינטצייטיקן מענטש איז געוואָרן אַ טעמע נישט נאָר פאַר דער ליטעראַטור נאָר אויך פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונ־גען, פאַר דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. בלענקינסטאָנס גיו גאָולד מעדי־צינישע ענציקלאָפּעדיע רעכנט אוים אזש 217 פארשידענע מינים אנגסטן און שרעקן, וועלכע מאַטערן אונדז היינט. פאַראַן אַ מיינונג, אַז אויסער די אויסערלעכע, פארמאָגט יעדער מענטש אינערלעכע שונאים, וועלכע לעבן אין אים גופא אין דער פאָרם פון פארשידענע נייראסטענישע אנגסטן, שרעקן און פארפאָלגונגען. זאָל קאַפקאַס מענטש פארפאָלגט זיין אויך פון אזעלכע מינים שרעקן? איז אָבער אויך פאַראַן אַ מיינונג, אז יעטוועדע אנגסט און שרעק האָט אירע וואָרצלען אויסערן מענטש.

וויפל מ'זאָל זיך נישט דאַרפן אַמפּערן, מאַכן באַוואָרענישן און אָנ־ווייזן אויף נעגאַטיוון, קאָנען זיי נישט פאַרשטעלן דעם פאַקט, אַז אין דער טראַגישער געשטאַלט פון יידישן פּראַגער באַאמטן האָט געלעבט אַ גרוי־סער קינסטלער און אַ גרויסער וויזיאָנער, אַ וויזיאָנער־טראַגיקער. זיין אזוי פאַנטאַסטישע און גלייכצייטיק אזוי רעאַליסטישע וועלט איז נישט מע־גלעך צו אקצעפּטירן און איז אויך נישט מעגלעך נישט צו אקצעפּטירן. איז דען אין קאַפקאַס קאָשמאַרע וויזיעס נישט פאַראַן די אנונג פון אַ שפּעטערדיקער קאָשמאַרער ווירקלעכקייט? די אַנונג פון דער „קרעמאַטאָ־ריעס־עפּאָכע“? זענען דען אין „פּראָצעס“, אין „שלאָס“ און אין אַנדערע זיינע שאַפונגען נישט פאַראַן קיין אַנטיציפּאַציע פון סיטואַציעס און גע־שעענישן, וואָס זענען געקומען מיט אַ צוויי צענדליק יאָר שפּעטער? אונ־דזערע דערפאַרונגען זענען אַוועק אַ סך ווייטער פון קאַפקאַס, ער האָט

אָבער געהאַט אַן אויסערסט פאַרשאַרפטן חוש, אפשר אַ יידישן חוש פאָרויסצופילן דאָס קאָשמאַרע.

געווען פרווון אויסצוגעפינען אין קאפקא, שטיצנדיק זיך איבערהויפט אויף זיינע „באטראכטונגען“ עפעס ספעציפישעס פון א יידישן דענקער. די יעניקע האָבן אויך אין באַטראַכט גענומען דעם פאַקט, וואָס דער יידיש-טשעכישער שרייבער איז געווען געבונדן מיט דער יידישער סביבה, דערמאָנט זי אָפטמאָל סארקאסטיש אין זיינע „פארצייכענונגען פון טאָג-בוך“, גענומען געוויסע העלדן זיינע פון יענער סביבה, טראָץ דעם, וואָס זיי זענען בלויז סימבאָלן. מען פאַרגלייכט אים אויך אָפטמאָל צו דאָסטאָיעווסקין. פארגלייכן זענען אָבער אָפטמאָל אָנגעצויגן. אויף מיר, ווי א לייענער, נישט ארייגלאָזנדיק זיך אין פארגלייכן, האָט געווירקט קאפקא דער גרויסער בונטאָר, דער אומרואיקער געוויסן, דער זוכער פון אמת און גערעכטיקייט, דער נאָבעלער קינסטלער מיטן שאַרפן בליק און גרויסן האַרץ. און אַזעלכער איז ער טראָץ אַלעמען געווען.

באַטראַכטונגען און רעיונות וועגן עקזיסטענציאַליזם

(אויפֿן ראַנד פֿון אַלבערט קאַמיס בוך „די דזשומע“)

די היינטצייטיקע עקזיסטענציאַליסטישע שרייבער האָט מען אין פּוילן ביז מיט אַ צייט צוריק געקאַנט בלויז פֿון צייטונגס־אַרטיקלען, אין וועלכע דעם אויבנאָן האָט פֿאַרנומען די עקזאָטיק פֿון קאַפֿע דע פֿלאָר *, אָדער דער הולך פֿון דער עקזיסטענציאַליסטישער באָהעמע און נישט קענענדיק זייערע ווערק, האָט מען זיי צוגעשריבן אַלדאָס בייז. ערשט דאָ נישט לאַנג האָט מען ביי אונדז אָנגעהויבן איבערזעצן און אַרויסגעבן זייערע ביכער, צווישן זיי אויך קאַמיס בוך „די דזשומע“, וואָס איז שנעל נאָכן דערשיינען פֿאַרשוווּנדן פֿון די בוכהאַנדלונגען.

ווען קאַמיס ראָמאַן איז אין 1947 דערשינען אין פֿראַנקרייך, איז ער געווען אַן אָפּטע טעמע. „האָסט געלייענט „די דזשומע“? — האָט מיך אַ חבר געפֿרעגט און גלייך צוגעגעבן: „ס׳איז אַן אמתע דזשומע, די עקזיסטענציאַליסטישע טעאָריע. בררר... ס׳האָט מיך געעקלט פֿון די שמשו־רעס“... ס׳איז איבעריקנס געגוג געווען, אַז אַלבערט קאַמי זאָל קלאַסיפֿי־צירט ווערן צווישן די אָנגעזעענע פֿאָרשטייער פֿון עקזיסטענציאַליזם און דער פּסק־דין וועגן זיין בוך איז געווען אַ פֿאַרטיקער.

אַלבערט קאַמי ווערט פֿאַררעכנט צו די טאַלאַנטפֿולסטע פֿראַנצויזישע שרייבער, צו די פּראָמינענטסטע שפּעטער פֿון דער היינטצייטיקער ליטע־ראַטור. ווי אַלע מאָל, ווען מען הויבט אויף פֿלוצלונג גאָר הויך עמעצן, אָדער מען נידערט אים מיט אַמאָל אַראָפּ, איז מסתמא פֿאַראַן אַ שפּאָר ביסל איבערגעטריבנקייט. מען איז שטענדיק געגויגט, אין אַזעלכע פֿאַלן,

---

* אַ באַקאַנטע קאַפֿע אין פּאַריז אויף בולוואַר סען זשערמען, וווּ עס פֿלעגן אַמאָל פֿאַרברענגען זשאַן פּאָל סאַרטר און סימאָן דע באָוואַר. שפּעטער איז זי געוואָרן דאָס זאַמל־אָרט פֿון דער עקזיסטענציאַליסטישער יוגנט.

איבערצושרייבן. אין דער קריטיק איז ווי אין לעבן. מאָס איז אַ דעליקאַטע זאַך. דאָס צילט בשום אופן נישט צו פּאַרמינערן קאַמיס טאַלאַנט, הגם מ׳האָט רעכט צו ספק זיין צי צווישן דער פּלעיאַדע הײַנטצײַטיקע פּראַנצויזישע פּראָזאַיקער איז דורכויס אים געקומען דער נאָבל־פּרייז. דאָס איז שוין אָבער אַ אַנדער ענין, איבעריקנס איז באַקאַנט, אַז ליטעראַרישע פּרייזן זענען נישט אַלע מאָל די בעסטע מעסטער פון שרייבערישע פאַרדינסטן.

צו דער ראַנגע פון גרויסע שרייבער דערהויבט קאַמי, דוכט מיר, קודם „די דזשומע“. זיינע פאַרערער רוקן לעצטנס אַרויס אין אויבנאָן „די ירידה“. דאָס דאָזיקע לעצטע בוך זיינס האָט אָפּגעהילכט ווי אַ דונער אונטער אַ געדיכט פאַרוואָלקנטן, פינצטערן הימל. קיין בליץ איז דאָס אָבער נישט, אפילו נישט קיין פונק פון ליכט, נאָך וואָס דער מענטש גערט אַזוי אין פינצטערניש. אין אונדזער אַנגסטיקער און פאַרוואָלקנטער צייט טרייסלט אונדז ווי אַ דונער אויף דאָס פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער געטור מיט איר טליענדיקן איגערלעכן בייז, דאָס פּראָבלעם פון מענטשלעכן שיקזאַל, וואָס דער שרייבער רוקט אַרויס מער ווי אין אַנדערע ווערק, מיט דער גאַנצער ברוטאַלער נאַקעטקייט אין „ירידה“. די פראַגע פאַרוואָס דער מענטש איז אַזוי גענויגט צו באַגיין פאַרברעכנס אָדער זיין גלייכגילטיקייט צו די ליידן פון זיינע מיטמענטשן. קאַמי האָט מסתמא זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט געוווּנען קודם דערמיט, וואָס ער האָט גלייך פון אָנהויב פון זיין שרייבערישער קאַריערע געשטעלט פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן אַזוי שטאַרק דעם היינטצייטיקן מענטש, בפרט אין די נאָך־מלחמה־יאָרן.

* *
*

אַלבערט קאַמי איז געבוירן אין 1913 אין אַלזשיר און געלעבט דאָרט ביז 1940, ווען ער איז געקומען קיין פּראַנקרייך און צוגעשטאַנען צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין 1942 איז דערשינען זיין ערשטער ראָמאַן „דער פּרעמדער“, וואָס האָט אין יענער צייט ווייניק וואָס געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און, דעם אמת געזאָגט, קיין גרויסן אָפּקלאַנג נישט געהאַט אויך נאָך דער מלחמה. דאָס קאָן מען אויך, טיילווייז פאַרשטייט זיך, דערקלערן מיט יענער צעטרייסלטער צייט, אין וועלכער דאָס פּראָבלעם

פון אויסגעוואָרצלטקייט, מאָרד און שולדיקייט איז געווען אַזוי קאָנקרעט און רעאַל, אַז יעטוועדע קרעאירטע סיטואַציע, בפרט קינסטלעד געשאַפענע, ווי טראַגיש־פּאַטאַל זי זאָל נישט אויסזען, איז בלאָס געוואָרן אַן אָנבליק פון דער דעמלטיקער ווירקלעכקייט. וואָס מיר זאָלן אים נישט האָבן פאָרצוואַרפן זײַנעם קרעאירן אַ וועלט, אין וועלכער דער מענטש פלאָנטערט זיך צווישן אַבסורד און פאַרפרעמדקייט, זינלאָזיקייט און אויסוועגלאָזיקייט, דאַרף מען אָבער פעסטשטעלן, אַז שוין אין זײַן ערשטן ראָמאַן דערשײַנט קאַמי, ווי אַ שרײַבער מיט אַן אויסגעשפּראָכן אייגן פּנים, מיט אַן אייגענעם סטיל. און ס'איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז ער איז צוגעטראָטן שרײַבן מיט אַ פון פאָרויס דורכגעטראַכטער קאָנצעפּציע, ער איז באַלד פון אָנהויב דורכויס עקזיסטענציאַליסטיש.

מ'האָט דערציילט, אַז קאַמי האָט געהאַט אייניקע מאָל צווישן זײַנע פרײַנד אָפּגעוואָרפן דאָס באַטראַכטן אים אַלס עקזיסטענציאַליסט. אויב דאָס איז אמת געווען, האָט ער עס מסתמא געטאָן דערפאַר, ווײַל מ'האָט געהאַט די געוווינהייט אַרײַנצוואַרפן אַלע אַזוי גערופענע עקזיסטענציאַליסטן אין איין זאַק. אין דעם פּרט איז ער זיכער גערעכט געווען, ווײַל מ'קאָן דאָך אים נישט שטעלן אין איין ריי מיט, זאָל מען אָננעמען, קאַפקאַ, יאָנעסקאָ, קעסלער, דירענמאַט. אויך די פראַנצויזישע עקזיסטענציאַליסטן קאָן מען אַלע צוזאַמען נישט אַרונטערנעמען אונטער איין שילד. צווישן סאַרטר און גאַבריעל מאַרסעל איז ממש אַ תהום. אפילו קאַמי, סימאָן דע באָוואַר, מאַלראָ, אַנו, לאָזן זיך אויך נישט אַט אַזוי אײַנפאַך אַרײַנפּאַסן אין סאַרטרס עקזיסטענציאַליסטישע קאָנטורן. בכלל איז דאָס נישט קיין פּשוטע זאַך — און אָפּטמאָל זינלאָז — צו קלאַסיפיצירן שרײַבער לויט באַשטימטע ריכטונגען. ווו וועט מען צום בײַשפּיל קלאַסיפיצירן ווערקאָרן? צו די עקזיסטענציאַליסטן? איז ער דאָך אָבער אַזוי אַנדערשדיק פון די אויבן־דערמאָנטע שרײַבער. און דאָך איז בײַ אים פאַראַן אַ סך פון דער עקזיסטענציאַליסטישער פילאָזאָפיע. זיי אַלע פאַרבינדט אַ גרונט־געדאַנק, דאָס, וואָס איז אַמוועזנטלעכסטן, דוכט מיר, פאַרן עקזיסטענציאַליזם.

וואָס, אַלזאָ, שטעלט מיט זיך פאָר דער עקזיסטענציאַליזם?

ווי באַקאַנט איז דאָס נישט נאָר אַ ליטעראַרישע ריכטונג נאָר קודם כל אַ פילאָזאָפיע. סאַרטר איז דערשינען אויף דער אינטעלעקטועלער אַרענע קודם ווי אַ, עקזיסטענציאַליסטישער פילאָזאָף, אגב נישט אינגאַנצן אָריגינעל, ווײַל דער עקזיסטענציאַליזם איז נישט נאָר אַ פראַנצויזישער פּראָדוקט

און איז עלטער פון סאַרטרן. זיינע וואָרצלען האָבן אין דער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געשטעקט נאָך אין דענעמאַרק און געפלעגט האָט אים דער דאָרטיקער פילאָזאָף קערגעגאָר, שפּעטער דער דייטש היידעגער. דאָס איז אָבער דערמאָנט פאַרבייגייענדיק. דער הייַנטיקער עקזיסטענציאַליזם, ווען ער איז אפילו נישט אינגאַנצן אָריגינעל, איז דאָך אין זיין אַנטוויקלונג אַ באַרייכערטער און טיילווייז אַן אַנדערער.

אין זיינע פילאָזאָפישע ביכער, ווי „דאָס זיין און די נישטיקייט", וואָס איז דערשינען אין 1944, „דער עקזיסטענצאַליזם איז הומאַניזם", האָט סאַרטר אויפגעבויט אַ גאַנצע פילאָזאָפישע קאָנסטרוקציע וועגן דער מענטשלעכער עקזיסטענץ און זיין גורל, וועגן דער מענטשלעכער פעראַנטוואָרטלעכקייט און דער פאַרטיידיקונג פון יחיד. פאַראַן אין דעם אַלעמען אויך נישט ווייניק פּלפּול, סלאָגאַנען, און אַ סך רייד וועגן דער פרייהייט פון מענטש. די פרייהייט פון מענטש רעדוצירט זיך אָבער אייגנטלעך צו נעגאַציע, צו ספקות. סאַרטר פּרוווט גיין אין די וועגן פון דעקאַרטן. ספקות איז איבעריקנס די טרייבקראַפט פון יעדער פילאָזאָפיע.

לאָמיר אָבער קודם אָן קאָמענטאַרן פרוון גאַנץ קורץ, אויף אַ פשוטן לשון איבערגעבן אין וואָס עס האַנדלט זיך.

דאָס איז, אַלזאָ, אַ פילאָזאָפיע וועגן דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, „דער מענטש איז דאָס זיין.." — שרייבט סאַרטר. דער מענטש דערשיינט פאַר אונדז, אָדער וואַנדערט איבער דער וועלט מיט זיין נאַקעטער עקזיסטענץ, מיטן „זיין", וואָס איז אין אייביקן געראַנגל מיט עפּעס אַ „גאָרנישטיקייט", אינעם געראַנגל ערשט דערפילט ער זיין אייגענע עקזיסטענץ, וועלכע ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ צעריסענע, אַבסורדאַלע אין די פלאָגענישן. דערפאַר מוז דער מענטש זיין פריי צו טאָן מיט איר וואָס אים געפעלט. „דער מענטש וועט זיין דאָס, וואָס ער וועט אַליין פון זיך מאַכן". ער מוז האָבן דאָס רעכט זעלבשטענדיק, אינדיווידועל צו באַשטימען זיין מאָראַלישע פּאָזיציע אָדער האַנדלונג אין יעדער קאָנקרעטער סיטואַציע. ער איז אַן און פאַר זיך דער קוואַל פון אַלע מאָראַלישע ווערטן און אַלס אַזעלכער איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע זיינע מאָראַלישע האַנדלונגען. דערייבער מוז ער מאַכן, ווי די עקזיסטענציאַליסטן רופן עס אָן, דעם פרייען אויסוואַל, דעריבער אויך קאָן ער נישט אונטערליגן קיין נאָרמעס, וואָס דרינגען אַרויס פון פּאָליטישע, סאָציאַלע אָדער אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען און קאָנצעפּציעס, ווייל נאָר דער מענטשלעכער אינדיווידואום גופא דיספּאָנירט מיט זיך אויף זיין אייגענעם חשבון.

קלאָר, אַז אויב מיר וועלן געוויסע גרונט-פּרינציפּן אָנהויבן אויסטייטשן בוכשטעבלעך, ווערט ער געפערלעך פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, קאָן ער פירן צו אינדיווידועלער און געזעלשאַפטלעכער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט. דערווייל אָבער זעען מיר, אַז די עקזיסטענציאַליסטישע שרייבער אין זייערע ליטעראַרישע ווערק, אַרויסגייענדיק פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, דערהויבן זיך אָפטמאָל צו אַ הויכער מאָראַלישער מדרגה און פילן אויף זיך די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס די צייט לייגט אַרויף אויף זיי. אַ ביישפּיל דערפון איז טאַקע קאַמיס בוך „די דזשומע“, אין וועלכן דער מחבר שטיצט זיך אויף דער עקזיסטענציאַליסטישער פילאָזאָפיע.

דער עקזיסטענציאַליזם, וואָס איז געווארן געוואָרן ווי אַ פילאָזאָפיע, האָט ווייניק געווירקט מיט זיינע פילאָזאָפישע ביכער. זיין ברייטער ווירקונגס-קרייז איז געוואָרן די ליטעראַטור, די בינע, דער עקראַן. נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה איז ער אַרויסגעשווומען אין אויבנאָן צווישן די ליטעראַרישע ריכטונגען, איבערהויפּט אין פראַנקרייך. סאַרטר איז פּאָפּולער געוואָרן ניט דורך זיינע פילאָזאָפישע ביכער, נאָר דורך זיינע פּיעסן. די ראָמאַנען פון סימאָן דע באָוואַר, פון קאַמי, קעסלער, די פרישאיבערגעזעצטע דערציילונגען פון קאַפקאַ האָבן אין די יאָרן נאָך דער מלחמה פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די שוי-פענצטער פון די פאַריזער בוכהאַנדלונגען. קאַפקאַס „פּראָצעס“ האָט זיך דערוואַרט אַ לאַנג לעבן אויף אַ פאַריזער טעאַטער-בינע — און לעצטנס אויך ביי אונדז — און סאַרטרס דראַמעס האָבן דורכגעמאַכט אַ טריומף-מאַרש.

צי נאָר אין פראַנקרייך?

ניין, דער עקזיסטענציאַליזם האָט אומעטום געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער ליטעראַטור. אין פראַנקרייך אָבער איז דאָס אַ באַזונדערע דערשיינונג, אפשר צוליב אַ געוויסער ליטעראַרישער טראַדיציע. יעדער קאַטאַקליזם, יעדע גרויסע געשעעניש רופט זיך שטורמיש אָפּ אין פראַנקרייך, מער ווי ערגעץ אַנדערש, אויף דער ליטעראַטור. אויב סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפטרייסלונגען לייגן אומעטום זייער שטעמפּל אויף דער ליטעראַטור, קריסטאַליזירן זיך אָבער אין פראַנקרייך אויס ביי אַזעלכע געלעגנהייטן שטרעמונגען און ריכטונגען, וואָס וואַקסן אויס צו טאָנגעבער און פאַרנעמען ענערגיש פּאָזיציעס. נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות איז געקומען דער ראָמאַנטיזם. נאָך דער פראַנצויזיש-פּרייסישער מלחמה און פאַריזער קאָמונע איז אויפגעקומען דער סימבאָליזם. די ערשטע וועלט-מלחמה האָט גע-

לאָזן נאָך זיך דעם סירעאַליזם — אגב האָט ער אויך טיילווייז אויפגעלעבט נאָך דער צווייטער מלחמה. די ירידה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט באַלעבט און געשטעלט אויף די פיס דעם עקזיסטענציאַליזם, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּראָצן שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען טאָר די זאַך נישט נעמען מעכאַניש. עס הייסט אויך נישט, אַז יעדע ריכטונג איז שפּאָגל־נײַ, אַז אַלץ איז אָריגינעל, הגם די פּרעדיקער פון די נײַע ריכטונגען פּרעטענדירן אַלע מאָל אויף אָריגינעלקייט.

מיט די ליטעראַרישע ריכטונגען אין פראַנקרייך איז דאָס כמעט אַזוי, ווי מיט דער פּאַריזער קליידער־מאָדע. זייער אָפט געשעט, אַז איין מאָדע איז נאָך אין פולן גאַנג און עס באַווייזט זיך שוין אַ נײַע. ווען זי דערגייט צו אונדז, געוועלטיקט זי אַלמעכטיק. אויב ברייטע קליידער מאַכט מען צו יעדער פיגור ברייט, אויב דאַקעגן שמאָל־געפּאַסט, איז אויך דאָס זעלבע. אין פראַנקרייך איז, אין קעגנזאַץ צו דעם, ווי עס דוכט זיך, די מאָדע גאָרנישט אַזוי אַלמעכטיק, אַזוי שטײַף, און אויך נישט אַזוי אָריגינעל. יעדער מאָדעליסט נעמט פאַר זײַן נײַעם מאָדעל דיסקרעט עפּעס פון אַ פריערדיקער מאָדע. עס גיבן זיך איבער און קרייצן זיך געשמאַקן און מענער. אַזוי אויך קרייציקן זיך און טרעפן זיך צוזאַמען שעפערישע גײַגונגען, ליטעראַרישע ריכטונגען, וואָס באַדייט נישט, אַז ס'זענען נישטאָ קיין רייבונגען און צוזאַמענשטויסן. זיי מאַכן אָבער רײַכער און פילפאַרביקער דעם ליטעראַרישן פירמאַמענט. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר בײַ באַזונדערע שעפער.

און אויב מיר האָבן געמאַכט אַ פאַרגלייך מיט דער מאָדע, דאַרף מען דערמאָנען, אַז אין פראַנקרייך איז אַ ליטעראַרישע שיטה בפירוש אַ מאָדע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער קליידונג, אין דער האַלטונג, אין הולך, אין אופן פון זאַמלען זיך אין די קאַפעען. די ראָמאַנטיקער האָבן געהאַט זייער אַרט־קליידונג, פריזור, געזאַמלט זיך אין סאַלאָנען. בײַ די עקזיסטענציאַליסטן האָט די אויסערלעכע מאָדע געשלאָגן רעקאָרד. יונגע סנאָבן טראָגן באַקנבערד, פאַרלאָזן זיך אפילו היפּשע בערד, קאָקעטירן מיט אָפּגעלאָזנקייט, זינדיקן נישט מיט זויבערקייט. ס'איז אינטערעסאַנט געווען אין די נאָך מלחמה־יאָרן זיך צוצוקוקן אין קאַפע פלאָר צו אַזעלכע יונגע־לײַט מיט אַ לולקע אין מויל און מיט אַ פאַרטראַכט געזיכט, וואָס דריקט נישט פיל אויס. און דער עקזיסטענציאַליסטישער סנאָביזם באַגרענעצט זיך נישט, ווי מ'האָט געוואָלט זיך אײַנרעדן, צו איין ספּעציעלן

שיכט. ער איז אַריינגעדרונגען כמעט אומעטום צווישן דער יוגנט. צו אונדז איז דער עקזיסטענציאַליזם געקומען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטי־קונג און אָנגענומען האָט זיך טאַקע קודם כּל דאָס אויסערלעכע אין באַשטימטע יוגנט־קרייזן.

זייער אָפט האָט מען דעם עקזיסטענציאַליזם באַטראַכט טאַקע פון שטאַנדפּונקט פון עקזיסטענציאַליסטישן סנאָביזם. עקזיסטענציאַליזם איז געוואָרן ממש אַ סינאָנים פון פיזישער און מאָראַלישער צעבראָכנקייט, פון אָפּגעלאָזנקייט, אויב נישט נאָך ערגער. צי האָט דאָס עפּעס געמיינזאַמעס מיטןווירקלעכן עקזיסטענציאַליזם? יאָ און ניין. די עקזיסטענציאַליסטישע ליטעראַטור אין אירע פאַרשידענע וואַריאַנטן האָט אַ סך גע־ווירקט, זי האָט אַרויסגעבראַכט די צעטריסלטקייט פון אונדזער צייט, געוויזן דעם מענטש אַ פאַרלוירענעם, אַן איינזאַמען, אַ צעטומלטן, אַ צע־טראָטענעם. און צייטנווייז אין אַ צושטאַנד, וואָס רופט אַרויס ביי אונדז ווידערווילן און עקל. מ'זאָל האָבן געפרעגט סאַרטרן אין יענע יאָרן פאַר־וואָס ער קרעאירט אַזעלכע צעבראָכענע, אויסגעוואָרצלטע געשטאַלטן? „וואָס בין איך שולדיק — זאָל ער האָבן געענטפערט — אַז אַזוי איז דאָס לעבן, אַזוי זענען זיי, די מענטשן“. „נישט אַלע מענטשן זענען אַזוי“ — זאָל מען אים האָבן צוריקגעענטפערט.

דאָס האָט מסתמא סאַרטר געוווּסט, ווייל ער האָט דאָך אויך דעמלט פאַרקערפּערט קינסטלעריש דעם דעמלטיקן יונגן קעמפער האַנרי מאַרטען אין זיין ווערק אונטערן זעלבן נאָמען.

דער סנאָביזם איז געווען דער שאָטן פון עקזיסטענציאַליזם, ווי ער איז דאָס אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלן. אין חשבון האָט מען אים אָבער אַריינגערעכנט און באַנוצט זיך אויך מיט אים אין דער פּאָלעמיק. און די פּאָלעמיק איז געווען אַ שאַרפע און האַלט נאָך אָן, הגם אין אַ מילדערער פאָרם. „די קונסט הויבט זיך אָן דאָרט, וווּ דער מענטש פאַרלאָזט דאָס מתים־שטיבל און דערזעט אַ בוים, דעם הימל, אַ קינד“ — האָט געשריבן ערענבורג, קריטיקירנדיק די עקזיסטענציאַליסטן. דערויף האָבן זיי גע־ענטפערט, אַז קודם זיצן זיי נישט אין קיין מתים־שטיבל און וואָס שייך דעם אומרו, דעם אַנגסט, וואָס פרעסן היינט דעם מענטש, זענען זיי לעבעדיקע באַשטאַנד־טיילן פון לעבן. אַלבערט קאַמי האָט נאָך געענטפערט דערויף: „אַנטציקנדיק זיך מיט די שיינקייטן פון דער וועלט, מוזן מיר גלייכצייטיק איינקריצן אין זכרון דאָס בילד פון די דערנידעריקטע“. און סאַרטר האָט אין דער קאָמוניסטישער צייטשריפט „אַקציאָן“ געהאַט

געשריבן: „די אַנגסט איז נישט נאָר אַ שטערונג פאַר דעם מענטשנס טעטיקייט, נאָר פאַרקערט, זי רעגט אָן צו אַקציע. ...דער עקזיסטענציאַליזם באַדייט נישט דעלעקטירן זיך מיט דער פאַרביטערטקייט, דער עקזיסטענציאַליזם איז אַ הומאַניסטישע פילאָזאָפיע, וואָס רעגט אָן צו אַקציע, צו אָנשטרענג, צו קאַמף, צו מענטשלעכער סאָלידאַריטעט“. „קאַמף, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַנגסט“? — האָט איראָניזירט דער פראַנצויזישער קריטיקער לאַרניאַק.

ס'איז אַ לאַנגער דיאַלאָג מיט אַ סך מיספאַרשטענדענישן פון ביידע זייטן. ס'גייט נישט אין קיין טרעפלעכע פאָרווורפן און ענטפערס, נאָר אין דער עצם־פונקציע פון דער קונסט, פון דער ליטעראַטור. „די ליטעראַטור דאַרף נישט נאָר אָפשפיגלען, נאָר אויך געשטאַלטיקן, פורעמען דאָס לעבן“ — זאָגן אייגע. דערויף האָט קאַמי געענטפערט, אַז „די קונסט איז מסוגל זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ לוקסוס־שקר און דער דורכשניטלעכער מענטש, פונקט ווי דער קינסטלער, וויל זען דעם אמת“. לויט אים איז די קונסט „אַ רעוואָלט קעגן די נישטיקייטן און דער אומפערפעקטקייט פון דער וועלט“. און די מיסיע פון קינסטלער איז „צו רעדן פאַר די, וועלכע קאָנען דאָס אַליין נישט טאָן“. „די קונסט טאָר נישט זיין קיין מאָנאָלאָג“ — האָט ער באַהויפטעט.

ס'האַנדלט זיך אין גרונט גענומען אין צוויי אַנדערשדיקע קאָנצעפציעס וועגן מענטש און וועלט. פאַראַן אַ היסטאָרישע קאָנצעפציע וועגן מענטש אָדער ווי עס רופן דאָס טעאָרעטיקער — היסטאָריזם, לויט וועלכן דאָס מענטשלעכע באַשעפעניש פאָרמירט זיין נאַטור, זיין כאַראַקטער אין היסטאָרישן פראָצעס פון סאָציאַלע אומשטענדן און אומוואַנדלונגען. די עקזיסטענציאַליסטן — יעדנפאַלס דער גרעסטער טייל פון זיי — זעען אין אַזאַ אויפפאַסונג אַ געפאַר פאַר דער מאָראַל, איבערהויפט אין דער באַגלייט־דערשיינונג, וואָס מע רופט היסטאָרישע נויטווענדיקייט און וואָס לויט זיי דינט אָפט צו פאַרדעקן פאַרשידענע פאַרברעכנס. זיי דעפינירן דעם מענטש לויט אַ מאָראַלישער קריטעריע און נישט היסטאָרישער. די מענטשלעכע נאַטור איז אומפאַרענדערלעך, דאָס בייז אין איר הערשט אויסער די ראַמען פון צייט. דער מיטאָלאָגישער קאָנפליקט צווישן קרעאָנען און אַנטיגאָנען, ווי דאָס האָט געוויזן אַנו אין זיין דראַמע, איז אַ קאָנפליקט פון אַלע צייטן און אַלע געזעלשאַפטן — דאָס איז דער קאָנפליקט צווישן די, וועלכע הערשן און די, איבער וועלכע מע הערשט. פונקט ווי קרעאָן פון דער מיטאָלאָגיע האָט געהאַנדלט לויט די נויטווענ־

דיקייטן פֿון די מלוכה־אינטערעסן, אָדער ווי מ׳וואָלט געזאָגט — לויט אַ נויטווענדיקייט פֿון דער שעה — ווען ער האָט פֿאַרבאָטן צו פֿאַרגראָבן דעם קערפּער פֿון אַנטיגאָנעס ברודער און פֿאַרן ברעכן דעם פֿאַרבאָט באַפֿוילן צו באַגראָבן אַנטיגאָנען לעבעדיקערהייט, אַזוי באַרעכטיקט מען אויך היינט מיט פֿאַרשידענע נויטווענדיקייטן פֿון דער שעה די גרויזאַמסטע טאַטן. קרעאָן איז די ברוטאַלע מאַכט, דאָס בייז, אַנטיגאָנע — דאָס הומאַניטאַרע. קרעאָנס און אַנטיגאָנעס עקזיסטירן שטענדיק. דאָס בייז טרעט אַרויס אין לויף פֿון דורות אין פֿאַרשידענע געשטאַלטן, אַלע מאָל אונטער אַן אַנדער שלייער, אָפּטמאָל אונטערן מאַנטל פֿון פּראָגרעס. אין דער פּוילישער ליטעראַטור פֿון פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָט אַמבולטסטן אַזאַ געדאַנקענגאַנג אויסגעדריקט יעזשי אַנדזשעיעווסקי אין זיינע „פּינצטערנישן פֿאַרדעקן די ערד“. אַ טאָרקוועמאַדאָ האָט געקאָנט עקזיסטירן נישט נאָר אין מיטלאַלטער.

מע וואַרפֿט די עקזיסטענציאַליסטן אויטאָויפֿהערלעך פֿאָר, אַז זיי זענען אַהיסטאָריש, באַטראַכטן פּראָבלעמען אויסער צייט און באַדינגונגען, אַז זיי שפּיגלען נישט אָפּ דאָס רעאַלע לעבן, העכסטנס פֿאַררעגיסטרירן זיי פֿאַקטן, עפּיזאָדן, שאַפֿן קינסטלערישע סיטואַציעס און דערפֿאַר פֿאַרלירט זייער פּראָזע דעם כאַראַקטער פֿון דער עכטער, גרויסער, רעאַליסטישער ליטעראַטור. מען טענהט אויך צו זיי: — איר זענט אַנגאַזשירטע שרײַבער, אָבער אין וואָס אַנגאַזשירט, ווי אַזוי אַנגאַזשירט, אויב אַלץ איז זינלאָז, אויסוועגלאָז?

ווי זעט עס אין דער אמתן אויס? ווי זעט עס אויס אין דער ליטעראַטור?

נאָך סאַרטרן איז קאַמי דער אַממייסטן כאַראַקטעריסטישער פֿאָרשטייער פֿון דער דאָזיקער שיטה. זשאַן לאַרניאַק האָט געשריבן וועגן אים, אַז ער איז „דער אַממייניסטן קלאָרדענקנדיקער צווישן די עקזיסטענציאַליסטן“. ווען מיר נעמען אַלס אילוסטראַציע זיין בוך „די דזשומע“, אין וועלכן עס טרעפֿן זיך צוזאַמען פֿיל קניפּ־פּונקטן פֿון דער עקזיסטענציאַליסטישער אויפֿפֿאַסונג און וואָס טיילט זיך אויס אין קאַמיס שאַפֿונג מיט זיין טיפֿן הומאַניטאַרן אויסדרוק. אין דאָזיקן ראָמאַן האָבן מיר אויך פֿאַר זיך יענע אויסטערלישע דראַמאַטישע סיטואַציע, וואָס איז טאַקע אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די עקזיסטענציאַליסטישע שרייבער, אָבער דאָ איז דאָס נישט קיין אַבסטראַקט געשאַפֿענע וועלט, ווי עס טרעפֿט צייטנווייז

ביי זיי. זייַנע העלדן טרעטן נישט אַרויס אין מיטאָלאָגישע מאַסקעס, ווי עס געשעט אָפּטמאָל ביי סאַרטרן („פליגן"), ביי אַנו („אַנטיגאָנע") אָדער ביי אַנדערע. דער שרייבערישער שטאָף האָט געקאָנט זייַן גענומען פון אונדזער אייגענערווירקלעכקייט.

אָט ווי עס זעט אויס אין קאַמיס „די דזשומע":

אין דער אַלזשירער שטאָט אָראַן, וואָס געפינט זיך ביים ברעג ים, באַווייַזן זיך שטשורעס. זייער צאָל וואַקסט פון טאָג צו טאָג און אין די טויזנטער שטאַרבן זיי אין די הויפן, אויף די טרעפ פון די הייזער. די גרויסע באַאומרואיקונג פון די אייַנוווינער האָט זיך באַרעכטיקט. עס ברעכט אויס אַ דזשומע-עפּידעמיע. די שטאָט ווערט אָפּגעשניטן פון דער וועלט. זי האָט נישט קיין גענוגנדיקע סאַניטאַרע און מעדיצינישע מיטלען צו קעמפן קעגן דער מגפה, וואָס פאַרשטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג. עס דוכט זיך, אַז אַלע זענען פאַרמשפט אומצוקומען אין קאָנוואולסיע-יסורים. וואָס בלייבט צו טאָן? אונטערגעבן זיך? אָדער טראָץ אַלעמען זיך קעגנשטעלן? דער דאָקטער ריע, דער הויפּט-העלד פון בוך מאַכט דעם אויסוואַל: קעגנשטעלן זיך דער מגפה אפילו, ווען די לאַגע איז האָפנונגסלאָז, ווייל אַנדערש וואָלט געהייסן אָקצעפּטירן די ברוטאַלע, אַבסורדאַלע מאַכט. דעם זעלבן אויסוואַל מאַכט זייַן פרייַנט טאַרו. ער וואַרפט אַלע זייַנע באַשעפטיקונגען, שטעלט זיך צו צו דער סאַניטאַרער דינסט, אייַנשטעלנדיק דאָס לעבן. דער אויסלענדישער זשורנאַליסט ראַמבער רעזיגנירט צו פאַרלאָזן די פאַרפּעסטעטע שטאָט, ווייל ער וויל בלייבן ביי דער זייט פון די פאַרפּעסטעטע, כדי זיי צו טראָגן הילף. „ס'איז אַ חרפה צו זייַן גליקלעך אַליין" — זאָגט ער. דעם זעלבן פרייוויליקן אויסוואַל מאַכן אויך אַנדערע און די מגפה ווערט לסוף באַזיגט.

ס'איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט סימבאָליק. אויפן אָרט פון דער דזשומע קאָן זייַן מלחמה, פאַשיזם, אָדער אַן אַנדער ברוטאַלע קראַפט קעגן וועלכער מע מוז קעמפן, ווי קעגן אַ מגפה. צום סוף פון בוך וואָרנט דער מחבר נישט צו לאָזן זיך פאַרשיכורן מיטן ערשטן זיג, ווייל „דער מיקראָב פון דער דזשומע שטאַרבט נישט און פאַרשווינדט קיינמאָל נישט פולשטענדיק, ער קאָן יאָרנלאַנג בלייבן אייַנגעשלאָפן אין מעבל, אין די וועש, ער וואַרט געדולדיק אין די ווענט פון די וווינונגען, אין די נאָז-טיכלעך און אין פאַפיר אויף

אַ גינסטיקער צייט, ווען צום אומגליק פֿאַר די מענטשן וועט די מגפֿה זיך אויפֿוועקן און דעמלט וועט זי ווידער שיקן אירע שטשורעס שטאַרבן ערגעץ־וווּ אין אַ גליקלעכער שטאָט".

לאָמיר געדענקען, אַז ס'איז געווען נאָך דער מלחמה, נאָך דער היטלעריסטישער מגפֿה. דער לייענער קאָן גלייך מאַכן דעם פֿאַרגלייך: דער פֿאַשיסטישער מיקראָב איז נאָך נישט פֿולשטענדיק טויט. ווי מיר זען, אַלזאָ, באַטראַכט קאַמי, דער עקזיסטענציאַליסט, די קונסט ווי אַ שליחות. דער מחבר פֿון דער „דזשומע" פֿילט אויף זיך די שווערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צו וואָרענען די פֿעלקער אויסצוהיטן זיך פֿאַר נייע מגפֿות. מ'קאָן, פֿאַרשטייט זיך, האָבן צו אים אַ טענה פֿאַרוואָס ער זאָגט נישט ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן. דערויף וואָלט ער מסתמא געענט־פֿערט, אַז אַ שרייבער איז נישט קיין דאָקטער, וואָס פֿאַרשרייבט רע־צעפּטן.

דאָס איז אָבער נישט דער אייציקער זין פֿון בוך. דער מחבר, ווי שוין אייבן דערמאָנט, ברענגט דאָ אַלזייטיק צום אויסדרוק די עקזיס־טענציאַליסטישע פֿילאָזאָפֿיע — אין זיין אייגענער באַנעמונג. איר פֿאָנענטרעגער איז טאַרו. און זינט ער, טאַרו איז אַלס יונגער בחור ביי־געווען אויף אַ פּראָצעס, ווו מ'האָט אַ מענטש פֿאַרמשפּט צום טויט, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אונדזער געזעלשאַפֿט שפּאַרט זיך אָן אויף טויט־אורטיילן, אַז איר אָרגאַניזם איז צעפֿרעסן פֿון מיקראָב פֿון דער דאָזיקער מגפֿה. „...אויף דער ערד זענען פֿאַראַן מגפֿות און קרבנות און מ'דאַרף, אויף וויפֿל ס'איז נאָר מעגלעך, נישט איינגיין אָנטייל צו נעמען אין דער מגפֿה". באַקעמפֿן די מגפֿה הייסט קעמפֿן קעגן יעטוועדער גע־וואַלדטאַט, הייסט קעמפֿן קעגן מאָרד בכלל. טאַרו צווייפֿלט צי דאָס טויטן אַ געוויסע צאָל מענטשן קאָן באַרעכטיקט זיין מיטן אויסרייד, אַז מ'וועט דערפֿאַר שפּעטער שוין נישט דאַרפֿן טויטן. איז ווי אַזוי וואָלט טאַרו געקעמפֿט אין דער הײַנטיקער, קאָנקרעטער סיטואַציע? נאָכפֿאָלגנ־דיק זיין געדאַנקען־גאַנג, קאָן מען דרינגען, אַז ער וואָלט געקעמפֿט קעגן מלחמה־געפֿאַר, קעגן פֿאַשיזם, קעגן אומגערעכטיקייט — מיט איין וואָרט קעגן אַלע מגפֿות פֿון אונדזער צייט. ווי אַזוי? דאָס דערוויסן מיר זיך נישט, ער זאָגט נישט וואָס ער וואָלט געטאָן. ער זאָגט אונדז בלויז, וואָס ער וואָלט נישט געטאָן; ער וואָלט בשום אופֿן נישט איינגעגאַנגען צו ברענגען מענטשלעכע קרבנות פֿאַר דעם מאָרגנדיקן גליק. ער וואָלט

דער עיקר נישט איינגעגאַנגען אויף עקספּערימענטן, לגבי וועלכע ער וואָלט געהאַט מאָראַלישע ספקות.

ספקות דריקט אויך אויס דער כראָניקער, ד. ה. דער מחבר גופא אין באַצוג צום מענטשלעכן וויסן און וואָרנט נישט צו האָבן צופיל צוטרוי צום אייגענעם געדאַנקען־סיסטעם. „דאָס בייז אויף דער וועלט קומט כמעט שטענדיק פון אומוויסן; מיט גוטן ווילן קאָן מען אַמאָל ברענגען אַזוי פיל שאָדן, ווי מיט שלעכטע כוונות...“ אפילו דער גלח פּאַנעלוקס, הויבט אָן, נאָכדעם ווי ער איז ביי־געווען ביי די גסיסה־יסורים פון קראַנקן, שטאַרבנדיקן קינד, צו ספקן, צי דאָס צוזאָגן שטענדיק גליק אויף שפּעטער באַרעכטיקט אַ רגע פון מענטשלעכן פּיין היינט. און ראַמבער צווייפלט בכלל אין דער גוטיקייט פון העלדנטאַט, ווייל אין דער אמתן, זאָגט ער, שטאַרבט מען פאַר אַן אידעע און נישט פאַרן גוטס פון מענטש.

איז פאַרוואָס האָט זיך ראַמבער מקריב געווען און געבליבן אין דער פאַרפּעסטעטער שטאָט? ווייל דער מענטשלעכער אינסטינקט און דאָס געפיל פון סאָלידאַרישקייט מיט אַנדערע מענטשן צווינגען צו האַנדלונגען, וואָס שטייגן אַריבער דעם פערזענלעכן אינטערעס. זייער גוט. איר האָט אָבער דאָס רעכט אים צו פרעגן: וואָס טוט מען דעמלט, ווען אַזעלכע אינסטינקטן און געפילן זענען ביי מענטשן נישטאָ? ווייזן מיר דאָך, אַז נישט אַלע מענטשן זענען ענלעך צו אים, ראַמבערן און אָפּטמאָל זענען זיי פּונקט דער היפּך פון אים. באַקומט זיך טאַקע דער איינדרוק אין אַזעלכע פאַלן, און דאָס סיי ביי קאַמי, סיי ביי פיל אַנדערע עקזיסטענציאַליסטישע שרייבער, אַז זיי לעזן פּראָבלעמען אויסער די ראַמען פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען און אומשטענדן.

קאַמי באַרירט נאָך אין זיין בוך פיל פּראָבלעמען, וואַרפט אָן אַ סך געדאַנקען, און ווען אפילו מיר זעען נישט קיין לעזונג ביי אים, ווייל בלויזע נעגאַציע איז ווייט נישט גענוג, איז דאָך אַ פאַרדינסט, וואָס די פּראָבלעמען ווערן געשטעלט. אַ גאַנצער דור היינטצייטיקע שרייבער האָבן פאַרזען דעם היינטצייטיקן מענטש אין זיינע אַנגסטיקע ראַנגלענישן, דעם מענטש פון דער „אַטאָם־עפּאָכע“. דאָס האָט נאָך דורשטיקער, עמפּינדלעכער געמאַכט דעם היינטיקן לייענער אויף דער עקזיסטענציאַליסטישער ליטעראַטור, וועמענס פיל באַהויפּטונגען זענען אים נישט צום האַרצן און געוויסע ביכער, ווי זאָל מען אָננעמען, סאַרטרס „די מויער“, זענען ממש דערווידער.

גיין, מ׳קאָן נישט מסכּים זיין מיטן פּאַטאַליזם פֿון מענטשלעכן גורל, מיטן דעגענערירטן אין מענטשן, מיטן יאוש און אַבסורדאַלקייט פֿונעם לעבן, מיט וועלכע די ליטעראַטור איז איבערגעזעטיקט. מיר ווערן זיך קעגן דעם, מיר ווילן נישט, אַז מ׳זאָל אונדז פֿאַרמיאוסן און פֿאַרגיפֿטן דאָס אַזוי אויך שווערע לעבן. מיר האָבן אָבער אַ ברירה אָפּצוּוואַרפֿן דאָס, וואָס געפֿעלט אונדז נישט און אָנצונעמען בלויז דאָס גוטע, — נישטאָ דאָך קיין איין דערשיינונג אין לעבן, וואָס זאָל פֿליסן בלויז מיט אַ לויטערן אָדער בלויז מיט אַ מוטנעם, ברודיקן שטראָם. און דאָס גוטע אין אַזאַ עקזיסטענציאַליסטיש בוך ווי „די דזשומע“ אָדער אויב נעמען פֿאַרשידענע ביישפּילן — „דער אַלטער מענטש און דער ים“ אָדער גאָר „דער פּראָצעס“, איז דער טיפֿער הומאַניטאַריזם, די וואַרהאַפֿטיקייט, די זאָרג פֿאַר דער מאָראַל, פֿאַרן מענטשלעכן אין מענטש, דער ווילן צו באַקעמפֿן דאָס בייז.

ווען מיר האָבן פֿאַר זיך אַ קונסט־ווערק, ווען מיר לייענען אַ בוך אָדער קוקן אויף אַ בילד, רוקט זיך אָן, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט, אַ געוויסע קאָנפֿראָנטאַציע מיטן לעבן... „נישט אמת, ס׳איז פֿאַלש, אַזוי איז דאָס נישט“ — טראַכט זיך טיילמאָל דער לייענער אָדער צושויער און די באַציונג צום ווערק ווערט בלאַס, קאַלט, ווייל קונסט מוז קודם זיין וואָרהאַפֿטיקייט, אמתדיקייט, מוז פֿאַרמאָגן אַ מענטשלעכן אמת, אַ פּסיכאָלאָגישן אמת. דער צווייטער גרונט־באַדינג איז די הומאַניטאַרישקייט, אָן וועלכער ס׳איז נישט פֿאָרצושטעלן זיך קיין שום קונסט־ווערק. און ס׳איז נאָך נישט באַוויזן געוואָרן, אַז נאָר אַזוי און נישט אַנדערש קאָנען דער אמת און דער הומאַניטאַריזם קומען צום אויסדרוק. פֿאַראַן מסתּמא הונדערטער אופֿנים זיי אויסצודריקן. מיט דער מאָס, דוכט מיר, דאַרף מען מעסטן שעפֿער און זייערע שאַפֿונגען און צווישן זיי אויך די עקזיסטענציאַליסטישע.

1958

דער היינטצייטיקער מענטש און דער נייער ראָמאַן

(וועגן „שטילער“ און „האָמאָ פֿאַבער“)

שווייצאַריע איז באַקאַנט אויף דער וועלט מיט אירע בערג, מיט איר שיינער אָזערע, מיט די אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענטרעפֿן. פֿאַרן לעצטן צענדליק יאָר איז איר צוגעקומען אַן אַנדער מין רום — אַ ליטעראַרישער רום. דאָס קליינע שווייצאַריע איז ווי מיט אַמאָל אַרויסגעטרעטן אויף דער ליטעראַרישער וועלט-אַרענע דורך אירע צוויי באַרימטע שרייבער — דעם דראַמאַטורג דירענמאַט, וועמענס פּיעסעס עס טריומפֿירן אויף די בינעס פֿון פֿיל לענדער, און דעם שרייבער מאַקס פֿריש, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט קודם מיט זיינע צוויי ראָמאַנען: „שטילער“ און „האָמאָ פֿאַבער“. עס האַנדלט זיך נישט אין מאַכן אַ פֿאַרגלייך צווישן די צוויי שווייצאַרישע שרייבער, נאָר אין דערמאָנען, אַז ביידע האָבן זיי אין דער היינטצייטיקער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט עפּעס נייעס, נאָוואַטאָרישעס.

די צוויי ראָמאַנען פֿון מאַקס פֿריש זענען געוואָרן ליטעראַרישע „שלאַגערן“ און האָבן אַרויסגערופֿן אַ סך אָפּקלאַנגען. ביידע ביכער זענען אין אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט איבערגעזעצט געוואָרן אויף פֿיל שפּראַכן. זיי זענען אויך דערשינען אין פּויליש.

מיט וואָס האָבן „שטילער“ און „האָמאָ פֿאַבער“ אַזוי שטאַרק געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט סיי פֿון דער קריטיק, סיי פֿון לייענער-עולם?

אָן ספֿק איז דאָס די טעמע, דער היינטצייטיקער מענטש אין זיינע ראַנגלענישן און אין זיין פֿאַרלוירנקייט, אין וועלכע יעדערער געפֿינט אָט זיך גופֿא. נישט ווייניקער אָבער קומט דאָ אין באַטראַכט די פֿאָרם פֿון ראָמאַן, די „טעכניק“, די נישט קאָנווענציאָנעלע קאָנסטרוקציע, וואָס האָט די קריטיק אפֿשר אַמאיינסטן פֿאַראינטערעסירט.

אין דער ליטעראַרישער וועלט רעדט מען היינט זייער פֿיל וועגן דעם נייעם ראָמאַן, וואָס הויבט אָן געבוירן צו ווערן. עס ווערן געמאַכט פֿיל

עקספּערימענטן, איבערהויפּט אין פראַנקרייך צווישן נייעם דור שרייבער. מאַקס פריש האָט, קאָנטיק, זיך געלאָזט מיט דרייסטע טריט אויפן וועג פון עקספּערימענטירן. יעדער פון די צוויי ראָמאַנען איז אַנדערש געבויט, פאַרמאָגט אַן אַנדער קאָנסטרוקציע, הגם ביידע זענען געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, אין דער פאָרם פון א טאָג־בוך, פון פאַרצייכענונגען. דאָס זענען צוויי אַנדערש קאָנסטרואירטע ביכער, צוויי עקספּערימענטן, וואָס דאַרפן אַרויסברענגען אין זיין גאַנצער פּסיכאָלאָגישער טיף דעם מענטש פון אונדזער צייט. שטילער און פאבער, די הויפּט־העלדן פון די צוויי ראָמאַנען זענען צו זיך אינגאַנצן נישט ענלעך, דאָס לעבן פון יעדערן באַזונדער איז גאָר אַנדערש געפלאָסן. ביידנס לעבן ווערט אָבער דערפירט צו יענעם טראַגישן טעמפּן ווינקל, פון וועלכן ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג.

אָנהויבן דאַרף מען פון „שטילער“, קודם שוין דערפאַר, וואָס ער איז עלטער. דער ראָמאַן איז נאָך דערשינען אין 1954, און ווי עס דוכט מיר, האָט דער מחבר עפּעס געלערנט פון זיין ערשטן עקספּערימענט.

דער ראָמאַן באַשטייט פון צוויי נישט גלייכע טיילן. דער ערשטער טייל זייער א לאַנגער, דער צווייטער א קורצער, צוזאַמען 650 זייטן. אָבער נישט נאָר אין דעם באַשטייט די נישט גלייכקייט. דער צווייטער טייל איז ווי אַן אַנטיטעזע צום ערשטן.

א געוויסער אַמעריקאַנער פון דייטשישער אָפּשטאַמונג מיטן נאָמען וואַיט קומט צופאָרן קיין שווייצאַריע און ווערט גלייך ביים אָנקומען אַרעסטירט, ווייל מען דערקענט אין אים דעם מיט 6 יאָר צוריק געהיים פאַרשוווּנדענעם סקולפּטאָר שטילער, וועלכן מ'האָט חושד געווען אין פאַרברעכנס. זיין יונגע שיינע פרוי, זיין ברודער, זיינע אַמאָליקע פריינד, אַלע דערקענען אין אים דעם פאַרשוווּנדענעם שטילער, אָבער ער טענהט, אַז ער איז וואַיט און ווייסט נישט פון קיין שום שטילער. זיצנדיק אין תפיסה פאַרשרייבט ער סיסטעמאַטיש זיינע פּעריפּעטיעס מיט דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט און אַלעמענס אָנשטרענגונגען אים איינצורעדן, אַז ער איז שטילער, וועמענס פאַרגאַנגענהייט עס ווערט ביי דער געלעגנהייט אויפגעדעקט פאַר אים. דער דאָזיקער לאַנגער טאָג־בוך, אין וועלכן עס זענען אַריינגעוויקלט פאַרשידענע געשעענישן, בילדעט דעם ערשטן טייל פון ראָמאַן. און מערקווירדיק: מיר זענען גענייגט דעם אַרעסטאַנט צו גלויבן, ער איבערצייגט, אַז ער איז נישט דער פאַרשוווּנדענער שטילער.

ערשט אין צווייטן טייל, וועלכער באַשטייט אין פאַרצייכענונגען פון פּראָקוראָר, וואָס האָט געפירט די אויספאָרשונג, דערוויסן מיר זיך דעם

אמת. פון „נאָכוואָרט פון פּראָקוראָר“, ווי עס איז באַטיטלט דער צווייטער טייל, ווערט קלאָר, אַז דער טאָג־בוך אַנטהאַלט אַ מיטאָס, אַ פיקציע, אַן איינרעדעניש פון אַ מענטש, וועלכער איז אַנטלאָפן פון זיך אַליין און וויל זיך דערצו נישט מודה זיין, ווייל ער וויל ווייטער פארבלייבן פאר זיך און פאר דער וועלט, אן אנדערער ווי ער איז געווען, ער וויל ארויסבאקומען זיך פון זיין אייגענער הויט.

שטילער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין לעבן. ער איז געווען אַ געפאַנגענער פון זיינע אייגענע טרוימען און שטענדיקע נישט דערפילטע האָפענונגען. האָט ער געוואָלט באפרייען זיך פון דער אייגענער נישטיקייט, ראטעווען זיך דורכן אנטלויפן פון אייגענעם איך, פון אלץ, וואָס איז געבונדן מיט זיין אינדיווידואום, אַלזאָ, פון זיין קונסט, פון דער פרוי, וועלכער ער האָט נישט געקאָנט גליקלעך מאַכן, פון דעם בירגערלעכן סנאָבישן לאַנד, צו וועלכן ער האָט געפילט אַ פאַראַכטונג. צוריקגעקומען איז ער נישט ווי אַ בירגער געבונדן מיט זיין היימלאַנד, נאָר ווי אַ טוריסט, ער האָט בעסער געוואָלט זיין אין אייגענעם פאָטערלאַנד אַ פרעמדער.

פון „נאָכוואָרט פון פּראָקוראָר“ דערוויסן מיר זיך, אַז אַלץ האָט זיך אויפגעקלערט. שטילער איז באפרייט געוואָרן פון תפיסה, איז זיך צונויפגעגאנגען מיט זיין פרוי, האָט צוריק אָנגעהויבן צו לעבן מיט זיין אייגענעם לעבן, הגם ער שאפט שוין נישט קיין קונסט־ווערק, נאָר באשעפטיקט זיך מיט קעראַמיק, וואָס דריקט וויניקער אוים דעם אייגענעם איך. באַלד דערנאָך אָבער שטאַרבט זיין פרוי, די טאַלאַנטירטע טענצערין, וועלכע האָט פאר אים מקריב געווען איר קונסט און איר געזונט. שטילער בלייבט אליין מיט זיין איינזאמקייט, מיט זיין יאוש און אומרו און וואַרט וואָס דער קאפריזנער גורל וועט אים ווידער ברענגען. דעם אויספיר לאָזט דער מחבר דעם לייענער אליין מאכן און ס'איז גאָרנישט שווער אים צו מאַכן: פון זיך גופא ועסטו נישט אנטלויפן, פון לעבן קאָן מען זיך נישט ארויסדרייען, עס האלט מיט אייזערנע צוואנגען, און פרוווסטו זיך ארויסרייסן פאַר יעדן פּרייז, וועלן וועגן אַלע דיך צוריקפירן צו דער גרויער ווירקלעכקייט.

צי וויל דען אָבער דער מענטש שטענדיק אנטלויפן פון זיך?

מאַבער האָט נישט געזוכט אַזאַ אויסוועג. אים איז דאָס איבעריקגס נישט גייטיק געווען. ער איז נאָר אן אנדער מענטש, לעבט אין תוך אין

אַנדערע באַדינגונגען. שטילער איז זייער אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. זיין אומזיכערקייט און אומגלויבן אין זיך גופא שטאַמען וואָס אַן אמת פון אויסערלעכע סיבות. בעתן בירגער קריג אין שפּאַניע האָט ער נישט אויסגעפירט די פליכט, וואָס איז געלעגן אויף אים, ער האָט נישט געשאָסן צו די פראַנקאָ־סאָלדאַטן, ווען ער איז אַליין געבליבן אויף אַ פּאָזיציע, וואָס מ'האָט אים כסדר דערמאָנט; ער האָט אויך נישט דערפילט זיינע קינסטלערישע אַמביציעס, אומגליקלעך געמאַכט זיין פרוי, פאַראַטן זי מיט אַ געליבטער און אַליין אין ערגעץ קיין גליק נישט געפונען. און דאָך האָט זיין אומגליק געשטעקט ווי אין אים גופא, ווייל ער האָט נישט קיין אָנשפּאַר אין זיך גופא, ער פאַרמאָגט נישט קיין שטאַנדהאַפטיקייט. זיין אינדיווידואַליטעט איז אַ צעשפּאָלטענע, אַ צעשפּליטערטע. פאַבער דאַקעגן האָט יאָ אַן אינערלעכן פעסטן אָנשפּאַר.

וואַלטער פאַבער איז אַן אינזשיניער, אַ פאַרליבטער אין זיין אַרבעט. ער גלויבט אין זיין באַרוף, אין זיינע קענטעניש, ער גלויבט אינעם כוח פון דער טעכניק, אין פּראָגרעס. אים פּרעסט נישט קיין צווייפל, ווייל ער קאָן אַלץ מאַטעמאַטיש אויסרעכענען, לאָגיש באַנעמען. פאַבער ליידט נישט פון קיין אינערלעכער צעריסנקייט, ווי שטילער. ביי אים זענען נישט פאַראַן קיין קאָנפליקטן מיט זיך גופא, ער לאַכט אויס אַלע מינים איבערלעבונגען, קאָן זיך אפילו נישט פאָרשטעלן וואָס דאָס באַדייט איבערלעבונג, פאָרגעפיל. ער איז אַ טעכניקער, אַ וויסנשאַפטלער און עס עקזיסטירן פאַר אים נאָר פאַקטן, זאַכן, וואָס מ'קאָן פעסטשטעלן, באַגרייפ־וויסנשאַפטלעך. ער גלויבט אויך נישט אין קיין צופאַלן, אָדער עפּעס אין אַ בלינדן גורל, דאָס אַלץ איז פאַר אים מיסטיק. ער זאָגט וועגן זיך: „מיר איז קיין מיסטיק נישט נייטיק, מיר איז גענוג מאַטעמאַטיק“, אַלזאָ, ער איז אַ מענטש, וועלכער שטייט „מיט ביידע פיס אויף דער ערד“.

און אָט אַרום דעם לעבן פון אַזאַ ניכטערן, קאַלט־אויסגערעכנטן מענטש האָט זיך ווי אין שאָטן געשפּינט עפּעס אַ געהיימע נעץ, אין וועלכער ער איז סוף כל סוף געפאַנגען געוואָרן. איין צופאַל צעשטערט זיין אָנגעצייכנטן פּלאַן, אַ צווייטער צופאַל צעטרייסלט זיין ביז איצטיק לעבן. מיט אַמאָל איז זיין גאַנצע וועלט, וואָס ער האָט באַנומען מיט אַזוי פיל לאָגיק און מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג, דערשינען פאַר אים, ווי אַ מוראדיק רעטעניש, זיין פּראַקטישער און ניכטערער קוק, זיין גלויבן אין טעכנישן פּראָגרעס האָבן אים נישט געקאָנט פאַרהיטן פון אַ גרויסער לעבנס־מפּלה.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט פֿאבער קעגן זיין ווילן זיך צעשיידט מיט זיין האלב־יידישער געליבטער. די שטאָלצע און סענטימענטאלע האַננאַ לאַנדסבערג, אַ טאָכטער פֿון אַ יידישן פּראָפֿעסאָר פֿון מינכען, וועלכער איז אומגעקומען אין אַ היטלעריסטישער תּפֿיסה, האָט אין לעצטן מאָמענט זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט אים, ווייל איר האָט זיך געדוכט, אַז ער וויל דערמיט בלויז אויסדריקן זיין קעגנערשאַפֿט צום צוויילטן אַנטיסעמיטיזם, — ס'איז געווען אין 1936, נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן די נירענבערגער געזעצן — וואָס האָט אָנגערירט איר מענטשלעכע ווירדע. דער יונגער אינזשיניער וואַלטער פֿאבער האָט געמוזט פֿאַרלאָזן שווייצאַריע און אָפּפֿאָרן קיין באַגדאַד אויף אַ פּאָסטן. זינט דעמלט איז ער אין שליחות פֿון יונעסקאָ שוין אויסגעווען אַ האַלבע וועלט, באַשעפֿטיקנדיק זיך מיט דערווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג פֿון די אָפּגעשטאַנענע לענדער. זינט דעמלט האָט ער גאָרנישט געוווּסט וועגן זיין אַמאָליקער געליבטער. און אָט האָט ער אויפֿן שיף, אומקערנדיק זיך פֿון אַמעריקע, באַגעגנט אַ צוואַנציק יעריק מיידל. צווישן פֿופֿציק יעריקן פֿאבער און יונגן מיידל אַנטשטייט אַ פֿריינדשאַפֿט, דערנאָך אינטימע געפֿילן. נאָך אַ געמיינזאַמען אויפֿהאַלט אין פּאַריז באַגלייט זי פֿאַבער קיין גריכנלאַנד, ווו עס לעבט און אַרבעט אַלס וויסנשאַפֿטלער האַננאַ לאַנדסבערג, די מוטער פֿון מיידל. פֿאבערס יונגע געליבטע קומט אום אין אַ פֿאַרפֿאַל און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז זיין אייגענע טאָכטער. דער לייענער פֿאַרלאָזט פֿאבערן אַ צעבראָכענעם, קראַנקן און געפּייניקטן פֿון באַוווּסטזיין, אַז ער האָט דערפֿירט צום טויט זיין אייגן קינד און פֿאַרניכטעט דאָס איינציקע גליק פֿון דער איינזאַמער, פֿאַרעלטערטער האַננאַ.

פֿאַטאַליזם? כ'האָב נישט באַקומען אַזאַ איינדרוק.

געוויינלעך ווערט אַזאַ בוך באַצייכנט מיטן טיטל „שוואַרצע ליטעראַטור“. אַ סטערעאָטיפּישע באַצייכענונג. כ'מיין, אַז דער דורכשניטלעכער לייענער, וועט פֿאַרמאַכנדיק דאָס בוך, מאַכן אַזאַ אויספֿיר: „אין לעבן קאָן אַלץ געשען און עס העלפֿן נישט קיין שום חכמות“.

אין וואָס אָבער באַשטייט די נייקייט, די נאָוואַטאָרישקייט, וועגן וועלכער עס איז דערמאָנט געוואָרן?

קודם אין דער קאָנסטרוקציע, אין דער פֿאָרם פֿון ראָמאַן.ביידע זענען געבויט אויפֿן סמך פֿון אינערלעכן מאָנאָלאָג, ביידע זענען געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון טאָג־ביכער, אָבער אין דער אמתן אין דער פֿאָרם פֿון נישט קאָאָרדינירטע, טיילמאָל צעפֿלאָסענע, כמעט כאַאָטישע פֿאַרציי־

כענונגען, פּונקט אַזוי, ווי דער העלד=נאַראַטאָר וואָלט עס פאַרצייכנט פאַר
זיך אַליין, נישט מאַכנדיק קיין אָנשטרענג צו סיסטעמאַטיזירן, אָדער
ס׳זאָל אַרויסקומען געפּיילט, גלאַטיק. פליסט די נאַראַציע אין פאַרשידענע
ריכטונגען, רייסט זיך, פּלאָנטערט זיך, די באַטראַכטונגען און רעיונות
מישן זיך איבער מיט זכרונות, דער נאַראַטאָר שפּרינגט איבער פון איין
טעמע צו דער צווייטער, איבערהויפּט אין „שטילער“. פון קיין עפּיק קאָן
שוין קיין רייד נישט זיין. די עפּיק הערט בכלל אויף צו זיין דער פונדאַ=
מענט. וואָס שייך „שטילער“ איז דער ראָמאַן נישט איינהייטלעך געבויט,
צייטנווייז זענען די פאַרצייכענונגען ביז גאָר געפּרעסט, און צייטנווייז
אויסערסט צעצויגן, זיגזאַזיק, וואָס פאָדערט ביים לייענער, נאָכצופאָלגן
מיט אויפמערקזאַם. איך גלויב נישט דאָס זאָל זיין א מעלה, גיכער מאַ=
טערט עס דעם לייענער. „שטילער“ קאָן אויך צווייידייטיק פאַרשטאַנען
ווערן: אי ווי א רעאַליסטישער פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן, אי ווי אין א גע=
ווויסער מאָס — אַן אַלעגאָריע. שטילער איז א מין קרענק פון אונדזער
צייט, יעדער מענטש קאָן זיין א שטילער.

„האָמאָ פאַבער“ איז מער איינדייטיק, אַלץ איז דאָ רעאַליסטיש,
נישט פיקטיוו, די רעאַליטעט איז נישט פאַרפלאָכטן מיט פיקציע, ווי אין
„שטילער“. פון אָנהייב ביזן סוף פאָלגט נאָך דער לייענער מיט שפּאַנונג
די רעלאַציעס אָדער כמעט באַריכטן וועגן די רייזעס, פּעריפּעטיעס און
שפּעטערדיקע איבערלעבענישן. דער מחבר האָט דאָ אויסגעמיטן די צע=
צויגנקייט. דער סטיל איז דאָ אומעטום אַן אויסערסט געפּרעסטער, כמעט
פּראָטאָקאָלאַנטישער, ער פאַרמאָגט אָבער אַן אינערלעכן ריטם. פאַבער
איז דאָך נישט קיין שרייבער, נאָר אַן אינזשעניער און פאַרשרייבט וועגן
די געשעענישן טרוקן, באַריכטסמעסיק. צוזאַמען אָבער מיט זיין אינערלע=
כער ענדערונג, אין אָנבליק פון טויט, ווערט זיין שפּראַך ווייכער, עס
פליסט פון איר אַ פאַרבאָרגענע דיכטונג. די קורצע נאָטיצן, איבערהויפּט
אין צווייטן טייל, וואָס טראָגט דעם טיטל „צווייטער עטאַפּ“, שפּיגלען
אָפּ קנוילן איבערלעבונג.

דער געפּרעסטער, באַריכטסמעסיקער סטיל איז כאַראַקטעריסטיש,
אויך פאַר אַנדערע שרייבער, וועלכע זוכן נייע אויסדרוק=מיטלען, נייע וועגן
צו שאַפן דעם אַזוי גערופענעם נייעם ראָמאַן.

א צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך, וואָס לאָזט זיך אָבסער=
ווירן ביי דעם גרעסטן טייל עקספּערימענטירער, איז די טענדענץ זיך
אומצוקערן צום פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, וואָס קאָן איינגטלעך נישט בא=

טראכט ווערן פאר נאָוואטאָרישקייט. ביי פרישן אָבער איז אויך אין דעם פרט פאראן עפּעס נייעס — דער מענטש אין זיין אומפארענדלעכן גורל דערשיינט אין אלע מעגלעכע אינגערלעכע טראנספאָרמאציעס. מיר זעען דעם מענטש אן אָפּגעשפּיגלטן אין פארשידענע שפּיגלען.

און נאָך א פרט: די פסיכישע עקספּערטיזע, אויב מ'קאָן זיך אזוי אויסדריקן, דעם מענטשנס אינגערלעכע וועלט איז טראָץ דעם, ווי עס דוכט זיך אויבנאויפיק אויס, כסדר געבונדן מיט דער אויסערלעכער וועלט, מיט די געשעענישן, שוין אָפּגערעדט, וואָס איןביידע ראָמאנען וויקלען זיך דורך די פארשידנסטע לעבנס־פּראָבלעמען און וועלט־פּראָבלעמען. אפילו צו פאבערס לעבנס־מפּלה האָבן אויך מיטגעווירקט, אויב נישט דירעקט, איז אומדירעקט, די געשעענישן פון דער פארגאנגענהייט.

אין סך הכל: צוויי ראָמאנען, פון וועלכע יעדערער איז אויף זיין אופן אַן אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער עקספּערימענט.

די היינצייטיקע אַפּאָקאַליפּסע
„אָדער די מענטשלעכע אָנגעלעגנהייטן"

געווען אמאָל שרייבער, וועלכע האָבן זיך פּאַרמאָסטן צו שאַפן אַ וויזיע פון דער צוקונפטיקער וועלט. דער ענגלישער הומאַניסט טאָמאַס מאָר האָט אין 16טן יאָרהונדערט געוויזן אין זיין ראָמאַן „אוטאָפּיע" אַ צוקונפטיקע מענטשלעכע געזעלשאַפט, אין וועלכער ס'וועט הערשן יושר און גערעכטיקייט. דער פראַנצויזישער שרייבער זשיל ווערן האָט מיט הונדערט יאָר צוריק אָנגעהויבן א סעריע ראָמאַנען, אין וועלכע דער צוקונפטיקער מענטש באַהערשט די ימען און דעם רוים. אין אונדזער היינטיקער אַנגסטיקער צייט שוועבט פאַרן קינסטלערס אויגן גיכער די וויזיע פון וועלט־צעשטערונג, אַ וויזיע פון דער אַפּאָקאַליפּסע. און פאַראַן אַן אַפּאָקאַליפּסע, וואָס איז פּערזאָניפיצירט אין אַ געל פערד.

עלזאַ טריאָלע האָט אין איר לעצטן ראָמאַן „דער געלער פערד" אָדער די מענטשלעכע אָנגעלעגנהייטן" זיך פּאַרמאָסטן צו ווייזן, ווי אַזוי ס'וועט אויסזען די וועלט נאָך דער אַטאָם־מלחמה, זי האָט געשאַפן א קינסטלערישע וויזיע פון דער טאָטאַלער פּאַרטיליקונג. טריאָלעס ביכער זענען שטענדיק אָנגעזאַפּט מיט עיקרדיקע, היינטצייטיקע, מענטשלעכע אָנגעלעגנהייטן און שטענדיק רופט אירס א בוך אַרויס גאַנץ פאַרשידנאַרטיקע אָפּקלאַנגען. „דער געלער פערד", וואָס איז דערשינען אין אָקטאָבער 1953, האָט באַזונדער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט און ארויסגערופן פיל פּאָלעמיק.

*   *
*

עלזא טריאָלע געהערט צום עלטערן דור פּראָגרעסיווע פראַנצויזישע שרייבער. די מחברין פון „געלן פערד" איז א באַזונדערע דערשיינונג אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. זי געהערט צו די שרייבער, וועגן וועלכע

ס'איז שווער צו זאָגן, ווען זיי האָבן געשטעלט זייערע ערשטע ליטעראַרישע טריט. זי איז פאַרהעלטנישמעסיק שפּעט געקומען אין דער ליטעראַטור, אָבער דערפאַר כמעט ווי א פאַרטיקע, רייפע שרייבערין. געבוירן און דערצויגן אין אַ משפחה פון יידיש-רוסישער אינטעליגענץ, האָט זי איר יוגנט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד און איינגעזאַפּט אין זיך די בעסטע טראַדיציעס פון דער גרויסער רוסישער, קלאַסישער ליטעראַטור. דערנאָך האָט זי געשעפּט פון די קוואַלן פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. איר ליטעראַרישע קולטור זעט אויס צו זיין א סינטעזע פון צוויי גרויסע ליטעראַטורן. עלזאַ טריאָלע איז נישט נאָר אַ ראָמאַנען-שרייבערין, נאָר אויך אַ פּעיקע עסייאיסטין, אַן איבערזעצערין און אַן עמפּינדלעכע טעאַטער-קריטיקערין. ס'זענען באַקאַנט אירע איבערזעצונגען פון טשעכאָוו און מאַיאַקאָווסקי אויף פראַנצויזיש און אירע טרעפלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן די צוויי שרייבער.

פאַראַן לייענער, וועלכע האָבן גערנער עלזאַ טריאָלע אַלס עסייאיסט און קריטיקער, ווי אַלס ראָמאַניסט. מ'האָט איר נישט איינמאָל פאָרגעוואָרפן, אַז אירע ביכער זענען דורכגעדרונגען מיט סקעפּטיציזם, מיט יאוש. דאָס איז איר רעכט, אָבער ס'איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. ביים ערשטן שלונג האָט טאַקע אירם א בוך דעם בייגעשמאַק פון פּעסימיזם. ווען מע לייענט צום ביישפּיל איר בוך „דער אינספּעקטאָר פון די חורבות“ דוכט זיך ביים אָנהויב, אַז דער העלד אָטעמט מיט דער עקזיסטענציאַליסטישער לופט. הויבט מען אָן טיפער אַריינדרינגען, דערפילט מען די וואַרעמקייט פון אָפּטימיזם און מענטשלעכער האָפענונג. טיילמאָל מיט איין זאַץ מאַכט די מחברין צונישט די פאָרוואורפן, אָדער דעם ערשטן פאַלשן איינדרוק, ווי צ. ב. ווען אַנטאָני בלאָן, דער הויפּטהעלד פונעם ראָמאַן „דער אינספּעקטאָר פון די חורבות“ זאָגט: „דער, וועלכער נעמט נישט קיין אָנטייל אין לעבן, בלייבט איינזאַם, איינזאַם און אליין ווי אַ בר מינן“ (ז. 224). עלזאַ טריאָלעס ביכער זענען פילאָזאָפיש-פּסיכאָלאָגיש, אָפטמאָל פאַנטאַסמאַגאריש, אָבער אלע מאָל רעאַליסטיש.

טריאָלע איז אַ וווּנדערבאַרע דערציילערין. אַזאַ פילפאַרביקע נאַראַציע פאַרמאָגן קינדער-שרייבער. ווען מע לייענט אירע ביכער, זאָל דאָס זיין „דער ווייסער פערד“, „גוט מאָרגן טערעז“ און דער עיקר „דער אינספּעקטאָר פון די חורבות“, האָט מען דעם איינדרוק, אז די מחברין צילט פאַרצושטעלן די ווירקלעכקייט, די סאַמע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון אונדזער רעאַליטעט אין דער פאָרם פון אַ מעשה, אן אומעטיק מעשהלע

אָבער אַן אינטערעסאַנטס, וואָס לאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. טרעפלעך האָט געשריבן דער פראַנצויזישער ליטעראַטור־קריטיקער זשאַן לאַרנאַק, אַז „עלזאַ טריאָלע האָט די פעיקייט צו טראַנספיגורירן פאַר אונדז די געשעעניש, ווי פאַר גרויסע קינדער, ווייל אַזעלכע זענען מיר".

פון אויבן געזאָגטן וועט קלאָר זיין, אַז „דער געלער פערד" איז אַ קאָנסעקווענטער ווייטערדיקער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון עלזאַ טריאָלעס שאַפונג, הגם דער ראָמאַן שטייגט אַריבער אַלץ, וואָס די מחברין האָט ביז איצט געשאַפן. ס'וואָלט פאַלש געווען, צוליבן גרויסן פאָרמעסט פונעם ווערק און דער געוואַגטקייט פון דער מחברין, אויסצושיילן דעם ראָמאַן, ווי מע האָט עס געפּרווט טאָן, פון טריאָלעס גאַנצן שעפערישן איינגאַרט.

*   *
*

„דער געלער פערד" שילדערט דעם צושטאַנד פון דער וועלט און דער מענטשהייט אויף צו מאָרגנס נאָך די אַטאָמישע באָמבאַרדירונגען. אויף 450 זייטן דערציילט אונדז די מחברין מיט דער גענויקייט פון אַ וויסנשאַפטלער צו וואָס עס האָט דערפירט די אַטאָמישע מלחמה. ווי אַזוי ווייזט זי אונדז דאָס? עלזאַ טריאָלע האָט אויסגעוויילט אַן אָריגינעלע פאָרם. דער ראָמאַן איז דערציילט אין דער ערשטער פערזאָן, און די מחברין אַליין איז ווירקלעך דער הויפּט־העלד, זי גופא לעבט איבער דעם גאַנצן אַטאָמישן קאָשמאַר, זי, די לעבנגעבליבענע כאַפּט זיך אויף נאָך דער קאַטאַסטראָפע ווי נאָך אַ לעטאַרגישן שלאָף. אָפּגעשיילט פון איר הויט, אַן אַטאָמיש שרעקבילד, הויבט זי זיך אָן צו דערמאָנען, אַז ס'איז געווען מלחמה, אָקופּאַציע, תפיסות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָט וואָס זי דערציילט:

„כ'בין געלעגן אין אַ וואַרעמער בלאָטע, ביז אין דער העלפט איינגע־גורעט אין אַ קלעפּעדיקער מאַסע. כ'האָב געהאַט מיינע הענט, מיינע פיס, מיין קאָפּ... כ'בין אָבער געווען נאַקעט. מיין קערפּער איז באַשטאַנען פון פוילנדיק פלייש, אָן הויט. די ווייכע בלאָטע האָט באַדעקט מיינע וווּנדן ווי אַ באַלזאַם, אַ קלעפּעכץ. דורך אַ וואַרעמען נעפּל האָט זיך דורכגעריסן עפּעס אַ שיין, אפשר דער אָפּשיין פון הימל. עפּעס האָט זיך באַוועגט אין מיין מוח, ווי אין אַ קלעפּעדיקער בלאָטע. כ'האָב געזונקען אין שוידער און אין אומבאַוווסטזיין".

„דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנטאַקט מיט דער נייער וועלט“.

„ווען כ׳בין צום צווייטן מאָל צו זיך געקומען, איז שוין איבער מיר געווען עפּעס אַ הימל, אַ שטערן. אין אַן אַבסאָלוטער שטילקייט האָב איך באַוועגט מיט מיינע ליפּן, אָבער זיי האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין שום קלאַנג. אין טיפער אימה האָב איך לסוף דערפילט, ווי מיינע האָר באַוועגן זיך אויפן קאָפּ און כ׳האָב נאָכאַמאָל איבערגעריסן מיטן לעבן. דערנאָך — נאָך וויפל צייט איז דאָס געווען? — איז מיר געלונגען אויפצוהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומקוקן אַרום זיך. ביסלעכווייז איז מיר געלונגען אַרויס־צוקריכן פון דער בלאָטע. זי איז איצט געווען אינגאַנצן טרוקן און האָט געהאַט די פאָרם פון מיין קערפער, פונקט ווי אַן אָפּגוס פון גיפּס. כ׳האָב אויך געלאָזן אין דער בלאָטע מיין אַלטע הויט. איצט בין איך באַדעקט געווען מיט אַ נייער הויט, אַ דעליקאַטע און גלאַנצנדיקע, פונקט אַזוי ווי די הויט מיט וועלכער עס באַדעקן זיך בראַנדוונדן... ביסלעכווייז האָב איך זיך געשטעלט אויף די פיס. ס׳האָט מיר אַ שלאָג געגעבן דאָס טאָג־ליכט. אַרום מיר האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט ביזן האָריזאָנט טרוקענע בלאָטע און גראָז, גראָז, וואָס איז גרין געווען ביים וואָרצל און שוואַרץ ביים שפּיץ, כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז מיין בעט פון בלאָטע געפינט זיך אויפן ראַנד פון אַ משופּעדיק, באַרגיק אָרט און אַז אונטן פליסט אַ קליין טייכל. כ׳בין אַרונטערגעגאַנגען, זיך אויסגעשפּרייט אויפן בויך און גיריק געטרונקען פון טייכל... ס׳האָט מיר באַהערשט פּיין און אימה מיט אַזאַ קראַמפּט, אַז כ׳האָב געוואָלט אַ סוף מאַכן מיטן לעבן. ווי אַזוי אָבער? ס׳איז געווען וואַסער אין טייך, אָבער נישט גענוג אויף זיך צו דערטרינקען. ס׳איז געווען גראָז אויסצופּלעפּטן אַ שטריק, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין בוים זיך אויפצוהענגען. מ׳האָט געמוזט איבערטראָגן דאָס אומדערטרעגלעכע... צי בין איך דער איינציקער לעבעדיקער נפש אויף דער גאַנצער וועלט?“.

ניין, די העלדין פון ראָמאַן איז נישט די איינציקע לעבנגעבליבענע. נאָנט לעבן איר געפינט זיך אַ צווייטער „געראַטעוועטער“, אַן אַמעריקאַנער פּילאָט. און אָט ווי ער זעט אויס: „...א געזיכט אָן אַ נאָז, מיט אַ לעבעדיקן, דורכדרינגלעכן בליק, וואָס האָט געשטראָמט פון צוויי לעכער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער רויטער גלאַנציקער הויט אָנשטאָט אויגן. ברייטע, בלויע פלייש־פאַלדן אַרום אַן אנדער עפענונג האָבן פאָרגעשטעלט אַ מויל. א גאָלער קאָפּ. די הויט אויפן קאָפּ און שטערן איז געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. אַרום די אויגן־לעכער דאַקעגן האָט די הויט זיך געוויקלט לויז און אויפגעבלאָזן... טרערן האָבן זיך געגאָסן פון די לעכער אין וועלכע

ס'זענען איינגעגראָבן געווען די אויגן, אַ שטימע האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער עפענונג אויפן אָרט פון מויל, אַ שטימע פון א מענטשן, אַ נאָרמאַלע, ריינע, אמעריקאַנער שטימע. — מ'דאַרף נישט מורא האָבן פאר מיר, האָט געזאָגט די נאָרמאַלע, מענטשלעכע שטימע, מיר זענען דאָך ענלעך צו זיך".

צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן ענלעכן צו זיך אַמעריקאַנער פילאָט מאַכט די העלדין-מחברין מיט דער הילף פון אָפּגעראַטעוועטן אעראָפּלאַן אַ דאַנטעישע רייזע איבער דער פאַרוויסטער ערד, ווו זיי באַגעגענען דאָ און דאָרט איינצעלנע גרופּקעס לעבנגעבליבענע, פאַרמשפּטע צו אונטערגאַנג. פאַרמשפּט איז אפילו אין דער נאָרמאַלער מוטערס לייב דאָס קינד, עס ווערט געבוירן א מאָנסטער.

האַנדלט זיך וועגן „גרויל"-ליטעראַטור? וועגן א „שווארצן ראָמאַן", ווי מע רופט עס אין פראנקרייך?

ס'איז קיין ספק נישט, אַז דאָס בוך דערשיטערט. — ס'איז אַ שרעקלעך בוך, ס'רויבט אַוועק די רו, כ'האָב געהאַט קאָשמאַרע נעכט — האָט מיר געזאָגט אַ באַקאַנטער, וועלכער האָט געלייענט „דעם געלן פערד". אויף דעם אַלעמען וואָלט עלזא טריאָלע אין די אַזוי אנדערשדיקע אומשטענדן געקאָנט ענטפערן אומגעפער דאָס זעלבע, וואָס טשעכאָוו האָט אַמאָל געהאַט געענטפערט, ווען מ'האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז זיינע דראַמעס פאַרקלעמען דאָס האַרץ. „איר זאָגט מיר, האָט טשעכאָוו געשריבן, אַז איר וויינט זעענדיק מיינע דראַמעס. איך האָב זיי נישט געשריבן צו דעם ציל. איך האָב בלויז געוואָלט אויפריכטיק זאָגן די מענטשן: קוקט זיך אָן און זעט ווי שלעכט איר לעבט. ווען זיי וועלן זיך זען, פאַרשטיין, וועלן זיי זיכער אָנשטרענגען זיך צו שאַפן אַן אנדער, בעסער לעבן" עלזא טריאָלע האָט זיכער אויך בלויז געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן זיך אַרומקוקן אַרום זיך, זיי זאָלן דערזען די געפאַר אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט. וויפל מאָל האָט מען געקאָנט הערן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אַז מ'האָט זיך קיינמאָל אַזעלכעס נישט פאָרגעשטעלט? צי שטעלט מען זיך היינט גענוג פאָר אין אָנבליק פון די אַטאָמישע מלחמה-צוגרייטונגען צו וואָס דאָס קען דערפירן?

גיין, מ'האָט נישט ליב די אַזוי גערופענע גרויל-ליטעראַטור, באַזונדערס ביי אונדז אין לאַנד, ווו מ'האָט זיך גענוג אָנגעזעטיקט מיט גרויל. צוואָס אַזעלכע ביכער, וואָס רויבן אַוועק דעם שלאָף פון די אויגן? צוואָס? צו וואָרענען! ווייל אויב די ליטעראַטור, די קונסט האָט צו דערפילן עפּעס

אַ מיסיע, איז דאָך איר אויפגאַבע צו וואָרענען און וועקן, צו מאַכן אויפטרייסלען אין אָנבליק פון א געפאַר, כדי די געפאַר אויסצומיידן. אַזוי האָבן שוין פאַרשטאַנען זייער מיסיע אונדזערע אַלטע נביאים-דיכטער.

*   *
*

אַזאַ בוך ווי „דאָס גֶעלע פערד“ האָט געקאָנט זיין א פעסימיסטיש, דערדריקנדיק בוך. אַזעלכער איז טאַקע דער ערשטער איינדרוק, אָבער אַזוי איז דאָס נישט. נעבן די שילדערונגען פון גרויליקער פאַרניכטונג שילדערט די מחברין די מעגלעכע פערספעקטיוון פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע, די מעגלעכקייט צו שטעלן די נאַטור-כוחות צום דינסט פון מענטש. נעבן דער אַפּאָקאַליפּטישער וויזיע דערשיינט אַ לויכטנדיקע וויזיע פון דער צוקונפט. ווידער פלעכטן זיך צוזאַמען פאַנטאַסטיק און רעאַליטעט, אוטאָפּיע און ווירקלעכקייט, אָבער אומעטום און אין אַלע אומשטענדן טליעט דאָ אין מענטש דער דראַנג צו גליק, צו בעסערס און שענערס. פון דער הויך פון די שווייצאַרישע בערג, וווּ דער בייזער גורל האָט פאַרוואָרפן אונדזערע העלדן, טרוימען זיי צוזאַמען מיט אַנדערע אָפּגעראַטעוועטע און אָפּגעשניטענע פון דער וועלט וועגן דער צוקונפט. „זאָג מיר וועגן וואָס דו חלומסט און איך וועל דיר זאָגן ווער דו ביסט“ — שרייבט די מחברין אין מאָטאָ. וועגן וואָס חלומען די אַטאָמישע ראָבינזאָנען אויפן אינדזל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פאַרווּיסטונג? וועגן מענטשלעכן גליק, וועגן דעם ווי אַזוי צו מאַכן דאָס לעבן שענער און פריידיקער. אָט אין וואָס עס באַשטייט סיי די רעטעניש, סיי דער טיפער זין פון מענטשלעכן לעבן, שיינט צוזאָגן די מחברין.

עלזאַ טריאָלע דערציילט דאָ אירע גורל-פריינד, אַז זי האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַ ראָמאַן פון דעם טיפּ, ווי ס'האָט טאַקע געשריבן זשיל ווערן, א ראָמאַן וועגן דער צוקונפט. ווי אַזוי וועט אויסזען דער מענטש אין 1000 — 2000 יאָר אַרום? זי האָט די פראַגע געשטעלט אַ סך מענטשן אין פראַנקרייך און אין ראַטנפאַרבאַנד. „כ'מיין אַז דער מענטש וועט ווערן אַלע מאָל מענטשלעכער“ — האָט איר געענטפערט א רוסישער געלערנטער. און פאַרוואָס זאָל די וויסנשאַפט נישט דערגיין צו קאָנען פון טויט צוריק לעבעדיק מאַכן? פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען באַקעמפן נישט נאָר קראַנקהייטן, נאָר אויך די עלטער און

טאַקע דעם טויט גופא? אַזוי שטעלט עלזאַ טריאָלע מיט אַ רייכער וויסנשאַפטלעכער און טעכנישער דאָקומענטאַציע קעגן אַ מענטלעכע וועלט פון מענטשלעך גליק און שלום דער שוידערלעכער וויזיע פון צעשטערונג און טויט.

זייער שיין. פאַרוואָס אָבער, האָט מען געפרעגט, האָט עלזאַ טריאָלע איר ראָמאַן נישט באַזירט אויף דעם, וואָס איז ווירקלעך געשען? דער אויסברוך פון דער אַטאָמישער באָמבע און אירע קאָנסעקווענצן זענען דאָך געשעענע פאַקטן. היראָשימאַ איז דאָך נישט געווען קיין מעשהלע, נאָר אַ טראַגישע ווירקלעכקייט. אין פאַריז איז אַ לאַנגע צייט געגאַנגען דער יאַפּאַנישער פילם „די קינדער פון היראָשימאַ“, וועלכער ברענגט אַרויס יענע דראַמע. פאַרוואָס האָט עלזאַ טריאָלע נישט אויסגענוצט די קאָנקרעטע געשעענישן, וועלכע דאַרפן זיין אַ וואָרעניש פאַר דער וועלט? צו וואָס האָט איר געטויגט די אַבסטראַקטע פאָרם, די אַבסטראַקטע געשעענישן?

די און ענלעכע פראַגן האָט מען געשטעלט דער מחברין פון „געלן פערד“. דער קריטיקער מאַרק סאַראַנאָ דערציילט אין „לאַ פאַנסע“ וועגן פיל אַזעלכע פאָרווורפן, וואָס זיינע קאָלעגן האָבן געמאַכט עלזאַ טריאָלען.

מיר דוכט, אַז דאָ האַנדלט זיך אין אַ מיספאַרשטייעניש אין באַצוג צו דעם, וואָס מען רופט רעאַליסטישע קונסט. געוויסע אָנהענגער פון רעאַליסטישער קונסט באַגרענעצן און פאַרפלאַכן אָפטמאָל איר פאַרנעם און באַדייט. צי קאָן דער רעאַליסטישער קינסטלער זיך באַנוצן מיט אַ פיקטיווער ראַם, מיט אַ פיקטיווער פאָרם, אָדער מיט אַנדערע פיקטיווע מיטלען, באַהאַנדלענדיק ברענענדיקע פּראָבלעמען פון אונדזער רעאַליטעט, פון מענטשלעכן לעבן? צי ווערט די רעאַליטעט נישט פאַרווישט דורך דער פאַנטאַסטיק? ס'איז אָפּהענגיק, דוכט מיר, בלויז פונעם טאַלאַנט, פון דעם שעפערישן כוח פונעם שעפער. אַנאַטאָל פראַנס צ. ב. איז געווען אַ קינסטלער אַ רעאַליסט און ווען ער האָט געוואָלט געבן אַ בייסיקע סאַטירע אויף פראַנקרייכס געשיכטע, האָט ער אָנגעשריבן „דעם פינגווינער אינדזל“. און וויפל נאָך ביישפילן קאָן מען ברענגען!

אין אַ פרייער, פיקטיווער ראַם קאָן אָפט דער שעפער זיך דערלויבן אויף אַ גרעסערע קינסטלערישע איבערטרייבונג, וואָס פאַרטיפט די ווירקונגס-קראַפט פון ווערק. אָפּגערעדט פון דעם האָט דאָך יעדער קינסטלער זיין אייגענע אויפפאַסונג. און ס'איז צייט אויפצוהערן דערמיט, אַז רעאַליסטיש איז דאָס, וואָס איז צוגעשניטן לויט איין באַשטימטן פאַרשריפט.

נאָוואַטאָרישקייט און פאַנטאַסטיק פון אַלע מינים מוזן נישט דערווייטערן פון רעאַלן. עליזא טריאָלע האָט עס פולשטענדיק באַוויזן. הגם די אַקציע פון „געלן פערד“ קומט פאָר אין אַ פאַנטאַסטישער, פיקטיווער רייזע, זענען די געשעענישן אָרגאַניש געבונדן מיט אונדזער ווירקלעכקייט. און אַ רעאַליסטישער קינסטלער איז קודם דער, וועלכער שטעלט אין צענטער פון זיין שאַפן דעם מענטש מיט אַלע זיינע לעבנס־פּראָבלעמען, נישט מורא האָבנדיק פאַר געוויסע דראַסטישע אָדער „נישט צייטיקע“ פּראָבלעמען. און נאָך עפּעס: אַ רעאַליסטישער קינסטלער מוז דעם מענטש אַרויסברענגען אמתדיק, קודם פּסיכאָלאָגיש אמתדיק און נישט לויט אַ צוגעשניטענעם סכעמע.

איז כדאי אונטערצושטרייכן די אמתדיקייט פון די געשטאַלטן אין „געלן פערד“. די מחברין פירט דאָ אַרויס אַ רייכע גאַלעריע פון מענטשלעכע טיפּן. דאָס זענען מענטשן מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות. זיי זענען וואַרהאַפטיק סיי אין זייער מענטשלעכער דערהויבנקייט, סיי אין זייערע מענטשלעכע קלייניקייטן און געפאַלנקייט. די פיקטיווע ראַם פון ראָמאַן האָט גאָרנישט געשטערט, אַז יעדערע פון די געשטאַלטן זאָל לעבן מיט איר אייגן לעבן — אין יענער אנגסטיקער, פאַרוויסטער וועלט. יעדערע פון זיי לעבט איבער די קאַטאַסטראָפע אויף איר אייגנעם, אינדיווידועלן אופן.

אַ באַזונדערן טאָן פון אמתדיקייט, אויטענטישקייט, אוממיטלבאַרקייט גיט צו דעם בוך דאָס דערציילן אין דער ערשטער פּערזאָן. די העלדין־מחברין עפנט פאַרן לייענער דאָס אייגענע האַרץ און זי דערשיינט פאַר אונדז אין איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט און פשוטקייט. מיר האָבן פאַר זיך אַ פרוי אַן עמפּינדלעכע און ליבלעכע, אַ קאַפּריזנע און באַגאַבטע, אַ פרוי, וואָס ליבט און נויטיקט זיך צו זיין געליבט. אַ פרוי, וועלכע ליידט שווידערלעך פון דעם, וואָס זי ווערט אַלט; דאָ דערשיינט אַזוי בולט די טראַגיק פון דער אַלטקייט, די שרעק פון מענטש, ווען ער דערזעט, ווי די מאַסקע פון דער עלטער קריכט אַרויף אויף אים. מיר האָבן פאַר זיך אין דער זעלבער פּערזאָן אַ פרוי אַ פשוטע און אַ פרוי אַ שרייבערין מיט איר אינטענסיוו שעפעריש לעבן. ס'איז כמעט אַ ראָמאַן אין אַ ראָמאַן.

1954

לייענענדיק ווערקאָרן

אויב איר פאָלגט נאָך מער ווייניק א שרייבער, וועמענס ביכער עס האָבן אין אייך עפּעס אויפגערודערט, וועט איר מסתמא שטענדיק מיט אומגעדולד דערוואַרטן זיינס א ניי בוך. און האָט איר מיט אַזאַ שרייבער צעשיידט זיך — כ'מיין מיט זיינס א לעצט בוך — אין זיינעם א קריטישן מאָמענט פון חשבון הנפש, געלאָזן אים אויף עפּעס 'א שווערן קרייץ־וועג, וועט נאָך ברענענדיקער זיין דער נייגיר צו דערוויסן זיך ווי ס'איז ווייטער געפאָלן דער שטראָם פון זיין שאַפונג.

ווערקאָרן האָב איך פאַרלאָזן אין זיין בוך „איך גיי אויף אורלויב", וואָס ער האָט פאַרענדיקט שרייבן אין אויגוסט 1957. דאָס איז נישט קיין געוויינלעך בוך, נישט קיין ראָמאַן און נישט קיין דערציילונגען, ווי אַנדערע זיינע שאַפונגען. אַ זאַמלונג עסייען, בריוו, דאָקומענטן, לידער, באַטראַכטונגען, אויספירן — אַ ווידוי־בוך, א חשבון־הנפש־בוך, אין וועלכן דער שרייבער האָט דורכגעפירט אַ סך הכל פון זיינע האַנדלונגען און ביי דער געלעגנהייט אויך פון זיין שאַפונג. און הגם דער שרייבערישער סך הכל איז נישט אויסגעפאַלן נעגאַטיוו, האָט זיך דאָך נישט איינער פון ווערקאַרס פאַרערער געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי, אין וועלכע ריכטונגען וועט זיין שעפערישער קוואַל ווייטער פליסן?

האָב איך מיט ברענענדיקן נייגיר געגומען לייענען דאָס בוך „אויף דעם ברעג", וואָס איז דערשינען אין 1959. פיר גרויסע דערציילונגען, וואָס בילדן, ווי שטענדיק, א גאַנצקייט, הגם זיי זענען נישט פאַרבונדן מיט זיך נישט מיט קיין העלד און נישט מיט קיין בשותפותדיקן סיוזשעט, ווי אַלע מאָל פאַרבינדט זיי אַ געמיינזאַמע אידעע, אַ געדאַנק. און מערקווירדיק, ווי דער שרייבער דערשיינט דאָ אַן אַנדערער און גלייכצייטיק דורכויס דער זעלבער. דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, ווען איר לייענט נאָך אַן איבערראַיס ווערקאָרן.

*　　*
*

ווערקאָרן לייענט מען נישט מיט קיין „פאַרכאַפּטן אָטעם“, מע „שלינגט“ אים נישט איין מיט איינמאָל. געוויסע ביכער זיינע לייענען זיך גענוג שווער, אָפּטמאָל לייענט איר עטלעכע מאָל די זעלבע שטעלע. ער באַוועגט אייך נאָכצופאָרשן, צווינגט אייך נאָכצוטראַכטן, רופט אַרויס ביי אייך אַ שעפערישן אומרו — און אַ לייענער איז דאָך אויך אַ שעפער, אַ מיטשעפער פונעם געלייענטן בוך, צו וועלכן ער טראָגט צו זיין ביישטייער. ווערקאָרס יעדעס בוך רודערט עפּעס אויף אין אייער האַרץ, אין אייער מוח, איר קאָנפראָנטירט, פּאָלעמיזירט מיטן מחבר, מיט די אַרומיקע, מיט זיך גופא. און איר דערפילט, ווי יעדעס בוך זיינס, ווי אַנדערש עס זאָל נישט זיין פון די פריערדיקע, איז אַ רינג פון אַ קייט.

האָב איך פאַרענדיקט לייענען „אויף דעם ברעג“ און אין דמיון זענען אויפגעשוווּמען באַקאַנטע סיטואַציעס און געשטאַלטן, ס'האָבן אויפגעטויכט קודם סאַלוואַטאָר, גאַספּאַר, גראַנט, אַרנאָ, ליק, ספּאַנזאַ, ברינאָ, גראַד... דווקא די העלדן פונעם בוך „אויגן און ליכט“, וואָס איז דערשינען נאָך אין 1949 און וועגן וועלכן דער מחבר האָט זיך שוין נישט איינמאָל געהאַט אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט היינט געוויסע זאַכן אַנדערש געשריבן. קודם וואָלט אַנדערש גערעדט גראַד, דורך וועלכן עס האָט גערעדט דער מחבר גופא. און אפשר דערפאַר ווייל גראַד קוקט אויפן לעבן ווי אויף אַן אַבסורדאַלן פּלאָנטער? ווערקאָר האָט אַפילו געהאַט געשריבן, ענטפערנדיק אויף פּאָלעמיק, אַז ער האָט היינט דאָס בוך נישט ליב. און דאָך באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז „אויף דעם ברעג“ איז בלויז אַ העכערע מדרגה פון „אויגן און ליכט“, הגם זיי זענען צוויי אַנדערשדיקע ביכער. זיי צייכענען אָן דעם שרייבערס באַרג אַרויף אין דער זעלבער ריכטונג. ווערקאָרס גאַנצע שאַפונג איז איינגטלעך אַ כסדרדיק שטייגן אין דער זעלבער ריכטונג.

*　　*
*

ווערקאָרס שאַפונג בינדט אָן צו די בעסטע טראַדיציעס פון דער גרויסער פראַנצויזישער ליטעראַטור, וועמענס הויפּטשטריך איז שטענדיק געווען טיפע הומאַניטאַרישקייט. אין דעם פּרט שפּינט ווערקאָר ווייטער דעם

גאָלדענעם פאָדעם פון סטענדאַל, הוגאָ, סאַנד, זאָלאַ, פראַנס, ראָמען־ראָלאַן און פון די אַלע, וועלכע האָבן באַטראַכט זייער שרייבעריש בארוף, ווי אַ דורכויסיקע שליחות. פונקט ווי זיי פילט ער אויף זיך די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון מענטש, פאַרן גורל פון די פעלקער. אַזעלכע ווערטער זעען היינט אויס צו זיין טריוויאַל און שיעור נישט וולגאַר... אין אונדזער אומרואיקער צייט פארמאכן זיך פיל אָנגעזעענע שרייבער אין עפּעס אַ מאָדערנעם העלפאַנטביין־טורעם, אָדער באַוועגן זיך ווי סאַלאָן־קעץ, וואָס טרעטן גאַנץ פאָרזיכטיק, כדי נישט צו פאַרטשעפּן, נישט אומצוואַרפן עפּעס וואָס, נישט אָנצומאַכן קיין גערויש, אָדער גאָר פאַרוואַנדלען זיך אין פּשוטע באַאַמטע. פאַראַן אַ מיינונג, אַז אונדזער עפּאָכע האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע שרייבער, ווי דאָס 19־טע יאָרהונדערט. איז דאָס מסתמא אַ ריזיקאַלישע פעסטשטעלונג. מער זיכער איז, אַז צווישן היינטצייטיקע שרייבער זענען פאַראַן ווייניק גרויסע פערזענלעכקייטן. זיין אַ שרייבער און אַ פערזענלעכקייט איז נישט איינס און דאָס זעלבע. אין ווערקאָרן גייען ביידע זאַכן צוזאַמען. מסתמא דערפאַר טאַקע, ווייל ער באַטראַכט זיין שרייבן פאַר אַ שליחות.

לויטן פילאָזאָפישן אײַנשטעל, שטייט ווערקאָר טיילווייז נאָענט צו סאַרטרס שיטה, ער האָט אָבער זיין אייגענעם וועלט־באַנעם און אָבסערווירט דאָס לעבן פון זיין אייגענעם קוק־ווינקל. מיט די עקזיסטענציאַליסטישע שרייבער פאַרבינדט אים אויך אַ געוויסע ליטעראַרישע קאָנצעפּציע אָדער ליטעראַרישע פּראַקטיק. באַלזאַק, סטענדאַל, זאָלא, הוגאָ, האָבן אַרויסגעבראַכט מענטשן אין זייערע טראַכטענישן, געלאָזט זיי רעדן און האַנדלען, ווי זיי האָבן פאַרשטאַנען. סאַרטר, קאַמי און ענלעכע צו זיי שרייבער — און דאָס האָבן שוין געהאַט געטאָן די שרייבער־ענציקלאָפּעדיסטן און אויך הוגאָ אין „יאָר 93“ — ברענגען קודם אַרויס אייגענע טראַכטענישן און אידעען, וואָס זיי זאָגן אַרויס דורך די מיילער פון זייערע קרעאירטע פּערסאָנאַזשן. זייערע העלדן דינען זיי צום גרעסטן טייל פאָרצושטעלן זייער אייגענע פילאָזאָפיע. זייער פּראָזע איז געשפּינט פון געדאַנקען און קאָנצעפּציעס. אויך ווערקאָרן דינען מערסטנטייל זיינע דערציילונגען און דער עיקר זיינע ראָמאַנען ווי דער „כוח פון טאָג“, „פאַרדאָרבענע חיות“, „צאָרן“, צו שפּינען זיינע אייגענע געדאַנקען, אָדער צו פאָרשן און אַנטפּלעקן פאַר אונדז לעבנס־אמתן. און דאָך איז ווערקאָר אַ ביז גאָר אַנדערער ווי די אַלע מיט וועלכע עס בינדט אים פיל. און נישט נאָר אין דעם זין, ווי עס מוזן זיך אונטערשיידן אויך קרובישע שרייבער צווישן זיך. ווערקאָר

איז עפּעס אַן אויסנאַם, עפּעס אַ מין נייעס אין דער היינטצייטיקער פּראַנצויזישער ליטעראַטור, אַ נייער אומרואיקער זוכער, און אַנטדעקער.

מע רעדט היינט זייער פיל וועגן נייקייט, וועגן נייע עקספּערימענטן אין דער ליטעראַטור, וועגן אַ נייעם ראָמאַן, אָדער וועגן אַן „אַנטיראָמאַן", ווי מע באַצייכנט דאָס אַפטמאָל. מ'קאָן הערן אַ מיינונג, אַז דער ביז איצטיקער ראָמאַן האָט שוין אָפּגעשפּילט זיין ראָל. פאַראַן שוין נו היינטיגע צאָל אַזוי גערופענע נייע ראָמאַנען. שרייבער עקספּערימענטירן, אומעטום זוכט מע נייע אויסדרוק־מיטלען און אפשר מער ווי דאָס... צוויי ראָמאַנען פון שווייצאַרישן שרייבער פריש — „שטילער" און „האָמאָ פאַבער" האָבן געפונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דאָס קליינע ביכל פון סעלינדזשער — „דאָס אַרומרודערן אין קאָרן" — אָנגעמאַכט אַ סך טומל, אויב זיך נאָר באַגרענעצן צו די צוויי שרייבער.

דער ברייטער באָדן אָבער פון ליטעראַרישע עקספּערימענטן איז ווידער געוואָרן פראַנקרייך. פאַראַן שוין אַ גאַנצע גרופּירונג שרייבער, וועלכע לאָזן זיך שווימען אויף נייע ליטעראַרישע כוואַליעס, איינע שווימען זעלבשטענדיק, דרייסט, אַנדערע ווערן בלויז מיטגעריסן מיטן שטראָם. פאַראַן צווישן זיי באַקאַנטע שוין שרייבער, ווי מישעל ביטאָר, אַלען גראָב־גריע, נאַטאַליע סאַראָט, וועלכע זענען געוואָרן טאָן־געבער, הייסע פאַרטיידיקער פונעם נייעם שפּראָץ. זיי פאַרעפנטלעכן פּראָגראַם־אַרטיקלען, וואָס דערמאָנען אין די מאַניפעסטן פון די אַמאָליקע ליטעראַרישע ריכטונגען. ביטאָר, דער אַמאיינסטן אינטערעסאַנטער און שעפערישער צווישן זיי, האָט פאַרעפנטלעכט אַ מין מאַניפעסט אונטערן טיטל „דער ראָמאַן אַלס פאָרשונג". נאַטאַליע סאַראָט קערט ממש וועלטן צו באַווייזן אין אירע אַרטיקלען, אַז דער טראַדיציאָנעלער ראָמאַן האָט שוין נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און דעפינירט נייע פּאָסטולאַטן. אין דער פּראַקטיק רעדוצירט זיך בדרך כלל די גאַנצע נייקייט, וואָלט איך ריזיקירט צו זאָגן, צו דער שרייבערישער טעכניק. די עפּיק הערט אויף ס'רוב צו זיין דער הויפּט־אויסדרוק־מיטל, דער הויפּט־געביט פון שרייבערישער אָבסערוואַציע ווערט אין בעסטן פאַל די מענטשלעכע פּסיכיק, די פאַבולע ווערט אָפטמאָל פאַרווישט און דעם אויבנאָן פאַרנעמען רעפלעקסיעס, די אַקציע טרעט אָפּ פאַרן דיאַלאָג אָדער פאַרן אינערלעכן מאָנאָלאָג אָדער גאָר פאַר דער סטאַטישער באַשרייבערישקייט. מישעל ביטאָר איז אין זיין נייער טעכניק געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיין בוך „מאָדיפיקאַציע" האָט ער געשריבן אין דער צווייטער פּערזאָן. און וואָס מע זאָל נאָך

זאָגן וועגן נייעם ראָמאַן, קאָן מען אָבער, דוכט מיר, נישט זאָגן, אַז ער קומט מיט עפּעס אַ וואָגיק ניי וואָרט, וואָס מע דערוואַרט פון דער ליטעראַטור. מ׳האָט דעם איינדרוק, ווי די דאָזיקע נייע שרייבער וואָלטן אונדז נישט געהאַט פיל נייעס צו זאָגן.

די נייקייט ביי ווערקאָר באַשטייט בעיקר אין דער געדאַנקלעכער אָנגעלאָדנקייט, אין די אַנטדעקטע לעבנס־אמתן. צי מ׳וועט יאָ אָדער נישט מסכּים זיין מיט אים, איז אָבער אַ פאַקט, אַז ער האָט פיל צו זאָגן. ווערקאָר איז אַ דענקער, אַ פאָרשער. ער פאָרשט דעם מענטש אין זיין עטישן אינהאַלט. ער איז אַ שטענדיקער אומרו, אַ זוכער, ער זוכט אַ דעפיניציע פאַרן מענטש, וויל באַצייכענען זיין אָרט אין וועלט־באַשאַף, ער זוכט דעם זין פון מענטשלעכן לעבן. דער שרייבער־דענקער טראָגט אָבער נישט אונטער קיין גרייטע אמתן, קיין פאַרטיקע טעזעס, ער ציט אונדזער אויפמערקזאַמקייט, שטויסט אונדז צו דערקענען זיך גופא, דאָס מענטשלעכע אין מענטש, וואָס איז מסוגל ביי געוויסע אומשטענדן לייכט איינצודרימלען. „כ׳שרייב, כדי צו באומרואיקן", כדי צו זוכן די וואָרצלען פון בייז און זיי באַזייטיקן. דער שרייבער־דענקער איז אַן עטיקער אין בעסטן זין פון וואָרט און ווי אַזעלכער איז ער געקומען אין דער ליטעראַטור, וואָס איז פאַר אים נישט בלויז אַן עסטעטישע, נאָר אייך און אפשר קודם אַ מאָראַלישע קאַטעגאָריע.

אין דער ליטעראַטור איז ווערקאָר געקומען גאָר פלוצלונג, אַ רייפער שרייבער. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט קיינער וועגן אַזעלכן נישט געהערט. צום ערשטן מאָל האָט זיך דער נאָמען ווערקאָר באַוויזן אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אין 1942 יאָר. צווישן די אומלעגאַלע אויסגאַבן פונעם „פאַרלאַג האַלבע נאַכט", אָרגאַניזירט דורך די לינקע פראַנצויזישע אינטעלעקטועלע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט זיך געפונען אַ קליין ביכל פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר מיטן נאָמען ווערקאָר. ס׳איז געווען זיין ערשט בוך, „דאָס שווייגן פון ים", וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם לייענער סיי מיט זיין שלימותדיקייט, סיי מיט זיין שטומען פּראָטעסט. דאָס שווייגן פון דער יונגער העלדין און איר פעטער אין אָנוועזנהייט פון דעם ליבלעכן דייטשישן אָפיציר, וועלכער האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי זיי, איז אַ סימבאָל פונעם שווייגן פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין פשרות מיטן דייטשישן איבערפאַלער. מ׳האָט אים, אגב, שפּעטער פאָרגעוואָרפן, אַז זיין דייטשישער העלד איז נישט אַזאַ ווי די דייטשן זענען געווען.

אין אַ יאָר שפּעטער איז אין זעלבן אונטערערדישן פֿאַרלאַג דערשינען „דער וועג צום שטערן“, דאָס ערשטע בוך אין פֿראַנקרייך — און אפֿשר נישט נאָר אין פֿראַנקרייך — געווידמעט די ייִדן־פֿאַרפֿאָלגונגען אונטער דער היטלער־הערשאַפֿט. קיינער האָט נאָך דעמלט אין פֿראַנקרייך נישט געוויסט דעם גאַנצן אמת וועגן די היטלעריסטישע מאָרדן איבערן ייִדישן פֿאָלק. „דעם וועג צום שטערן“ האָט דער מחבר געשריבן אויפֿן סמך פֿון די ייִדן־רדיפֿות אין פֿראַנקרייך אין די ערשטע יאָרן פֿון דער אָקופּאַציע. גלייך נאָך דער מלחמה האָט ער די היטלעריסטישע מאָרד־פּאָליטיק איבער די ייִדן אין פֿראַנקרייך געשילדערט דורך אַ פּאַרטיליקטער ייִדישער משפּחה אין דער דערציילונג „די דרוקעריי פֿון ווערדען“. צום ראַסיזם האָט ער זיך שפּעטער אין זיין שאַפֿונג אומגעקערט, דער אַנטיסעמיטיזם אין זיינע פֿאַרשידענע אַבפּעקטן האָט אים נישט געלאָזט רוען, ווי מיר זעען דאָס טיילווייז אין „איך גיי אויף אורלויב“.

בעת דער מלחמה האָט נישט איינער געפֿרעגט זיך, ווער עס קאָן זיין דער אומבאַקאַנטער, פּאָלאַנטפֿולער ווערקאָר. עס זענען אפֿילו געווען פֿאַראַנען, אַז אונטערן אומבאַקאַנטן נאָמען באַהאַלט זיך אויס עפּעס אַן אָנגעזעענער פֿראַנצויזישער שרייבער. ערשט נאָך דער מלחמה האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ווערקאָר איז אַ פּסעוודאָנים פֿון אַ נייעם, בעת דער אָקופּאַציע אויפֿגעשווומענעם שרייבער. זיין אמתער נאָמען איז זשאַן ברילע (און אַזש ברילער, אין פֿראַנצויזיש איז דער „ר“ אַ שטומער). זיין פֿאָטער, וועלכן ער האָט פֿאַראייביקט אין דעם נאָבעלן העלד פֿון ווייטער ייִדישער אַפּשטאַמונג אין „וועג צום שטערן“, האָט אין עלטער פֿון 16 יאָר אויסגעוואַנדערט פֿון אונגאַרן, כדי אין דעם פֿראַנקרייך פֿון די גרויסע מענטשן־אידעאַלן צו געפֿינען אַ צווייט פֿאָטערלאַנד, ווי ער ווייזט עס אין דערמאָנטן ביכל.

געבוירן אין 1902 אין פּאַריז, האָט זשאַן ברילע ביז ער איז געוואָרן אַ שרייבער זיך אינטערעסירט מיט פֿאַרשידענע געביטן. פֿון פֿאַך אַן אינזשעניער האָט ער אויך שטודירט מאַטעמאַטיק, פֿאַרנומען זיך מיט דרוקעריי, מיט מאָלעריי, געווען גלייכצייטיק אַ גראַפֿיקער און אַרויסגעגעבן עטלעכע אַלבומען מיט צייכענונגען. שוין אין זיינע צייכענונגען האָט ער אויסגעדריקט זיין אייגענע פֿילאָזאָפֿיע, זיין וויזיע וועגן מענטש, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן אין זיין שרייבערישער שאַפֿונג, און געמלער, דעם

מענטש, אַ פאַרפּלאָנטערטן אין אַבסורדאַלע פּלאָגענישן. אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פון „אויגן און ליכט" דערציילט ווערקאָר, אַז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט אלס אינטעליגענטער יונגער מענטש טיף באַגריפן, איז געווען די אבסורדאלקייט פון דער וועלט. צו א סעריע צייכענונגען אונטערן געמיינזאמען טיטל „דער טאַנץ פון די לעבעדיקע" האָט ער צוגעגעבן אַן אונטער־טיטל „ווי פליגן אין א פלאַש". אין אָנהויב פון דער סעריע, ווו ער דערציילט, איז געווען אַ גראַוויור, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אויפן צעשטורעמטן ים א טראַמווע, אין וועלכער עס קלאַמערן זיך מיט אלע כוחות די אָפּגעראַטעוועטע פון א קאטאסטראָפע. אזוי האָט אים אויסגעזען דעם מענטשס שיפל אויפן צעשטורעמטן לעבנס־ים. האָט דאָך אזא לעבנס־וויזיע געקאָנט פירן צו יאוש, אָפּהענטיקייט. אין אָבער אין מענטש פאַראַן אָן אַ שיעור ווידערשפּרוכן, ווי ער דערמאָנט עס אַליין, עפּעס אזא מעכטיקער פונק פון רעוואָלט, וואָס לאָזט אים נישט זיך אונטערגעבן. דער מענטש וויל נישט זיין קיין שפּילעכל פאר די צעווילדעוועטע לעבנס־כוואַליעס, ער רעוואָלטירט אומאויפהערלעך, שטעלט זיך קעגן דעם ביין.

דער דאָזיקער באַוווסטזיין האָט זיך ביי אים אויסגעקריסטאליזירט בעיקר בעת דער מלחמה און אָקופּאַציע.

די אינערלעכע אויפטרייסלונג, וועלכע ס'האָבן ארויסגערופן די מלחמה און די היטלעריסטישע רציחות און וואָס האָבן גורם געווען זיין אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָבן אים אויך געשטויסן זיך צו נעמען צו דער פען. אזעלכע פאלן איבעריקנס זענען געווען נישט ווייניק. מענטשן האָבן, ווי באַקאַנט, אונטער דער ווירקונג פון די מלחמה־איבערלעבונגען, אָנגעשריבן ווערטפולע ביכער. צום גרעסטן טייל איז דאָס געווען זייער ערשט און לעצט בוך. ווערקאָר האָט אָבער נישט אויפגעהערט איבערצוראַשן. איינס נאָכן אַנדערן האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען זיינע נאָוועלן, עסייען, ראָמאַנען. זיין אָקופּאציע־טעמאטיק האָט זיך אויסגעברייטערט, ארייננעמען נייע געשיכטלעכע אָפּשניטן, אָבער די פּראָבלעמאַטיק איז אייגנטלעך די זעלבע, נאָר אַנדערש אילוסטרירט מיטן פיין און בלוט פון דורות. איבעריקנס איז דאָס שרייבן פאר ווערקאָרן, ווי שוין דערמאנט, א מיטל ארויסצוברענגען זיינע געדאַנקען. ער האָט עס אליין אמבעסטן באצייכנט אין א שמועס מיט סאָוויעטישע שרייבער וועגן פארשידענע קאטעגאָריעס שעפער: „...איך האלט נישט קיין סך פון קלאסיפיקאציע אין שולן. איך באמי זיך קודם צו זיין א מענטש און

דאָס איז שוין גענוג שווער. פּונקט ווי כ'האָב געכטן אין מיינע צייכענונגען, אַזוי פּרוּוו איך היינט אין מיין שרייבן צו זאָגן דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן, נישט אינטערעסירנדדיק זיך אונטער וועלכער קאַטעגאָריע איך פאַל ארונטער...“ אין א בריוו אויסטויש צווישן אים און דעם באקאנטן יידיש-פראנצויזישן היסטאָריקער זשיל איזאַק שרייבט ער: „ס'איז א שווערע און דערהדריקנדיקע אויפגאַבע, אָבער איך זע נישט קיין אַנדער ראָל פאַרן שרייבער, ווי צו זיין אַ קריטיקער, אָבער אַן אויפריכטיקער קריטיקער“. און אין אַלץ, וואָס ווערקאָר שרייבט איז פאַראַן אַן אויפריכטיקער, קריטישער אַנאַליז.

וואָס איז אייגנטלעך ווערקאָרס טעמאַטיק?

מ'איז נישט לייכט געווי זי צו באַצייכענען און דאָך וואָלט מען זי געקאָנט רעזומירן אין איין זאַץ: דער אייביקער קאָנפליקט צווישן גוטס און שלעכטס. דער מענטש אין קאָנפליקט מיטן ארום און מיט זיך גופא. דער מענטש איז זייער אַ קאָמפּליצירט באַשעפעניש. וואָס איז ער אָבער אין דער אמתן? אין דער הקדמה צום אַלבום פון פארשטאָרבענעם פּאַריזער יידישן קינסטלער מענדזשינסקי וועגן וואַרשעווער געטאָ פרעגט ווערקאָר: ווער זענען זיי די טרעגער פון מאָרד און פארניכטונג „...זענען זיי מענטשן? אויב יאָ, איז וואָס זענען מיר?“ געהערן מיר דאָך צום זעלבן מין בעל-חי.

מ'האָט זייער פיל געשריבן וועגן דעם, אַז דער מענטש איז א סאָציאַל באַשעפעניש, אַז פון חיהשן צושטאַנד דערווייטערט אים דער אַרבעטס-אינסטרומענט. האָבן דאָך די דייטשן געהאַט הויך פּרעפעקציאָנירטע אַרבעטס-אינסטרומענטן און דאָס האָט זיי נישט נאָר נישט געהאָלפן זיך דערווייטערן פון חיהשקייט, נאָר פארקערט.

ווערקאָר זוכט נישט צו דעפינירן דעם מענטש סאָציאַל, אָדער זאָאָלאָגיש-ביאָלאָגיש, נאָר עטיש. זאָלא האָט אין מענטש, אין זיין זאָאָלאָגישן צושטאַנד, געזען די חיה, ווערקאָר דאַקעגן זעט דעם מענטש ווי אַן „עטישן בעל-חי“, ווי ער זאָגט דאָס אליין, און דערמיט אונטערשיידט ער זיך פון דער זאָאָלאָגישער וועלט; אלס אזעלכער שטרעבט ער צו באַשטימען זיין לעבן מיט זיין אייגענעם ווילן און שטעלט זיך אַנטקעגן אַ באַשטימטן פאַטאַלן גורל אָדער דער אַבסורדאַלער סיטואַציע. דער מענטש איז אַליזאָ א שטענדיקער בונטאַר, דאָס מענטשלעכע אין אים פאָדערט נישט אונטערצוגעבן זיך דעם בייז, שטענדיק צו רעוואָלטירן קעגן ברוטאַלן איינגעשטעלטן סדר, קעגן דעם ברוטאַלן אין אים גופא. און פאַר

ווערקאָרן איז דאָס נישט קיין רעוואָלט לשם רעוואָלט. אין דעם אויבן דערמאָנטן אַלבום, אין אָנבליק פון די בעסטיאַלישע דייטשישע רציחות, שרייבט ער: „...דאָס ערגסטע, וואָס שטעקט אין מענטש קאָן אָפּגעווישט ווערן דורכן נאָבעלן, דורכן בעסטן, וואָס לעבט אין אים“.

דער דאָזיקער געדאַנק ציט זיך דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אין ווערקאָרס שאַפונגען

לאָמיר זיך אומקערן צו די „אויגן און ליכט“, ווייל ווי דער מחבר האָט זיך מודה געווען איז „די אַמביציע פון אַזאַ בוך געווען אַ גרויסע“. פאַראַן דאָ זעקס דערציילונגען און אַן עפּילאָג. די העלדן זענען גאַנץ פאַרשידענע, פון פאַרשידענע עפּאָכעס, און דאָך דערשיינען זיי ווי עפּעס איין און דער זעלבער העלד. נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט קיין אייגן לעבן, ווייל דער שרייבער האָט געשאַפן אַ סכעמע, ניין, ווייל דער הויפּטהעלד איז דאָ דער מענטש, ווי אַ דעפיניציע, ווי אַן עמיישער בעל־חי און ווי אַזעלכער האָט ער אַ באַשטימטן אופן פון האַנדלען, אויב ער דאַרף זיין אַ מענטש. דער פלאָרענטישער סקולפּטאָר פון אַ וואָסער עס איז צייט, דער פּאָרטוגעזישער יעזואיט פון די צייטן פון דער אינקוויזיציע, דער פריי־שיסער בעת דער פרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה, דער אַנטיהיטלעריסטישער קעמפער, דער נישט אָנגאַזשירטער דיכטער, וועלכער שרייבט לידער לשם קונסט, זיי אַלע זענען גאַנץ ווייטע פון זיך אינדיווידואומס, אָבער אין אַ באַשטימטן קריטישן מאָמענט פון לעבן שטייען זיי פאַר זעלבן נסיון און קאָנען נישט האַנדלען אַנדערש, ווי זיי וואָלטן געווען איין און דער זעלבער מענטש. אָט, צום ביישפּיל, איז דער פּאָרטוגעזישער ברודער גאַספּאַר („פּאָליטישער ליגנט“) צוגעוווינט צו זאָגן פאַלש עדות. די אינקוויזיציע באַפעלט, פאָדערט און ער פירט אויס בלינדערהייט. און דאָך, ווען ער דאַרף אַרויסטרעטן אין פּראָצעס קעגן דעם געטלעכן וואַלאַדאר קעגן וועלכן ספּאַנגאַ, אַ צווייטער מיטגליד פון דער „הייליקער ליגע“, האָט צוגעטראַכט אַ פּראָוואָקאַציע, אַנטשטייט ביי אים אַן אינערלעכער קאָנפליקט, אַ רעוואָלט קעגן דער נידערטרעכטיקייט און דעם פאַרברעכן. ער שטעלט זיין לעבן אין געפאַר און ציט צוריק זיינע פאַלשע דערקלערונגען.

דער לייענער וועט אפשר זאָגן: אַזוי וואָלט געדאַרפט זיין, אָבער אַזוי געשעט ליידער נישט. די נישט ווייטע פאַרגאַנגענהייט איז אַן עדות דערויף. איז אפשר טאַקע אויך דערפאַר האָט ווערקאָר געזאָגט, אַז שרייבנדיק „אויגן און ליכט“, איז ער געווען „אויפן וועג פון האַלבן אמת“.

גלייכצייטיק האָט ער אָבער אין דער פּאָלעמיק פּאַרטיידיקט זיינע העלדן און דער עיקר אַרנאָ, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין קלענערן נסיון בייצושטיין, ווי גאַספּאַר. אַרנאָ (פֿון דער דערציילונג „אין ווידערשפּרוך") בלייבט אַליין אויפֿן פּאָסטן, הערוואָרטמוטיק דעם שונא. ער ווייסט, אַז ער וועט אומקומען און הערט זיך כּבֿוד איבער, אַז ער איז דאָ אַ צופֿעליקער און ס'איז זינלאָז, „אידיאָטיש" אָפּצוגעבן דאָס לעבן פֿאַר אַ זאַך, וואָס איז אים פֿרעמד. אָט באַשליסט ער צו פֿאַרלאָזן דעם פּאָסטן, און דאָך רירט ער זיך נישט פֿון אָרט. ווען ער פֿאַלט לכּוף אַריין אַ פֿאַרוווּנדעטער אין די הענט פֿון די דייטשן, הערט ער זיך ווידער איין, אַז ער וועט נישט לאָזן זיך פּייניקן, ער לאָזט זיך דאָך שווידערלעך פֿאַרפּייניקן און גיט נישט אַרויס די אַנדערע קעמפֿער.

ווי איז דאָס מעגלעך? — קאָן מען פֿרעגן. האָט דאָך אַרנאָ געהאַלטן אַלץ פֿאַר „אידיאָטיש" און צופֿעליק אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער שלאַכט קעגן שונא. וואָלטן אים אפֿשר די פֿאַשיסטן אויך געקאָנט צוציען אויף זייער זייט, האָט עמעצער געהאַט סוגערירט. דערויף האָט ווערקאָר געענטפֿערט, אַז די אַנטיהיטלעריסטישע קעמפֿער האָבן קעגן אַרנאָס ווילן, אויפֿגעוועקט אין אים עפּעס, אַרויסגערופֿן אין אים אַ גאַנץ קאָנקרעטע מענטשלעכע סאָלידאַריטעט, וואָס קיין שום פֿאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע וואָלט נישט מסוגל געווען אַרויסצורופֿן.

מ'האָט ווערקאָרן אָפּטמאָל טאַקע אויך פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז זיין קאָנצעפּציע וועגן מענטש און עטישע נאָרמעס איז אָפּגעריסן פֿון רעאַלן לעבן. און אויב דאָס זאָל טיילווייז אמת זיין, בעיקר אין זיינע פֿריערדיקע שאַפֿונגען, איז אָבער דאָס אַרויסהייבן, באַרירן און דעפֿינירן אין אונדזער צייט מאָראַלישע באַגריפֿן און נאָרמעס שוין פֿון אַ גרויסן באַדייט. ווערקאָר טוט עס ביי יעדער געלעגנהייט.

* * *

פּונקט ווי דער מענטש אַלס עטישער בעל־חי, אַזוי באַשעפֿטיקט אים אויך דאָס גאַנצע מענטשלעכע מין אין זיין פֿאַרשיידנאַרטיקן צוזאַמענשטעל און קעגנזייטיקע באַציונגען. און אויך אין דעם פֿאַל האָט מע צו ווערקאָרס איינשטעלונגען פֿילמאָל געהאַט טענות. אין 1952 יאָר איז דער=

שיינען זיינע אָריגינעלער, פאַנטאַסטיש־פילאָזאָפיש־עטישער ראָמאַן „די פאַרדאָרבענע חיות“, וואָס איז געבויט אויף וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל און געוואָנדן מיט דער גאַנצער שאַרף קעגן ראַסיזם. האָט מען קודם געפרעגט, צו וואָס טויג אים די גאַנצע מעשה מיט די טראָפּיס, די אויסגעטראַכטע משונה־דיקע ברואים, וועגן וועלכע מיר ווייסן נישט, צי זיי זענען מאַלפּעס אָדער מענטשלעכע באַשעפענישן און מיט וועלכע עס פאַרנעמט זיך אַ וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע. מען האָט דאָך געקאָנט די זעלבע ברענענדיקע און אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען באַרירן אויף דער פּלאַך פון קאָנקרעטע, רעאַלע פאַקטן און געשעענישן, וואָס וואָלט פאַר געוויסע לייענער אפשר געווען צוגענגלעכער, ווי אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע, קרעאירט אויף פיקטיווע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. האָט אָבער יעדער קינסטלער זיין אייגענעם מעטאָד און ס'איז נישט שייך אים צו זאָגן: אַזוי וואָלט בעסער געווען. איבעריקנס, האָט דער מחבר געענטפערט, אַז ס'איז אים געגאַנגען טאַקע אין לייענער, ווייל דער פראַנצויזישער לייענער האָט ליב מ'זאָל וועגן ערנסטע זאַכן רעדן מיט אַ ווונק, מיט אַ שעלמישן שמייכל, און די פאַנטאַסטיש־פילאָזאָפישע פאַבולע האָט אַ גוטע טראַדיציע אין פראַנקרייך. עס האַנדלט זיך אָבער בעיקר אין אַן אַנדער מין טענה:

ווערקאָר דערציילט אין דער פאָררעדע צו דער פוילישער איבערזעצונג, וואָס ער ברענגט אין „איך גיי אויף אורלויב“, אַז די סאָוועטישע שרייבער און קריטיקער האָבן צווישן אַנדערן אים פאָרגעוואָרפן דאָס פאַרווישן אין די „פאַרדאָרבענע חיות“ די גרענעץ צווישן אַ סקעלעט פון אַ נעגער און אַ מאַלפּע, וואָס זאָל זיין שאָקירנדיק, און אויך אויף דער האַנט פון די ראַסיסטן. דערויף האָט דער מחבר פון די „פאַרדאָרבענע חיות“ געענטפערט, אַז אינעם פאַרטיידיקן אַ נעגער מיט זיין סקעלעט שטעקט שוין אַן אומבאַוווסטזיניקער ראַסיזם. ווייל ס'טאָר נישט דערלאָזט ווערן דער געדאַנק, אַז עס זענען פאַראַן בעסערע און ערגערע סקעלעטן. ס'זענען פאַראַן בלויז פאַרשידענע סקעלעטן. נישט דער פיזישער געבוי און אפילו נישט די פעיקייט צו פּראָדוצירן געמער, מעגן דאָס זיין די שענסטע געמער, קאָנען באַשטימען דאָס מענטשלעכע אין אַ לעבעדיק וועזן, אָדער דעם גלייכן ווערט פון פאַרשידענע שטאַמען אין מענטשלעכן מין. דעפינירן דאָס מענטשלעכע לאָזט זיך נאָר מיט עפּעס אינערלעכעם, מיט דער אויפפירונג און באַנעמונג. און ווערקאָר מאַכט דעם אויספיר, אַז אַ גאָרילע, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ געוויסן סאָציאַלן באַוווסטזיין איז

מוזגט מאָל אַ מער ווערטפֿול באַשעפֿעניש, ווי אַ שיין געבויטער, בלאָנדער געסטאַפּאָ־רוצח.

צו די זעלבע פּראָבלעמען פֿון דעפֿינירן דעם מענטש קערט זיך ווערקאָר אום אין 1956 יאָר אין זיין ראָמאַן „צאָרן“, אין וועלכן ער האָט פֿאַראייניקט פֿיקציע מיט רעאַליטעט. דאָ האָבן מיר נעבן דער וויסנשאַפֿטלעכער פֿיקטיווער פֿאָרשונג, די פּראָגנאָזישע ווירקלעכקייט, דעם בונד פֿון פּראָגנאָזיש אינטעלעקטועלן מיטן אַרבעטער אין זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף. אויב אין די „פֿאַרדאָרבענע חיות“ האָט אונדז דער מחבר אַריינגעפֿירט אין די זאָאָלאָגישע לאַבירינטן, האָט ער אין „צאָרן“ געפּרוווט זיך דערגרונטעווען צו די פּסיכישע לאַבירינטן, אָבער נישט דאָרט און נישט דאָ איז לויט אים מעגלעך צו געפֿינען אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: וואָס איז דער מענטש? אַ דעפֿיניציע, ווי שוין געזאָגט, דאַרף מע זוכן אין די עטישע באַגריפֿן און איינשטעלונגען, וואָס דאַרפֿן באַשטימט ווערן דורכן מענטשלעכן שכל.

אויפֿן עטישן בעל־חי, אויפֿן פּינטעלע מענטש — אויף די צווישנמענטשלעכע באַציונגען, צווישנפֿעלקערלעכע באַציונגען — לויערן פֿון אַלע זייטן געפֿאַרן. האָבן דאָך די דערפֿאַרונגען פֿון אונדזער צייט באַוויזן, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער אין מענטש צו אַטראָפֿירן דאָס מענטשלעכע, אַז ס'קאָן אַפֿילו דערשטיקט ווערן דאָרט, וווּ מע רעכנט זיך דערויף אַמווייניקסטנס.

ווערקאָר אָבסערווירט מיט אַן אויג פֿון אַ געניטן פֿאָרשער, ער לערנט פֿון די דערפֿאַרונגען און זעצט פֿאָר זיינע אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע אַנאַליזן. ס'איז אָבער קענטיק, אַז דער שרייבער דערנעענטערט זיך אַלע מאָל מער צו דער רעאַליטעט, דרינגט אַריין אַלע מאָל מער אין נייע ווינקלען פֿון לעבן, באַרייכערט זיך מיט נייע אָבסערוואַציעס. עס זאָגט דערויף עדות דאָס נייע בוך „אויף דעם ברעג“. פֿיר גרויסע דערציילונגען, פֿיר נייע באַזונדערע שטחים פֿון מענטשלעכן לעבן, פֿיר אַספּעקטן, וואָס בילדן דאָס אינערלעכע איינעם מענטש.

אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט ציט באַזונדערס די ערשטע דערציילונג „דער געדרייטער וועג“ מיט זיין דראַמאַטישן קאָנפֿליקט צווישן גוטס און בייז. צוויי מענטשן זענען געוואַקסן איינער לעבן אַנדערן, געווען צייטנווייז פֿריינד, איבערגעלעבט צוזאַמען אומגליקן, און איינער איז געוואָרן דער רוצח פֿון צווייטן.

לע פרעמר איז נישט קיין געוויינלעכער רוצח, ער איז אַ געבילדעטער און אַפילו אינטעליגענטער מענטש. פון אַ פּאַשיסט האָט ער זיך בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פאַרוואַנדלט אין אַ ווידערשטענדלער, און אין היטלעריסטישן טויט־לאַגער האָט ער געראַטעוועט מענטשן, דערנעענטערט זיך צו די קאָמוניסטן און ווערט זייערער אַן אָנהענגער, שפּעטער אַ פּראָגרעסיווער קאַטוילישער טוער און לסוף טוט ער אָפּ אין אַלזשיר דאָס זעלבע, וואָס די היטלעריסטן האָבן געטאָן אין די טויטלאַגערן און ווערט דער רוצח פון זיין אַמאָליקן פריינד, וועלכן ער האָט ליב געהאַט. און לע פרעמר קאָן בארעכטיקן יעטוועדע האַלטונג און האַנדלונג זיינע מיט אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט.

דער וועג פון מענטש צו דער חיה איז נישט קיין לאַנגער, אויב אפילו ער איז אַ געדרייטער. גענוג צו מאַכן די ערשטע טריט אויף דעם דאָזיקן וועג און דער מענטש הויבט אָן זיך צו קייקלען... נישט קיין לאַנגער וועג, אָבער אַן אַלטער, אויסגעפּראָוועטער אין אַלע צייטן. און דער פאַרפייניקטער העלד — ווייל ער איז אַ ייד — וועלכער נעמט ליבערשט אָן אַלע טאָרטורן איידער אויסגעבן און פאַראַטן מענטשן, מאַכט אַזאַ אויספיר: „קרעאָן און אַנטיגאָנע, ער, וועלכער איז געהאָרכזאַם זיינע געטער, זי, וועלכע שטעלט זיך זיי שוין אַנטקעגן... כ׳האָב מורא געהאַט, מיט פחד דערוואַרט דעם ווייטיק, געשראָקן זיך, אַז כ׳וועל נישט קאָנען מוטיק איבערטראָגן, און דאָך אָנשטאָט יענעם צו האַסן, האָב איך געטראַכט: מיר וועלן אַ געוויסן טאָג אים אויסהיילן... כ׳האָב געזען זיין געזיכט אַ צעפּרעסנם פון פינצטערניש און געטראַכט; קיין שום בייז איז נישט פעיק קעגנצושטעלן זיך... דעם ליכט פון דערקענטעניש... און דאָס ליכט וועט איינגיכן אויפשיינען, ס׳וועט פאַרגיסן די גאַנצע וועלט... אַנטיגאָנע זעט דאָס ליכט, די קרעאָנען זעען דאָס נישט. נעבעכדיקע נפשות“.

ס׳וואָלט אפשר ווער געפרעגט ווי דאָס איז מעגלעך, אַז דער קרבן זאָל נישט האַסן זיין תלין? מען וואָלט אויך ווערקאָרן ווידער געקאָנט מאַכן אַ פאָרוואָרף, אַז ער באַטראַכט די דאָזיקע פלאָגן בעיקר פון שטאַנדפּונקט פון יחיד און זיין פסיכיק. אַ סברה אָבער, אַז דער שרייבער האָט בכיוון פאַרשמעלערט זיין אָבסערוואַציע צום געביט פון דער מענטשלעכער פסיכיק, כדי צו ווייזן ווי אַזוי ס׳איז פסיכיש מעגלעך, אַז אַ נאָרמאַלער מענטש זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סאַדיסט, אַ חיה.

די דאָזיקע פראַגע מאַטערט היינט מער ווי שטענדיק. עס זוכן אויף איר אַן ענטפער פיל שרייבער. ווערקאָר האָט מסתמא געוואָלט ווייזן, אַז

אין לע פּרעטר האָט דער מיקראָב פֿון שלעכטס געשמעקט ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען און די אויסערלעכע איינפֿלוסן האָבן אָנגעטראָפֿן אויף אַ גינסטיקן באָדן. מענטשן טיילן זיך בכן אויף קרעאָנגע און אַנטיגאָנעס. ביי ווערקאָרן דערזעט מען אויך ווי אַזוי עס פֿלעכטן זיך צוזאַמען אויסערלעכע און אינערלעכע פֿאַקטאָרן, אינדיווידועלע און אַלגעמיינע, פֿערזענלעכע און סאָציאַלע סטימולן, וואָס באַשטימען אין מענטש זיין מאָראַלישן פּרצוף.

ווערקאָר האָט אין זיין לעצט בוך, ווי שוין דערמאָנט, אַריינגענומען אין זיין שאַפֿונגס-קרייז נייע ספֿערן. די דערציילונגען „דער הער פּראָסט“ און „דעצעמבער-פֿרייהייט“ פֿירן אונדז אַריין אין עראָטישער פּאַטאָלאָגיע. „קלעמענטינע“ איז אַ שאַרפֿע באַשולדיקונג קעגן דער הייַנטיקער פֿראַנצויזישער רעאַליטעט, וואָס פֿירט דעם מענטש צו געפֿאַלנקייט, דערדריקט ביי אים דאָס שענסטע און נאָבלסטע. די גאַסן-פֿרוי קלעמענטינע איז אין היטלעריסטישן לאַגער אַ נאָבעלער מענטש, אַ פֿרוי מיט אַ גרויס און ריין האַרץ. דווקא אין לאַגער האָט זי מיט איר איבערגעבנקייט פֿאַר די אומגליקלעכע יידישע פֿרויען זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ נוצלעכן און פֿעיִקן מענטש. צוריקקומענדיק פֿון לאַגער, האָט זי די האַרטע ווירקלעכקייט צוריק געשטויסן אין אָפּגרונט פֿון געפֿאַלנקייט.

ווי אין אַלע פֿריערדיקע שאַפֿונגען, איז אויך אין די איצטיקע דערציילונגען פֿאַראַן טיפֿער טראַגיזם, שווערע קאָנפֿליקטן מיטן אַרום און מיט זיך גופֿא, אויסוועגלאָזיקייט, פֿינצטערניש און דאָך זענען מיר נישט דערדריקט לייענענדיק ווערקאָרן, פֿאַרקערט, מע דערפֿילט זיך געלייטערט אין די ליידן, דערהויבן אינעם טיף מענטשלעכן, וואָס עס שטראָמט פֿון ווערקאָרס פּראָזע, דערפֿרייט פֿון די שטראַלנדיקע ליכטער, וואָס בליצן אויף אין די סאַמע געדיכטע פֿינצטערנישן. אַזעלכע געפֿילן קאָנען אַרויסרופֿן אין לייענער נאָר עכטע הומאַניסטישע שרייבער. דער איטאַליענישער שרייבער קאַרלאָ קאַסאָלאַ האָט אין אַ שמועס פֿאַר דער וואָכנשריפֿט „אַר“ („קונסט“) געזאָגט, אַז „אויב נאָכן איבערלייענען אַ בוך דערפֿילן מיר אַ פֿאַרשטאַרקטן ווילן צום לעבן און די צאַפּלדיקייט פֿון אונדזער צייט, איז אַ סימן, אַז מיר האָבן געהאַט פֿאַר זיך אַ קונסט-ווערק“. אָבער כּדי דאָס צו דערפֿילן, כּדי אונדז צו באַהויבן מיט יענער לייטזעליקייט, מוז נישט דער שרייבער זיך אויפֿצווינגען צו מאָלן ראָזע בילדער, ער קאָן דאָס דערגרייכן אָפּדעקנדיק דווקא די פֿינצטערע זייטן פֿון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

ווערקאָר, פירנדיק דעם לייענער דורך געדרייטע און טונקעלע לאַבי־רינטן, באַהויכט ער אים מיטן גלויבן, אַז פון מענטש קאָן מען פיל פאָדערן און דערוואַרטן, אַז דאָס גוטע קאָן באַזיגן דאָס שלעכטע. אין דער־מאָנטן בריוו צו זשיל איזאַק האָט ער געשריבן: „איך האָב געגלויבן אין די מענטשן, אַז טראָץ זייערע שווערסטע און טרויעריקסטע פעלערן, ווילן זיי בויען אַ וועלט אויף מענטשלעכע יסודות“.

דער שרייבער, דער ייִד און די לעגענדע...

אַ הויכער, קלוגער שטערן, טיפֿע, וואַרעמע באַברילטע אויגן, אַ לענגלעכער פֿאַרטראַכט יונג פּנים איבער וועלכן ס'איז פֿאַנאַנדערגעגאָסן אַן אומעטיקער שמייכל. א יידישער שמייכל, געמישט מיט אומעט און איראָניע — אַזוי זעט אויס איזאַק באַבעל אויף דער איינציקער פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז.

איך ווייס נישט אין וועלכן פּעריאָד פֿון זיין לעבן ער האָט אַזוי אויסגעזען. וועגן אַ שרייבער, וואָס איז געוואָרן אַ לעגענדע ווילט זיך האָבן אַ פֿאָרשטעלונג. יעזשי פּאָמיאַנאָווסקי פּרוווט אים באַשרייבן אין דער הקדמה צו דער פּוילישער אויסגאַבע: „...פּנימער מיט אַזעלכע שטריכן באַגעגנט מען אָפֿט אין מזרח־אייראָפּע, אויף אוקראַאינישע דערפֿער, אין יידישע שטעטלעך, אין רוסישע אַמטן, אין פּוילישע וואַרשטאַטן, ווי זיי וואָלטן מאָדעלירט געווען נישט דורך דער אָפּשטאַמונג, נאָר דורך אַ געמיינזאַמען גורל“. אין זכרון פֿון באַבעלס לייענער וועט זיך מסתמא צומיינסטן איינקריצן דאָס יידישע בלאַסע, קרענקלעכע חדר־ייִנגל, ווי מיר זעען אים אין דער דערציילונג „די געשיכטע פֿון מיין טויבן־שטייג“ און דער יידישער בחור פֿון דער אָדעסער אָרעמשאַפֿט, וועלכער באַשליסט צו ווערן אַ שרייבער און לאָזט זיך אַ רעכטלאָזער אין הייליקן פּעטראָגראַד אָנבאָטן די רעדאַקציעס זיין שרייבערישע סחורה („דער אָנהייב“).

מיט דער שטאָט אָדעס זענען געבונדן פֿיל נעמען פֿון גרויסע יידישע, רוסישע און פּוילישע שרייבער. באַבעלס נאָמען איז אָרגאַניש באַהאָפֿטן מיט דער דאָזיקער שטאָט. דאָ איז ער געבוירן און דערצויגן געוואָרן. דאָס אַמאָליקע יידישע אָדעס האָט ער ממש איינגעזאַפּט מיט דער מאַמעס מילך, די אָדעסער יידישע „אונטערשטע“ שיכטן, דער קאָלאָריט פֿון דער שטאָט, איר אַמאָליקע אויסטערלישקייט און דינאַמישקייט האָבן גענערעגט זיין יוגנטלעכע, צעפֿלאַמטע קינסטלערישע פֿאַנטאַזיע.

וואָס זאָל מען היינט שרייבן וועגן דאָזיקן אָדעסער ייד? וועגן גרויס; יידיש-סאָוויעטישן שרייבער? כ'ווייס, אַז אָרעם און נישטיק וועט זיין דאָס, וואָס וועט דאָ אויפגעשריבן ווערן, אפשר קוים אַ באַשיידן בלימל, וואָס מען וואַרפט ערגעץ-ווו...

ס'ליגט פאר מיר דער באנד פון איזאק באבעלס ליטעראַרישער ירושה, וואָס איז דערשינען אין פוילישער איבערזעצונג — די באַרימטע „רייטער-אַרמיי", אַ פופצן אַנדערע דערציילונגען און אַ טעאַטער-פּיעסע, „די דעמערונג". אויסער צוויי-דריי דערציילונגען האָב איך עס אַלץ איצט צום ערשטן מאָל געלייענט, נישט געלייענט נאָר איינגעשלונגען. איזאַק באַבעל איז פאר די, וועלכע באקענען זיך איצט מיט זיין שרייבערישן טאלאנט אַ רעוועלאַציע. ער איז דאָס אייגנטלעך געוועזן שוין פאַר זיין לעבן. די קריטיק חזרט ביי אונדז כסדר איבער, אַז ער איז אויסגעוואַקסן צו אַ לע-גענדע. לעגענדעס זענען אָבער פאַראַן פאַרשידענע, פון פאַרשידענעם פאַר-נעם און באדייט...

באבעלס ליטעראַרישע ירושה איז נישט קיין גרויסע. אין ראטנפאר-באנד איז געשאפן געוואָרן א ספעציעלע שרייבער-קאָמיסיע, וואָס זוכט אויף, זאַמלט צונויף אַלע זיינע צעשפרייטע און צעזייטע, געלעסטערטע און פאַרגעסענע שאַפונגען, וואָס דאַרפן אויפסניי צוזאַמען דערשיינען. עט-לעכע צענדליק דערציילונגען און אויב כ'האָב קיין טעות נישט, צוויי טעא-טער-פיעסן, עטלעכע שקיצן איז אין אַלגעמיין נישט פיל פאַר אַ ווערק פון א שרייבער. ס'טרעפט אָבער, אז דעם כמות פארטרעט דער איכות. באַבעל איז א באַווייז וויפל מ'קאָן זאָגן אין קאַרגע בלעטלעך, וויפל נאָוואַ-טאָרישעס, וואָס פארא קינסטלערישע ווערטן מ'קאָן אריינלייגן אין ווייני-קע שאַפונגען.

כ'איז מעגלעך — און מ'קאָן ריזיקירן צו זאָגן: ס'איז זיכער — אַז באַבעל האָט אָנגעשריבן מער, ווי מיר קענען איצט. אָנגעהויבן שרייבן האָט ער פאַרהעלטנישמעסיק פרי און געשריבן האָט ער מיט אימפעט. זיין שעפערישע לעבן האָט געדויערט וויניקסטנס פון 1915 ביז 1939, ווען ער איז, ווי עס דערציילט אין דער דערמאָנטער הקדמה פּאָמיאַנאָווסקי, אַרעסטירט געוואָרן.

אריינגעפירט געוואָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור איז איזאק באַ-בעל דורך מאַקסים גאָרקי. אין זיין אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „דער אָנהויב" זעען מיר אים, ווי שוין דערמאָנט, אַ יונג בחורל, אין אַ קנאַקע-

דיקן פראָסט און אָן א מאנטל. „מיין פארמעגן איז צו יענער צייט באַשטאנען פון עטלעכע דערציילונגען", וועלכע קיינער אין די רעדאקציעס האָט נישט באַוויליגט איבערצולייענען, ביז ער איז אָנגעקומען צו מאַקסים גאָרקי, וועלכער איז געוואָרן זיין גוטער מלאך. דאָס איז געווען טאַקע ווינטער 1915. מיט יאָרן שפעטער, שוין אין גאָר אנדערע באדינגונגען, האָט אים גאָרקי היים פארטיידיקט קעגן בודיאָני, וועלכער האָט געהאלטן, אז „די רייטער=אַרמיי" איז „אַ קאַריקאַטור און פאַשקוויל" אויף דער רויטער אַרמיי. גאָרקי האָט דעמלט אין שוין באַרימט געוואָרענעם אָפענעם בריוו צווישן אנדערן געשריבן: „... אין אונדזער אייגענעם אינטערעס מוזן מיר זיך באציען מיט זאָרג און פארשטענדעניש צו א מענטש, וועלכער קאָן אונדז העלפן אין קאמף קעגן די צעטרייסלטע אָבער נאָך גענוג שטאַרקע זיילן פון דער פארשאָלטענער און שענדלעכער פארגאנגענהייט. באבעל קאָן דאָס טאָן. מיר זענען נישט קיין סך, אַז מיר זאָלן קאָנען זאָרגלאָז אָפּשטויסן אַזעלכע טאַלאַנטירטע און נויטיקע מענטשן".

נישט נאָר גאָרקי האָט דערזען דעם נייעם, גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט. די רוסישע שרייבער סייפולינאַ, פורמאַנאָוו, פאַוסטאָווסקי און שפעטער ראָמען ראָלאַן האָבן אין באַבעלן געזען אַ שעפער פון אַ נייעם, מעכטיקן קינסטלערישן אויסדרוק, אַ פאָרשטייער פון אַ נייעם דור שרייבער, וואָס די ברויזנדיקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָבן אַרויסגעהויבן.

מיט וואָס פארכאַפּט הויפּטזעכלעך באבעלס פראָזע?

מיר דוכט, אז קודם כל מיט דער שפרודלדיקער ספּאָנטאַנישקייט, מיטן שעפערישן ספּאָנטאַנישן כוח, וואָס שטראָמט אַזוי נאַטירלעך, ווי אַ נאַטור=עלעמענט. אין באַבעלס פראָזע איז נישט פאַראַן קיין שום אָנשטעל, קיין שום פּאָזע. ער באַנוצט זיך נישט, וואָלט איך געזאָגט מיט קיין שום קאָסמעטיק. זיין פראָזע פארמאָגט די פרישקייט, די נאַטירלעכקייט פון אַ קינדעריש פנים, די זויבערקייט און פרישקייט פון פרימאָרגן=טוי. די שרייבערישע אויפריכטיקייט און דער מענטשלעכער אמת איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן ער בויט זיינע קינסטלערישע קאָנסטרוקציעס. נישטאָ קיין צייכן פון פאַרלייקענונג, פאַלשונג, אָדער גאָר באַפּוצונג. נישטאָ קיין שום קאָמפּראָמיס, קיין פאַרשווייגן. אַלץ ביי אים איז וואַרהאַפטיק, אמתדיק, אַזוי דורכזיכטיק=קלאָר, אַזוי שרייבעריש ערלעך.

איזאַק באַבעל האָט געהאט צוויי טעמעס: דאָס יידישע, אמאָליקע לעבן און די רעוואָלוציע. דאָס זענען גאָר ברייטע טעמעס. באבעל האָט

אין ביידע פֿאַלן אין צענטער געשטעלט דעם מענטש און די געשאַפֿענע סיטואַציע, אין וועלכער דער מענטש האַנדלט אַזוי און נישט אַנדערש. דער מענטש אין די פֿאַרשידנסטע סיטואַציעס מיט זיינע שוואַכקייטן, שטרויכלונגען און דערהויבנקייטן.

באַבעל לאָזט זיינע העלדן רעדן מיט זייער אייגענער שפּראַך, טראַכטן מיט זייער אייגענעם מוח און האַנדלען לויט זייערע אייגענע אימפּולסן. דער דיאַלאָג און צייטנווייז דער מאָנאָלאָג — ווי אין „בריוו" — איז אַ זעלטן לעבהאַפֿטער, קאָלאָריסטישער. די נאַראַציע פֿון נאַראַטאָר גופֿא איז אַ זעלטענע סינטעזע פֿון פּשטות מיט פֿאָלקסטימלעכער שפּרודלדיקייט, פֿאַרביקייט, פּשטות און זאַפֿטיקייט. דאָס איז אַ נאַראַציע אין וועלכער עס הויפּן זיך אָן אין אַ צונויפֿגעפּרעסטער פֿאָרם בילדער, מחשבות, דראַמאַטישע שפּאַנונג. בלויז די שפּראַך פֿאַרדינט אויף אויפֿמערקזאַמקייט מיט אירע וווּנדערבאַרע פֿאָלקס־אויסדרוקן, ווערטלעך, אידיאָמען, מיט איר פֿרישקייט און נאַטירלעכקייט. דערביי איז זי רייך אין קינסטלערישער מעטאַפֿאָרע, אָטעמט מיט דיכטערישקייט. מען פֿאַרגלייכט היינט אָפֿט באַבעלן צו העמינגוויי, שטיינבעק, קאַלדוועל. אויב עס איז צווישן זיי פֿאַראַן עפּעס אַ שרייבערישע קרובהשאַפֿט האָט אָבער דער טאַלאַנט פֿון אָדעסער ייד אַרויסגעשפּראָצט פֿון אַן אַנדער באָדן און געניערט האָט ער זיך מיט אַנדערע געשעענישן, וואָס האָבן זיין וואָרט געמאַכט דורכדרינגלעכער, שאַרפֿער און דער עיקר צילבאַוווסטזיניקער.

באַבעלס טאַלאַנט איז רייף און געקרעפֿטיקט געוואָרן אין שטורעם פֿון דער רעוואָלוציע, פֿון איר האָט ער געצויגן באַגייסטערונג, מיט איר האָט ער געבונדן אַלע מענטשלעכע האָפֿענונגען און טרוימען. באַבעל האָט ווי זעלטן ווער אָפּגעפּילט דעם ספּאָנטאַנעם אויפֿברויז פֿון אַ געבונדענעם, לאַנג פֿאַרקנעכטעטן ריז. ער האָט אָבער געקוקט טיף און ווייט, געוואָלט אַלץ זען, נישט געוואָלט אָפּדרייען דעם קאָפּ, ווען די קאָזאַקן פֿון דער רייטער־אַרמיי האָבן אויסגעענדיקט די געפֿאַנגענע, ווען אַ טרונאָוו, וועלכער האָט אַליין געהאַט אַ פֿאַרבלוטיקטן, צעקלאַפּטן קאָפּ, האָט אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פֿון אַ יונגן געפֿאַנגענעם.

וועגן דער „רייטער־אַרמיי" האָט מען שוין פֿיל געשריבן. פֿאַרן יידישן לייענער איז כדאַי דאָ צו דערמאָנען די יידישע אַקצענטן, דעם אָפּקלאַנג פֿון יידישן וויי און דעם ריח פֿון יידישן בלוט, וואָס דער נאַראַטאָר הערט און פֿילט אומעטום. — „די פּאָליאַקן שעכטן אויס די יידן... די יידן זענען אין אַלץ שולדיק... אין דעם וואָס ביי אונדז און אין דעם וואָס ביי אייך,

נאָך דער מלחמה וועט פון זיי בלייבן אזוי פיל וויפל אויף אַ רפואה...“ — זאָגט דער פויער צום רייטער־אַרמייער הינטער זאַמאָשטש פון וואַנען עס דערגייט דער טויבער רויש פון אַ פּאָגראָם.

בעת זיינע מלחמה־וואנדערונגען מיט דער ארמיי איבער דער פוילישער ערד, ווו ס'האָט אים געטראָגן דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע, האָט זיין בליק נישט געקאָנט אָפּרייסן זיך פון „די פארגליווערטע יידישע שטעטלעך, די איינגעהויקערטע צופוסנס פון די פּריצישע פּאָלווארקעס“. שילדערנדיק אזוי פארבנרייך יידישע טיפּן פון גאליציע און וואָלין, פארענדיקט ער: „...זייער אומעטיקער כוח פארמאָגט אין זיך עפּעס א מין טרויעריקע דערהויבנקייט, זייער אויסבאַהאַלטענער האַס צו די פּריצים איז גרענעצלאָז. צוקוקנדיק זיך צו זיי, האָב איך ערשט איצט פאַרשטאַנען דעם טיפּן זין פון דער געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער דאָזיקער ערד, די דערציילונגען וועגן יידן בעלי־תורה, וועלכע פלעגן אָפּדינגען קרעטשמעס, וועגן רביים, וועלכע פלעגן זיך פאַרנעמען מיט וווכער, וועגן יידישע מיידלעך פארגוואלטיקטע דורך פוילישע סאָלדאַטן און צוליב וועלכע פוילישע מאַגנאַטן פלעגן זיך דערשיסן“ („רייטער־אַרמיי“). אין יענער שטורמישער צייט שוועבט אומאויפהערלעך פאר די אויגן פון אָדעסער יידן און רוסישן שרייבער דער יידישער שיקזאַל. די קעגנוואַרט און פאַרגאַנגענהייט זענען ווי פארפלאָכטן. אָט פארהאלט ער זיך אין א שטעטל פאר אַן אלטן יידישן בית־עולם: „ביי דער זייט, הינטער א צעשטערטן דורך א דונער דאָמב שטייט דער קבר פון רבי עזריאל, דעם דערמאָרדעטן דורך באָגדאַן כמיעלניצקים קאָזאַקן...“ דעם פּאָגראָם־מאָטיוו באַגעגענען מיר אגב אָפט אין באַבעלס שאַפונגען. אין זיינע דערציילונגען „די געשיכטע פון מיין טויבן־שטייג“ און „די ערשטע ליבע“ שילדערט דער שרייבער דעם פּאָגראָם אין אָדעס, אין 1905 און א סברה, אז דער 9 יעריקער העלד איז דער מחבר גופא, וועלכער האָט אלס קינד די פּאָגראָם־כוואַליע איבערגעלעבט. שפּעטער האָט ער באגעגנט יענע בלאסע יידישע יינגלעך מיט ענטוזיאזם פארטיידיקן די רעוואָלוציע, ווי דאָס האָט געטאָן דעם בראצלאווער רבינס זון איליאַ („דעם רבינס זון“), אָפּגעבנדיק פאַר איר דאָס לעבן.

באבעלס עיקרדיקער שרייבערישער שטאָף איז געווען דאָס יידישע לעבן, דאָס יידישע שטעטל פון וועלכן ער איז אליין געווען אַן אָרגאנישער טייל. זיין ערשטע גייסטיקע יניקה האָט ער געצויגן פון חדר, שפּעטער פון דער תלמוד־תורה. ער שטאַמט אָבער פון יענע יידישע היימען, וואָס האָבן

געהאַט די אַמביציע, אַז דער זון זאָל ענדיקן גימנאַזיע, נעמען לעקציעס פון מוזיק, פון יענע היימען אין וועלכע עס ווערן דערצויגן „וווּנדערקינ־דער“, ווי ער האָט עס אליין מיט מייסטערשאפט געשילדערט.

איזאַק באַבעל דער רוסישער שרייבער האָט קינסטלעריש, שעפעריש געאָטעמט מיט יידיש לעבן; דאָס יידישע אָדעס, זשיטאָמיר, די אָרעמע מאָלדאַוואַנקע האָבן געלעבט אין אים. ווי טיף האָט ער אָפּגעפילט, ווי „די דעמערונג און שטילקייט, די שבתדיקע שטילקייט האָט זיך פאנאנדערגע־שפּרייט אויף די קרומע דעכער פון זשיטאָמירער געטאָ!“ („דער רבי“). ס'האָבן אים פאַסצינירט די מענטשן פון די אממיינסטן נידעריקע שיכטן, די בעלי־עגלות, הענדלער, ווילע יונגען. די אָדעסער פּאָרט־שטאָט האָט אַמאָל פאַרמאָגט אַ באַזונדערן מענטשן־עלעמענט. איזאַק באַבעל האָט יענע אייגנארטיקע יידישע וועלט געמאָלן מיט די אממיינסטן בונטע פארבן. בע־ניע קשיק קאָן מיט זיינע זעלטענע אייגנפאַלן גובר זיין נישט נאָר דעם גביר, נאָר אפילו די צארישע זשאנדארן, דעם „פּריסטאוו“, („דער קע־ניג“). מענדל קשיק („דעמערונג“) איז זיכער, אַז ער קאָן איבערכיטרעווען אַפילו גאָט אַליין. — איך בין פיפיקער פון גאָט — זאָגט ער — אויף וואָס ריאבצאָוו ענטפערט אים: — פון רוסישן גאָט קאָנסטו זיין פּיפּיקער, אָבער נישט פון יידישן.

איזאַק באַבעלס העלדן פון די פאַרשידענע וועלטן וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, האָבן אין אַלע אויסטערלישע און שטורמישע סיטואַציעס, טראָץ אַלעמען געברויזט מיט געזעכטן רעוואָלט און געטרוימט וועגן יענטשלעכן גליק, ווי דער שרייבער גופא...

VI

די אַלטע דילעמע

ווי משוגעדיק עס זענען די גורלות פון ביכער! עס פאַלט אַמאָל אַריין אין האַנט אַ צופעליק בוך, וואָס קיין רעקלאַמע האָט עס ניט געהאַט, מ'האָט וועגן דעם ניט געשריבן און ניט גערעדט, מ'האָט וועגן דעם גאָרניט געהערט — און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גאָר אַן אינטערעסאַנטע לעקטור און רעגט אָן צו טראַכטן. איר וועט באַגעגענען ווייניק לייענער, וועלכע זאָלן גאָרניט וויסן וועגן די ביכלעך פון פראַנסואַ סאַגאַן — אויב זיי האָבן זיי ניט געלייענט, האָבן זיי געהערט אָדער געלייענט וועגן זיי. וועגן אַזאַ בוך אָבער ווי טאַרגיוסעס „צווישן ליכט און שאָטן", וואָס איז דערשינען סוף פאַרגאַנגענעם יאָר, האָט מען ווייניק וואָס געהערט. און דאָך איז עס אַ לעקטור, וואָס אויב דער לייענער וועט אין איר אַריינקוקן, וועט ער זיך שוין ניט אָפּרייסן ביז ער וועט פאַרענדיקן דאָס לעצטע בלעטל.

„צווישן ליכט און שאָטן" איז אַ ביאָגראַפישער ראָמאַן, וואָס דער האָלענדישער שרייבער וו. טאָרגיוס האָט אָנגעשריבן נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה. אויף די פאָליצעס פון די פּויליש בוכהאַנדלונגען האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אַ שפּאָר ביסל אַזעלכע „פאַרעלטערטע" ביכער. דאָס איז אַ חוב, וואָס מ'איז אַ סך יאָרן שולדיק געווען דעם לייענער. לאָמיר אָבער באַלד פון אָנהייב זאָגן, אַז דאָס בוך איז אָנגעשריבן אָן באַזונדערן שווינג. עס געשעט אַמאָל, אַז אַ מיטלמעסיק בוך, קאָן אויך זיין אינטערעסאַנט. אין דעם פאַל איז דאָס דערפאַר, ווייל „צווישן ליכט און שאָטן" איז די לעבנס-געשיכטע פון באַרימטן האָלענדישן מאָלער פון 17-טן יאָרהונדערט — רעמבראַנדט. עס גייט אויך אין אַ געוויסן צוזאַנג צו דעם מין ליטעראַטור.

בעלעטריסטישע ביאָגראַפיע איז שטענדיק געווען אַ געגאַרטע לעקטור. דער ביאָגראַפישער ראָמאַן געפינט אומעטום און אין אַלע צייטן אַ גרייסן אָפּזאַץ-מאַרק. דאָס לעבן פון גרויסע שעפער, פון באַרימטע

פּערזענלעכקייטן רופֿן אַלע מאָל אַרויס נייגיר און אינטערעס, און דאָס איז נישט קיין ביליקער נייגיר. נאָכפֿאָלגנדיק דאָס פּריוואַטע לעבן פֿון גרויסע שעפֿער, פֿון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, דערזעט דער לייענער די רעאַלע באַדינגונגען, די פּסיכישע אימפּולסן, וואָס באַווירקן די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן צו שאַפֿן אָדער האַנדלען; אויסער דעם איז אַ ביאָגראַפֿישער ראָמאַן דערפֿילט זיין ראָל נאָר דעמלט, ווען ער גיט אַ בילד נישט זיין — געגעבן אין אַ לייכטער, אינטערעסאַנטער פֿאָרם, אין אַ בעלעטריסטישער פֿאָרם.

אַ ביאָגראַפֿישן ראָמאַן איז אָבער לייכט צו פֿאַרביליקן. למשל, פּיער לאַמירס „רויטע מיל", וואָס שילדערט דעם לעבנס־וועג פֿון באַקאַנטן פֿראַנצויזישן, אימפּרעסיאָניסטישן מאָלער טולוז־לאָטרעק, לייענט זיך מיט שפּאַנונג. מען דערזעט טולוז־לאָטרעק דעם אומגליקלעכן מענטש, דעם בעל־מום אין אַלע פֿאַזן פֿון זיין לעבן. בלאָס, דאַקעגן, קומט אַרויס דער קינסטלער. די לעבנס־אַוואַנטורעס פֿאַרשטעלן דעם שעפֿערישן מענטש. מיר דערוויסן זיך די קלענסטע איינצלהייטן וועגן זיינע אומגליקלעכע ליבע־אַוואַנטורעס און צו ווייניק וועגן זיין קונסט. און אַ ביאָגראַפֿישער ראָמאַן אַ געוויסער סטודיום — יעדנפֿאַלס דאַרף ער אַזעלכער נאָר פֿונעם מענטש, נאָר אויך פֿון זיין שאַפֿונג.

ביי מאָרגיוסן גייען צוזאַמען רעמבראַנדט דער מענטש און רעמבראַנדט דער קינסטלער. ער האָט זיך אויסגעהיט צו פֿאַרביליקן זיין ראָמאַן, אַזוי גלייכצייטיק אויסגעמיטן דעם מאָנאָגראַפֿישן כאַראַקטער. אַ מאָנאָגראַפֿיע איז קיינמאָל נישט מסוגל צו געבן דעם לייענער אַזאַ פֿאַרגאַנצט בילד וועגן אַ שעפֿערישער פּערזענלעכקייט, ווי עס קאָן געבן אַ גוטער ביאָגראַפֿישער ראָמאַן, ווי זאָל מען אָנגעמען קאַראָל שולצס ראָמאַן וועגן מיקל אַנדזשעלאָ „שטיין און ליידן". ווייניק נאָך איז פֿאַראַן עכטע ביאָגראַפֿישע ראָמאַנען. דער מין ליטעראַטור האָט נאָך זיינע מעגלעכקייטן נישט אויסגעשעפּט. אין אונדזער יידישער ליטעראַטור איז דער ביאָגראַפֿישער ראָמאַן בכלל אַ גרויסע זעלטנהייט. אומקערנדיק זיך צו מאָרגיוסעס ראָמאַן, איז דאָס אַ באַשיידענער פֿאַרמעסט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די רייכע און פֿילפֿאַרביקע פּערזענלעכקייט פֿון גרויסן האָלענדישן קינסטלער. דער מחבר האָט אָבער אַרויסגעבראַכט שטריכן און מאָמענטן פֿון זיין שעפֿערישן לעבן, וואָס מאַכן דאָס בוך באַזונדערס אינטערעסאַנט.

מאַרגיום ווייזט רעמבראַנדטן פון זיינע יינגסטע יאָרן ביז זיין לעצטן אָטעם=צוג. אויך דאָ ווערן מיר אַריינגעפירט אין אַלע ווינקלעך פון קינסטלערס פריוואַטן לעבן, אין אַלע צאַפּלענישן פון זיין עמפּינדלעך האַרץ — אַנדערש וואָלט עס דאָך קיין ראָמאַן נישט געווען — אָבער גלייכצייטיק דערזען מיר פון קינדווייז אָן די אינערלעכע, גייסטיקע וועלט. אַ קינד פון אַ פּשוטער מילנער=משפּחה, האָט רעמבראַנדט פון די פריסטע יאָרן געמוזט קעמפן פאַר זיין באַרוף, אין וועלכן קיינער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט. די עלטערן האָבן באַשלאָסן, אַז זייער יינגסטער זון זאָל לערנען. זיינע לערער און שפּעטער די פּראָפעסאָרן האָבן אָבער געהאַלטן דאָס יינגל פאַר אַ נישט פעיקן, טעמפּן און געראַטן דעם פאָטער אים אָפּצוגעבן בעסער לערנען אַ מלאָכה. דער קומענדיקער באַרימטער קינסטלער האָט ווירקלעך נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק זיך צו פאַרגראָבן אין ביכער און איינצוחזרן די נודנע לעקציעס. אים האָט געלאָקט די וועלט פון פאַרבן, ס'האָט אים פאַרכישופט די שפּיל פון ליכט=פלעקן. מיט אַלע חושים האָט ער פון קינדווייז אָן אויפגעכאַפּט די קאָנטראַסטן צווישן ליכט און שאָטן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זיין באַרימטער אויסדרוקמיטל און מיט וואָס ער טיילט זיך אַזוי אויס צווישן דורות גרויסע קינסטלער.

זיינע לערער האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. איז דאָך די מיל, די פעלדער אַרום איר, דער בעטלער, דעם טאַטנס צעאַקערט פּנים מער געווען פאַר אים, ווי דער טרוקענער, סכאָלאַסטישער לימוד. „אַנשטאָט זיך צו לערנען מאַכט ער משונהדיקע פלעקן און דריידלעך אין זיינע העפטן“ — האָט אים געהאַט פאַרקלאָגט פאַרן פאָטער זיין פּראָפעסאָר. „וואָלטן דאָס כאָטש געווען צייכענונגען“ — האָט ער איראָניזירט און געראַטן אים דאָס „אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ“. אויך שפּעטער, ווען אַלס דערוואַקסענער בחור ווייזט ער זיינע צייכענונגען איינעם פון די דעמאָלטיקע מייסטער אין אַמסטערדאַם, באַקומט ער אַן ענלעכע עצה. מאָלעריי, זאָגט ער צום יונגן קינסטלער, איז אַ שווער שטיקל ברויט, ס'איז בעסער זיך צו לערנען אַן אַנדער פאַך.

ווען רעמבראַנדט איז שוין געווען דער באַקאַנטער מייסטער וואַן ריין, האָט אים נאָך אַלץ דער צעד פון די אַמסטערדאַמער מאָלער נישט געוואָלט אָנערקענען און פאַררעכענען צו די זייניקע, מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ בלאָנדזשענדיקן אין דער קונסט, אַ פאַרלוירענעם און אפילו פאַר אַן אומנאָרמאַלן. ס'איז דאָך אַ באַקאַנטע זאַך, אַז צו אַנדערשדיקייט באַ=

צײַט מען זיך שטענדיק מיט פֿאַרדאַכט, מער ווי צו קעגנערשאַפֿט. אין וואָס מענטשן זענען מער אָפּגעשטאַנען, אַלץ ווייניקער פֿאַרטראָגן זײ עמעצנס אַנדערשקייט. דאָס שטאַמט מסתּמא פֿון אור־אַלטע צײַטן, ווען אײן שבט האָט יעטווידן אַנדערשדיקן שבט באַטראַכט פֿאַר אַ שונא. נאָר ווײַט פֿון יענע צײַטן איז אין דעם פּרט די מענטשהײט נישט אַוועק, כאָטש פֿון אַ הילצערן שיפֿל איז מען דערגאַנגען צו קאָסמישע שיפֿן. רעמבראַנדטס אַנדערשקייט, זײַן נאָוואַטאָרישקייט, וואָס ער האָט אַרײַנגעפֿירט אין דער פּלאַסטישער קונסט, איז צו יענער צײַט באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ בפֿירושער אַטענטאַט אויף דער מאָלערײַ. ס'איז זיך נישט שווער פֿאָרצושטעלן די צרות, וואָס דער גרויסער קינסטלער האָט געהאַט איבערצושטײן.

דעם דאָזיקן טראַגישן קאָנפֿליקט צווישן רעמבראַנדטן מיט זײַן אַרום, מיט זײַנע מיטצײַטלער, האָט טאָרגיוס וואָרהאַפֿטיק אָפּגעשפּיגלט אין זײַן ראָמאַן און דערמיט פֿאַרכאַפּט ער אונדז. אַ צווייטער מאָמענט, וואָס איז באַזונדער אינטערעסאַנט פֿאַרן ייִדישן לייענער, איז רעמבראַנדטס באַציִונג צו ייִדן.

רעמבראַנדט האָט געהאַט אַן אײגענע קאָנצעפּציע וועגן קונסט, וועגן איר ראָל. ער איז אויך געווען אַ פֿרײַער דענקער. מען האָט אים אַמאָל געהאַט געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ער שעפּט נישט זײַן טעמאַטיק פֿון דער געשיכטע און מאָלט הויפּטזעכלעך מענטשן, סיטואַציעס פֿון זײַן קעגנוואַרט. ער האָט דערויף געענטפֿערט, אַז די געשיכטע איז אַ פֿאַלשער שפּיגל פֿון דער וועלט און ער פֿאַרטראָגט נישט קײן ליגנס, ער איז פֿאַרליבט אין אמת. פֿון זײַנע מיטצײַטלער, פֿון דער קעגנוואַרט, זאָל ער האָבן, לויט טאָרגיוסן, געזאָגט, וועט ער זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן. דאָ טאַקע האָט זיך אָנגעהויבן דער דראַמאַטישער קאָנפֿליקט, וואָס דערמאָנט אַזוי אין הײַנטיקע קאָנפֿליקטן. פֿאַר רעמבראַנדטן איז די קונסט געווען דער אמת און בלויז דער אמת. צו יענער צײַט פֿלעגן קינסטלער מאָלן אויף באַשטעלונגען. הערשער, רײַכע דאַמען, אָדער סתּם אָנגעזעענע בירגער, פֿלעגן לאָזן מאַכן זײערע פּאָרטרעטן, ווי מען לאָזט זיך הײַנט פֿאָטאָגראַפֿירן, אָדער מען פֿלעגט גאָר באַשטעלן אַ בילד אויף אַ באַשטימטער טעמע. רעמבראַנדט האָט אויך געמאָלט אויף באַשטעלונגען. ער האָט זיך אָבער קײנמאָל נישט געלאָזט דיקטירן און האָט די פּאָרטרעטן געמאָלט לויט זײַן אײגענער קאָנצעפּציע, אין זײער גאַנצער אמתדיקייט, ווײַל פֿאַר אים איז דאָך די קונסט געווען דער אמת וועגן מענטש און

וועלט. ער איז ווי אַן עכטער קינסטלער געווען אַ גרויסער קענער פֿון מענטשן, פֿון מענטשלעכן האַרץ. פֿון געזיכט, פֿון די אויגן, פֿון די שטריכן פֿון פּנים, האָט ער געלייענט אין דער מענטשלעכער נשמה. און אין די פּאָרטרעטן, וואָס ער האָט געמאָלט פֿון די רייכע בירגער, האָט ער אַרויסגעבראַכט זייער פּוסטקייט, זעלבסטצופֿרידנקייט, גאווה, עגאָיזם. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אים נישט פֿאַרשאַפֿט נישט קיין פֿריינדשאַפֿט און נישט קיין פּרנסה. „די קונסט מיינע איז נישט קיין לייכטזיניקע פֿרוי, וואָס פֿאַרקויפֿט זיך דעם, וואָס באַצאָלט בעסער" — האָט ער געהאַט געזאָגט צו זיינעם אַ יוגנט־פֿרייַנד.

די פֿרייהייט צו שאַפֿן אַזוי ווי דער קינסטלער פֿילט. לויט זיין אייגענער וויזיע, איז פֿאַר רעמבראַנדטן געווען דער גרונט־שטיין פֿון זיין קינסטלערישן מהות. די אָפֿיציעלע משגיחים איבער קונסט, וועלכע האָבן צו איר שטענדיק די זעלבע טענות, האָבן אים דאָס נישט געקאָנט מוחל זיין. סנאָבן, וועלכע האָבן געוואָלט זיך וואַרעמען ביי זיין פֿייער, פֿלעגן דאָך גערן צו געניסן פֿון זיין טאַלאַנט, אָבער מיט דער האָפֿענונג, ער וועט זיך צופּאַסן צו זייער געשמאַק. טאָרגיום שילדערט דאָ דעם באַוווסטן עפּיזאָד, וואָס האָט געלאָזט אַ טיפֿע וווּנד אין רעמבראַנדטס האַרץ און פֿאַרקירצט אים די יאָרן, דעם עפּיזאָד וועגן לייוונט אויף דער טעמע „די שיסער־קאָמפּאַניע".

ווי באַקאַנט האָט מען זיך צו רעמבראַנדטן געהאַט געוואָנדן ער זאָל מאָלן אַ בילד פֿון אַ געוויסער שיסער־קאָמפּאַניע. דער קינסטלער האָט די באַשטעלונג אָנגענומען, נאָר מיטן באַדינג צו מאָלן דאָס בילד לויט זיין אייגענער אויפֿפֿאַסונג. די אַרבעט איז פֿאַר אים געווען אַ גוטע געלעגנהייט אַרויסצוברענגען אויפֿן לייוונט וועלטן גאַנצע, פֿאַרבאָרגענע, פֿאַרטונקלטע געמיטער, סצענעס און סיטואַציעס, וואָס דער קינסטלער האָט בעתן שאַפֿונגס־פּראָצעס אַנטדעקט. מיט זיין גאַנצן שעפֿערישן פֿלאַם האָט רעמבראַנדט געמאָלן דעם גרויסן לייוונט, וועלכן ער האָט באַטראַכט פֿאַר זיין בעסט ווערק. אַנדערש האָבן עס אָבער אָפּגעשאַצט די טעמפּע אָפֿיצירן און די אָפֿיציעלע מבֿינים. זיי האָבן נישט געפֿונען זייערע פֿאָטאָגראַפֿישע ענלעכקייטן אויפֿן לייוונט, זיי האָבן זיך פֿריילעך געמאַכט איבערן בילד, געחוזקט און לסוף עס אַראָפּגענומען פֿון וואַנט און פֿאַרשטעקט ערגעץ אין אַ ווינקל אויפֿן בוידעם. נאָענט פֿאַר זיין טויט, אַ צעבראָכענער, אַן אָפּגעריסענער און פֿאַרהונגערטער, האָט רעמבראַנדט אַדאַנק דעם וועכטער געהיים אַרויפֿבאַקומען זיך אויפֿן בוידעם, לאַנג

געקוקט אויפן געשענדעטן בילד, כדי זיך איבערצוצייגן, צי ער איז ווירקלעך געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג. — ניין! האָט ער אויסגעשריען צו זיך אַליין, דער וועג איז געווען אַ ריכטיקער!

האָס 17=טע יאָרהונדערט האָט נידערלאַנד און פלאַנדריע באַשאָנקען מיט אַ סך געניאַלע מייסטערס פון דער פלאַסטישער קונסט. נישט ווייט פון רעמבראַנדטס פאָטערלאַנד, אין בעלגיע, האָט געלעבט און געשאַפן אַ צווייטער באַרימטער מאָלער — רובענס. ווי באַקאַנט איז רובענס געווען אַ מערקווירדיקער קאָלאָריסט, זיין פאַלעטע איז געווען פאַרבנרייך, געגלאַנצט קודם מיט אַלע ניואַנסן פון רויט, אין דער צייט, ווען רעמבראַנדט האָט גאַנצע וועלטן, און דאָס פאַרבאָרגנסטע פון מענטשלעכן האַרץ אַרויסבאַקומען פון די שאַרפע קאָנטראַסטן צווישן ליכט און שאָטן. רעמבראַנדטס קריטיקער אָדער גאָר זיינע פריינד פלעגן אָנווייזן אים אויף רובענסן, פון וועלכן ער וואָלט געדאַרפט נעמען אַ ביישפיל. רעמבראַנדט האָט געשעצט די קונסט פון רובענסן, ער פלעגט פאַר אויסגעצייכנט באַטראַכטן געלט זיך אייַנקויפן זייגס אַ בילד. נאָר אויף די עצות נאָכצופאָלגן אים פלעגט ער מיט פאַרביטערונג ענטפערן, אַז ער האָט זיין אייגענעם וועג. אייך זיינע שילער, וועלכע פלעגן זיך באַמיען אים צוקאָפירן, האָט ער אָנגעוויזן, אַז אַן אייגענער וועג איז דער הויפט=באַדינג אין דער קונסט. טאָרניים ברענגט אַרויס אַ כאַראַקטעריסטישן שמועס צווישן דעם גרויסן מייסטער און זייגעם אַ באַליבטן שילער: „כ׳וואָלט געוואָלט — זאָגט רעמבראַנדט צו זיין שילער — אַז דו זאָלסט אַרויסווייזן מער זעלבסטשטענדיקייט... דאַרפסט קוקן אויף זאַכן מיט דיינע אייגענע אויגן און נישט נאָכפאָלגן מיך בלינדערהייט...“

קוקן מיט די אייגענע אויגן אָדער לויט אַ סכעמע, פונקט ווי טראַכטן מיטן אייגענעם מוח, אָדער מיט צוגעגרייטע, פאַרטיקע פאָרמולן, איז, ווי מיר זעען, אַן אַלטע דילעמע, און ווי אין דער קונסט — און אויך דעם מענטש — ווען זיי זענען געצוווּנגען צו אַ פאַלשן אויסוואַל.

פאַרן יידישן לייענער וועט אינטערעסאַנט זיין צו דערמאָנען, אַז דער האָלענדישער גרויסער מייסטער האָט זיך צוגעאייגנט די יידישע טעמאַטיק, געמאָלן אָן אַ שיעור יידישע געשטאַלטן. פאַר אים איז דאָס נישט געווען קיין עקזאָטיק. די אַמסטערדאַמער יידן פון 17=טן יאָרהונדערט, אַנטלאָפענע פון די רדיפות און שייטערהויפנס פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, זענען געווען פאַר אים אַ גינסטיק ליים, פון וועלכן דער קינסטלער האָט געקאָנט קנעטן און געשטאַלטיקן מאָנומענטאַלע ווערק. אָבער זיי

זענען נישט געווען סתם אַן אָביעקט פֿאַר אים, רעמבראַנדט האָט געהאַט אַ טיפֿע באַציאונג צו זיי, ווי צו מענטשן פֿאַרפֿאָלגטע, וועלכע האָבן דער מענטשהייט פֿיל געגעבן, אָבער זיי גיט מען נישט קיין רו.

רעמבראַנדט איז געווען אַ מיטצייטלער פֿון שפּינאָזע און ווי עס גייט איבער טאַרגיום, זאָל דער האָלענדישער מייסטער האָבן געווען אַ גרויסער פֿריינד מיט שפּינאָזעס רבי, וועלכער איז געווען אַ מענטש מיט גרויס וויסן און ביי וועלכן — לויט טאַרגיוסן — ער האָט זיך געלערנט העברעיש. אין בוך איז פֿאַראַן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער שמועס צווישן דעם אַלטן יידישן למדן און דעם האָלענדישן קינסטלער, וועלכער פֿאַרטיידיקט שפּינאָזעס אָפּטריניקייט און הערמאָנט דעם רבין, אַז ווי אַ געוועזענער פֿאַרפֿאָלגטער, וואָלט ער געדאַרפֿט אַרויסווייזן מער טאָלעראַנץ צו אַן אַנדערש דענקענדיקן. שווער צו זאָגן אויף וויפֿל דאָס איז אַלץ אויטענטיש, ווייל בעת טאַרגיום דערמאָנט די דראַמע פֿון אוריאל אַקאָסטאַ, רעכנט ער זיך נישט גענוי מיט קיין צייט־פּינקטלעכקייט. ווי ס'זאָל נישט זיין, באַקומען מיר אַ בילד פֿון דער אינטימער, וואַרעמער פֿאַרבינדונג צווישן איינעם פֿון די גרעסטע קינסטלער פֿון יענער צייט מיט דעם יידישן פֿאָלק.

ווען דער שרייבער רעדט צו אונדז דורך דער פאַרגאַנגענהייט

(וועגן ח. סלאַוועסעס דראַמע „ברוך פון אַמסטערדאַם")

די געשטאַלט פון ברוך שפּינאָזע האָט אין פאַרלויף פון דורות אַרויסגערופן ביי אונדז א היפש ביסל וויכוחים און אמפּערנישן. במשך פון די 300 יאָר, וואָס זענען אָפּגעלאָפן זינט דעם, ווען דער אמסטערדאַמער בית־דין האָט אַריינגעלייגט אין חרם און פאַרשטויסן דעם יונגן אַפּיקורס, איז אָנגעגאַנגען א העפטיקע פּאָלעמיק ארום דעם לעבן און שאפן פון גרויסן יידישן דענקער. עס האַנדלט זיך נישט, פאַרשטייט זיך, וועגן שפּינאָזעס עצם וועלט־באַנעם, וואָס האָט געלייגט דעם גרונט־שטיין פון דעם מאָדערנעם געדאַנק. ווי באַקאַנט, האָט מען וועגן שפּינאָזעס לערע זייער פיל געשריבן. עס האָבן געשריבן און באַלויכטן זי סיי יידישע און סיי נישט־יידישע — און אפשר הויפּטזעכלעך נישט־יידישע — פאָרשער. עס איז אָבער אָנגעגאַנגען אין דער יידישער וועלט א גאָר באַזונדערער וויכוח ארום דעם, צי האָט שפּינאָזע איבערגעריסן מיטן יידישן כלל, אָדער צי איז ער טראָץ דעם חרם און פאַרשטויסנקייט געבליבן א ייד? אָדער גאָר: צי איז נישט דער שפּינאָזיזם אין זיין מהות און סתירה מיט יידישקייט?

ד״ר יעקב קלאַצקין, הלל צייטלין און פיל אַנדערע האָבן אין שפּינאָזען גישט געזען קיין קרבן פון רבנישן פאַנאַטיזם. לויט זיי האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט אונטערגעגראָבן דעם יידישן גלויבן, אַליין זיך אויסגעשלאָסן פון יידישן כלל.

ד״ר שמעון בערנפעלד דאַקעגן האָט אָנגעוויזן, אַז שפּינאָזע האָט דער עיקר געשעפּט פון יידישע קוואַלן. און ד״ר קלויזנער איז נאָך ווייטער געגאַנגען, באַהויפּטנדיק, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום סתירה צווישן שפּינאָזעס גרונט־לערע און דעם יידישן גלויבן.

ס'איז נישט דאָ דאָס אָרט צו באהאנדלען דעם דאָזיקן דורות־לאַנגן וויכוח. אויב איך ברענג אייניקע אָפּקלאַנגען דערפון, איז דאָס נאָר, כדי צו דערמאָנען, אַז וועגן שפּינאָזען האָט מען ביי אונדז נישט נאָר פיל געשריבן, נאָר אויך זייער פאַרשידנאַרטיק. און דאָך זענען פיל ווינקלען פון דער גרויסער שפּינאָזע־דראַמע געבליבן ווי איינגעהילט אין אַ נעפּל. אַזוי איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבליבן די שפּינאָזע־געשטאַלט גופא. און נישט נאָר נישט גענוג אויסגעפאָרשט, נאָר אויך טיילווייז פאַרפרעמדט פונעם יידישן לעבן, נישט דערנעענטערט צום יידישן מענטש.

ווען מען לייענט אָדער מען טראַכט וועגן שפּינאָזען, קומט במילא אויפן זינען אַ צווייטע טראַגישע געשטאַלט — אוריאל אַקאָסטאַ. נישט קיין יידישער שעפער, נאָר דער דייטשישער דראַמאַטורג גוצקאָוו האָט אים פאַראייביקט אין זיין דראַמע. איז וואָס מ'זאָל גוצקאָווס דראַמע נישט האָבן פאָרצוואַרפן, האָט זי דאָך געגעבן דער געשטאַלט פון אוריאלן אַקאָסטאַ אַ קינסטלערישן תיקון. אָבער די מערקווירדיקע געשטאַלט פון שפּינאָזען האָט זייער לאַנג געוואַרט קינסטלעריש באַלעבט צו ווערן. געוואַרט אויפן יידישן שרייבער, וואָס זאָל זי אַריינפירן אין דער יידישער ליטעראַטור, אַזוי ווי זי פאַרדינט און זי מאַכן פאַר אונדז אייגן און טייער.

ה. סלאָוועס האָט אונדז געוויזן דעם יונגן דענקער, וועלכער איז אויסצאָלט אַ חוב, וואָס אונדזער ליטעראַטור איז שולדיק געווען. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אַ יידישער שרייבער האָט גענומען די טעמע אויף זיין שרייבער־וואַרשטאַט, איז פאַר זיך אַליין אַ פאַרדינסט. דאָס איז אָבער נישט דער איינציקער פאַרדינסט. ה. סלאָוועס צעטרייבט דעם נעפּל, אין וועלכן די שפּינאָזע־געשטאַלט איז נאָך עד־היום איינגעהילט, ער האָט זי אויסגעקלאָרט, דערנעענטערט זי צו אונדז.

וועגן סלאָוועסעס דראַמאַטישער שאַפונג האָט מען ווייניק געשריבן. ווען איך וואָלט געמוזט אין איין זאַץ כאַראַקטעריזירן סלאָוועסעס דראַמאַטורגישע שאַפונג, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ צוזאַמענפלעכט פון פאַרגאַנגענהייט מיט קעגנוואַרט. ה. סלאָוועס האָט זיך אָפט געווענדט צו דער ווייטער לעגענדע. אָבער דורכן ווייטן, פאַרנעפּלטן נעכטן טראַכט ער וועגן היינט און מאָרגן. אַזוי אַרום האָט ער אין אַלטע לעגענדעס, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע דראַמעס „המנס מפּלה" און „די יונהס און דער וואַלפיש" אַריינגעזאָגט היינטצייטיקע אמתן, היינטצייטיקן אינהאַלט. די לעגענדאַרע געשטאַלטן באַהויכט ער מיט אַזאַ אָטעם, אַז זיי ווערן אונדזערע מיטצייטלער, מיר הערן דורך זיי דעם דורותדיקן געראַנגל פון

ייד — מענטש, נישט נאָר פון נעכטן, נאָר אויך פון היינט און דער עיקר,
מיר דערזען דעם אייביקן יידישן בטחון, דעם אייביקן שפּרודלדיקן קוואַל
פון יידישער וויטאַליטעט. און אפשר דערפאר האָט זיך סלאָוועס איינגאַנצן
געווידמעט — יעדנפאַלס ביז היינט — דער טעאטער=שאַפונג. ווייל וואָס
קאָן אזוי באַלעבן, נאָענט און אייגן מאכן דאָס פארגאַנגענע, ווי סצענישע
געשטאַלטיקונגען?

ח. סלאָוועס איז געטריי געבליבן צו זיך אין זיין היסטאָרישער דראַ=
מע „ברוך פון אמסטערדאם“. ער האָט אָבער דאָ געפונען א מער גינסטיקן
באָדן, ווי אין די לעגענדעס פון די אויבן דערמאָנטע פּיעסעס. ער האָט גע=
האַט פאַר זיך א דאַנקבאַרן היסטאָרישן שטאָף. דאָ איז אים מעגלעך גע=
וואָרן צו זיין א שרייבער=היסטאָריקער, שרייבער=פאָרשער, וועלכער נישט
נאָר באַלויכט אָדער קלערט אויף, נאָר דער עיקר באַהויכט דעם היסטאָ=
רישן שטאָף אין זיין קינסטלערישער געשטאַלטיקונג מיטן אָטעם פון אונ=
דזער צייט. און ס'איז גוט געשען, וואָס פאַר זיין דראַמע האָט ח. סלאָ=
וועס אויסגעוויילט דעם צומווייניקסטן אויסגעפאָרשטן און צוממייסטן
טראַגישן אָפּשניט פון שפּינאָזעס לעבן — דעם חרם און דאָס פארטרייבן
אים פון יידישן תחום. מיט קראַפט האָט דער מחבר ארויסגעבראַכט דעם
טראַגישן געראַנגל צווישן דעם 24=יאָריקן באַשיידענעם, גוטמוטיקן ברוכן,
וועלכער רייסט זיך ווי א יונגע פלאַנץ צו ליכט און דעם אומבארחמנות=
דיקן, אין טויטע אותיות פארגליווערטן בית=דין, דעם דראַמאַטישן גע=
ראַנגל צווישן פרייען מענטשלעכן געדאַנק, דעם ראַציאָנעלן שכל און דעם
בלינדן פאַנאַטיזם, דעם דאָגמאַטיזם פון די רבנים.

שוין אין אָנהייב פון ערשטן בילד פירט אונדז דער מחבר גלייך אריין
אין דער אַטמאָספער פון דער אָנוואַקסנדיקער דראַמע. מיר האָבן פאַר די
אויגן א פּלאַץ פון דער באַרימטער דעמאָלטיקער יידישער געגנט אין אַמ=
סטערדאַם — א פּלאַץ אין יאָדנבורט, וווּ ס'געפינט זיך דער בית=דין. אָט
באַווייזן זיך עטלעכע פרנסים — סעניאָרן און פון זייערע מיילער שיטן
זיך פּעך און שוועבל אויפן יונגן אַפּיקורס. גלייכצייטיק אַנטפּלעקט זיך פאַר
אונדז דער היסטאָרישער הינטערגרונט. אמסטערדאַם איז אַן עיר=ואם, ניי=
ירושלים. האָלאַנד איז אין 17=טן יאָרהונדערט א גרינע אַאַזע אויפן איי=
ראָפּעישן מדבר פון פאַנאַטישע פארפאָלגונגען. אהער ציען זינט עטלעכע
דורות יידישע משפחות פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אנטלאָפענע פון דער
אינקוויזיציע און שייטערהויפנס. אהער דערגייט אויך דער שרעקלעכער
ווידערקול פון כמיעלניצקים שחיטות אין מזרח=אייראָפּע און דער אָפּקלאַנג

פון דער משיחישער שבתי-צבי-באַוועגונג, וועמענס גאולה-האָפענונג ס'איז אַרייַנגעדרונגען אויך אין דער יידישער קהילה אין אַמסטערדאַם.

ווי אַזוי דערשיינט פאַר אונדז אויפן דאָזיקן יידיש-היסטאָרישן הינטערגרונט דער יונגער גאון און אפיקורס? פון וואַנען ציט ער זייַנע יניקה און צי איז ער אַליין און איינזאַם אין זייַן זוכן דעם אמת, אין זייַן דראַנג צו באַפרייען דעם מענטשלעכן געדאַנק?

ה. סלאָוועס האָט אונדז געוויזן דעם יונגן דענקער, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין די אָרעמע יידישע געסלעך און האָט געצויגן זייַן ערשטע גייסטיקע יניקה פון דער באַרימטער ישיבה „עץ-החיים“, ווי אַ פּראָדוקט פון זייַן צייט און אָרט. האָלאַנד פון 17-טן יאָרהונדערט איז געווען נישט נאָר אַ מקום-מקלט פאַר גערודפטע, נאָר אויך אַן אָרט, וווּ מענטשן פון פרייען געדאַנק האָבן זיך געקאָנט באַוועגן, אַ צענטער פון דענקער און פאָרשער. זאָל גענוג זייַן צו דערמאָנען, אַז שפּינאָזעס אַ מיטצייטלער איז געווען דער באַרימטער האָלענדישער קינסטלער רעמבראַנדט, וועלכער האָט עפנטלעך זיך דעקלאַרירט מיט זייַן ווידערגעפיל צו די קירכלעכע אויטאָריטעטן. ס'דערציילט רעמבראַנדטס ביאָגראַף טאַרניוס אין זייַן בעלעטריסטיש-ביאָגראַפיש בוך וועגן קינסטלערס לעבן און שאַפן, אַז רעמבראַנדט איז געווען אַ שילער פון שפּינאָזעס רבין מנשה, ווי ער רופט אים; מנשה האָט געקענט, ווי ער גיט איבער, צען שפּראַכן, געזאָגט מבינות אויף רעמבראַנדטס בילדער, מיט איין וואָרט, איז געווען אַ מענטש מיט אַ גאַר גרויסן וויסן. טאַרניוס שילדערט אויך אַ באַגעגעניש פון רעמבראַנדטן מיטן 20-יאָריקן ברוך ביי מנשהן אין הויז און אַ דיספּוט צווישן רבין און ברוך, נאָך וועלכן דער קינסטלער האָט גענומען אין שוץ דעם יונגן הערעטיקער. רעמבראַנדט זאָל האָבן געזאָגט צו מנשהן: „אַמאָל זענט איר געווען מער טאָלעראַנט צו אַנדערש דענקענדיקע“. אויף וויפל מען זאָל זיך דאַרפן באַציען מיט פאָרזיכט צו בעלעטריזירטע ביאָגראַפיעס, איז דאָך צו דרינגען פון טאַרניוסעס בוך, אַז דער יונגער שפּינאָזע איז געוואַקסן אין אַ צענטער פון געלערנטע און דענקער, סיי יידישע, סיי נישט-יידישע. ס'איז אויך באַקאַנט, אַז דער גרויסער פראַנצויזישער פילאָזאָף דעקאַרט, וועלכער איז, אַגב, געווען שפּינאָזעס גייסטיקער פאָטער, האָט נאָכדעם ווי ער האָט געמוזט פאַרלאָזן פראַנקרייך, געלעבט 20 יאָר אין האָלאַנד. און הגם אין סלאָוועסעס דראַמע איז נישט פאַראַן קיין אָנדייטונגען איז באַצוג צו קאָנקרעטע פערזענלעכקייטן, דערשייַנען אָבער פאַר אונדז דייטלעך די פיל פאַרבינדונגען מיט נישט-יידישע דענקער, וואָס ווייַזן אין הסכם מיטן

היסטאָרישן אמת, אַז דער קומענדיקער באַריםטער פילאָזאָף האָט זיך באַוועגט און רייף געוואָרן אין אַן אַרום פון אינטעלעקטועלער יווּרונג, פון אויפשוווּנג פון ראַציאָנעלן געדאַנק.

אויך אין די יידישע גרענעצן איז ברוך נישט געווען פולשטענדיק אייניאם און אליין. דער מחבר גיט דאָס אָנצוגעהערן אויף פארשידענע אופנים שוין אין אָנהייב, ביים ערשטן קאָנטאַקט מיטן יאָרנבורט, בעת מיר הערן זיך צו צום שמועס פון די 4 פרנסים, טיילט זיך אוים אַ פּאַר־טיידיקונגס־שטימע לטובת דעם יונגן אַפּיקורס. דער פערטער פרנס דער־ציילט, אז דער פארשטאָרבענער פאָטער ברוכס, מיכאָעל דע ספינאָזא, איז אים צו חלום געקומען און האָט געבעטן רחמנות האָבן אויף זיין קינד. „עס זענען פאראן שטראָפן — זאָגט דער פערטער פרנס — וואָס זענען גרוי־זאַמער ווי די באַגאַנגענע זינד, גרויזאַמער נישט בלויז פאַרן באַשטראָפטן, נאָר אויך פאר די שטראָפער". און דאָס איינשטעלן זיך פון מאַנועלאָן, איר מסירת־נפשדיקע פארטיידיקונג לטובת ברוכן! און הגם די יידישע פארטיידיקער זיינע דערשיינען דאָ נישט ווי אזעלכע, וואָס זאָלן האָבן אָפּן אָדער פארשטעלט אונטערגעשטיצט ברוכס אפיקורסישע געדאנקען, איז דאָס דאָך וויכטיק פארן היסטאָרישן אמת. אין קעגנזאַץ צו אַקאָסטאַן, וועלכן גוצקאָוו האָט געוויזן א פולשטענדיק פאראייניזאמטן, כאָטש ער איז שוין דעמלט געווען א רייפער דענקער און א מענטש אין די עלטערע יאָרן — און נישט ווי גוצקאָוו שטעלט אים פאָר — און האָט זיכער געלעבט אין א באשטימטן אינטעלעקטועלן ארום, דערבליקן מיר דאָ באשיינפער־לעך דעם אָנהאלט, וואָס דער יונגער אפיקורסישער דענקער האָט געהאט סיי אין דער אייגענער סביבה, סיי — און דער עיקר — אין דער י ישט יידישער סביבה.

זיכער איז דער ראָמאַנען־שרייבער אָדער דראמאטורג נישט פאַר־פליכטעט צו האלטן זיך שטענדיק אין גענויע ראמען פון היסטאָרישער פּינקטלעכקייט. דער היסטאָרישער שטאָף איז דאָך בלויז דער לייוונט, אויף וועלכן דער קינסטלער מאָלט מיט זיינע אייגענע פארבן לויט אַן אייגענער וויזיע. אין דעם פאל פון ברוך שפינאָזא אָבער איז פאר אונדז דער פאַק־טאָלאָגישער שטאָף, דער היסטאָרישער אמת פון א גרויסער באדייטונג מאַקע צוליב דעם שטרייט, וואָס פירט זיך אין דער יידישער וועלט זינט 300 יאָר. האָט דאָך דאָ נישט לאנג יער אמסטערדאמער ראבינאט, אין שייכות מיטן 300־טן יאָרטאָג פון חרם, זיך אָפּגעזאָגט צו רעווידירן

יענע גרויזאַמע טאַט. און דאָס איז נישט קיין אָפּגעזונדערטע שטים בלויז פון אַמסטערדאַמער ראַבינאַט.

און דאָ קומען מיר צום הויפּט־שטרייט־פּראָבלעם: איז דעם יונגן ברוכס אפּיקורסות געווען אין סתירה מיט יידישקייט? צי האָט ער זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון יידישן כלל, ווי עס האָבן געווייסע יידישע פאָרשער באַהויפּטעט? מען וואָלט געקאָנט די פראַגע פאַרענטפערן מיט ענלעכע אנדערע פראגן: צי האָט דער איטאַליענישער דענקער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, וועלכן די אינקוויזיציע האָט אין יאָר 1600 פאַרברענט אויפן שייטערהויפן אין רוים, זיך אויסגעשלאָסן מיט זיינע אפּיקורסישע געדאַנקען, מיט זיין אָנגרייפן די קאַטוילישע דאָגמעס, פונעם איטאַליענישן פאָלק? צי האָט דער אַלטערטימלעכער פילאָזאָף סאָקראַטעס אויפגעהערט צו זיין א גריך, ווייל ער האָט נישט אָנערקענט די געטער פון אַטען און ווייל די אַטענישע הערשער האָבן אים דערפאַר געצוווּנגען אויסצוטרינקען סם?

ח. סלאָוועסן איז געגאַנגען צו באַווייזן, אַז דער יונגער אפּיקורס שפּינאָזע איז געווען פּונקט אַזאַ ייד, ווי דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז געווען אַן איטאַליענער, ווי סאָקראַטעס איז געווען א גריך, אָדער ווי דעקארט איז געווען און פאַרבליבן א גרויסער פראַנצויז, טראָץ דעם, וואָס אַנטלויפנדיק פאַר די פראַנצויזישע קלעריקאַלן, האָט ער זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז ער קאָן נישט לעבן אין פראַנקרייך „אין קעלער פון די בלינדע“. דער מחבר פון „ברוך פון אמסטערדאם“ האָט אין זיין העלד דערזען, ווי ער דערמאָנט עס אגב־אורחא אַליין אין דער הקדמה, דעם ערשטן, גרויסן וועלטלעכן ייד. און ווי א וועלטלעכער ייד, און נישט ווי אַן אָפּטריניקער פון יידישן כלל, פאַרטיידיקט זיך ברוך קעגן די באַשולדיקונגען און אָנגריפן פון די רבנים פון יאָדנבורט. ווי אַזעלכער האָט ער דער ערשטער אין יידישן מיטלאַלטער אָפּגעוואָרפן דעם אויסוואַל: אָדער איבערגיין צום קריסטנטום, אָדער בלייבן ביי דער דאָגמאַטיש־רבנישער יידישקייט.

פאַרויסזייענדיק זיך פון די אייזערנע צוואַנגען, אין וועלכע די רבנים האָבן געהאַלטן סיי דעם גוף, סיי דעם געדאַנק, האָט ער זיך גלייכצייטיק געקלאַמערט אין דער יידישער עדה. סלאָוועס ברענגט דאָ ארויס א דראַמאַטישן שמועס צווישן ברוכן און זיין אַלטן רבין יהושע:

„ברוך: רבי, פאַרוואָס וויל מען מיך פאַרשטויסן פון יידישקייט?!... פאַרוואָס גייט מען איבערמאָרגן מיך מחרים זיין?!.. איך בין אומשולדיק, רבי!... מיט מיר איז דער אמת!...“

יהושע: ...גייסט זיך שמדן?!

ברוך: (דערשיטערט) רבי! ס'איז א בלבול!... א בלבול!...

יהושע:... זאָגסט אמת, ברוך?

ברוך: ביים זכרון פון מיינע עלטערן, עליהם השלום, שווער איך אייך, רבי: קיינמאָל, קיינמאָל איז מיר אַזוינס אפילו אויפן רעיון נישט געקו־מען!..." און אויף אַ צווייט אָרט: „איך בין אַ קינד פון יאָדנבורט, מיטן גאַנצן וועזן פיל איך זיך געבונדן צו מיין שטאָט. אָפּגעריסן, חלילה, פון שטאָט, וועל איך זיין ווי אַן אבר אָן אַ גוף..."

נאָכמער, ה. סלאָוועס ווייזט, אַז נישט נאָר איז דער יונגער ברוך מיט אַלע פעדעם געבונדן מיטן יאָדנבורט, מיטן יידישן כלל, נאָר, אַז ער איז אויך אין דער איבערצייגונג, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין וועזנטלעכע סתירה צווישן פרייען געדאַנק און דער יידישער אמונה: „רבי — זאָגט ברוך צו יהושען — איז דען נישט דער דין — שטראָפן זאָל מען פאַר מע־שים בלויז און נישט פאַר מחשבות?! זעט, רבי, דאָס פאָלק, צווישן וועלכן מיר לעבן: נישט בלויז דער דענקער, נייערט יעדער פשוטער מענטש פון המון קאָן זוכן דעם אמת אויף זיין אופן! און אויב אפילו עס קרייצן זיך געדאַנקען, ווי די שווערדן, הערט מען דען אויף צו זיין קינדער פון איין פאָלק?! רבי, אויך אין יאָדנבורט, ביי אונדז, דאַרף יעדער האָבן רעכט אויף זיין מחשבה!.... פאַרבאָט דען אונדז די תורה צו דענקען?! וואָלט דען אַזאַ פאַרבאָט אליין נישט געווען א חילול־השם?!... איז דען נישט דער מענטשלעכער שכל — די שענסטע פון אַלע מתנות, וואָס מיר האָבן פון גאָט?!..."

דער יונגער שפינאָזע אין סלאָוועסעס דראַמע איז נישט קיין סתם אַפּטרינניקער, קיין סתם לעסטערער. דאָס איז אַ יידישער דענקער, וואָס וויל דעם פרייען געדאַנק, זיין מחשבה שטעלן צום דינסט פון זיינע יידישע ברידער. ער שטרעבט קודם־כל ארויסצופירן זיי פון דער מוראַדיקער אָפּ־געזונדערטקייט, פון דער טראַגישער פאַרמאַכטקייט, אין וועלכער די יידישע עדה האָט זיך אומעטום געפונען צו יענער צייט. דאָס איז געווען דער ער־שטער פרווו צו שטירצן די כינעזישע וואַנט צווישן דער יידישער און נישט־יידישער וועלט, וואָס די פאַרפאָלגונגען און גירושים האָבן אויפגעשטעלט, צו פאַרוואַרפן א בריק צווישן יידישן און נישט־יידישן מענטש. אויף די פאָרוואורפן פון יהושען, אַז ער חברט זיך צופיל מיט קריסטן, ענטפערט ברוך: „צי האָט איר נישט אַליין געלערנט, רבי: די ליבע צו דיין חבר

שפּרייט אוים אויף יעדן בן־אדם, אויפן גאנצן מענטשלעכן מין, כדי ס'זאָל אָפּגעווישט ווערן די מחיצה צווישן מענטש און מענטש?!...“

פאַראַן אין סלאָווּעסעס היסטאָרישער דראַמע אַן אָנדייטונג, אַז דער יונגער שפּינאָזע איז געווען נישט נאָר אַן אָנזאָגער פון פרייען געדאַנק, נאָר אויך פון פרייהייטס־קאַמף. זיין אויטאָפּאָרטרעט, וואָס געפינט זיך ביי מאַ־נועלאַן אויף דער וואַנט, דערמאָנט אין זיין ענלעכקייט דעם אויפשטענדע־לער מאַס אַנדזשעלאָ. איז דאָס, פאַרשטייט זיך, דעם מחברס אַ השערה, אָבער אַן ערנסטע השערה, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז פאַרן יונגן אַפּיקורס האָט זיך אויך דערשראָקן די קריסטלעכע שטאָט־פאַרוואַלטונג פון אַמסטערדאַם. ווייל ווי זאָל מען דאָס אויסטייטשן, וואָס זי האָט אָנגע־נומען די מסירה און ווענדונג פון בית־דין אים צו פאַרטרייבן פון שטאָט?

דער חרם גופא איז נאָך ביזן סוף נישט אויסגעפּאָרשט, און דער פּרווו פון „ברוך פון אַמסטערדאַם“ צו וואַרפן אַ ביסל ליכט אויף די פאַרשאָטנטע זייטן פון דער שפּינאָזע־דראַמע איז נישט פון קליינער באַדייטונג.

* *
*

ה. סלאָווּעס האָט געבויט זיין היסטאָרישע דראַמע פון אָפּגעקליבענעם היסטאָרישן שטאָף. אַליין אָטעמט דאָ מיט דער לופט פון יענער צייט. די דראַמע קאָן אָבער אויך גילטן פאַר אַ היינטצייטיקער. שפּינאָזע, דער שטורעמער קעגן פאַרגליווערטן אות, קעגן פאַנאַטישן בלינדן גלויבן, שפּי־נאָזע, דער קעמפער פאַר אמת און פאַר דער בחירה פון מענטשלעכן שכל, האָט אויך אונדזער איצטיקער צייט זייער פיל צו זאָגן. ה. סלאָווּעס האָט פון פאַרשטויסענעם און פאַרשאָלטענעם יידישן דענקער געמאַכט בלוט פון אונדזער בלוט און פלייש פון אונדזער פלייש — אַ זון פון יידישן פאָלק. און מיר נעמען אים אויף, ווי ער וואָלט אויך אונדזער אַ בן־דור געווען. דער גרויסער יידישער דענקער רעדט אויך היינט צו אונדז, זעצט פאָר מיט אונדז דעם דיאַלאָג, וואָס ער האָט מיט 300 יאָר צוריק געפירט אין יאָדנבורט. די פּילסט ממש, ווי דער יידישער פילאָזאָף זאָגט צו דיר היינט, אין אונדזער שווערער צייט: „נישט וויינען און נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין“ — ווי ס'איז געווען זיין דעווויז. אָדער גאָר ווי ער דערמאָנט אונדז: „דער מענטש דעם מענטש איז אַ גאָט“. האָבן דאָך אין זיין פּי־לאָזאָפיע דער מענטש, די צווישנמענטשלעכע באַציונגען פאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט.

סלאָוועסעם היסטאָרישע דראַמע קאָן אָנגיין פאַר אַ הייַנטצייַטיקע. ניש נאָר ברוך, נאָר אַלע פּערסאָנאַזשן זענען אונדזערע מיטצייַטלער. הגם זיי זענען פולבלוטיקע בירגער פון יאדנבורט — נישט זייענדיק, אויסער ברוכן, ווי עס באַוואָרנט דאָס דער מחבר אין דער הקדמה, קיין היסטאָרישע געשטאלטן — באַגעגענען מיר זיי אויך הייַנט. די אזאריאס, מאָנטייראס און גבריאלס לעבן און ווירקן אויך הייַנט, זיי פּלאָנטערן זיך אונגדז פאר די פיס. פאראן אין „ברוך פון אמסטערדאם“ א וואונדערבארע געשטאלט — מאנועלא אָליווייראַ דע גאָמעץ. זאָגט מאנועלא צום געוועזענעם מאראן און איצטיקן רבי אזאריא, צו וועלכן זי קומט אייַנשטעלן זיך, כדי אויסצומיידן דעם הרם קעגן ברוכן: „... הייַנט זענט איר נעענטער צו דער קירך ווי אמאָל!... מיט צוויי און פערציק יאָר צוריק זענט איר געווען א פארפאָלגטער, פול מיט ליבע פאר גערעכטיקייט און פרייהייט, פול מיט ליבע צו מענטשן, איצט זייט איר אליין — אן אינקוויזיטאָר, ווי פּראַ אַנטאָניאָ...“

װעגן אברהם מאַרעװסקיס בוך „אַהין און צוריק״

(ערשטער באַנד)

מעמוארן פאַרנעמען א באַזונדער אָרט אין דער ליטעראַטור און געהערן אָן ספק צום מין באַליבטע לעקטור. װאָסער עס זאָל נישט זיין זייער ליטעראַרישער אָדער היסטאָרישער װערט, זענען מעמוארן אויטענטישע פראַגמענטן פון מענטשלעכן לעבן, לעבעדיקע דאָקומענטן פון געשעענישן. בלעטלעך זכרונות, דערינערונגען, װירקן אויף אונדז אָבער נישט נאָר מיט זייער אויטענטישקייט, מיט די פּערזענלעכע איבערלעבונגען, װאָס דערמאָנען אין אונדזערע אייגענע איבערלעבונגען, נאָר אויך דורך דעם, װאָס געשעענישן װערן, כ׳װאָלט געזאָגט, פּאַרמענטשלעכט, אינטים פאַרבונדן מיטן מענטש.

דער מענטש איז בטבע א נייגעריקער, א זוכער, א צװייפלער — און דאָס אונטערשיידט אונדז צװישן אנדערן פון דער חיה. אונדזער מוח איז בטבע געװוינט צו „גריבלען״ זיך, צו מאַכן פאַרגלייכן. װי ראַשיק ס׳זאָל נישט זיין היינט דאָס לעבן, װי באַטויבט און באַרױשט דער מענטש זאָל נישט זיין דורך די קלאַנגען פון די קינסטלעכע לבנות און קאָסמישע שיפן — קערט ער זיך אום מיטן געדאַנק צו דער פאַרגאַנגענהייט, זוכט צו פאַרגלייכן, אויסצוגעפינען די קערנדלעך, װאָס זענען נעכטן געװען די הייװן, די יוירונג פון היינטיקער װירקלעכקייט. ער זוכט דער עיקר אין אויטענטישע איבערלעבונגען זיך גופא, דאָס פּינטעלע מענטש. מסתמא דערפאַר לאָזט זיך שטענדיק באַמערקן װי אין צייטן, װען מען װיל דעם מענטשלעכן פּונק פאַרלעשן, די מענטשלעכע געפילן אַנטמענטשלעכן, פאַרשװינדט פון ביכער־מאַרק אויך דאָס בעסטע פון דער מעמוארן־ליטעראַטור.

פאַראַן א גאָר פאַרשידנאַרטיקע מעמוארן־ליטעראַטור. לייענענדיק אַזעלכע ביכער באַמערקט מען אָפט דעם דראַנג, די נויטיקייט ביים מחבר

זיך צו טיילן מיט די אייגענע דערפאַרונגען, מיט די פּערזענלעכע איבערלע־בונגען און צו דעם ציל פירט ער אריין דעם לייענער אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון זיין הארץ, פון זיין נשמה. אנדערע אזעלכע ביכער ברענגען גרויס, דורך די פּערזענלעכע איבערלעבונגען, גאנצע געשיכטלעכע אָפּ־שניטן; אין אנדערע נאָך ווערט דער טראָפּ געלייגט אויף פילאָזאָפישע אָדער אידעישע באַטראַכטונגען — און וויפל נאָך מינים וואָלט מען גע־קאָנט אויסרעכענען! פאַראן אָבער מעמוארן־ביכער, וואָס אנטהאלטן דאָס אַלץ צוזאמען. צו דעם מין געהער אברהם מאָרעוווסקים ערשטער באנד זכרונות אין צוויי טיילן „אהין און צוריק". דאָס בוך איז אָנגעלאָדן מיט לעבנס־דערפאַרונג, מיט טרוימען און אַנטוישונגען, און דער עיקר — עס אַנטהאַלט אַ רייכן, באַלערנדיקן מאַטעריאַל וועגן שוישפּילערישער קונסט און קונסט בכלל.

פאָרשטעלן פארן לייענער דעם מחבר פון „אהין און צוריק" איז נישט שייך. אברהם מאָרעוווסקי איז ברייט באקאנט אין דער יידישער וועלט. ווער ס'האָט אים נישט געזען אָדער געהערט דירעקט פון דער בינע, האָט געהערט וועגן אים. מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט טראָגט מאָרעוווסקי אויף זיינע פּלייצעס טעאַטער, יידישן און נישט יידישן. ווען מען שפּאַנט דורך מיט אַזאַ שווערן געפּעק, ווי ס'איז טעאַטער, אַזאַ לאַנגן וועג, האָט מען עפּעס וואָס צו זאָגן. און מאָרעוווסקי האָט אונדז וואָס צו זאָגן. ער האָט אונדז דערוויל פאַרטרויט נאָר אַ טייל אין די צוויי טיילן פון ערשטן באנד אַ דריט בוך ליגט שוין אַ פאַרטיקס און אַ פערטס איז אין פּראָצעס פון ווערן.

די ערשטע צוויי טיילן (אין איין בוך) פון קרוב 400 זייטן נעמען ארום בך־הכל א צייט־אָפּשניט פון א 20 יאָר. ווען מיר פארמאכן דאָס בוך האָט דער העלד־מחבר אינגאנצן 21 יאָר. אָבער וואָס פאר א ברייטע וועלט עס אנטדעקט זיך! מיר האָבן פאר זיך א ברייטן לייוונט, וואָס ווייזט אונדז אַ צאַפּלדיק יידיש לעבן, אַ יידישע וועלט פול מיט קאָנטראַסטן, מיט גע־זאנג און טרויער, מיט איר שטייגער און מנהגים, מיט סתירות און שאַר־פע רייבונגען צווישן עלטערן און יינגערן דור, צווישן וועלכע עס וואקסט אוים א וואנט א גאנצע, וואָס טיילט פאנאנדער, אָבער וואָס איז נישט מסוגל איבערצורייסן די פעדעם וואָס בינדן, ארויסצורייסן פון הארצן די ליבע, וואָס שטאַמט פון דור צו דור. מאָרעוווסקים זכרונות זענען צום גרעסטן טייל אויסגעגאָסן אין בילדער. ווי א פילם־באַנד ציען זיך פארביי אונדזערע אויגן בילדער: די געסלעך פון דער געבורטס־שטאָט ווילנע, די

היים, די באַלעבאַטישע יידישע היים, דער חדר מיט זיין עקזאָטיק. די דערוואַכונג פון א יונג לעבן, פון א קאָמפּליצירטער רייכער יונגער פערזענ־לעכקייט, וואָס רייסט זיך ווי א פלאַנץ צו ליכט, צו זון, די געענדערטע סביבות: אָדעס, טילזיט, בערלין, פאַריז, לאָנדאָן, ווין און ווידער ווילנע.

אויפן שטח פון די 20 יאָר לעבן, אָדער ווי מאָרעווסקי רופט עס לויט זיין אייגנאַרטיקן קאַלענדאַר — ביזן מאַי פון זיין לעבן, באַגעגענען מיר דאָ א מחנה פון פאַרשידנאַרטיקע טיפּאַזשן, מענטשן, פון וועלכע יעדע־רער איז א וועלט פאַר זיך. פאַראַן דאָ פּרעכטיקע געשטאַלטן, וועלכע באַק זיך איין אין אונדזער האַרץ: סאַשאַ, נאַדיע, יעווגינאַ, גאַפּענקאָ, חנא פראַנק־קאַמיעניעצקי, די וווּנדערבאַרע פראַנצויזישע פישער פון דערפל ביים לאַ מאַנש און אַזויפיל אַנדערע, וועלכע ווערן אונדז נאָענט און ליב. נעבן זיי פירט דאָ דער מחבר ארויס א גרויסע פּלעיאַדע בינע־קינסטלער. מיר באַקענען זיך מיט די באַרימטסטע אַקטיאָרן און טעאַטער־שעפער פון יענער צייט און פון פאַרשידענע לענדער, ווי סטאַניסלאַווסקי, אַנטואַן, סאַראַ בערנאַר, אַדאָלף זאָנענטאַל, מוני סיוללי, רודאָלף שילדקראַוט, זאָ־נענטאַל, קיינץ און פיל אַנדערע. מיר באַקענען זיך מיט זיי נישט נאָר נאָ־מענטלעך, נאָר אויך מיט זייער שפּיל, מיט זייער קונסט, מיר באַקומען דאָ פון יעדערן פון זיי אַזא פּלאַסטישע פאָרשטעלונג, אַז מיר זעען זיי ממש שפּילן אויף דער בינע, מיר אָבסערווירן זייערע באַוועגונגען, מיר זעען ווי עס שפּילן זייער מויל, זייערע אויגן, זייערע פינגער, מיר הערן זייער שטים, אָט א הילכיקע און אָט א פאַרטויבטע, א טיף אינערלעכע.

די שילדערונגען פון פּאַסירונגען, געשעענישן, סביבות און מענטשן שפּיגלען זיך אָפּ אינעם לעבן פון איין מענטש, פונעם העלד־מחבר. דורך איין מענטשלעך לעבן דערזעען מיר סביבות און געשעענישן, דורך זיינע אייגענע האַרץ־צאַפּלענישן, ראַנגלענישן און קאָנוווּלסיעס דערבליקן מיר די קאָנוווּלסיעס פון דער דעמאָלטיקער וועלט. זיכער וועט קאָנען ווער באַמערקן, אַז דאָס שילדערן דעם אַרום דורך די אייגענע איבערלעבונגען און טראַכ־טענישן ליינט ארויף אַן אימפּרעסיאָניסטישן שטעמפּל אויף די קאָנקרעטע אויסערלעכע סיטואַציעס. האָבן מיר דאָך אָבער באַלד פון אָנהייב דער־מאָנט, אַז זכרונות — און נישט נאָר זכרונות — שרייבט יעדער מחבר אויף זיין אופן, לויט זיין אייגענער געפילן־וועלט.

„אהין און צוריק“, ווי שוין דערמאָנט, איז די לעבנס־געשיכטע פונעם מחבר. אברהם מאָרעווסקיס גאַנץ לעבן איז אָבער טעאַטער. איז דאָס בוך

טאקע געשיכטע פון טעאטער; ניין. ס'איז מער ווי געשיכטע. דאָ זענען פאַראַן אמתע עטיודן, עסייען, פילאָזאָפישע באטראכטונגען וועגן שוישפּילערישער קונסט, באזירט אויף א שלל פון אָבסערוואציעס, דערפארונגען, פון באַלערנדיקע און פארכאפּנדיקע באגעגענישן, וואנדערונגען איבער לענדער און טעאטערס. און זאָל זיך דער לייענער נישט דערשרעקן פאר מיינע צוגאָב־טיטלען, ווי עטיודן, עסייען א.א.וו. אברהם מאָרעווסקי קאָן וועגן שוישפּילערישער קונסט רעדן אזוי, אז יעדערער פארשטייט אים. נאָכמער: מאָרעווסקי פארמאָגט אין זיך דעם געבענטשטן פונק, אדאנק וועלכן עס שאַפט זיך אן ענגער, קאָנטאַקט צווישן דערציילער און לייענער. דער מחבר נעמט אָן דעם לייענער פאר דער האנט און פירט אים פון לאנד צו לאַנד, ווייזט אים די אַנדערשקייטן פון פעלקער און מענטשן; ער פירט אים דער עיקר פון טעאטער צו טעאטער און האלטנדיק ממש פארן ארבל העלפט ער אים פארשטיין, באנעמען דאָס, וואָס ער זעט אויף דער בינע. אָט הערט: „בעט איך דעם לייענער, ער זאָל מיר דערלויבן, זיצנדיק מיט מיר אויף דער גאלעריע אין בערלין, פאריז, מינכען, ווין, דרעזדען, לאָנדאָן, אים האלטן ממש פארן ארבל, כדי ער זאָל קוקן מיט מיינע אויגן, האָרכן מיט מיינע אויערן און קוועלן און וואקסן אינאיינעם מיט מיר...“

האָט דער יונגער מאָרעווסקי, געטראָגן פונעם אומרו פון דעם דערוואַכנדיקן קינסטלער, געוואנדערט איבער טעאטערס און געקוואָלן פון די גרויסע בינע־מייסטערס, אָבער ווייט נישט געקוואָלן פון זיך גופא. זיין וועג איז געווען א שווערער, א זיגזאגיקער, א בארג־ארויפיקער. אין ספקות, ראַנגלעניש, זוכענישן, האָט זיך געפורעמט די קינסטלערישע פערזענלעכקייט, דער אייגענער קינסטלערישער וועלט־באַנעם. שעקספּיר איז געווען זיין פּרוּוושטיין. פאַראַן אין בוך אַ וואונדערבאַרע באַשרייבונג. בעתן אויפהאלט אין דערפל ביים ברעג פון לא מאנש איז איינמאָל אונדזער יונגער העלד געזעסן אויף אַ ים־פעלדז און איינשטודירט די ראָל פון שײַלאָק, וועלכן ער האָט געהאַט געזען פילמאָל שפּילן דורך אַזעלכע באַרימטע מייסטער, ווי שילדקראוט. אָבער ניין, עפּעס האָט דאָ פאַלש געקלונגען, האָט ער דערפילט, עפּעס איז דאָ נישט אין איינקלאַנג מיט שעקספּירס טעקסט, מיט שעקספּירס וועלט־באַנעם. און דער 20־יאָריקער בחור האָט, זוכנדיק אַ נייע שײַלאָק־וויזיע, אַ נייעם אויסדרוק פאַר דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, נישט באַמערקט, ווי דער ים־צופלוס האָט אים אַרומגערינגלט און אָפּגעשניטן דעם וועג צו דער יבשה

די אָט געשעעניש, וואָס איז באַשריבן מיט אַזויפיל חן, איז זייער כאַראַקטעריסטיש: זוכן, גײַסטערן, שטענדיק קינסטלערישער אומרו אין אומשטענדן פון איינזאַמקייט און נע־ונד — אָט אַזוי הייבט זיך דאָ אַרויס פון די קרוב 400 בלעטלעך די קינסטלערישע געשטאַלט פון העלד־מחבר.

און מיר פאָלגן אים נאָך אויף זיין שווערן וועג „אהין“ — „אהין“ אין דער ווייטער, פרעמדער וועלט, צום רוסישן טעאַטער, כדי זיך צו דערהויבן צו דער הויך פון דער רוסישער שוישפּילערישער קונסט. ווייניק, דוכט מיר, איז אין אונדזער ליטעראַטור אָפּגעשפּיגלט דער שטענדיקער געראַנגל פון יעם יידישן אַקטיאָר. שלום־עליכם האָט אין זיינע „בלאָנדזשענדע שטערן“ געוויזן אונדז אויף א רחבותדיקן הינטערגרונט, א קנויל מיט פּלאָנטערנישן פון אַמאָליקן יידישן אַקטיאָר. די געשיכטע פון יידישן בינע־קינסטלער איז רייך אין גאָר פארשידנארטיקע אספּעקטן. „אהין און צוריק“, ווי מיר זעען דאָס שוין פון ערשטן בוך, דעקט אָפּ א גאָר באַזונדערן אַספּעקט

דער וועג „אהין“ איז דאָך געווען צווייפאַכיק, צענפאַכיק מיט שטיינער און דערנער באַדעקט. געווען אַזאַ שרעק־וואָרט, וואָס האָט געהייסן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ“. איז דער 21־יאָריקער מאָרעווסקי נאָך א סך וואַנדערונגען און דורכגעמאַכטע גלגולים געפאָרן אין דער טעאַטער־שול קיין פּעטערבורג מיט א פלעגי־פּאַטענץ פון זיין פאָטער דעם סוחר אונטערן פּרעטעקסט איינצוקויפן סחורה, א פּרעטעקסט, וואָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט אויף צוויי חדשים וווינרעכט. אויך שווער איז אָנגעקומען דאָס ארויסרייסן זיך פון זיער יידישער היים, פון דער יידישער סביבה. צי וועט דער „אהין“ נישט ארויספצווינגען זיך איינגאַנצן אָפּצורייסן פון איר? האָט דאָך זיין פריינד גאָפּענקאָ, דער האַרציקער גאָפּענקאָ, וועלכער האָט אַליך אָנגעפילט מיט יידישן ניגון און יידישן געלעכטער, געמוזט אויסקלייבן אַזאַ אויסוועג. „איין זאַך, מיין זון, זאָלסטו מיר צוזאָגן — האָט ביים געזעגענען, דער טאַטע מיט א ציטערנדיקער שטימע און ברייט צעעפנטע אויגן געבעטן זיך ביים זון. — וועסט דאָך בלייבן אַ ייד? אין גאָפּענקאָס וועגן וועסטו נישט גיין?..“

מיר ווייסן נאָך נישט ווי אזוי דער זון איז בײַגעשטאַנען דעם גרויסן נסיון. מיר וועלן אין די ווייטערדיקע טיילן דערוויסן זיך דעם המשך פון דער לעבנס־עפּאָפּייע און ווי אזוי ס'איז פאָרגעקומען דער וועג אויף „צוריק“. אָבער שוין שטויסן מיר זיך אָן, אז דאָס גרויסע יידישע האַרץ האָט דעצידירט אין אלע נסיונות.

*　　*
*

עס וואָלט זייער כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויפן מחברס קאָנצעפּציע וועגן קונסט בכלל און טעאַטער בפרט. „אהין און צוריק“ טראָגט דעם פּילזאָגנדיקן אונטערטיטל — זכרונות און רעיונות פון א יידן — אַן אַק־טיאָר. נישט פון אַן אַקטיאָר, נאָר טאַקע פון אַ יידן אַן אַקטיאָר. מיר געפי־נען דאָ רעיונות, באטראכטונגען, פּראָבלעמען, וואָס עקבערן נישט זעלטן אונדזער מוח. דערמאָנען זיי אַלע אין די ראַמען פון אַ קורצן שקיץ איז נישט מעגלעך, דיסקוטירן מיט אייניקע פון זיי — אויך נישט. ווייל צי קונסט איז קודם „ווי אַזוי“, אָדער צי זי איז שטענדיק סטיכיע, ווילדער אומבאַוווסטזיניקער אויסברוך — איז אַ ברייטע טעמע, וואָס כ'נעם זיך נישט אונטער אָפּצופּטרן מיט עטלעכע שורות, בפרט ווען איך ספק זייער שטאַרק צי כ'איז אַזוי.

מ'קאָן אָבער נישט פארבייגיין נישט דערמאָנענדיק דעם טיפן אנאליז, וואָס מיר געפינען דאָ וועגן שעקספּירן — אגב האָט מאָרעווסקי 27 יאָר נאָכדעם, ווי ער האָט אויפן פעלדז צווישן די ים־כוואַליעס פון לאַ מאַניש געזוכט זיין שיילאָק־וויזיע, אָנגעשריבן אַ ביכל וועגן שעקספּירן — און אַ סך אומאָפּפּרעגבאַרע אמתן וועגן קונסט בכלל. „פאָרמען און אויס־דרוקן — שרייבט דער מחבר — זענען דער לבוש פון קונסט און אַלע זענען זיי כשר און דאַרפן ווערן באַגריסט אָן שום אויסנאַם, אויב דער מייסטער איז נישט אָפּגעטראָטן פון וויכטיקסטן: מאָראַלישער שלימות און מענטשלעכן אמת. שעקספּירן שפּילן, הייסט קודם כל — פרעדיקן מענטשלעכקייט און דעם מענטשן אַנטפּלעקן, דערהויבן, דערמוטיקן, טרייסטן און פירן דורך די קעלערן און וועלדער פון תוהו ובוהו, וואָס וועדשן איבער אים“. אָדער גאָר: „איז דאָס האַרץ נישטאָ, וועט קיין קונסטווערק נישט זיין“.

מ'האָט פאר די לעצטע צייטן זייער פיל דיסקוטירט און געאַמפּערט זיך וועגן קונסט. אין א ים פון ווערטער, פון פארגליווערטע באגריפן ווערט באַרשוועקט, פאַרטרונקען איר אמתער זין און ציל. צי קאָן די קונסט זיין דאָס, וואָס זי דארף זיין, דאָס, וואָס זי איז באַרופן צו זיין, אויב מען נעמט איר אוועק די מעגלעכקייט צו זאָגן: „ניין“!? — אזוי, דוכט מיר, דארף שטיין די פראגע. איז ווי זאָל מען נישט מסכים זיין מיט מאָרעווסקין ווען ער שרייבט: „לכל הפחות איז דער תמצית פון דער קונסט — דער אמת

צווישן מענטש און מענטש, נישט די מאָטיוון פון פאַרקריפּלטע, איינזייטיקע ריכטונגען, טעאָריעס מיט זייערע שקרים, וואָס זעען נישט ווו איז טאָג און ווו איז נאַכט, צוליב די מאָטיוון און ניואַנסן פון פּאָליטיק".

אין סך־הכל: „אהין און צוריק" איז א בוך, וואָס ווען איר וועט פאַרענדיקן דאָס לעצטע בלעטל וועט איר זיך נישט אויפרייסן גלייך פון אָרט. עס צווינגט נאָכצוטראַכטן, עס רעגט אָן דעם לייענערס פאַנטאַזיע — ווען ס'איז באַשערט איז זיין שעפערישע פאַנטאַזיע.

יידישע פּראָבלעמען
אין ליכט פון נישט־יידישע פאָרשער
(וועגן אָבעריס בוך „יידישע סביבות אין היינטיקן פראַנקרייך“)

אין פראנקרייך איז פאראן א היפּשע ליטעראטור אויפן געביט פון יידישער געשיכטע־פאָרשונג. אָנגעזעענע פראַנצויזישע געלערנטע — היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן און אַנדערע ספּעציאַליסטן, סיי פון יידישער, סיי פון נישט־יידישער אָפּשטאמונג האָבן זיך פארנומען מיט פאָרשן יידישע געשיכטע און פארשידענע אספּעקטן פון יידישן לעבן. דער גרויסער פראַנצויזישער געלערנטער ערנעסט רענאַן האָט אָפּגעגעבן א באדייטנדיקן טייל פון זיין שעפעריש לעבן זיינע דיקע בענדער „געשיכטע פון יידישן פאָלק“, בערנאַרד לאַזאַר האָט אונדז געלאָזן אַ ברייט פאָרשעריש ווערק איבער דער געשיכטע פון אנטיסעמיטיזם.

מ׳וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אַ גאַנצע פּלעיאַדע שפּעטערדיקע און היינטצייטיקע פאָרשער אויף דעם געביט, ווי קאָן, לאָדז, גינגעבער, דער איצטיקער זייער שעפערישער יידיש־פראנצויזישער היסטאָריקער זשיל איסאַק און אַנדערע. צו אָט דער פּלעיאַדע איז צוגעקומען אַן אייגנאַרטיקער פאָרשער — פּיער אָבערי. זיין בוך „יידישע סביבות אין היינטצייטיקן פראַנקרייך“, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז פון אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר אונדז. דער נישט־יידישער מחבר באַרירט אין זיין ווערק פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, וואָס ליגן אונדז אויפן האַרץ און איבער וועלכע מ׳האָט אין די לעצטע יאָרן נישט ווייניק דעבאַטירט.

פּיער אָבערי איז קודם א סאָציאָלאָג. ער איז מחבר פון פיל סאָציאָלאָגישע, פאָרשערישע ווערק. זיין בוך „יידישע סביבות אין היינטצייטיקן פראנקרייך“ איז א מין סאָציאָלאָגיש־פילאָזאָפישער טראקטאט איבערן יידישן לעבן אין פראנקרייך, עס איז אָבער באזירט אויף יידישער געשיכטע, אמאָליקער און היינטיקער, און עס באקומט זיך דערפאר אַן אַלזייטיק ווערק.

דער מחבר האָט צונויפגעזאמלט אן אינטערעסאנטן און באלערנדיקן מאַטעריאַל. מיר געפינען דאָ אויסער אַלגעמיינע ידיעות וועגן יידישער פארגאנגענהייט א קווער=שניט פון דער געשיכטע פון יידן אין פראנקרייך, א געשיכטלעכן אנאליז פון אנטיסעמיטיזם אין דעם לאנד און מיר דערזעען גלייכצייטיק, ווי די לאַגע פון די יידן איז אלעמאָל געבונדן מיט די פּאָליטישע געשעענישן. מיר ווערן דאָ אריינגעפירט אין סאָציאַלן, קולטורעלן און גייסטיקן לעבן פון פארשידענע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג. דער מחבר אַנאַליזירט דאָ אזעלכע אספּעקטן ווי יידישע סאָלידאַריטעט, יידישער הומאָר, קולטור און אינטעליגענץ ביי יידן און ענלעכע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. באַזונדערס ברייט שטעלט ער זיך אָפּ אויפן אינהאלט פון יודאיזם, אויף דער אויסווירקונג פון דער יידישער רעליגיע און טראדיציע. איבערפלעכלעך דאקעגן זענען אונדז אויס די קאפּיטלעך וועגן גייסטיקע שטרעמונגען ביי יידן, ווי דער חסידיזם, השכלה, אָדער דער ציוניזם און די אנטשטייונג פון דער יידישער מדינה. דאָ האָט זיך דער מחבר באגרענעצט צו קארגער אינפאָרמאציע.

ס'איז גישט מעגלעך אין די גרענעצן פון א באשרענקטער ארבעט זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע פּראָבלעמען, וועלכע דער מחבר אַנאַליזירט און אפילו בלויז זיי אויסצורעכענען. פון א באזונדערן אינטערעס זענען פאר אונדז די קאפּיטלעך, וואָס פירן דורך א געוויסן אנאליז איבערן אסימילאציע=פּראָצעס, איבער דער שמד=דערשיינונג פאר און נאָך דער צווייטער וועלט=מלחמה.

* *

*

די געשיכטלעכע אנטוויקלונג פון פראנצויזישן יידנטום איז א באַלערנדיקע. א באלערנדיקע פון יידישן קוק=ווינקל. ווי באקאנט האָט די מאָדערנע געשיכטע=פאָרשונג דערוויזן, אז יידן האָבן געוווינט אויף דער פראַנצויזישער ערד לאַנג פאַר אונדזער צייט=רעכענונג. פיער אָבערי, אָפּשטעלנדיק זיך אויף די יידישע וואנדערונגען, אימיגראציעס אין אלטערטום און אין נייע צייטן, ווייזט אָן, אז אין ערשטן יאָרהונדערט פאר אונדזער צייט=רעכענונג האָבן שוין יידן געוווינט אין אַמאָליקן גאַליע, אינעם ווינקעלע פון היינטיקן פראַנקרייך, ווי אויך אין איטאַליע, שפּאַניע און אין צפון=אַפריקע. אין דריטן יאָרהונדערט פון דער נייער ערע זענען

יידישע איינוווינער פון די דאָזיקע טעריטאָריעס שוין געווען בירגער פון דער רוימישער אימפּעריע. די ערשטע יידן זאָלן האָבן געקומען אין גאַליע, ווי קריגס=געפאַנגענע. ווי ס'זאָל נישט זיין האָבן יידן אין יענע צייטן שטופּנוויז איינגעוואָרצלט זיך אין דער פראַנצויזישער ערד און שפּעטער געשאַפן באַדייטנדיקע קיבוצים אין די דרומדיקע שטעט קאַרפּאַנטראַס, אוויניאָן, ארלס. צו די אַזוי גערופענע דרומדיקע יידן זענען אין מיטלאַלטער צוגעקומען יידן פון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און אין די שפּעטערדיקע צייטן — פון עלזאַס.

אָבערי דערמאָנט נישט די איינגעוואנדערטע אין פראנקרייך יידן פון די מזרח=לענדער, ווי פון טערקיי, גריכנלאַנד, עגיפּטן. אפשר דערפאר ווייל זיי האָבן נישט געשפּילט קיין באזונדערע ראָל. מיר וועלן זיך אויך נישט אַריינלאָזן אין קיין דיסקוסיע, צי מען קאָן הייַנט רעדן וועגן אָפּשטאַמיקע פראנצויזישע יידן פון די אמאָליקע דרום=יידן צוליב די גירושים, וואָס זענען פּאָרגעקומען. דאָס איז א פּראָבלעם פאר געשיכטע=פּאָרשונג. פאר אונדז דאָ וועט גענוג זיין פעסטצושטעלן צוזאמען מיט אָבערי, אז אלע צווייגן פון יידישן שטאַם אין פראנקרייך, אויסער דעם יינגסטן צווייג, און געמלעך אויסער די מזרח=אייראָפּעישע איינגעוואַנדערטע, האָבן זיך שטופנוויז אַסימילירט סיי שפּראַכלעך, סיי קולטורעל. זינט דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע, אדאנק וועלכער יידן האָבן צום ערשטן מאָל באקומען גלייכבארעכטיקונג, איז די אסימילאציע געוואָרן דער אידעאל פון די פראַנצויזישע יידן. א סך פון זיי האָבן געשטרעבט זיך פולשטענדיק אָפּצורייסן פון יידישן שטאם, צו פארגעסן אין זייער אָפּשטאַמונג און זיך אינטעגרירן אין פראַנצויזישן פאָלק. דער פּראָצעס פון אינטעגראַציע, דערמאָנט אָבערי, איז געווען פארלייכטערט דערמיט, וואָס אין פראנקרייך איז שווער אויסערלעך אונטערצושיידן א ייד פון א נישט=ייד. „נישט מיט זייער פיזישן אויסזען און נישט מיט דער שפּראך אונטערשיידן זיך די יידן פון די אנדערע“ — שטעלט פעסט דער מחבר. און ווייטער: „אויב דער ייד איז א רייכער, לעבט ער מיט די פּאָראורטיילן און געוווינהייטן פון זיין קלאַס. אויב ער איז אַן אָרעמער, פירט ער א לעבן ווי אלע אָרעמע מענטשן“. און האָד... און דאָ קומען מיר צום אויספיר, וואָס דער מחבר מאַכט אויפן סמך פון זיינע דורכגעפירטע פּאָרשונגען, אַן אויספיר וואָס פירט אונדז טאַקע צום יידישן קוק=ווינקל.

פיער אָבערי האָט אין זיין היסטאָריש=סאָציאָלאָגישער פּאָרשונג געשטעלט זיך פאר אַ ציל צו ענטפערן אויף פאָלגנדיקער פראַגע: „צי די

פראַנצויזישע יידן, וועלכע זענען זינט לאַנגע דורות פולשטענדיק אַסימי־לירט שפּראַכלעך און קולטורעל, פילן זיך נאָך אַלס יידן און וואָס פאַראַ איינפלוס האָט אויפן מענטש דער באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ ייד?"

דער מחבר האָט אויסגעוויילט פאַר זיין פאָרשונג אַן אייגנאַרטיקן מעטאָד און געמלעד: ער זוכט אַן ענטפער אויף דער פראַגע אין די ווערק און שריפטן פון פראַנצויזיש־יידישע מחברים ווי מארסעל פרוסט, זשאַן רישאַרד בלאָק, מאָרוא, בענדא, בערגסאָן, פראָפ. באַרוק, ספיר, פלעג, פאַראַף, מענדעס פראַנס, לעאָן בלום, און פיל אַנדערע. אזוי פאררופט ער זיך אויף 250 יידיש־פראַנצויזישע מחברים, אָדער ווי ער רופט זיי אָן פראַנצויזן פון יידישער אָפּשטאַמונג. „מיר ווענדן זיך קודם — שרייבט דער מחבר אין דער הקדמה — צו פראַנצויזן פון יידישער אָפּשטאַמונג, צו זשורנאַליסטן, פּאָליטישע טוער, שרייבער, כדי זיי זאָלן אונדז העלפן פאַר־שטיין, וואָס דאָס באַדייט אין דער צווייטער העלפט פון 20־טן יאָרהונ־דערט געבוירן זיין אַ ייד און אין וואָסער מאָס אָט דער פאַקט ווירקט זיך אוים אויף די געוווינהייטן, אויפן אַרט פילן און אויף דער עטיק פון טאָג־טעגלעכן לעבן..."

שטיצנדיק זיך, אַלזאָ, אויף די אויבנדערמאָנטע מחברים פון יידישער אָפּשטאַמונג און אויף פאַרשידענע יידישע דאָקומענטן, דערגייט קודם־כל אָבערי צום אויספיר, אַז דער צוממיינסטן אַסימילירטער ייד און אַפילו דער געשמדטער, דערפילט אין געוויסע סיטואַציעס זיין „אַנדערשקייט". און דאָס נישט נאָר אין שווערע צייטן, ווי בעת דער דרייפוס־אַפערע, אָדער גאָר בעת דער היטלעריסטישער הערשאַפט, נאָר אויך אין נאָר־מאַלע צייטן. צום גרעסטן טייל דערפילט ער דאָס נאָך זייענדיק אַ קינד. אַ שאָד נאָר וואָס דער מחבר פירט נישט זיין פאָרשונג ביזן סוף, און, געמלעד, צו קאָנען ענטפערן אויף דער פראַגע, צי בלויז דער נישט־יידישער ארום שטויסט דעם אַסימילירטן ייד, וועלכער וויל אַנטלויפן פון זיך גופא, צו דערפילן זיין „אַנדערשקייט". אָבערי קאָן אָבער האָבן א פאַרענטפערונג — ער פירט זיינע פאָרשונגען אין קאָנקרעטע, היסטאָרישע באַדינגונגען און זיי זענען אַזעלכע ביז איצט, אַז דער ייד, צי ער וויל צי ער וויל נישט, דערפילט ער אין זיין אַרומרינגלונג זיין „אַנדערשקייט", ווי ער באַ־צייכנט עס.

אָבערי האָט אויפגעכאַפּט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך ביים אַסימי־לירטן ייד: ער האָט מורא פאַר דער „אנדערשקייט", זוכט מיט אַלע מיטלען זיך צו באַפרייען פון איר. מיט דעם דערקלערט זיך, דערמאָנט

דער מחבר, די נעגאַטיווע שטעלונג, וואָס די אַלט־איינגעזעסענע יידן האָבן געהאַט צו די ניי־איינגעוואַנדערטע פון מזרח־אייראָפּע. זיי האָבן זיי פּשוט דערמאָנט אין זייער אייגענער אָפּשטאַמונג. מיר פון אונדזער זייט וואָלטן געקאָנט צוגעבן, אַז דאָס איז נישט די איינציקע נעגאַטיווע אויס־ווירקונג, וואָס ס'האָט אויפן מענטש דער דראַנג צו פאַרבאַהאַלטן זיין „אַנדערשקייט", ד. ה. דאָס וועלן פאַרלייקענען זיך גופא. עס וואָלט אונדז אָבער צו ווייט געפירט.

קערן מיר זיך דעריבער אום צו אָבעריס ווייטערדיקע אָבסערוואַציעס:

בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און נאָך דער מלחמה, ווייזט ער ריכטיק אָן, האָט זיך דער פראַנצויזישער אַסימילירטער ייד, איבער־הויפּט די יוגנט, דערנעענטערט צום יידישן שטאַם. מיר וואָלטן געקאָנט צוגעבן, אַז אַן ענלעכע דערשיינונג, ווי ס'איז באַקאַנט, איז פאָרגעקומען נישט נאָר אין פראַנקרייך. ווייניקער באַקאַנט איז אַ פאַרקערטע דער־שיינונג, אויף וועלכער אָבערי ווייזט אָן. דווקא נאָך דער מלחמה, אין דער זעלבער צייט, ווען אַ סך אַסימילירטע יידן האָבן זיך דערנעענטערט צום יידישן לעבן, זענען אין פראַנקרייך געווען פיל פאַלן פון שמד און פיל פראַנצויזישע יידן האָבן געטוישט זייערע נעמען, כדי פולשטענדיק אָפּ־צומעקן אָדער אויסצובאַהאַלטן דעם לעצטן סימן פון זייער אָפּשטאַם. ביידע פאַרקערטע פּראָצעסן האָבן, פאַרשטייט זיך, זייערע סיבות אין דער יידישער טראַגעדיע. עס געשעט, אַז אַ קאַטאַקליזם ביי אַ פאָלק זאָל אַרויסרופן קעגנזייטיקע רעאַקציעס.

דאָך האָט דער פּראָצעס פון דערנעענטערונג איבערגעוויגן און דער עיקר אַרומגענומען דעם בעסערן טייל פון די פראַנצויזישע יידן. אָבערי ברענגט ציטאַטן פון באַרימטע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אין דער דערנעענטערונג געפונען גייסטיקן און מאָראַלישן אָנשפּאַר. אַזוי צום ביי־שפּיל, האָט דער יידיש־פראַנצויזישער שרייבער ראַבי זיך אויסגעדריקט: „דאָס איינציקע מיטל פאַר אַ ייד צו בלייבן אַ פולער מענטש איז, אַז ער זאָל קודם זיין אַ ייד, דער איינציקער אופן, אַז אַ ייד זאָל זיין פאַרבונדן מיט דער וועלט איז, אַז ער זאָל קודם פאַרבונדן זיין מיטן יידישן פאָלק". דער באַקאַנטער שרייבער פלעג האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַזאַ אופן: „כדי איך זאָל קענען צוריקגעווינען די אינערלעכע רו, וועלכע האָט מיך פאַרלאָזן, מוז איך אַרבעטן אין גייסט פון די זעלבע טראַדיציעס, וואָס מיין פאָלק האָט מיר געלאָזן בירושה". דער מחבר ציטירט נאָך פיל באַ־רימטע יידיש־פראַנצויזישע פערזענלעכקייטן: סיי פון פריערדיקע, סיי פון

היינטיקע צייטן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו דער זעלבער איבערצייגונג. בערנאַרד לאַזאַר, צ.ב. האָט דאָס אַזוי פאָרמולירט: „מ׳דאַרף קעמפן פאַרן וויל פון דער מענטשהייט נישט פאַרלייקענענדיק זיך גופא, איינהאַלטנדיק די אייגענע פּערזענלעכקייט און אַנטוויקלענדיק די אייגענע בעסטע, נאָבלסטע אייגנשאַפטן... בלייבנדיק א ייד וועסטו האָבן ווייניקער שוועריקייטן צו בלייבן א מענטש“.

ווי ס׳איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, וויל פּיער אָבערי אויפן סמך פון זיינע פאָרשונגען באַווייזן, הגם ער זאָגט דאָס נישט אָפן, אַז דאָס איינהאַלטן די אייגענע פּערזענלעכקייט, דאָס נישט אויסבאַהאַלטן זיך מיט דער „אַנדערשקייט“, דערמעגלעכט, נישט נאָר צו אַנטוויקלען די שענסטע און בעסטע ווערטן אין מענטש — ייד, נאָר מאַכט אים אויך ווידערשטאַנדפעיק אויף אַלע אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן און העלפט אים באַקעמפן זיי.

ס׳וועלן זיך זיכער געפינען א סך „מאָדערניסטן“ פון אַלע מינים, וועלכע וועלן באַווייזן די „אַלטמאָדישקייט“ און אפילו רעאַקציאָנערקייט פון אַזאַ שטעלונג. האָט מען דאָך פון אַלע זייטן אַזויפיל אונדז געקלאַפּט אין קאָפּ וועגן דער מעגלעכקייט און נייטיקייט פון פולשטענדיקער אַסימילאַציע, אַז אָבערים אויספירן קאָנען זיך אויסדראַכטן אין בעסטן פאַל משונהדיקע. איז אָבער די זאַך, וואָס דווקא די נייסטע אימיגראַציע־מעאָריעס קאָנען צומבעסטן באַשטעטיקן אָבערים אויספירן, הגם דער מחבר פון בוך האָט זיינע פאָרשונגען באַגרענעצט בלויז צו פראַנקרייך, צו א באָדן, אויף וועלכן דאָס אַסימילאַציע־געוויקס איז געוואַקסן אומבאַצוווּנגען — פריי און נאַטירלעך.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בעיקר אויף איין פּראָבלעם, ווייל, ווי שוין געזאָגט, איז ער אונדז נאָענט צום האַרץ און אויך דערפאַר, ווייל דער מחבר לייגט אויף אים דעם טראָפּ. ס׳וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען, ווען מיר וואָלטן נאָכגעפאָלגט אַלע אַנדערע אויספירן. ס׳ווילט זיך דאָ פאָרוואַרפן דעם מחבר, וואָס אין אַ פאָרשונג וועגן יידן אין פראַנקרייך איז פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק אָרט געווידמעט די ניי־איינגעוואַנדערטע און זיי בילדן דאָך מער ווי אַ העלפט פון פראַנצויזישן יידנטום.

פּיער אָבערי שרייבט: „כדי צו שטודירן די פּסיכאָלאָגיע פון א געוויסן פאָלק אָדער פון אַ סאָציאַלער קאַטעגאָריע. איז נויטיק צו פאַרמאָגן סימפּאַטיע צו דעם פאָלק אָדער צו דער קאַטעגאָריע. מ׳דאַרף אליין זיך אוועקשטעלן אויפן אָרט פון די, וועלכע מען וויל פאַרשטיין“. דאָס איז א

גרויסער אמת. און ס'איז קאָנטיק, אז אָבערי פארמאָגט א סך סימפּאטיע צו יידן. עס דוכט זיך מיר אָבער, אז ער קאָן נישט ווי געהעריק אָדער ער האָט נאָך נישט באוויזן צו דערקענען דאָס לעבן פון די מזרח-אייראָפּעאישע יידן אין פראנקרייך, הגם ער האָט זייער ריכטיק אויפגעכאפּט געוויסע שטרעבונגען זייערע, ווי די שטרעבונג וואָס שנעלער זיך צו אסימילירן.

אָבערים בוך איז אָן ספק א ביישטייער צו דער מאָדערנער יידישער פאָרשונג. ער רוקט ארויס פיל אינטערעסאנטע טעזן. אזוי, צום ביישפּיל, באווייזט ער, אז „די רעליגיע איז שוין מער נישט דער קנופּ, וואָס פארבינדט יידן פון אומעטום“. ער שטעלט גלייכצייטיק פעסט, שטיצנדיק זיך אויף סטאַטיסטיק, אַז פאַרהעלטנישמעסיק אַ קליינער פּראָצענט יידן זענען גלויביקע. ער ווידמעט א סך ארט צו נישט צו מאכן די פארשידענע אנטיסעמיטישע טעאָריעס וועגן א ספּעציעלער פעיקייט, וואָס דערמעגלעכט יידן רייך צו ווערן, וועגן אַ געמיינזאַמער „ספּעציעלער יידישער פּאָליטיק“ אָדער ענלעכע אַנטיסעמיטיש-פאַשיסטישע אויסטראַכטונגען. באַזונדערס שטארק שטרייכט ער אונטער די שעדלעכקייט פון אנטיסעמיטיזם נישט אָר פאר יידן, נאָר פאר דער מענטשהייט בכלל.

מ'וואָלט געקאָנט ציען אַ לאַנגע רשימה פון ריכטיקע טעזן און אויספירן. אָבער נישט מיט אלע טעזן קאָן מען מסכים זיין. אזוי צ.ב. איז לויט אָבערי „די יידישע בורזשואזיע, אפילו די קאָנסערוואטיווע, נישט אלעמאָל רעאַקציאָנער“. פאַרוואָס? „ווייל זיין רעאַקציאָנער וואָלט געהייסן איבעררייסן מיט די אידעאַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָלט געהייסן באַקעמפן די אייגענע עמאַנציפּאַציע“. לאָגיק איז דאָ פאַראַן. ווי מיר ווייסן אָבער ריכטעט זיך די יידישע בורזשואַזיע זעלטן מיט אַזאַ לאָגיק. ס'טרעפט אָפט, אַז נישט-יידישע שרייבער, פאָרשער, טרייבן איבער, אָדער פאראלגעמיינערן די פּאָזיטיווע שטריכן ביי יידן.

די בלויזן, ווי מ'איז געוווינט צו זאָגן, פאַרמינערן נישט דעם ווערט פון בוך. און אָבערים בוך האָט נישט נאָר א וויסנשאפטלעך-היסטאָרישן ווערט, נאָר אויך א געזעלשאפטלעך-פּאָליטישן. עס איז דורכגעדרונגען מיט א טיפן הומאניטאריזם לויט די בעסטע פראנצויזישע טראדיציעס.

V

ביכער און צייטן

(וועגן די ענציקלאָפּעדיסטן און זייער צייט)

ווער פון אונדז האָט נישט איבערגעלעבט די פרייד פון באגעגעגען זיך מיט אַלטע פריינד, מיט וועלכע מ'איז לאַנגע יאָרן געווען צעשייידט? צי האָט איר נישט באַמערקט, ווי מיר זוכן אינסטינקטיוו אויפסנייַ זיי צו דערקענען? אין זכרון טויכן דאַן אויף געמיינזאַמע דערינערונגען, געמיינזאַם איבערגעלעבטע געשעענישן, טרוימען. צי האָבן זיי אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דער צייט? און באגעגנט איר נאָך לאַנגע צייטן אפילו מענטשן, מיט וועלכע ס'האָט אייך מער געטיילט, ווי געבונדן, בלייבט איר אויך זעלטן ווען גלייכגילטיק.

דאָס זעלבע, דוכט מיר, געשעט, ווען מע באגעגנט זיך מיט ביכער, וועלכע זענען אויף אַ לאַנגער צייט פאַרשוווּנדן פון אייך. די גורלות פון ביכער זענען אָפט ענלעך צו מענטשלעכע גורלות. ווי אַ באַשטעטיקונג דערויף וואָלטן געקאָנט דינען יידישע ביכער, וואָס טיילן שטענדיק דעם גורל פון זייערע מחברים און לייענער.

עס געשעט, אַז בעת א באגעגעניש מיט אלטע פריינד באמערקט איר עמעצן, וואָס שטופּט זיך נישט, זיצט באשיידן, מען שטופּט זיך אויך צו אים נישט, מען מאַכט אים נישט קיין ברוך הבא. אָבער דער דאָזיקער באַשיידענער מענטש איז אייך באזונדער נאָענט און טייער, זיין פריינדשאַפט האָט געלאָזט אין אייך טיפע שפּורן. אזוי האָב איך צווישן א שטויס ניי־דערשינענע אַלטע ביכער באַמערקט א באשיידן ביכל, וואָס האָט קיין רעקלאַמע — כ'מיין קיין רעצענזיע — נישט געהאַט. מיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן דער טיטל „ענציקלאָפּעדיע“. כ'לייען דעם מיט גאַנץ דראָבנעם שריפט אונטערטיטל — „פאַרשטענדעניש ווערטער־בוך פאר וויסנשאפט, קונסט און מלאכה“ און ס'טוט מיר ממש א טיאָכקע אין האַרץ. כ'האָב זיך נישט טועה געווען, עפנסט דאָס בוך און האָסט פאר זיך

א רעפּראָדוקציע פון דער באַרימטער צייכענונג, וואָס געפינט זיך אויבן שער־בלאַט פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע און אויפן דערגעבנדיקן זייטל — דער טיטל מיט אלע געבן־טיטלען פון וועלט באַרימטן ווערק.

ווי אזוי זענען אָבער די 17 גראָבע בענדער פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע מגולגל געוואָרן אין א ביכל פון 200 זייטן?

דער פארלאג „קסיאָנזשקאַ אי וויעדזאַ" האָט געהאַט דעם געניאַלן איינפאל ארויסצוגעבן אַן אָפּגעקליבענעם מאטעריאל צוזאמען מיט אַן הקדמה און אָנווייזונגען וועגן דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע. אוודאי א'ן דאָס קוים אַ טראָפּן פון דעם שפּרודלדיקן קוואַל, אָבער אפילו דער טראָפּן דערקוויקט, פרישט אָפּ. דעם אָפּקלייב פון מאטעריאל האָט געמאַכט דער פראַנצויזישער פּובליציסט און היסטאָריקער אַלבערט סאבול און מ'דארף זאָגן, אַז דער אָפּקלייב הגם נישט קיין רייכער איז טיילווייז צוגעפּאַסט צו אונדזער הייַנטיקער ווירקלעכקייט. א שאָד אָבער וואָס געוויסע זאַכן, וועלכע זענען אַזוי אַקטועל, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַראָפּ פון דער פּען, זענען דאָ נישט אריין.

די צייט פארמאָגט אין זיך א צעשטערערישע קראַפט, אין איר לויף ענדערן זיך באגריפן און ווערטן. דער גאַנג פון דער צייט פארעלטערט זיי, לייגט אויף זיי א שטעמפּל פון אָפּגענוצטקייט. און דאָך זענען פאַראַן באַגריפן און ווערטן אויף וועלכע די ברוטאלע צייט האָט קיין שליטה נישט, זיי ווערן נישט פארעלטערט, זענען שטענדיק אקטועל און גילטיק. די עשרת הדברות, וואָס דער אלטער יידישער גאָט האָט געשיקט דורך משהן פארן פרימיטיוון פאָלק, זענען נישט פארעלטערט געוואָרן, פארקערט, זענען ביז נאָר אַקטועל — וויפל ימים מיט רייד פארווענדעט מע נאָך היינט אויף איבערצייגן, אז מ'דארף נישט הרגענען, נישט גנבענען. די פּאָסטולאַטן און לאָזונגען פון די גרויסע פראנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן האָבן נאָך העכער צוויי הונדערט יאָר ווייניק וואָס פארלוירן פון זייער אַקטועלקייט.

כדאי היינט זיך צו באקענען מיט דער געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס האָט געשפּילט אין איר צייט א געוואלדיקע ראָל אויף אַלע געביטן פון לעבן — עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, פּאָליטישן, גייסטיקן, מאָראַלישן. איבעריקנס איז נישט מעגלעך צו פאַרשטיין די אנטוויקלונג פון פראנצויזישן געדאַנק, די אַנטוויקלונג פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין די נייע צייטן נישט אריינקוקנדיק אין יענער ברויזנדיקער צייט אין וועלכער ס'האָבן געלעבט און געשאַפן די גרוי־

מע פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן, ווי מ'האָט גערופן די שעפער און מיטאַרבעטער פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע.

וואָס איז אַלזאָ די גרויסע, פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיע?

דאָס איז אַ קאָלעקטיוו ווערק פון בריימסטן פאַרנעם, דאָס איינציקע פון דעם מין צו יענער צייט. אונטער דער אָנפירונג פון דעמלטיקן אָנגעזעענסטן פראַנצויזישן שרייבער-פילאָזאָף דידראָ, האָבן זיך אַרום דער ענציקלאָפּעדיע געזאַמלט, פאַראייניקט און מיטגעאַרבעט די גרעסטע פערזענלעכקייטן פון 18-טן יאָרהונדערט, ווי קאָנדילאַק, ביפאָן, מאָנטעסקיע, זשאַן זאַק רוסאָ, וואָלטער, העלוועציוס, ד'האַלעמבער, ד'האָלבאַך און פיל אַנדערע. 20 יאָר האָבן געדויערט די צוגרייטונגס-אַרבעטן צו דער ענציקלאָפּעדיע אונטער די גרעסטע פאַרפאָלגונגען און געפאַרן.

די ענציקלאָפּעדיע, ווי באַקאַנט, באַשטייט פון 17 דיקע בענדער טעקסט און 7 בענדער גראַווירן און קאַרטן, וואָס נעמען אַרום אַלע וויסנשאַפטן פון יענער צייט. „דאָס איז אַן אַלגעמיין בילד פון אַלע אָנשטרענגונגען פון מענטשלעכן גייסט אויף אַלע געביטן און פון אַלע יאָרהונדערטער" — האָט געשריבן דער דעמלט באַרימטער פילאָזאָף-מאַטעמאַטיקער ד'האַלעמבער אין אַריינפיר צום ערשטן באַנד. אַן אומגעהויער אָרט פאַרנעמט אין דער ענציקלאָפּעדיע די פיזישע אַרבעט. פאַרשידענע פאַכן, אינדוסטריעלע, לאַנדווירטשאַפטלעכע, און טעכנישע דערגרייכונגען, מאַשינען און וואַרשטאַטן ווערן דאָרט באַשריבן מיט אַלע איינצלהייטן. הייגט זענען אַזעלכע ענציקלאָפּעדיעס אַ נאָרמאַלע זאַך און זענען פאַראַן אין די הונדערטער. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ גיגאַנטישער, געוואַגטער אויפטו. צום ערשטן מאָל איז דעם פיזישן אָנשטרענג פון מענטש אָפּגעגעבן געוואָרן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט אין אַ וויסנשאַפטלעך ווערק. צום ערשטן מאָל זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַזעלכע דרייסטע געדאַנקען, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין אַלע ביז דעמלטיקע באַגריפן און איינשטעלונגען.

מיט דער ענציקלאָפּעדיע האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג-אַרויף פון דעם, וואָס ווערט אַזוי טרעפלעך באַצייכנט אין דער פראַנצויזישער קולטור-וועלט — דער פראַנצויזישער געדאַנק. נישט אומזיסט האָט דער יאָרהונדערט פון די ענציקלאָפּעדיסטן געהייסן „דער יאָרהונדערט פון די ליכטער". אַ ניי ליכט איז אויפגעגאַנגען, וואָס האָט געלויכטן ווייט מחוץ פראַנקרייך. די גרויסקייט פון דער ענציקלאָפּעדיע איז באַשטאַנען נישט נאָר אין איר געוואַלדיקן פאַרנעם, וועלכער האָט אין זיך כולל געווען אַלע

אָן אויסנאם געביטן פון דער וויסנשאפט, קונסט, אלע געביטן פון לעבן. זי איז באַשטאַנען בעיקר אין איר נייעם גייסט, אין דעם פרייען געדאַנק. א נייע פילאָזאָפיע איז געבוירן געוואָרן, א פילאָזאָפיע פול מיט הומאַני-טאַריזם און אָפּטימיזם, מיט גלויבן אין מענטש און אין לעבנס-פרייד, א פילאָזאָפיע, וואָס האָט געצילט צו באַפרייען דעם מענטש פון סכאָ-לאַסטישן אַרט דענקען און פון די מיטלאַלטערלעכע פענטעס; דערפאַר איז די ענציקלאָפּעדיע געווען א מעכטיק געווער קעגן אַלטן רעזשים, קעגן דער מאָנאַרכיע און דער קירכע. זי איז געווען דאָס געווער נישט בלויז פון דער אויפשטייגנדיקער דעמלט רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע קעגן פעאָדאַליזם, נאָר אויך פון גאַנצן אונטעריאָכטן פאָלק.

* *
*

די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע איז די געשיכטע פון גרויסן געראַנגל אין יענע צייטן צווישן פינצטערניש און ליכט, צווישן דער דאָגמע, סכאָלאַסטיק און דעם פרייען געדאַנק, צווישן דער טעמפּקייט און רשעות — טעמפּקייט און רשעות גייען אַלע מאָל צו-זאַמען — פון מיטלאַלטער און די שפּראָצונגען פון א נייער וועלט. אין אַלע צייטן זענען געווען געוואַגטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויף אַזא אָדער אַן אַנדער אופן קעגנגעשטעלט דער מאַכט פון טיראַניע — און ווי איז דעם דור, פון וועלכן קיין שום שטים קעגן טיראַניע האָט זיך נישט אויפ-געהויבן. דאָס 18-טע יאָרהונדערט אין פראַנקרייך האָט אָבער געבוירן א מערקווירדיקע דערשיינונג: א ריזיקע פּלעיאַדע גרויסע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך פאַרמאָסטן פאַרנאַנדערצוצינדן ליכטער אין דער מיטלאַלטער-לעכער פינצטערניש, זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן קודם צו באַפרייען דעם מענטשלעכן געדאַנק פון דער דאָגמאַטישער פאַרגליווערונג. דאָס זענען גע-ווען די ענציקלאָפּעדיסטן, וועלכע האָבן בראש מיט דידראָ אין די שווער-סטע באַדינגונגען פון טעראָר געשאַפן דאָס זעלטענע ווערק. ווען זיי זאָגט מען, אז זיי האָבן צוגעגרייט די מוחות צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אוודאי זענען זיי מיט זייער ערודיציע, מוט און דראַנג צו פרייהייט נישט געבוירן געוואָרן אַט סתם פון זיך אַליין, ווי פאלאס אַטענע איז אַרויסגעשפּרונגען פון זעאוסעס שטערן. זיי זענען אויפגעשוווּמען אויף די

כוואַליעס פֿון נייע, עקאָנאָמישע כוחות פֿון דעם אויפֿגייענדיקן קאַפּיטאַ=
ליזם און געווען זענען זיי די האָרט=זאָגער נישט נאָר פֿון דער יונגער
דעמלט רעוואָלוציאָנערער און פּראָגרעסיווער בורזשואַזיע, נאָר פֿון אַלע
אונטערדריקטע שיכטן. די נייע פֿילאָזאָפֿיע זייערע האָט געהאַט אירע
טיפֿע וואָרצלען אין דער גאַנצער פֿראַנצויזישער געזעלשאַפֿט, און איר
יווירונג.

דאָס, וואָס זיי זענען נישט געווען קיין איינזאַמע יחידים, נאָר געהאַט
אַן אָנשפּאַר אין דער געזעלשאַפֿט, פֿאַרמינערט נישט אויף קיין האָר זייער
געוואַלדיקע געוואַגטקייט, די מאָראַלישע און גייסטיקע שטאַנדהאַפֿטיקייט
און די גרויסע מסירת=נפֿשדיקייט פֿון די ענציקלאָפּעדיסטן. לאָמיר נישט
פֿאַרגעסן, אַז פֿראַנקרייך איז דעמלט געווען אַ פֿעסטונג פֿון אַליינהער=
שאַפֿט מיט אַלע קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס ברענגט מיט זיך, ווי פֿאַנאַ=
טיזם, אומטאָלעראַנץ, טעראָר און פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן פֿרייען געדאַנק. נאָך
אין 1766 האָט מען אין פֿראַנקרייך אָראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פֿון אַ יונגן
19 יעריקן ריטער בלויז דערפֿאַר, ווייל בעת אַ הייליקער פּראָצעסיע האָט
ער נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל. אַנדערש=גלויביקע האָבן קיין שום
רעכט נישט, יידן און פּראָטעסטאַנטן ווערן פֿאַרפֿאָלגט. אַ מענטש וועל=
כער האָט געוואָגט טראַכטן אַ ביסל אַנדערש, ווי ס'האָט געפּרעדיקט די
קירכע און די מאָנאַרכיע, איז באַטראַכט געוואָרן־אַלס הערעטיקער און גע=
משפּט געוואָרן ווי פֿאַרן גרעסטן מלוכה=פֿאַרראַט. יעמוועדער פֿרייער גע=
דאַנק ווערט דערשטיקט, שרייבער, וויסנשאַפֿטלער מוזן שאַפֿן געהיים און
אָפֿטמאָל באַצאָלן מיט זייער פֿרייהייט אָדער גאָר מיט זייער לעבן פֿאַר
זייערע ווערק. אין די יאָרן, ווען ס'איז געשאַפֿן געוואָרן די ענציקלאָפּעדיע
איז אָנגעגאַנגען אַ ווילד=געיעג אויף ביכער. אין יאָר 1739 זענען אין 43
גרויסע פֿראַנצויזישע שטעט פֿאַרמאַכט געוואָרן אַלע דרוקערייען. אין 1757
איז איינגעפֿירט געוואָרן טויט=שטראָף פֿאַר פֿאַרלעגער, וועלכע גיבן אַרויס
נישט צענזורירטע ביכער. דער פּאַריזער אוניווערזיטעט האָט זיך געפֿונען
אין די הענט פֿון די יעזואיטן און זיין צענזור האָט געוואַכט איבער יעדן
אָנגעשריבענעם אָדער אַרויסגעזאָגטן וואָרט. די בעסטע שאַפֿונגען זענען
פֿאַרמשפּט געוואָרן צום שייטער=הויפֿן. פֿאַרן יוסטיץ=פּאַלאַץ אין פּאַריז
איז געווען אַ ספּעציעל אָרט, וווּ מ'האָט עפֿנטלעך געברענט „הערעטישע“
ביכער. צווישן די פֿאַרמשפּטע צום שייטער=הויפֿן ביכער האָבן זיך גע=
פֿונען אַזעלכע באַרימטע ווערק, ווי זשאַן זשאַק רוסאָס „עמיל“, דידראָס
„בריוו פֿון בלינדע פֿאַר די, וועלכע זעען“. העלוועציוס „דער גייסט“, וואָל=

מערס „פילאָזאָפישע שריפטן" און פיל ענלעכע. מאָנטעסקיע האָט זיין באַ־
קאַנטן ראָמאַן „פערסישע בריוו" ארויסגעגעבן אונטער אַן אַנאָנימען נאָ־
מען, זיין „גייסט פון געזעץ" איז שטרענג פארבאָטן געוואָרן. פיל שרייבער
און געלערנטע און צווישן זיי אזעלכע אָנגעזעענע ווי וואָלטער און דידראָ,
האָבן פארזוכט דעם טעם פון דער וואנסענער פעסטונג, אנדערע האָבן
צוליב זייערע ווערק געפיילט אין די קעלערן פון דער באסטיליע, נאָך אַנ־
דערע האָבן געלעבט געהיים. וואָלטער, צום ביישפיל, איז נאָך דעם, ווי
מ׳האָט עפנטלעך פארברענט זיין בוך, אנטלאָפן פון פאריז און לאַנגע יאָרן
זיך אויסבאהאלטן אין א דאָרפּישן שלאָס, פון וואנען ער איז כמעט נישט
ארויסגעגאנגען. זשאן זשאק רוסאָ האָט לאנג געלעבט אומלעגאל און נישט
האָבנדיק שטענדיק דאָס גליק פון וואָלטערן צו געפינען אזיל ביי א מאַר־
קיזע, האָט ער זיך ארומגעוואלגערט איבער פארשידענע באהעלטענישן ביז
ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע, וואָס האָט אים
פארביטערט און פארקירצט די יאָרן. דידראָ האָט זיינע בעסטע ראָמאַנען
נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכן, זיי זענען דערשינען ערשט מיט צענדליקער
יאָרן נאָך זיין טויט.

אין אזעלכע באדינגונגען זענען דידראָ, ד׳האלעמבער און דער פארי־
זער פאַרלעגער דע ברעטאָן צוגעטראָטן אין 1747 צו שאפן דאָס גרויסע
זאַמל־ווערק, ארום וועלכן ס׳איז מאָביליזירט געוואָרן א ריזיקע פלעיאדע
פון שרייבער, פילאָזאָפן, קינסטלער, וויסנשאפטלער פון אלע געביטן. אין
מיטן צוגרייטן פון ערשטן טייל, אין 1749, ווערט דידראָ, די נשמה און
האַרץ פון דער גרויסער אונטערנעמונג, ארעסטירט צוליבן אויבן דער־
מאָנטן ווערק. דער ערשטער באַנד איז דאָך דערשינען אין 1751 און גע־
מאַכט א געוואלדיקן רושם. ווען אין 1752 איז דערשינען דער צווייטער
באַנד, האָט זיך א שאָט געגעבן א האָגל פון רדיפות. דידראָ ווערט ווידער
פארפאָלגט. דער קעניגלעכער ראט לייגט ארייין אין חרם די דערשינענע
צוויי בענדער. די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַן אוניווערסאַל ווערטערבוך,
וואָס דער פאַרלעגער האָט געהאט באַקומען, ווערט צוריקגעצויגן. אדאנק
גרויסע אינטערווענצן ווערט דעם פאַרלאַג דערלויבט ווייטער צו אַרבעטן.
ס׳ווערן אָבער גלייכצייטיק מאָביליזירט אלע הויף־שרייבער און מכל
המינים אָפיציעלע קריטיקער — דער מין פעלט נישט אין אלע צייטן —
וועלכע האָבן די ענציקלאָפּעדיע באַשפּיגן און באַוויזן מיט פאקטן און טע־
אָריעס איר שעדלעכקייט פאר דער מאָראַל פון פאָלק און פאר דער זיכער־
קייט פון לאַנד... די יעזואיטן פון זייער זייט האָבן געפויקט מיט אלע קלוי־

סטער־גלאָקן. און דאָך דערשײַנט ביז 1757 יעדעס יאָר אַ באַנד. פֿאַר דער מאָנאַרכיע און קלויסטער איז דאָס שוין געווען צו פֿיל. ס'האָט זיך אויפֿגעריסן אַ שטורעם קעגן די ענציקלאָפּעדיסטן. צוהילף קומט דער וואַטיקאַן, דער פּויפּסט לייגט זיי אַלע אַרײַן אין חרם. דורך אַ קעניגלעכן דעקרעט ווערט די גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פֿאַרבאָטן. אײניקע מיטאַרבעטער דערשרעקן זיך און פֿאַלן אָפּ. דידראָ און זײַנע נאָענטסטע מיטאַרבעטער זעצן אָבער ווײַטער פֿאָר אין געהיים די צוגרייטונגען צו די איבעריקע בענדער. ער וואַרפֿט אָפּ דעם פֿאָרשלאַג פֿון וואָלטערן איבערצוטראָגן די ענציקלאָפּעדיע אין דער שווייץ. און געשען איז אַ וווּנדער: אין יאָר 1765 האָבן זיך מיט איין מאָל, אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען פֿון אַ שווייצאַרישן פֿאַרלעגער באַוויזן די לעצטע צען בענדער, צוגעגרייטע אומלעגאַל. אין 1772 זענען דערשינען די לעצטע צוויי בענדער גראַווורן. נאָכן דערשײַנען פֿון דער ענציקלאָפּעדיע האָט זיך ערשט איצט דידראָ אַרומגעזען, אַז דער פֿאַרלעגער האָט אַ סך אַרבעטן געקירצט, צוליב פֿאָרזיכטיקייט האָט ער אַרויסגעריסן גאַנצע שטיקער, געווּיסע זאַכן אַרויסגעוואָרפֿן. ס'איז באַקאַנט דער פֿאַרצווייפֿלטער און פֿאַרביטערטער בריוו, וואָס דידראָ האָט דאַן געשריבן צום פֿאַרלעגער פֿאַרוואָרפֿנדיק אים, אַז ער האָט צעקאַליעטשעט דאָס שאָנסטע עכטע און געוואָגטע. אגב האָט די פֿאָרזיכטיקייט לע ברעטאַגען גישט פֿאַרהיט, נאָכן דערשײַנען פֿון די 10 בענדער איז ער אײַנגעזעצט געוואָרן אין דער באַסטיליע.

* *

*

ס'איז ווערט צו דערמאָנען, ווי אַזוי די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געאַרבעט. זייער הויפּט־אויפֿגאַבע איז געווען צו צילן אין דער אַלמעכטיקייט פֿון קלויסטער מיט זײַן אינקוויזיציע און צענזור, אין די קריטעריעס פֿון מעטאַפֿיזיק, ווי אויך אין מיטלאַלטערלעכן סיסטעם פֿון סאָציאַלע פּריווילעגיעס, אויף וועלכע דאָס אָפֿיציעלע גײַסטיקע לעבן האָט זיך אָנגעשפּאַרט. ס'איז אָבער גישט אַלע מאָל מעגלעך געווען אָנצוהויבן אַ פֿראָנטאַלן אָנגריף. דעריבער האָבן זיי אָפֿטמאָל געשריבן אין אַ פֿאַרשטעלטער פֿאָרם, זיי האָבן געמוזט מאַנעוורירן מיט דער פּעדער, ווי אַ באָקסער אין געפֿעכט. זייער געווער איז געווען די סאַטירע, די איראָניע, אָפֿטמאָל די אַלעגאָריע, אין דעם פּרט קאָן מען געפֿינען אין דער ענציקלאָפּעדיע קלײנטשיקע מיי־

טער־ווערק. בכלל זענען די גרויסע שרייבער פון יענער צייט געווען אויך גרויסע מייסטער אויסצודריקן זייערע געדאנקען און געפילן אין א פאַרשטעלטער פאָרם. מסתמא דערפאר האָט מען אזוי אָפט באנוצט די בריוו־פאָרם און העלדן האָט מען אָפטמאָל געבראַכט צופירן פון מזרח, כדי זיי אַריינצולייגן אין מויל די אייגענע ווערטער, וואָס מען טאָר אַליין נישט זאָגן. עקזאָטישע מענטשן פון ווייטע לענדער קאָנען דאָך האָבן פאַרשידענע, משונהדיקע געדאנקען און איינפאלן... אַזיאַטן קאָן אויך איינפאלן, צו זאָגן, אַז נישט אַלץ געפעלט זיי, ווי מיר ווילן דאָס שפעטער זען אין די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די ענציקלאָפעדיסטן.

ס׳איז אויך ווערט צו דערמאָנען די באַציונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די ענציקלאָפעדיסטן גופא. די שעפער און מיטאַרבעטער פון דער ענציקלאָפעדיע האָבן ווייט נישט רעפרעזענטירט קיין איינהייטלעכע פילאָזאָפישע שיטה, ווי מען שטעלט זיך דאָס אָפט פאָר, אָדער ווי מ׳האָט דאָס צייטנווייז געפרווט פאָרשטעלן. נעבן דידראָ, וועלכער האָט אַמיינגסטן קאָנסעקווענט באַגרינדעט דעם מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפונקט — אין די ראַמען פון דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפט — זענען געווען אָנהענגער פון דעקאַרטס מעכאַנישן מאַטעריאַליזם. דעקאַרט, וועלכער האָט אגב געמוזט אַנטלויפן פון פראַנקרייך צוליב זיינע פרייע געדאַנקען, האָט די פילאָזאָפיע אַרויסגעשיילט פון דער סכאָלאַסטישער שאָל, דערוויזן, אַז די וועלט קאָן מען אויפקלערן דורך דער מאַטעריע און באַוועגונג. מאַטעריע און באַוועגונג זענען אָבער פאַר אים געווען באַזונדערע זאַכן, די מאַטעריע באַקומט לויט אים די באַוועגונג פון דרויסן. האָלוועציוס, ד׳האָלבאַך, טיילווייז ד׳האַלעמבער און אין דער ערשטער ריי דידראָ, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מאַטעריע און באַוועגונג זענען אומצעטיילבאַר.

פיל אַנדערע פילאָזאָפן, שרייבער, וויסנשאַפטלער האָבן געהאַט פאַרשידענע אייגענע שטאַנדפונקטן. געווען צווישן זיי אַטעאיסטן און דעאיסטן מיט פאַרשידענע פאָליטישע קאָנצעפציעס. וואָלטער, צום ביישפיל, איז קיינמאָל נישט געווען קיין דעמאָקראַט; טראָץ דעם, וואָס ער האָט אַזוי פאַרביסן געקעמפט קעגן דער טיראַניע פון די הערשער און קעגן אָבסקוראַנטיזם פון קלויסטער, איז ער געווען אַן אָנהענגער פון א מאָנאַרכיסטיש קעניגרייך, ער האָט נאָר געוואָלט די מאָנאַרכיע זאָל זיין א „וועלטלעכע“ אָדער בוכשטעבלעך — אַן „אויפגעקלערטע“. רוסאָ דאַקעגן איז געווען אַן אמתער פלעבעיער, געפאָדערט אַבסאָלוטע גלייכהייט פאַר אַלע און א:

זיין פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע איז ער געווען אין ווידערשפּרוך מיט דער אויפפאַסונג פון די ענציקלאָפּעדיסטן וועגן דער „אַלמעכטיקייט פון שכל“. זיי אַלע האָט אָבער פאַראייניקט א גרונט=פּרינציפּ, א געמיינזאַמער ציל, וועגן וועלכן ס'איז געווען א רייד. זייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פאַר דער ענציקלאָפּעדיע האָט יעדערער באַאַרבעט לויט זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט. דידראָ, דער הויפּט=פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער ענציקלאָפּעדיע, דער אַמיינסטן פּראָגרעסיווער צווישן די ענציקלאָפּעדיסטן, דער רעוואָלוציאָנערער פילאָזאָף, וועלכער האָט דעם מאַטעריאַליסטישן געדאַנק געשטיצט ווייט פאָרויס, האָט יעדן פון זיינע מיטאַרבעטער געגעבן פריי הענט צו באַאַרבעטן זיין טעמע פון זיין אייגענעם קוק=ווינקל. אין דעם פּרט איז די ענציקלאָפּעדיע א פילפאַרביקע מאָזאַיק פון סטיל, צוגאַנג, קאָנצעפּציע, און דאָס האָט ניט נאָר אַריינגעבלאָזן אין איר א דעמאָקראַטישן גייסט, נאָר אויך געגעבן איר א גרויסע וואָגיקייט.

וואָס שייך דעם אינהאַלט פון דער ענציקלאָפּעדיע, איז איר לייט=מאָטיוו די באַהויפּטונג, אַז די באַשטימונג, דער ענדציל פון דער מענטשהייט איז ניט נאָר צו פאַרזיכערן גליק די קומענדיקע דורות — אָדער ווי דער קלויסטער האָט געוואָלט מ'זאָל זיך פאַרזאָרגן מיט גליק אויף נאָכן ערדישן לעבן, נאָר טאַקע שוין איצט, דעם מענטש אין זיין קעגנוואַרט. די טעאָלאָגישע פילאָזאָפיע האָט באַטראַכט דאָס מענטשלעכע לעבן אויף דער ערד ווי אַ צוגרייטונג צום גן=עדן אָדער גיהנום. דער רוף פון מענטשלעכן האַרץ, די מענטשלעכע באַדערפעגישן זענען דערשטיקט געוואָרן. די ענציקלאָפּעדיסטן דאַקעגן האָבן באַהויפּטעט, אַז דאָס נעגירן דאָס מענטשלעכע גליק און פרייד איז ניט נאָר א פאַרגוואַלטיקונג פון די נאַטור=געזעצן, נאָר דאָס פירט גלייכצייטיק צו זעלבסטנאַרעריי, צביעות, פאַלשער צניעות, צו אַ פאַלשער היפּאָקריטישער מאָראַל, צו מאָראַלישער דעגענעראַציע, צו דעם אַלעמען, וואָס זיי האָבן באַקעמפט. ווי מיר זעען האָט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט זייערער — ווי א סך אַנדערע — נאָך ניט פאַרלוירן פון זיין אַקטועלקייט.

ווען מע וואָלט געדאַרפט די רייכע אידעען=וועלט פון די ענציקלאָפּעדיסטן רעזומירן אין איין זאַץ וואָלט איך געזאָגט: דאָס איז געווען דער קאַמף פאַר באַפרייען דעם מענטשלעכן גוף פון פאַלשן אַסקעטיזם און דעם מוח, פון דער דאָגמע, פון דער מעטאַפיזיק. צו דעם ציל האָבן זיי געוואָרפן פון איין זייט די לאָזונג פון נייע עטישע קריטעריעס און, פון דער צווייטער זייט, האָבן זיי אונטערגענומען די שלאַכט פאַר אַ וויסנ=

שאַפֿטלעכן, קריטישן מעטאָד אויפֿן געביט פֿון פֿאָרשן און שאַפֿן, וואָס די מיטלאַלטערלעכע דאָגמאַטיק האָט דערדריקט. דעם בלינדן גלויבן האָבן זיי קעגנגעשטעלט דעם שׂכל, די דערפֿאַרונג, דעם עקספּערימענט. איינע פֿון די גרויסע פֿאָרוואורפֿן, וואָס זיי האָבן געמאַכט דער קירכע און אירע פֿאָרשטייער, איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געדולדעט קיין שום אָפּנויג פֿון דער רעליגיעזער דאָגמע, זייער אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט זיי געשטויסן צו פֿאַרברעכנס. „יעטווידע אומטאָלעראַנץ, פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ טיראַניע" — האָבן זיי באַהויפּטעט. דערפֿאַר האָבן זיי ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדער טעמע, וואָס זיי האָבן באַהאַנדלט, אָנגעבינדן צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם און אַרונטערגעריסן פֿאָראורטיילן, פֿאַנאַטיזם, און אומטאָלעראַנץ, אָנווייזנדיק, אַז דאָס אַלץ שטערט נישט נאָר אין דער אַנטוויקלונג פֿון מענטשלעכן געדאַנק, נאָר האַמעוועט אויך די אַנטוויקלונג פֿון לאַנד בכלל. זייערע שאַרפֿסטע פֿיילן האָבן זיי געריכטעט קעגן די פֿאָרשטייער פֿון דער קירכע, קעגן די דאָקטרינערן־טעאָלאָגן. דידראָ האָט וועגן זיי, צווישן אַנדערן, אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען אַזוי געשריבן:

„פֿאַרבלאָנדזשעט ביינאַכט אין אַ גרויסן וואַלד, האָב איך נאָר אַ קליין ליכטל, וואָס פֿירט מיך. קומט צו גיין אַן אומבאַקאַנטער און זאָגט מיר: „מיין פֿריינד, לעש אויס דיין ליכטל וועסטו בעסער טרעפֿן דעם וועג". דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער דאָס איז אַ טעאָלאָג".

ווי פֿאַרביסן און עקשנותדיק זיי האָבן אַלע באַקעמפֿט די אומטאָלעראַנץ ווייזט אונדז וואָלטערס באַריםטער אויסדרוק: „איך האַס זיינע געדאַנקען, אָבער איך בין גרייט צו שטאַרבן, כּדי ער זאָל זיי קענען פֿריי אַרויסזאָגן". און וועגן פֿאַנאַטיזם האָט ער אַזוי געשריבן: „פֿאַנאַטיקער זענען גרעסערע ריכטער, וועלכע פֿאַרמשפּטן קאַלטבלוטיק צום טויט די, וואָס זענען קיין שום אַנדער פֿאַרברעכן נישט באַגאַנגען אויסער דעם, וואָס זיי טראַכטן אַנדערש, ווי זיי".

די ענציקלאָפּעדיסטן זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון שטאַנדפּונקט, אַז פֿאַרטיילן מענטשן פֿאַר האָבן אַן אַנדער מיינונג אָדער קאָנצעפּציע, ווי ס'אין די אָפֿיציעל־הערשנדיקע, הייסט פֿאַרגוואַלדיקן די נ א ט י ר ל ע כ ע ר ע כ ט פֿון מענטש. מיר שטרייכן אונטער די נ א ט י ר ל ע כ ע ר ע כ ט, ווייל די פֿילאָזאָפֿן פֿון 18־טן יאָרהונדערט האָבן באַזירט זייער וועלט־אַנשויאונג אויף די נאַטירלעכע רעכטן פֿון מענטש, וועלכער איז לויט זיי, „פֿון דער נאַטור באַשטימט צו זיין פֿריי". רודפֿן אים פֿאַרן געניסן פֿון די דאָזיקע רעכטן, אָדער באַרויבן אים פֿון זיי, האָט באַדייט פֿאַר זיי דאָס

זעלבע, ווי מ׳וואָלט דעם מענטשן באַרויבט פון אַנדערע נאַטירלעכע רעכטן, ווי צום ביישפּיל דאָס רעכט צו באַפרידיקן זיינע פיזישע און פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן.

זיכער, האָבן די ענציקלאָפּעדיסטן, פאָדערנדיק פרייהייט פאַרן מענטש, זיך נישט פאָרגעשטעלט — אויסער זשאַן זשאַק רוסאָ — אַז פון דער דעראָבערטער פרייהייט זאָלן אין דער גלייכער מאָס קאָנען אַלע געניסן פּאָליטיש און סאָציאַל. לאָמיר געדענקען, אַז זיי זענען קודם געווען פאָרשטייער פון אַ קלאַס, הגם צו יענער צייט אַ רעוואָלוציאָנערן, וועלכער האָט שוין דעמאָלט פאַר זיך רעזערווירט אַלע פּריווילעגיעס. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט זיך עס האָר געהאַנדלט אין דער עלעמענטאַרער פרייהייט, וואָס פאַרזיכערט דעם מענטשן זיין פיזיש לעבן און דערלויבט נישט צו שטעלן אים אויסערן געזעץ. צו יענער צייט איז דאָס געווען אַ גוואַלדיקער פאָרשריט און אין דעם פּרט איז שווער נישט מסכים צו זיין מיט רוסאָ, אַז „די גרעסטע דעראָבערונג פון דער מענטשהייט איז די פרייהייט און גלייכהייט“... זשאַן זשאַק רוסאָ איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער, ער האָט זיין געדאַנק דערפירט ביזן סוף, באַהויפּטנדיק, אַז „גלייכהייט איז דער פונדאַמענט פון דער פרייהייט“.

די אַלע פּאָסטולאַטן און באַהויפּטונגען האָבן פאַרנומען דאָס הייפּטאָרט אין דער ענציקלאָפּעדיע. צו דער פאַרכאַפּנדיקסטער לעקטור געהערן טאַקע די אַרטיקלען וועגן פרייהייט און גלייכהייט, וועגן מענטשהייט און מענטשלעכקייט, וועגן טאָלעראַנץ, פאַנאַטיזם, פּראָגרעס און ענלעכע פּראָבלעמען.

די נייע צייט האָט געפאָדערט מעגלעכקייטן און באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, טעכניק, אינדוסטרי, פאַרן פאָרשריט פון דער געזעלשאַפט. צי קאָן אָבער מעגלעך זיין וואָס פאַר עס איז אַנטוויקלונג פון אַ נייער געזעלשאַפט, ווען עס הערשט פאַנאַטיזם? אַלץ איינס צי רעליגיעזער, צי פּאָליטישער, ווייל יעטוועדער פאַנאַטיזם איז שעדלעך. דער גרויסער פאַרדינסט פון די ענציקלאָפּעדיסטן איז טאַקע דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז אָן טאָלעראַנץ, אָן פרייהייט פון קריטיק, אָן פאַרשידענע מענטשלעכע שטאַנדפּונקטן איז בכלל נישט מעגלעך קיין פּראָגרעס. ספקות, סקעפּטיציזם, קרייצונגען און רייבונגען פון פאַרשידענע קאָנצעפּציעס און שטאַנדפּונקטן זענען לויט זיי, געווען די מאָטאָרן פון מענטשלעכן פּראָגרעס. אָן טאָלעראַנץ ווערט דער מענטשלעכער מוח איינגעשרומפּן, אין בעסטן פאַל אויטאָמאַטיזירט, פאַרזיכערט אונדז

דידראָ. אָט ווי דער אָנגעזעענסטער פון יענע פילאָזאָפן באַהויפּטעט זיין שטאַנדפּונקט אין אַן עסיי וועגן טאָלעראַנץ:

„...פאַרשידענע אָנשויאונגען וועלן שטענדיק עקזיסטירן צווישן מענטשן. די געשיכטע פון אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן געדאַנק איז דאָך א לאַנגע קייט פון באַשטעטיקונגען דערויף. דער איינפאַל צו דערפירן אַלע מענטשן צו איין איינהייטלעכער אָנשויאונג וועט בלייבן גישט מער, ווי א כימערע. דאָך זאָגט איר, אַז די פּאָליטישע אינטערעסן פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל איינפירן אַזאַ איינהייטלעכקייט. איז אויב ס'וועט זיך אייך איינגעבן זאָרגפעליק צו פאַרטרייבן אַלע איבערצייגונגען, וואָס זענען אין סתירה מיט די אָפיציעלע איבערצייגונגען, אָנערקענטע דורך דער מלוכה, וועט איר אַזוי באַגרענעצן דעם מענטש, אַז איר וועט מאַכן פון אים אַן אמתן אויטאָמאַט; איר וועט אים אויסלערנען אָנצונעמען צוגעגרייטע געדאַנקען, אַזוי, אַז ער וועט קיינמאָל נישט וואַגן צו פאָרשן און פאַרטיפן, איר וועט אים צוגעוווינען, ער זאָל קנעכטיש רעספּעקטירן די צוממערסטן באַרבאַרישע פאַראורטיילן, די טאָקע, קענען וועלכע מיר קעמפן איצט אַזוי שטאַרק... מען זאָגט און מען שטרייכט דאָס אונטער, אַז די פאַרשידנקייט פון רעליגיעס פירט צו אַנאַרכיע אין דער רעגירונג און אין דער מלוכה. דערויף ענטפער איך ווידער אַמאָל, אַז נאָר די אומטאָלעראַנץ איז שולדיק דערין און טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע העסלעכקייטן. אויב מען וואָלט טאָלערירט מענטשן מיט אַנדערע אידעען, אָדער מ'וואָלט זיי באַקעמפט מיטן געווער פון דער עוואַנגעליע, וואָלט די מלוכה גאָרנישט געליטן פון די פערמענטן אין מענטשלעכע מוחות. די פאַרטיידיקער פון דער הערשנדיקער רעליגיע טרעטן אָבער אַרויס מיט גוואַלד קעגן די אָפּאָזיציאָנערן, שטויסן די מאַכט-אָרגאַנען אָנצונעמען מיטלען קעגן זיי, אַרויס-צוגעבן בלוטיקע עדיקטן, זייען אין די מענטשלעכע הערצער פיינטשאַפט און פאַנאַטיזם און דערנאָך וואַרפן זיי אומפאַרשעמט אַרויף אויף זייערע קרבנות די שולד פאַר דער אומאָרדענונג און צעריסנקייט, וואָס זיי אַליין רופן אַרויס“.

*   *

*

די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געהאַט אַן אומגעהויערן איינפלוס אויפן מאָדערנעם געדאַנק, אויף די פּראָגרעסיווע פילאָזאָפישע ריכטונגען. מאַרקס און ענגעלס האָבן דידראָ געהאַלטן פאַרן דירעקטן פאָרגייער פון היסטאָ-

רישן מאַטעריאַליזם. דעפינירנדיק דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, האָט ענגעלס געשריבן: „... אין זיין טעאָרעטישן באַשטאַנד דערשיינט ער קודם כל ווי אַ מער אַנטוויקלטער, מער קאָנסעקווענטער המשך פון די פּרינציפּן, וואָס עס האָבן פאָרמולירט די גרויסע פראַנצויזישע פילאָזאָפן פון 18־טן יאָרהונדערט". און ס'איז נישט געווען קיין איין געביט פון מענטשלעכן שאַפן אין וועלכן די ענציקלאָפּעדיסטן זאָלן נישט האָבן געווירקט און אויף וועלכע זיי זאָלן אין די שפּעטערדיקע דורות נישט האָבן געלייגט זייער שטעמפּל. זיי האָבן אויך געלייגט זייער חותם אויף דער ליטעראַטור, סיי אין זייער צייט, סיי שפּעטער.

* *
*

ווי אַ קולטור־דערשיינונג, ווי אַ גייסטיקע באַוועגונג זענען די גרויסע ענציקלאָפּעדיסטן געווען אַ מערקווירדיקע זעלטנהייט. זיי זענען אַלע געווען אַלזייטיקע גייסטער, שעפער אויף די פאַרשידנסטע געביטן. אין דעם פּרט קאָן מען צו זיי טיילווייז, אָבער נאָר טיילווייז, פאַרגלייכן די גרויסע גייסטער פונעם רענעסאַנס. די פילאָזאָפן פונעם „יאָרהונדערט פון די ליכטער" זענען גלייכצייטיק געווען אָנגעזעענע שרייבער. זיכער זענען באַקאַנט פאַלן, ווען פילאָזאָפן, וויסנשאַפטלער זענען טאַלאַנטירטע שרייבער און מ'קאָן דאָ אַלס ביישפּיל ברענגען דעם גרויסן פראַנצויזישן געלערנטן ערנעסט רענאַן, אָדער דעם באַרימטן היסטאָריקער מישלע, זיי זענען אָבער געווען גוטע שרייבער אויפן געביט פון זייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. די פילאָזאָפן פון 18־טן יאָרהונדערט זענען גלייכצייטיק געווען ראָמאַנען־שרייבער, דראַמאַטורגן, דיכטער, ליטעראַטור־טעאָרעטיקער, קונסט־קריטיקער און ביי דעם אַלעמען גרויסע נאָוואַטאָרן אין דער ליטעראַטור. אין אונדזערע צייטן, ווען שעפערישע געביטן זענען אויסערסט פאַנאַנדערגעטיילט און „ספּעציאַליזירט" כמעט ווי די אַרבעטס־פאַרטיילונגען אין אַ היינטצייטיקער פאַבריק, איז שווער צו געפינען זייערס אַ גלייכן. אפשר בלויז אין אַ געוויסן פּרט, און נעמלעך ווי פילאָזאָפן וועמען די ליטעראַטור דינט דורכצופירן זייער פילאָזאָפיע, וואָלט מען צו זיי היינט געקאָנט פאַרגלייכן אַזעלכע שרייבער, ווי זשאַן פּאָל סאַרטר, וועלכער איז אין אַ באַשטימטן פּעריאָד פון זיין שאַפן דערשינען, ווי אַ פילאָזאָף, געשריבן פילאָזאָפיש־טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען און גלייכצייטיק ראָמאַנען, נאָוועלן און דער עיקר דראַמעס אין וועלכע ער זעצט דורך זיינע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען.

די ליטעראַטור — און ס'האַנדלט זיך פאַרשטייט זיך אין דער שווייגער ליטעראַטור — זעט אויס, איז אַלע מאָל געווען די בעסטע שפּרונגברעט. כמעט די גאַנצע ליטעראַטור פון 18־טן יאָרהונדערט איז געווען אונטערן איינפלוס פון די פילאָזאָפן־ענציקלאָפּעדיסטן און זי איז געוואָרן פאַר זיי א מין בריק, דורך וועלכער זייערע אידעאַלן זענען דערגאַנגען צו דער געזעלשאַפט — פאַרשטייט זיך צו א באַגרענעצטן טייל איר, ווייל דאָס פאָלק האָט דעמלט ווייניק וואָס געלייענט, אָדער געקאָנט לייענען. דער ראָמאַן, די דערציילונג, די דראַמע און קאָמעדיע זענען געווען אָנגעלאָדן מיט די אידעאַלן פון די פילאָזאָפן, וואָס זענען פאַרקערפּערט געווען אין דער גרויסער ענציקלאָפּעדיע. אין די ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן דאָמינירט דער גלויבן אין מענטשלעכן שכל און אין פּראָגרעס, דער דראַנג צו פרייהייט און גלייכהייט, די פאַראַכטונג צו טיראַניע פון דער מאָנאַרכיע און קלויסטער, דאָס אויסלאַכן די אַבערגלויבנס און פאָראורטיילן. די ליטעראַטור האָט ביי דער געלעגנהייט באַקומען נייע פליגלען. איר דעמלטיקן שוואונג קאָן מען ווידער פאַרגלייכן מיט דעם אויפבלי פון דער ליטעראַטור אין דער צייט פון רענעסאַנס. ס'איז זיך נישט שווער אָנצושטויסן, אז דאָס איז געווען א ליטעראַטור א קעמפערישע, זי האָט זיך געשטעלט אויפגאַבן, געהאַט א שליחות דורכצופירן און געמוזט גלייכצייטיק שאַפן נייע פאָרמען, נייע קינסטלערישע אויסדרוקן.

די פראַנצויזישע ליטעראַטור האָט געהאַט איבערגעלעבט א מין ירידה. דער קלאַסיציזם פון די גרויסע פראַנצויזישע שרייבער פון 17־טן יאָרהונדערט, ווי פון ראַסין און קאָרנעי, איז דערפירט געוואָרן צו א קאַריקאַטור. הויף־שרייבער פון אַלע מינים — א הויף־שרייבער מוז נישט זיין אויפן קעניגלעכן הויף, מ'קאָן זיך געפינען ווייט פון קעניגלעכן הויף און זיין א הויף־שרייבער — וועלכע האָבן אויס מורא פאַר דער צענזור, זיך צוגעפּאַסט צו אירע פאָדערונגען און פאָרשריטן, האָבן געשריבן נודנע, אויסגעדראָשענע אָדעס און דראַמעס צו ווייזן אָדער צו רירן די פיינע לייט פון דער אַריסטאָקראַטיע. געהייסן האָט עס, אז זיי גייען אין די וועגן פון בואַלאָ און זעצן פאָר די קלאַסישע דראַמע און טראַגעדיע, אין דער אמתן האָבן זיי פון איר אַרויסגעבלאָזן דאָס לעבן, באַגרענעצנדיק זיך צו א באַשטימטער טעמאַטיק און פּאַטאָס, וואָס האָבן אַנטשפּראָכן די הערשנדיקע שיכטן. ס'איז אן אומבאַשטרייטבאַרער אמת: דער שרייבער, וועלכער פּאַסט זיך צו צו פאַרשידענע פאָדערונגען, וואָס מען שטעלט אים פון אויבן, הערט אויף צו זיין א שעפער און ווערט א באַאַמטער, א שריי

בער־באַמטער. די קוואַליטעט פון דער שרייבערישער קונסט איז ניט אָפּהענגיק פון קיין שום שיטות און ריכטונגען, פון קיין שום טעאָרעטישע פאָרמולירונגען נאָר קודם פון די שעפערישע אימפולסן, פון דער אייגענער שעפערישער וויזיע און פון די מעגלעכקייטן, אין וועלכע דער שרייבער קאָן זיי ארויסברענגען. כדי דער פויגל זאָל פליען מוז ער האָבן דאָס רעכט אויף פאַנאַנדערצושפּרייטן די פליגלען. דער אַבסאָלוטיזם און די קירכע פון יענער צייט האָט די שרייבער צוזאַמענגעבונדן די פליגלען — פאַרשטייט זיך די, וועלכע האָבן זיך געלאָזט. האָבן יענע שרייבער געזוכט אין באַנאַלקייט און דעגראַדירט דעם קלאַסיציזם, די קלאַסישע טראַגעדיע.

איינער פון די אָנגעזעענסטע פילאָזאָפן־ענציקלאָפּעדיסטן — וואָלטער, איז געוואָרן אויף דעם געביט טיילווייז א נאָוואַטאָר. אויך ער איז געווען אַן אָנהענגער פון קלאַסיציזם און אַגב א גרויסער פאַרערער פון בואַלאָ. ער האָט אָבער געשפּילט אין קלאַסיציזם כמעט אַן ענלעכע ראָל ווי וויקטאָר הוגאָ אין ראָמאַנטיזם מיט הונדערט יאָר שפּעטער. וואָלטער דער דראַמאַטורג האָט איינגעהיט די קלאַסישע פאָרם פון דער טראַגעדיע. אָבער ער האָט זי באַרייכערט, באַלעבט מיט נייע אינהאַלטן, אַריינפירנדיק פּאָמיליען־קאָנפליקטן, אָפּערע־עלעמענטן, רעוואָלט־שטימונגען קעגן הערשנדיקן ווילקיר, קעגן פאַנאַטיזם. ער האָט דער ערשטער באַקאַנט געמאַכט אין פראַנקרייך שעקספּירן, איבערגעזעצט אים און אויך זיך אינספּירירט מיט אים, הגם ער האָט אים פאָרגעוואָרפן איגנאָראַנץ און אים גערופן „ווילדער שיכור“. וואָלטער דער פילאָזאָף, דער שעפער פון פילאָזאָפישן ווערטער־בוך און פיל אַנדערע פילאָזאָפישע ווערק, האָט אויך געלאָזן א גרויסע און פאַרשידנאַרטיקע ליטעראַרישע ירושה. ער האָט געשריבן טעאַטער־פּיעסן, דיכטונג — עפּישע און סאַטירישע פּאָעמעס — ראָמאַנען. הגם אין דער ליטעראַטור איז זיין נאָמען געבליבן געבונדן הויפּטזעכלעך מיט זיין פילאָזאָפישן ראָמאַן „קאַנדיד“, אין וועלכן ער האָט אויסגעלאַכט די שמאָלקעפּלדיקע מענטשלעכע פילאָזאָפיעס, איז ער אָבער אַלס שרייבער קודם געווען א דראַמאַטורג און האָט אָנגעשריבן אזש 52 פּיעסן, צווישן זיי 27 טראַגעדיעס. זיינע טראַגעדיעס „עדיפּ“, „ברוטוס“, „מאַהאָמעט“ האָבן געהאַט א גרויסן אָפּקלאַנג, זיי זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער נייער פילאָזאָפיע, מיטן ווידערגעפיל צו רעליגיעזן פאַנאַטיזם. אַזוי האָט שוין וואָלטער באַוויזן, אז ניט דווקא די ליטעראַרישע פאָרם, די ליטעראַרישע ראַם — כ'מיין דאָ די פּאָעטיק —

איז דעצידירנד, נאָר דער אינהאַלט, דער גייסט, וואָס מען גיסט דאָרט אַריין, מ'קאָן אויך אין אַ שיינער ראַם אַריינשטעלן אַ פאַלש בילד. וואָלטער האָט דעם קלאַסיציזם אָפּגעפרישט, באַלעבט, אָנגעפילט אים מיט נייעם, אַקטועלן אינהאַלט.

דער „יאָרהונדערט פון די ליכטער" האָט אויך געבראַכט אַן אויפשטייג פון ראָמאַן, פון אַ נייעם מין ראָמאַן: ס'איז געבוירן געוואָרן דער פילאָזאָפישער און סענטימענטאַלער ראָמאַן, די פאַנטאַסטישע עקזאָטישע דערציילונג. ס'זענען דעמלט איבערגעזעצט געוואָרן פיל מזרח־לעגענדעס און מעשיות. געצויגן האָט מסתמא נישט אַזוי דאָס עקזאָטישע, ווי די אַלעגאָריע, דער אויסבאַהאַלטענער אינהאַלט, וואָס האָט געשטעקט אין דער מעשה און לעגענדע. שרייבער האָבן, ווי שוין דערמאָנט, אָנגעהויבן באַנוצן זיך מיט אַזאַ עקזאָטישער פאָרם, אַריינגעפירט אין זייערע ווערק מזרחדיקע געשטאַלטן און אין זייער עקזאָטישער שפּראַך אַריינגעלייגט אייגענע אמתן. דער אַממיינסטן כאַראַקטעריסטישער ראָמאַן פון דעם מין זענען די „פערסישע בריוו" פון מאָנטעסקיע, וועלכער איז נאָך פאַר וואָלטערן געווען דער אַנימאַטאָר פון פילאָזאָפישן ראָמאַן. מאָנטעסקיעס צוויי פערסן, וועלכע רייזן און פאַרהאַלטן זיך אויף אַ לענגערע צייט אין פאַריז, באַשרייבן אין די בריוו צו זייערע פריינד אַלע שלעכטע און מיאוסע זייטן פון פראַנצויזישן לעבן, וואָס די פראַנצויזן האָבן אַליין גוט געקענט. ס'איז אָבער בעסער געווען, און זיכער פאָרזיכטיקער, אַז פערסן זאָלן רעדן דערוועגן, בפרט דער פראַנצויזישער לייענער האָט זיך גלייכצייטיק דערוווסט פון די בריוו, וואָס זענען געקומען צו די פאַריזער מערכן, וועגן די הויקערדיקע זייטן אין ווייטן פערסיע. פאַרשטייט זיך, אַז אין זייערע בריוו באַרירן די פערסן פאַרשידענע אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען נישט דווקא פון אַ פערסישן שטאַנדפּונקט, זייערע איינדרוקן פלעכטן זיך דורך מיט, לויט היינטיק לשון, אידעאָלאָגישע שטאַנדפּונקטן. מיט איין וואָרט די פילאָזאָפן־שרייבער זענען קיין שלים־מזלניקעס נישט געווען, זיי האָבן געפונען צענדליקער אופנים אויף צו זאָגן דאָס, וואָס מ'האָט נישט געטאָרט זאָגן. געווונען דערפון האָט סיי די געזעלשאַפט, סיי די ליטעראַטור.

דידראָ, אויף וועמענס פלייצעס ס'איז געלעגן די גאַנצע אחריות פאַר דער ענציקלאָפּעדיע, האָט נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן זיינע דריי גרויסע ראָמאַנען. צווישן די דערשינענע פאַר זיין לעבן ליטעראַרישע שאַפונגען — דראַמעס, דערציילונגען, ראָמאַנען — איז ווערט צו דערמאָנען

זיין ערשטן פילאָזאָפישן ראָמאַן „די אומדיסקרעטע צירונג“, וועלכער איז איינגעפאַסט, לויט דער דעמלטיקער מאָדע, אָדער גיכער לויט דער נויטיקייט פון דער שעה, אין אַן אָריענטאַליסטישער ראַם. פיטאָרעסקע באַשרייבונגען זענען טאַקע דאָ א ביסל אין ווידערשפּרוך מיט די פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן.

דידראָ איז געווען נישט נאָר דער אַממייִנסטן קאָנסעקווענטער פאָרשטייער פון „יאָרהונדערט פון די ליכטער“, נאָר אויך דער אַממייִנסטן כּיפּישער פאָרשטייער פון אַלזייטיקער שעפערישקייט. ער האָט בלויז פאַר דער ענציקלאָפּעדיע אָנגעשריבן 1000 אַרטיקלען פון פאַרשידענע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, קונסט, פילאָזאָפיע. די פילע שעפערישע געביטן און די ריזיקע אָנשטרענגונגען, וואָס עס האָבן אים געקאָסט די ענציקלאָפּעדיע, האָבן זיך, זעט אויס, אָפּגערופן נעגאַטיוו אויף זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. די קריטיק האָט דאָס געהאַט באַטאָנט, אָנגעוויזן איבערהויפּט אויף די שוואַכקייטן פון זיינע צוויי דראַמעס („אַן אומגעזעצלעכער זון“ און „דער ראש פון דער משפחה“), וועלכע האָבן אויף דער בינע אויך צו יענער צייט קיין דערפאָלג נישט געהאַט. זיי האָבן דאָך אַריינגעבראַכט א נייעם טאָן אין דער דראַמאַטורגישער ליטעראַטור, איבעררייסנדיק מיט די ענגע קאָנווענצן פון קלאַסיציזם. ס'איז געווען א דרייסטער פּרוּוו צו שאַפן די רעאַליסטישע דראַמע. נישט קיין קליינע באַדייטונג האָבן אויך געהאַט די טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס האָבן אַנטהאַלטן די הקדמות צו זיינע דראַמעס. אויך זיינע בעסטע ליטעראַרישע ווערק, די ראָמאַנען „זשאַק דער פאַטאַליסט“, „ראַמאָס פלימעניק“ און די „הייליקע שוועסטער“ האָבן אין דער ערשטער ריי א פילאָזאָפישן און היסטאָריש-פּאָליטישן ווערט. כ'איז נישט אונטערצושאַצן פאַר יענע צייטן די באַדייטונג צ. ב. פון „דער הייליקער שוועסטער“ אין וועלכער עס דערשיינט די גרויזאַמקייט פון פרויען-מאָנאַסטיר, ווו די מענטשלעכע פערזענלעכקייט ווערט פולשטענדיק צעטראָטן, אָדער די שאַרפע סאַטירע אויף דער געזעלשאַפט אין „ראַמאָס פלימעניק“, דעם זייער אָריגינעלן און אפשר בעסטן ראָמאַן, אין וועלכן דידראָ האָט אַזוי מייסטערהאַפט אַריינגעפירט דעם פילאָזאָפישן דיאַלאָג.

דידראָ האָט טראָץ אַלע ליטעראַרישע שוואַכקייטן אַריינגעפירט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פיל נייעס און פרישקייט. זיינע געשטאַלטן הויבן אָן צו זיין לעבעדיקע מענטשן, אויף וועלכע עס ווירקט די סביבה און אויך זיי ווירקן אויף זייער אַרום. דידראָ איז אויך

געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע אין זיין צייט קונסט=קריטיקער און ליטעראַטור=טעאָרעטיקער. ער האָט באַהויפּטעט פּונקט ווי שפּעטער די ראָמאַנטיקער, אַז דער געניע באַשטייט אין דעם ענטוזיאַזם, אין פּאַטאָס. באַהאַנדלענדיק דאָס וואָרט געניע אין דער ענציקלאָפּעדיע, צייכנט ער שוין אָן בולטע שטריכן פון שפּעטערדיקן ראָמאַנטיזם. זיין גרעסטער פאַרדינסט אָבער אַלס ליטעראַטור=טעאָרעטיקער איז זיין דרייסטע, צו יענער צייט, פאָדערונג צו לאָזן דעם מענטשלעכן געניע פריי זיך אַנטוויקלען. די שרייבערישע פערזענלעכקייט, לויט אים, קאָן אַנדערש זיך נישט געשטאַלטיקן, ווי זייענדיק „אומאָפּהענגיק“. אָן א שיעור האָט מען אויף דער דאָזיקער טעמע דעבאַטירט. אומאָפּהענגיק פון וואָס? — פרעגט מען. דער שרייבער לעבט דאָך נישט אין א ליידיקן רוים, איז געבונדן מיט מענטשן, מיט אינסטיטוציעס. ער קאָן דאָך נישט זיין גלייכגילטיק צום אַרום, מוז נעמען שטעלונג, זיך אַנגאַזשירן. אָן ספק, אַ ביישפּיל פון אַן אַקטיוו אַנגאַזשירטן שעפער איז טאַקע געווען דידראָ אַליין. א סברה, אַז אַנגאַזשירטקייט איז נישט אין סתירה מיט דער פרייהייט, וואָס דער באַרימטער פילאָזאָף=ענציקלאָפּעדיסט האָט געפאָדערט פאַרן שרייבער. אונטערשטרייכן דאַרף מען, אַז דער גרינדער פון דער ענציקלאָפּעדיע איז געווען דער שעפער, קאָן מען זאָגן, פון דער מאַטעריאַליסטישער עסטעטיק, דער באַגרינדער פון דער רעאַליסטישער קונסט. פאַר אים איז דער קוואַל און די אינספּיראַציע פאַר דער ליטעראַטור און פאַר דער גאַנצער קונסט די נאַטור. די אָבסערוואַציע פון דער רעאַליטעט איז, לויט אים, דאָס וועזנטלעכסטע פאַרן קינסטלער. ער זעט אָבער קיין שום סתירה נישט אין דעם, אַז דער קינסטלער זאָל זיין „אומאָפּהענגיק“, פאַרקערט.

דעם וואָגיקסטן ביישטייער צו דער ליטעראַטור האָט אָן ספק אַריינגעטראָגן דער פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוסאָ. „עמיל“, „ווידוי“ און דער עיקר „די נייע העלאָאיז“ האָבן געהאַט א גאָר גרויסן איינפלוס אויף שרייבער נישט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין פיל אַנדערע לענדער. „די נייע העלאָאיז“ האָט געשאַפן א דאַטע אין דער וועלט=ליטעראַטור. רוסאָ האָט ווי א שרייבער געהאַט א ווירקונג אויף אַזעלכע שרייבערישע פערזענלעכקייטן ווי הוגאָ, געטע, שילער, בייראָן און פיל אַנדערע. דער מחבר פון „סאָציאַלן טראַקטאַט“ און פיל אַנדערע פּאָליטישע און פילאָזאָפישע ווערק, האָט פּונקט ווי ער האָט זיך אויסגעטיילט צווישן די ענציקלאָפּעדיסטן=פילאָזאָפן, זיך אויך אויסגעטיילט צווישן די ענציקלאָפּעדיסטן=שרייבער. ס'איז באַקאַנט, אַז ער האָט שפּעטער נאָך זיין באַרימטן בריוו צו ד'האַ=

לעמבערן, אינגאנצן איבערגעריסן מיט דער ענציקלאָפּעדיע — ד'האלעמבער האָט שפּעטער אויך פאַרלאָזן די ענציקלאָפּעדיע. ס'האָט זיך נישט געהאנדלט פאַרשטייט זיך, בלויז אין א קאָנפליקט צווישן אים און ד'האלעמבערן, וועלכער האָט אין זיין ארטיקל אין דער ענציקלאָפּעדיע וועגן זשענעווע געראַטן די איינוווינער פון דער שווייצאַרישער הויפּטשטאָט אויפצובויען א טעאטער, קעגן וועלכן רוסאָ איז ארויסגעטראָטן מיט זיין באַריכמטער אָפּהאנדלונג „בריוו וועגן פאָרשטעלונגען“. רוסאָ איז אין זיין מהות געווען אַן אנדערער, ווי אלע איבעריקע ענציקלאָפּעדיסטן. די פילאָזאָפן פון „יאָרהונדערט פון די ליכטער“ האָבן געגלויבט אין כוח פון מענטשלעכן שכל און פּראָפּאגירט דעם פאָרשריט פון דער וויסנשאפט. רוסאָ דאַקעגן האָט איבערן שכל געשטעלט דאָס מענטשלעכע געפיל און באהויפּטעט, אז די וויסנשאפט און קונסט זענען א פּראָדוקט נישט פון מענטשלעכע מעלות, נאָר פון מענטשלעכע שלעכטע נייגונגען און פארטיפן זיי. שוין אין זיין ערשטער פילאָזאָפישער ארבעט האָט ער געשטעלט די טעזע, אז די ציוויליזאַציע פארדארבט די מענטשלעכע זיטן, האָט א נעגאַטיוון איינפלוס אויפן מענטש און דעריבער האָט ער געפּרעדיקט צוריקצוקערן זיך צו א לעבן אויפן שויס פון דער נאַטור. און דאָך האָט רוסאָ געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון דער מאָדערנער געזעלשאפט סיי אין פראנקרייך, סיי אויף דער גאנצער וועלט. דאָס האָט ער מיט זיין „סאָציאלן טראַקטאט“, מיט זיין „טראקטאט וועגן אומגלייכקייט“ און ענלעכע ווערק א קלאפּ געגעבן די אליינהערשאפט, געשטיצן די אנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע. דאָס איז א באווייז, אז אין א פילאָזאָפיע פון א געוויסער פּערזענלעכקייט מוז נישט אלץ זיין אָדער ווייס אָדער שוואַרץ, אַלץ אָנצונעמען ווי תורת משה, אָדער אלץ אָפּצוּוואַרפן, וואָס הערפירט דערצו, אז אָדער מען קאַנאָניזירט די פילאָזאָפיע, אָדער מען לייגט זי אריין אין חרם.

די ענציקלאָפּעדיסטן זענען געווען פילאָזאָפן אויך אַלס שרייבער. רוסאָ איז אויך אין זיינע ראָמאנען געווען א פילאָזאָף, אָבער דאָס איז די פילאָזאָפיע וועגן מענטשלעכן הארץ, וועגן דער מענטשלעכער נשמה. זיינע ראָמאנען זענען פונקט ווי זיינע פילאָזאָפישע טראקטאטן פול מיט ווידערשפּרוכן, געוויסע זיינע קאָנצעפּציעס, ווי צ.ב. אז זאָפיע דארף דערציגן ווערן אין אזא גייסט, כדי זי זאָל אַנטשפּרעכן עמילן, דאָס הייסט אויסשליסלעך דערצו, זי זאָל קאָנען זיין די פרוי, וועלכע גיט גליק דעם מאַן, זענען שוין צו יענער צייט פאר אויפגעקלערטע מענטשן געווען א לע=

כערלעכקייט. דאָך האָבן זיינע ראָמאַנען באאיינפלוסט די גאַנצע אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

וועגן זיין וויכטיקסטן ראָמאַן, „די נייע העלאָאיזע“ האָט מען אָפּטמאָל געשריבן, אַז ס'איז אַ מאָדעל פון אַ קלאַסישן, סענטימענטאַלן ראָמאַן. ס'איז אמת, אַז „די נייע העלאָאיזע“ איז דער פּראָטאָטיפּ פון סענטימענטאַלן ראָמאַן, אָבער נישט דאָס איז דאָס עיקרדיקע. שילדערנדיק די ליבע-טראַגעדיע פון די צוויי יונגע מענטשן, פון זשילי און סען פּרע, האָט רוסאָ געצילט אין די מנהגים פון פאָרן יונגע מענטשן לויט סאָציאַלע באַדינגונגען און געפּרעדיקט, אַז נאָר ליבע קאָן זיין די באַזע פון צוזאַמענלעבן. און ביי רוסאָ איז די ליבע — דערהויבנקייט, נשמה-זויבערקייט, אייביקייט. די ליבע איז ווי די נאַטור — אייביקע פּאָעזיע, זי איז געטלעך. און רוסאָס אייביק צאַפּלדיקע ליבע, די פּראַכט און פּאָעזיע פון דער נאַטור, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און פּאַסיע געשילדערט אין דעם ראָמאַן, האָבן אריינגעגאָסן פריש בלוט אין דער ליטעראַטור. אפילו „עמיל“, דער פּעדאַגאָגישער טראַקטאַט אין פאָרם פון אַ ראָמאַן, וואָס האָט זיך הויפּזעכלעך אָפּגערופן אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק, האָט אויך אריינגעבראַכט פיל פרישקייט, נאַטירלעכקייט אין דער שרייבערישער קונסט. מיט זיין „ווידוי“ האָט רוסאָ צוגעגרייט אַ וועג פאַרן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן, אין וועלכן דער מחבר איז אליין דער הויפּט-העלד. און זעלטן ווען האָט אַ שרייבער אַזוי אויפריכטיק דערציילט וועגן זיינע מעלות און חסרונות, אַזוי געעפנט פאַרן לייענער זיין צעווייטיקט האַרץ. אומעטום האָבן דאָמינירט די מענטשלעכע געפילן, אומעטום האָט הויך געקלונגען די שטימע פון האַרץ. אויב דידראָ האָט אלס ליטעראַטור-קריטיקער אָנגעוואָרפן די ערשטע בלאַסע שטריכן פון שפּעטערדיקן ראָמאַנטיזם, איז זשאַן זשאַק רוסאָ אלס שרייבער דער דירעקטער פאָרגייער פון די ראָמאַנטיקער.

די פיר שרייבער-פילאָזאָפן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאַנצער פּלעיאַדע שרייבער פון יענער עפּאָכע. די שרייבער פון „יאָרהונדערט פון די ליכטער“ זענען נישט אלע מאָל געווען גרויסע קינסטלער, זיי זענען אָבער געווען דענקער, נאָוואַטאָרן, רעפאָרמאַטאָרן, שעפער פון נייע ווערטן. דעם מענטש האָבן זיי גענומען ווי אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, קודם פון דעם שטאַנדפּונקט אינטערעסירט ער זיי. מיט זיין פּסיכיק האָבן זיי זיך ווייניקער אינטערעסירט. דערפאַר אָבער זענען זיי געווען שאַרפע אָב-

פערוואַטאָרן פון לעבן. זייער שרייבן — און אויך די גאַנצע ליטעראַטור — האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ מיסיע. דער ראָמאַן, דאָס ליד, די דראַמע און די קאָמעדיע האָבן זיי געדינט צו באַשטימטע צילן, צו דערהויבענע צילן.

*   *
*

די ענציקלאָפּעדיסטן סיי אַלס פילאָזאָפן, סיי אַלס שרייבער זענען געווען שטורמער, זיי האָבן געשטורעמט דעם מיטלאַלטער און באַפרייט דעם מענטשלעכן געדאַנק פון דער דאָגמע און דאָס מענטשלעכע האַרץ פון דער פאַלשער צניעות. אַ סך פון זייערע באַהויפּטונגען און קריטעריעס זענען דערפאָרמירט אָדער פאַרגעסן געוואָרן. נאָר היינט וואָלט מען פיל געקאָנט פון זיי לערנען.

1958

דער שפיגל פון פראַנצויזישן גײַ

„איך האָב די אונטערדריקונג מיט האָס אַ טיפן"

וויקטאָר הוגאָ

(צום הונדערטן פּטירה־טאָג)

א ריזיקער עולם האָט זיך פארזאמלט אויפן גאס, פארן הויז. מענטשן האָבן אויסגעשטרעקט די הענט צו די פענצטער, מיט באַגייסטערונג באַגריסט, געיובלט. אויפן באַלקאָן האָט זיך באַוויזן אן אלטער מאן מיט א גרייז-גרויען קאָפּ און ווייסער באָרד, מיט א פאטריאַרכאַליש-ביבלישן אויסזען. איבער זיין ברייט געזיכט האָט זיך צעגאָסן א ווארעמער, פּאָטערלעכער שמייכל. זיינע טיפע, גוטע אויגן האָבן געפינקלט מיט ליבשאפט, ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט איבער די קעפּ פון די פארזאמלטע, ווי ער האָלט זיי געבענטשט. די מענטשן האָבן מיט התלהבות אויסגעשריגן זייער טיפע ליבע און אכטונג צום גרויסן פאָלקס-טרובאדור און פאָלקס-טריבון.

צווישן עולם, וואָס איז דעם 26-טן פעברואר 1882 געקומען באַגריסן וויקטאָר הוגאָ צו זיין 80-יעריקן געבוירן-טאָג, האָט זיך אויך געפונען דער גרעסטער פראַנצויזישער סקולפּטאָר — אויגוסט ראָדען. זינט יענעם טאָג האָט דער קינסטלער נישט געקאָנט רוען, די געשטאַלט פון הוגאָ האָט אָנגעהויבן זיך איבערגיסן אין בראָנז און אָננעמען פארשידענע פאָרמען און אויסדרוקן. ראָדען האָט, ווי א שאָטן אָנגעהויבן נאָכגיין נאָכן באַליבטן שרייבער, כדי אויפצוכאַפּן דאָס עיקרדיקע. ער האָט געבעטן ביי הוגאָ דערלויבן אים איינצואָרדענען א פּראָוויזאָרישן ווארשטאט אויף זיין באַלקאָן, כדי צו קאָנען אים אָבסערווירן פון דער נאָענט — הוגאָ האָט אָפּגעזאָגט צו פּאָזירן — הויפּטזעכלעך בעת שמועסן, וואָס דער שרייבער האָט געפירט מיט זיינע באַזוכער און געסט.

אַזוי איז אַנטשטאַנען הוגאָס ביוסט-סטאַטוע און לויט איר שפּעטער זיין דענקמאָל, וואָס די היטלעריסטן האָבן געהאט בעת דער אָקופּאַציע

אראָפּגענומען. הוגאָ איז דאָ פאַרטיפט אין מחשבות. מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, געפורעמט אין גאָטישע ליניעס, מיט אַ שטערן אַ צעאַקערטן פון קנייטשן, איז די געשטאַלט פאַרזונקען אין טרוימערישקייט, אין אָנגעשטרענגטער, שעפערישער פאַרטראַכטקייט. דאָס האָט געזאָלט זיין די פאַרקערפערונג פון אייביקער דיכטונג. גלייכצייטיק אָבער איז דער קערפער אין באַוועגונג, די האָר אויפן קאָפּ זענען אויפגעשטעלט, ווי צעקעמט דורך אַ ווינט. די רעכטע האַנט האַלט אונטער דעם שווערן, איבערגעלאָדענעם קאָפּ, אָבער די לינקע האַנט איז מיט קראַמפּ אויסגעשטרעקט אין דער לופט.

בעסער האָט מען נישט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס עיקרדיקע ביי הוגאָ, ווי דאָס האָט געטאָן דער גרויסער סקולפטאָר.

אייביקע דיכטונג און באַוועגונג, טאַט; שעפערישע התבודדות און עמפינדלעכקייט אויף די שטורעם־ווינטן פון לעבן, אומאויפהערלעכע פאַרזונקנקייט אינעם שאַפונגס־פּראָצעס און שטענדיקע גרייטקייט צו רעאַגירן אויף געשעענישן. אויב דאָס זענען ווידערשפרוכן, איז וויקטאָר הוגאָ געווען פול מיט ווידערשפרוכן. ס'איז זעלטן צו געפינען אַ קינסטלער, אַ שעפער, וועלכער זאָל קאָנען צונויפפאָרן אין זיך אַזוי פיל אַקטיוויטעטן און אין וועלכן ס'זאָל זיך אַזוי אָרגאַניש צוזאַמענגיסן דער שטראָם פון זיין שאַפונג מיטן שטראָם פון לעבן. ס'איז אויך זעלטן צו געפינען אַ שרייבער, וועלכער זאָל זיין אַזוי אַלזייטיק, זאָל קאָנען שעפעריש צואייגענען זיך אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיקע געביטן, פאַרקערפערן זיין שאַפונגס־כוח אין אַזוי פיל פאַרשידענע זשאַנרן. „דאָס ווערק פון הוגאָ איז אַ גרויסער וואַלד“ — האָט געשריבן לואי אַראַגאָן. אַ וואַלד פון פאַרשידענע מינים ביימער.

וויקטאָר הוגאָ איז געווען אַ ראָמאַנען־שרייבער, אַ רעוואָלוציאָנערער דיכטער, אַ נאַציאָנאַלער דיכטער, אַ דיכטער־ליריקער, אַ דיכטער־עפּיקער, אַ דראַמאַטורג, אַ פּאַמפלעטיסט, אַ קריטיקער, אַ טעאָרעטיקער; ער האָט געשריבן היסטאָרישע ראָמאַנען און סאָציאַלע ראָמאַנען, ער האָט זיך אין זיין דיכטונג איבערגעטראָגן אין ווייטן נעכטן, צו די פאַרגאַנגענע דורות און טיף געשטעקט אין רוישנדיקן היינט מיט זיינע אַלע צאַפּלעניש און אויפטרייסלונגען. ער איז אין זיין שאַפונג געווען סיי היסטאָריקער, סיי סאָציאָלאָג, סיי סאַטיריקער, אָבער מער ווי אַלץ איז ער געווען אַ פּרעדיקער, אַ מאָראַליזאַטאָר אין בעסטן זין פון וואָרט, אַ גרויסער מענטשן־פריינד, וועלכער האָט געוויטיקט מיט אַלע ווייטיקן פון דער מענטשהייט און מיט אַלע כוחות און מיטלען געוואָלט די ווייטיקן לינדערן און היילן.

אפשר דערפאר איז דער גרעסטער פראנצויזישער דיכטער גלייכצייטיק געווען א פאָלקס=טריבון, א מלוכה=מאַן, א פּאָליטישער טוער, א שטענדיקער אַקטיווער קעמפער. נישט געווען קיין איין געשעעניש אין דער דעמאָלטיקער וועלט, צי דאָס זאָל זיין אין פראנקרייך, צי אויסער פראנקרייך, אויף וועלכער הוגאָ זאָל נישט רעאגירן, צי וועלכער הוגאָ זאָל נישט נעמען שטעלונג. ער איז פיל מאָל ארויסגעטראָטן קעגן די רוסישע צאַרן אין דער פארטיידיקונג פון די אונטערדריקטע פעלקער, גענומען אונטער זיינע שוץ=פליגלען דאָס פארקנעכטעטע דורך טערקיי גריכנלאַנד, פארטיידיקט איטאליע קעגן אירע באדריקער און געפאָדערט פאר איר אומאָפּהענגיקייט, ער האָט זיך געוואָנדן מיט ריירנדיקע אפּעלן צו דער וועלט קעגן דער קאָלאָניאלער אונטערדריקונג אין אפריקע און אזיע. דעם ראסיזם האָט ער באטראכט פאר א גרויסער פלאָג פון דער מענטשהייט. אויף זיין ביישפיל האָבן פיל שרייבער גענומען שטעלונג צו די דאָזיקע ברענענדיקע פּראָבלעמען. הוגאָ איז געווען א שפרודלדיקער קוואַל און א קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אַנדערע. ווי אַ לויפנדיקער וואַסער=שטראָם האָט ער אַלץ מיט זיך מיטגעריסן סיי אלס טאָג=טעגלעכער קעמפער, סיי אלס שרייבער=גאָוואַטאָר. אין 1849 קומט פאָר אין פאריז צום ערשטן מאָל אַן אינטערנאציאָנאלער קאָנגרעס פאר שלום. הוגאָ איז די נשמה און דאָס האַרץ פון צוזאמענפאָר.

די ברייטע אקטיוויטעט פון א פאָלקס=טריבון, פון א קעמפער אין וועלט=מאסשטאב איז געווען א קאָנסעקווענטע באגלייט=דערשיינונג פון זיין ברייטער=ליטעראַרישער שעפערישקייט, אין וועלכער ער האָט מיט אזוי פיל קראפט געבראכט צום אויסדרוק די אידעאלן פון יושר, פרייהייט און פעלקער=פריינדשאפט. ער האָט אמשטארקסטן אויסגעדריקט דעם טיפן הומאניטאריזם פון פראנצויזישן פאָלק, זיין שטענדיקן דראנג צו פרייהייט, זיין לעבהאפטע פאנטאזיע, זיין מוט און לעבנס=דינאמיק. לענין האָט געזאָגט וועגן לעוו טאָלסטאָי, אז ער איז געווען דער שפיגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע. וועגן וויקטאָר הוגאָ קאָן מען זאָגן, אז ער איז געווען דער שפיגל פון פראנצויזישן פאָלקס=גייסט.

*　　*

*

דאָס לעבן פון וויקטאָר הוגאָ האָט זיך געצויגן כמעט איבערן גאנצן 19=טן יאָרהונדערט. (געבוירן אין 1802, געשטאָרבן אין 1885). ווי א יונג

יינגל האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער אימפּעריע פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, ביי דער זייט פון זיין פאָטער דעם גענעראַל האָט ער געהאַט אַ מעגלעכ־קייט פון דער נאָענט צו זען דעם צופּלום און אָפּפּלום פון נאַפּאָלעאָנישן פּעריאָד און דערנאָך פון דער רעסטאַווראַציע־צייט. ער האָט איבערגע־לעבט אַלע דריי פראַנצויזישע רעוואָלוציעס — פון 1830, 1848, די פּאַ־ריזער קאָמונע — און די באַנאַפּאַרטיסטישע איבערקערעניש פון 1851 אַזוי איז זיין לאַנג לעבן זיך צונויפגעפאַלן מיט גרויסע היסטאָרישע גע־שעענישן; הוגאָ איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין פּאַסיווער אָבסער־וואַטאָר, קיין גלייכגילטיקער עדות, קיין שרייבער־רעגיסטראַטאָר, ווי ס׳האָט וועגן זיך געהאַט אויסגעדרוקט זיך באַלזאַק. ער וועט שפּעטער אין 1856 זאָגן אין זיין פּאָעטישן ציקל „באַטראַכטונגען”, אַז ער האָט זינט צוואַנציק יאָר געהאַט נאָר איין אידעע און איין פאַרלאַנג: „דינען דער מענטשהייט, פאַרטיידיקן די אָרעמע **און נויטבאַדערפטיקע**”.

*   *

*

במשך פון זיין לאַנגן און שטורמישן לעבן האָט וויקטאָר הוגאָ פיל אָנגעשריבן. זיין ווערק איז ברייט און פאַרשידנאַרטיק. נישט אַלץ איז פון זעלבן זשאַנר, אָבער אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן איז געווידמעט דעם פאָלק. זיינע הויפּט־העלדן זענען אָרעמע מענטשן, אומגליקלעכע, ליידנ־דיקע, פאַרפאָלגטע, דערנידעריקטע. וויקטאָר הוגאָ האָט געשאַפן דעם מאָדערנעם, סאָציאַלן ראָמאַן. אמת, סאָציאַלע ראָמאַנען האָבן געשריבן שוין פאַר אים אויזשען סי, זשאָרזש סאַנד, אויך אַנדערע האָבן אַריינגע־פירט סאָציאַלע מאָטיוון. זשאָרזש סאַנד האָט אָבער אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור בעיקר דאָס דאָרפישע פאָלק, דעם פויער, דעם בעל מלאכה און ווייזנדיק די אָרעמשאַפט האָט זי זיי אַרומגערינגלט מיט אַן אידילישער שויץ־וואַנט. ביי אויזשען סי דאַקעגן איז דאָס אָרעמע פאָלק אַ פאַרטעמפּ־טער המון — אויסער יחידים — אַן אָנמעכטיקע און רעזיגנירטע מאַסע, וואָס ווייסט נישט צוליב וואָס עס ליידט. ביי הוגאָ דאַקעגן איז דייטלעך אָנגעוויזן, ווו עס שטעקן די סאָציאַלע וואָרצלען פון דער נויט און דחקות. דערביי פאַרמאָגט דאָ דאָס פאָלק אַ מאָראַלישן כוח, עס איז שטאַרקער און דורכהאַפטיקער, ווי אַלע בייזע, צעשטערערישע כוחות. דער פאַר־משפּטער אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע זשאַן וואַלזשאַן איז נישט נאָר אַ

גבור אין פיזישן זין, נאָר אויך אין מאָראַלישן. דאָס גאסן־קינד, דער אומשטערבלעכער גאווראָש, וועלכער האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון דורות לייענער, זינגט אויף דער באריקאדע, ווען די קוילן פליען איבער זיין קאָפּ. די ארבעטער אויפן ים ווייזן זיך ארויס שטארקער, ווי דער צעשטורעמטער ים. דער גלאָקנקלינגער פון דער פאריזער קאַטעדרע זעט אונדז אויס צו זיין שטארקער, ווי די דיקע מויערן פון דער קאַטעדרע.

הוגאָ באהויכט מיט זיין מעכטיקן דיכטערישן אָטעם די באעוולטע און דערנידעריקטע מיט מוט און דערהויבנקייט. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין די טיפענישן פון מענטשלעכער נויט און געפאלנקייט, כדי מיט זיין גרויסער ליבע צו שטויסן די אָרעמע און באעוולטע צו ווידערשטאנד, און דער עיקר אויפצוהויבן זיי העכער איבער דער הארטער, רשעותדיקער און העסלעכער ווירקלעכקייט. — אָט דער צוגאנג זיינער האָט אגב דערפירט צו א קאָנפליקט צווישן אים און זאָלא.

וויקטאָר הוגאָ האָט זיך שטענדיק אנטציקט מיט זאָלאַס ביכער. ווען ס'איז אָבער אין 1877 דערשינען זאָלאַס בארימטער ראָמאַן „אין שטייג“, איז הוגאָ אויפגעבראכט געוואָרן אויף זיין יינגערן פריינד. אין א בריוו צו זאָלאַ האָט ער געשריבן: „דאָס איז א שלעכט בוך. ווי מיט פארגעניגן דעקט עס אָפּ די העסלעכע וווּנדן פון דער אָרעמשאפט און די נידערטרעכטיקייט, צו וועלכן מען שטופּט דעם אָרעמען מענטש... און זאָל מיר אלס ענטפער קיינער נישט געבן דעם ארגומענט, אז אזוי זעט דאָס אויס אין דער אמתן. איך ווייס דערפון, כ'האָב זיך אָנגעבויגן איבער אלע אומגליקן, אראָפּגענידערט צו די פארוואָרלאָזטע, אָבער איך וויל נישט מען זאָל מאַכן פון זיי א פאָרשטעלונג... כ'האָב זיך נישט געוואקלט צו ווייזן אין דעם „גבור אין קייטן“ די ליידן און די שאַנדע. פאר מיינע העלדן האָב איך אויסגעוויילט א קאטאָרגע־ארעסטאַנט און א גאסן־פרוי, אָבער געשריבן האָב איך דאָס בוך מיטן כסדרדיקן געדאנק זיי אויפצוהויבן פון דער געפאלנקייט... כ'האָב אראָפּגענידערט אין דער שווארצער נויט צוליב דעם, כדי זיי צו היילן; כ'בין דאָרט אריינגעדרונגען, ווי א מאָראַליסט, ווי א מעדיקער. מ'טאָר דאָרט נישט אריינגיין ווי א גלייכגילטיקער צושויער, אפילו ווען מען איז אן אינטערעסאנטער צושויער, קיינער האָט דערצו קיין רעכט נישט...“

למען האמת דארף מען זאָגן, אז הוגאָ איז אינגאנצן גערעכט נישט געווען אין באַצוג צו זאָלאַ, וועלכער איז אין דער מינדסטער מאָס נישט געווען קיין „גלייכגילטיקער צושויער“ און אגב איז אויך דער מחבר

פֿון „אין שטייג‟ איז זיין גאַנץ שאַפֿן געווען אַ מאָראַליסט און געצילט צו היילן די פֿאַרשטויסענע און געפֿאַלענע. דעם בריוו ציטירן מיר אָבער, כּדי צו ווייזן, ווי ווייט הוגאָ האָט געשטרעבט, אַריינפֿירנדיק דאָס פֿאָלק אין דער ליטעראַטור, צו דערהויבן עס. עס גייט דאָ אויך אין אַ באַשטימטער ליטעראַרישער קאָנצעפּציע, וועגן וועלכער ס'וועט ווייטער אַ רייד זיין.

הוגאָס גאַנצע שאַפֿונג איז געווען אַ קעמפֿערישע. און פֿאַר הוגאָ טאַקע פּאַסט זיך פּונקט אַזוי דאָס וואָרט „קעמפֿעריש‟, ווי „מאָראַליזאַטאָריש‟. הוגאָ איז געווען אַ קעמפֿער סיי אין זיינע שאַפֿונגען, סיי אין טאָגטעגלעכן לעבן. יעדעס בוך זיינס, יעדעס ליד, יעדע פּאָעמע איז געווען ווי אַ האַרמאַטן־שאָס געריכטעט קעגן עפּעס אַ סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, קעגן פּאָליטישער אונטערדריקונג, אָדער קעגן מיטלאַלטערלעכן פֿאַנאַטיזם, אָדער גאָר קעגן שאָוויניזם און ראַסיזם. הוגאָ דער פּאָליטישער מענטש האָט אויך צייטנווייז געהאַט מאָמענטן פֿון שוואַכקייטן. אין 1845, נאָכדעם, ווי ער איז שוין עטלעכע יאָר געווען אַ מיטגליד פֿון דער פֿראַנצויזישער אַקאַדעמיע, האָט ער אָנגענומען פֿון דער מאָנאַרכיסטישער רעגירונג אַ הויכן אַריסטאָקראַטישן טיטול. בעת דער רעוואָלוציע פֿון 1848 שטעלט ער זיך אָבער אויף דער זייט פֿון פֿאָלק קעגן דער זעלבער מאָנאַרכיסטישער רעגירונג. שפּעטער ווילט אים דאָס פּאַריזער פֿאָלק אויס אַלס זיין פֿאָרשטייער אין פּאַרלאַמענט. און ווען די רעאַקציאָנערע הערשער האָבן אין 1849 געוואָלט צונישט מאַכן די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטנדיקע שיכטן, האָט הוגאָ פֿון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע, ביי דער קעגנערשאַפֿט און פֿיינטשאַפֿט צו אים פֿון די דעפּוטאַטן דערקלערט:

„איך געהער נישט צו די, וועלכע האַלטן, אַז מען קאָן באַזייטיקן פֿון דער וועלט אַלע ליידן, ווייל ליידן איז אַ געטלעך געזעץ. איך געהער אָבער צו די, וועלכע מיינען און פּרעדיקן, אַז מען קאָן פֿאַרניכטן די נויט. איך זאָג נישט: פֿאַרקלענערן, לינדערן, באַגרענעצן, פֿאַרשמעלערן די נויט. איך זאָג: פֿאַרניכטן. אָרעמשאַפֿט און נויט איז אַ קרענק פֿון סאָציאַלן אָרגאַניזם, פּונקט אַזוי, ווי צרעת איז אַ קרענק פֿון מענטשלעכן לייב. די נויט קאָן אַזוי פֿאַרשווינדן, ווי ס'איז פֿאַרשוווּנדן די צרעת. ס'איז מעגלעך צו פֿאַרניכטן די נויט צווישן מענטשן. די געזעץ־געבער און די רעגירונג מוזן וועגן דעם אומאויפֿהערלעך טראַכטן, ווייל אַזוי לאַנג ווי אויף דעם געביט האָט מען נאָך אַלץ נישט געטאָן, וואָס מעגלעך, איז די אויפֿגאַבע נישט דערפֿילט‟.

אזעלכער איז הוגאָ אויך שטענדיק געווען אין זיין שאפונג, פאָדערנ־דיק סאָציאלע גערעכטיקייט, פרייהייט, אומאָפּהענגיקייט פאַר אונטער־דריקטע פעלקער, געמענדיק אין שוץ די פרוי, דאָס קינד, ארויסטרעטנדיק קעגן טויט־שטראָף. שוין אין 1828, ווען עס דערשיינט זיין צווייטע זאמלונג לידער — זיין ערשט ביכל דיכטונג איז דערשינען אין 1822 — פאָדערט ער אין זיין באקאנטן ליד „דאָס קינד", „פּולווער און קוילן" פאַר גריכנ־לאַנד, וואָס האָט דעמלט געקעמפט קעגן די טערקישע אונטערדריקער. די ערשטע און גרעסטע שלאַכט אָבער האָט הוגאָ דורכגעפירט אויפן ליטע־ראַרישן שלאַכטפעלד און דאָ האָט ער אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות.

* *
*

אין ערשטן פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן אויף דער ליטעראַ־רישער אַרענע אין פראַנקרייך צוזאַמענגעשטויסן זיך אַלטע און נייע לי־טעראַרישע שטרעמונגען. דאָס זענען געווען די יאָרן, ווען דער יונגער הוגאָ האָט זיך אַלע מאָל מער אַנטפּלעקט פאַר דער עפנטלעכקייט אלס א גאָט־געבענטשטער דיכטער — ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין עלטער פון 14 יאָר. דער אָנהויב 19־טער יאָרהונדערט האָט געבוירן צוויי נייע ליטעראַרי־שע ריכטונגען — אין סאַמע אָנהויב דעם ראָמאַנטיזם און שפּעטער, ערשט אין אָנהויב פון די 20־ציקער יאָרן האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט דער קריטישער רעאַליזם. דער יונגער הוגאָ איז ארויסגעשוווּמען מיטן שטראָם פון ראָמאַנטיזם. דער ראָמאַנטיזם אין פראַנקרייך איז אָבער ווייט נישט געווען קיין איינהייטלעכע שיטה. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך פאַרשידענע שטרעמונגען און ארויסגעשוווּמען איז הוגאָ מיט דער שטרעמונג, וואָס איז אין איר מהות געווען קאָנסערוואַטיוו און געטראָגן אין זיך די בענק־שאַפט צו די פאַרגאַנגענע, אָפּגעלעבטע צייטן און לעבנס־פאָרמען. דער־צויגן דורך זיין פרומער־קאַטוילישער מוטער, וועלכע האָט געלעבט אָפּגע־זונדערט פון איר מאַן דעם נאַפּאָלעאָנישן נאָכפאָלגער און איז געווען אַן אָנהענגערין פון א מאָנאַרכיע, איז הוגאָ אין זיין ערשטער יוגנט געווען א מאָנאַרכיסט.

דער אורשפּרונג פון דעם דאָזיקן ראָמאַנטיזם איז א פאַרשידענער. איינער פון זיינע ווייטע קוואַלן האָט געשטראָמט קעגן דעם ראַציאָנאַליזם אָדער געשטרעבט צו דעם ווידערגעבורט פון אַמאָליקן ריטערטום און קריסטלעכע עלעמענטן אין דער ליטעראַטור. ער איז אויך געקומען ווי א

רעאקציע קעגן די אידעאַלן פון 18=טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן גייסטיק און מאָראַליש צוגעגרייט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, הגם איינער פון די גייסטיקע פאָרשטייער פון יענער עפּאָכע און געמלעך זשאַן זשאַק רוסאָ האָט אין דער ליטעראַטור געלייגט דעם גרונט=שטיין פאַרן ראָמאַנטיזם. זיינע וואָרצלען האָבן אָבער אויך טיף געשטעקט אין 19=טן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַן אויסדרוק פון דער דעמלטיקער ירידה און פאַרלוירנקייט. די צייטן פון רעוואָלוציאָנערע אויפשטייגן זענען פון לאַנג פאַרביי. דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס פון דער יונגער בורזשואַזיע איז פון לאַנג געהאַט פאַרשוווּנדן. די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט שווערע פאָלגן און אַנטוישונגען. האָבן שרייבער אָנגעהויבן אַנטלויפן פון דער שווערער ווירקלעכקייט, ווענדן די אויגן צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, זוכן באַגייסטערונג פאַר זייער שאַפונג און מוסטערן פאַר זייערע העלדן אין פאַרגאַנגענע צייטן און אין אַלטע ציוויליזאַציעס, אַרויסהייבן דאָס עקזאָטישע און פּרימיטיווע, באַזינגען אַלטערטימלעכע חורבות. דער היסטאָרישער ראָמאַן, די היסטאָרישע פּאָעמע און די ליריק האָבן געפונען אַ גוטן באָדן. דער קאָנסערוואַטיווער ראָמאַנטיזם איז אין אַ געוויסער צייט אויסגעוואַקסן אין פראַנקרייך צו אַ פירנדיקער ריכטונג. זיינע אָנהענגער, ווי לאַמאַרטין, אַלפרעד דע ווינִי, נאָדיע און אַנדערע האָבן זיך געזאַמלט אין אַ ליטעראַרישן סאַלאָן, וווּ זיי פלעגן פירן דיסקוסיעס און באַגרינדן זייערע ליטעראַרישע קאָנצעפּציעס. דער הויפּט=פאָרשטייער פון יענעם ראָמאַנטיזם איז געווען פראַנסואַ רענע דע שאַטאָבריאַן (1768—1848), וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סיי מיט זיינע טעאָרעטישע פאָרמולירונגען, סיי מיט זיינע ווערק. זיין באַרימטע נאָוועלע „רענע“, אין וועלכער ער ברענגט אַרויס דעם פאַרלוירענעם אומנוצלעכן מענטש, אַ יונגן העלד, וועלכער אַנטלויפט, אַ געפּלאָגטער פון שטענדיקן ליידן, ווייט אין די אור=וועלדער צווישן פּרימיטיווע איינוווינער פון צפון=אַמעריקע, האָט אין יענער צייט געהאַט אַ היפּשן איינפלוס אויף די ראָמאַנטישע שרייבער.

אָט דעם ראָמאַנטיזם האָט וויקטאָר הוגאָ דער ראָמאַנטיקער דערקלערט אַן אמתע מלחמה. הוגאָ האָט פּראָקלאַמירט — און קודם כל עס דורכגעפירט אין זיינע ווערק — אַז דער שרייבער טאָר נישט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, אַז די העלדן פון ביכער טאָרן נישט זיין קיין מענטשן, וועלכע ווייסן נישט פאַרוואָס און צוליב וואָס זיי ליידן, נאָר מענטשן לעבעדיקע, גענומען פון פאָלק און וועלכע דריקן אויס די געפילן

און אַספּיראַציעס פון פאָלק. צילנדיק קעגן קאָנסערוואַטיוון ראָמאַנטיזם, האָט הוגאָ אויך געצילט קעגן קלאַסיציזם, וועלכער האָט נאָך צו יענער צייט געהאַט פולשטענדיק באַהערשט די בינע. דאָס פראַנצויזישע טעאַטער, וואָס איז געווען אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה איז באַשטאַנען בלויז פון דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע", געגרינדעט נאָך אין 1680. די עלטסטע און אַמאייגסטן אַנערקענטע בינע איז געווען דער אויסשליסלעכער טעמפּל פון קלאַסישע ווערק, קיין שום אַנדערע זענען נישט צוגעלאָזן געוואָרן. הוגאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט געווינענדיק די בינע, וועט דער נצחון פון ראָמאַנטיזם קיינמאָל נישט זיין קיין פולשטענדיקער. אפשר דערפאַר האָט דער יונגער דיכטער, וועמענס שעפערישע פאַנטאַזיע האָט שוין קאָנסטרואירט מאָנומענטאַלע היסטאָרישע ראָמאַנען, זיך גענומען קודם צו דראַמאַטורגיע.

אין 1827 דערשיינט זיין ערשטע דראַמע, געשריבן אין פערזן — „קראָמוועל". די פּיעסע איז בכיוון געשריבן אַזוי, אַז זי רייסט איבער מיט אַלע קאָנוועַנצן פון דער ביז איצטיקער, קלאַסישער דראַמאַטורגיע. אין אריינפיר צו דער דראַמע האָט דער מחבר טעאָרעטיש באַהויפּטעט און פאָרמולירט די יסודות פון אַ באַנייטער דראַמאַטורגיע און די דאָזיקע פאָרמולאַטן זענען געוואָרן דער מאַניפעסט פון נייעם ראָמאַנטיזם; טעאָפיל גאָטיע שרייבט אין דער „געשיכטע פון ראָמאַנטיזם", אַז „דער אריינפיר צו „קראָמוועל" האָט אויפגעלויכטן פאַר אונדזערע אויגן, ווי די עשרת הדברות אויפן בארג סיני".

דער פאַרגלייך זאָגט פיל. און וואָס איז אָבער באַשטאַנען דאָס לויכטנדיקע ליכט?

דערמאָנען וועלן מיר נאָר אייניקע פּאָסטולאַטן פון מאַניפעסט, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין מאָסגעבנד נישט נאָר פאַר דער דראַמאַטורגיע, נאָר פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור.

לויט הוגאָ, ווי ער האָט דאָס פאָרמולירט אין דער אויבנדערמאָנטער הקדמה, איז די אויפגאַבע פון דער דראַמאַטורגיע — און אויך פון דער גאַנצער ליטעראַטור — אַרויסצוברענגען דאָס רעאַלע, דאָס עיקרדיקע פון דער רעאַליטעט, דאָס אַמאייגסטן וועזנטלעכע און כאַראַקטעריסטישע, און עס געשטאַלטיקן אין געדעמפּטע, קאָלאָריסטישע בילדער ביז איבערגעטריבנקייט, אָבער קיינמאָל נישט פאָטאָגראַפיש-נאַטוראַליסטיש, נאָר פאַרקערט, אין אַ באַשטימטער באַלויכטונג. ווייזן דאַרף מען דעם טיפן אינ-

האַלט פון די אַרויסגעבראַכטע געשעענישן און קאָנפליקטן. וואָס שייך דער דראַמע, מוז זי געבויט זיין אויף אַ געשיכטלעכן פּאָן.

דאָס וויכטיקסטע, לויט הוגאָ, איז פאַרן שרייבער צו פאַרשטיין, אַז דער הויפּט־שטריך פון דער ווירקלעכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס דערהויבענע און דאָס גראָטעסקע געפינען זיך אין שכנות. — און אונטערן וואָרט גראָטעסק נעמט ער אַרונטער אַ ברייטע קאַטעגאָריע אייגנשאַפטן, אָנהויבנדיק פון פיזישער העסלעכקייט, ביז מאָראַלישער געפאַלנקייט, לעכערלעכקייט, טפשות און רשעות. דער מחבר פון „קראָמוועל" באַהויפּטעט, אַז אין לעבן, סיי היינט, סיי אין אַלע צייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, באַגלייט שטענדיק דאָס גראָטעסקע ווי אַ שאָטן דאָס נאָבעלע און דערהויבענע.

די דראַמע — ווי אויך די גאַנצע ליטעראַטור — מוז אַרויסברענגען דעם קאָלאָריט פון אָרט און צייט. די קלאַסישע טראַגעדיע האָט געוויזן דעם „אייביקן מענטש", אָפּגעטיילט פון זיין לאַנד, פון באַשטימטע באַדינגונגען און קלימאַט, אין דער צייט ווען דעם מענטש קאָן מען קענען און פאַרשטיין נאָר אין די קאָנקרעטע אומשטענדן.

כדי זיך נישט אַריינצולאָזן אין לאַנגע טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען, באַגרענעצן מיר זיך בלויז צו אייניקע קאַרגע מאָמענטן, אָבער פון דעם אויבן ציטירטן איז שוין קלאָר, אַז הוגאָ איז געווען אַ שטורמער אין דער ליטעראַטור און געשטורעמט האָט ער סיי קעגן די קאָנווענצן פון קלאַסיציזם, סיי קעגן דעם קאָנסערוואַטיזם פון די ראָמאַנטיקער. ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער אין זיין נייער קאָנצעפּציע, האָט אַריינגעבראַכט אין ראָמאַנטיזם טיפן הומאַניטאַריזם, שעפערישן אומרו און דער עיקר פרייען גייסט. לויט הוגאָס דעפיניציע איז „ראָמאַנטיזם נישט עפּעס אַנדערש ווי ליבעראַליזם אין דער קונסט", טאָלעראַנץ אויף אַלע געביטן פון שאַפונג. אין באַגייסטן ראָמאַנטיזם האָבן די שעפער, פאַרבונדענע מיטן פאָלק, קודם געדאַרפט אָפּשפּיגלען זיינע נויטן און האָפענונגען, די נייע קונסט האָט געדאַרפט איבעררייסן מיט אַלע אַלטע פאָרמולן און שאַבלאָנען, וואָס באַגרענעצן איר אַנטוויקלונג. אַזוי אַרום האָט הוגאָ דאָס פּנים פון ראָמאַנטיזם, וואָס איז פאַרקוקט געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אויסגעדרייט צו דער קעגנוואַרט און צוקונפט.

* *

*

דער ראָמאַנטיזם אין הוגאָס נייער פאָרמולירונג האָט געעפנט ברייטע האָריזאָנטן פאַרן שרייבער און פאַר דער ליטעראַטור, אַריינגעבלאָזן אין דער שרייבערישער קונסט אַ פרישן, שטאַרקן אָטעם. אָבער אונטערשטרייכן דאַרף מען, אַז ער האָט גלייכצייטיק אין אַ געוויסער מאָס פאַרנעפּלט דאָס רעאַליסטישע, קינסטלערישע בילד, צייטנווייז דעפאָרמירט דאָס אויטענטישע. אין דעם פּרט האָט ער זיך אַממייסטן אונטערשיידט פון קריטישן רעאַליזם. די רעאַליסטן און די ראָמאַנטיקער פון הוגאָס שניט האָבן כמעט געהאַט די זעלבע באַציִונג צו דער דעמלטיקער ווירקלעכקייט. די רעאַליסטן — ס'מיינט די שרייבער פון קריטישן רעאַליזם — האָבן אָבער אַרויסגעבראַכט די רעאַליטעט אַזוי ווי זי איז. נאָכמער: זיי האָבן זי פאַרטיפט, אַנאַליזירנדיק זי אַלזייטיק, שאַפנדיק טיף־פּסיכאָלאָגישע פּאָרטרעטן און געשטעלט דאָס אַלץ אין ליכט פון קריטיק. די ראָמאַנטיקער דאַקעגן האָט געצויגן דאָס נישט געוויינלעכע און אין דער ערשטער ריי דאָס דערהויבענע, דאָס נאָבעלע. אַוודאי האָבן זיי נאָך מער אַראָפּגענידערט אין דער טיף פון מענטשלעכער געפאַלנקייט און אין רשעות און געלאָזט הערן דעם פּראָטעסט קעגן אַלע עוולות און אומגערעכטיקייטן. ביי די ראָמאַנטיקער, זי מיר וועלן דאָס זען ביי הוגאָ, זיגט אָבער שטענדיק דאָס נאָבעלע; דער העלד מיטן גרויסן האַרץ און ריינעם געוויסן גייט אַרויס אַ מאָראַלישער זיגערישער פון יעדן גרויסן נסיון. מ'האָט זיי דערפאַר פאָרגעוואָרפן, אַז דער מענטש איז טײלמאָל ביי זיי אַזוי, ווי ער וואָלט באַדאַרפט צו זיין און נישט אַזוי ווי ער איז — איבערהויפּט ביי די נאָכפאָלגער, אַז די רעאַליטעט איז טײלמאָל אַזוי, ווי זיי ווילן זי זאָל זיין, כדי דורכצופירן זייערע אַ טעזע — אין דעם פּרט זענען צו זיי ענלעך געוויסע היינטיקע פאָרשטייער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ווי ס'זאָל נישט זיין האָבן זיי אָבער געשאַפן ברייטע, קאָלירפולע לייוונטן פון לעבן און צאַפּלדיק־לעבעדיקע, אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן.

ווי שוין געזאָגט, האָבן די ראָמאַנטיקער מיט הוגאָ אין דער שפּיץ געקעמפט צו דעראָבערן די בינע. ערשט דריי יאָר נאָכן דערשיינען פון „קראָמוועל“ אין 1830, איז אין דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע“ אויפגעפירט געוואָרן הוגאָס דראַמע „הערנאַני“. צו דער פּרעמיערע האָבן זיך הוגאָס אָנהענגער מאָביליזירט, ווי צו אַ מלחמה. פּאַראַלעל צו דער בינע האָט זיך אַ צווייטער ספּעקטאַקל אָפּגעשפּילט אויפן זאַל, וועלכער איז פאַרטײלט געווען אין הוגאָס אָנהענגער און קעגנער. די ראָמאַנטיקער זענען געקומען ווי אַ שטורעם־אָפּטיילונג און פאַרנומען זייערע ערטער אין די נאָכ-

מיטאָג=שעהן. זיי האָבן געהאט זייערע לאָזונגען, האָבן זיך אפילו אויסגע=
מיילט אין זייער קליידונג, אין דער פריזור. — טעאָפיל גאָטיע האָט צו דער
פּרעמיערע אָנגעטאָן א רויטן, אַטלאַסענעם ראָק (געוויסע היסטאָריקער
באהויפּטן אז אַ רויט וועסטל). די שלאַכט איז געווען געוווּנען. מיטן אויפ=
פירן פון „הערנאני“ האָט געזיגט א נייע שטרעמונג אין דער פראנצויזי=
שער ליטעראטור, וועמענס אינספּיראטאָר און באגייסטערער עס איז געווען
וויקטאָר הוגאָ.

גישט אָן א גרונט האָט די דעמלטיקע פּרעסע פאָרגעוואָרפן הוגאָ, אז
אין דעם טומל ארום ראָמאַנטיזם האָט ער פּאָליטישע אויסרעכענונגען.
הערנאני שטייט אויף קעגן קעניג און זיין בלוטיקער הערשאפט, ער וויל
זיך אָפּרעכענען פארן טויט פון זיין פאָטער. הערנאני, דער פירער פון א
וואלד=באנדע, וועלכער גייט אָן פאר א באנדיט, פארמאָגט א גרויס הארץ
און א זויבערע נשמה. אלע, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט
פון „הערנאני“, אויף דער זייט פון הוגאָ, האָבן אויסגעדריקט זייער קע=
גנערשאפט קעגן אליינהערשאפט פון די קעניגן, קעגן די ברוטאלע געזעצן
און אלע באגרענעצונגען פון דער פרייהייט. הוגאָ איז גוט פארשטאנען גע=
וואָרן סיי דורך זיינע אָנהענגער, סיי דורך זיינע קעגנער, און דעריבער האָבן
זיי מיט אזא פארביסנקייט געקעמפט צווישן זיך — הוגאָס א יונגער אָנ=
הענגער איז אפילו אומגעקומען אין טולוז, אין א דועל, פארטיידנדיק
„הערנאני“.

פרייהייט אין דער קונסט האָט אויך באדייט פאר הוגאָ פרייהייט
אין לעבן, דער קאמף קעגן באגרענעצונגען און קעגן אָנגעוואָרפענע שא=
בלאָנען פארן שרייבער, האָט אויך באדייט א קאמף קעגן פּאָליציייאישן
ווילקיר און יעטוועדער באגרענעצונג פון מענטשנס פרייהייט. הוגאָ האָט
פארשטאנען, אז מען טיילט נישט אָפּ די פּראָבלעמען פון קונסט פון
דער פּאָליטיק, אז מען ווארפט אָן דער קונסט די זעלבע טענדענצן,
וועלכע הערשן אין דער פּאָליטיק. און פארקערט, דער קאמף פונעם שריי=
בער פאר א פרייען, קינסטלערישן אויסדרוק, האָט פאר אים באדייט גלייכ=
צייטיק א קאמף קעגן פּאָליטישער אונטערדריקונג.

אין אלע זיינע דראמעס, אין וועלכע ער האָט איבערגעריסן מיט אלטע
שאבלאָנען, צילט ער מיט זיין קינסטלעריש וואָרט אין די פארדאָרבענע
קעניגלעכע הערשער און זייערע צעפוילטע אינסטיטוציעס. אין דער דרא=
מע צ. ב. „דער קעניג וויילט זיך“ ווייזט ער מיט קראפט די פוסטקייט,

געמיינקייט, אויסגעלאַסנקייט פון קעניגלעכן הויף. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער אָנגריף אויפן גאַנצן מאָנאַרכיסטישן סיסטעם. די פּיעסע איז מיטן גלייך גאָכדעם ווי מען האָט זי אָנגעהויבן צו שפּילן אין 1832, אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער בינע. אומעטום טרעט דאָס אונטערדריקטע פאָלק אַרויס ווי אַ באַשולדיקער, דער באַעוולטער און דערנידעריקטער מענטש דערשיינט ווי אַ מאָראַלישער ריכטער. דער דינער רי בלאַס פון דער דראַמע מיטן זעלבן נאָמען זאָגט צו זיין באַלעבאָס דעם אַריסטאָקראַט דאָן סאַליסט, „איך טראָג קליידער פון אַ דינער, אָבער איר האָט אַ נשמה פון אַ דינער“. „רי בלאַס“ און אַלע אַנדערע הוגאָס דראַמעס — זענען אינגיכן פולשטענדיק פאַרבאָטן געוואָרן. דער מחבר גופא ווערט דערנאָך געפערלעך פאַר די דעמאָלטיקע הערשער. נאָך דעם מלוכה־אַטענטאַט פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטי אין 1851, קעגן וועלכן הוגאָ איז אָפן אַרויסגעטראָטן, רופנדיק דאָס פאָלק צו ווידערשטאַנד, איז געקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן דעם גרעסטן פראַנצויזישן שרייבער. הוגאָ אַנטלויפט פון פראַנקרייך, פאַרבלייבט אַ שטיקל צייט אין בעלגיע און פאָרט פון דאַנען אָפּ אויפן ענגלישן אינדזל זשערסעי, וו ער קאָן זיך אויך נישט באַזעצן אויף קיין לענגערע צייט, ווייל די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט פון אינדזל דערשרעקט זיך פאַר זיין אַקטיוויטעט — די פראַנצויזישע פּאָליציי האָט געהאַלטן דאָס אויג אויף אים. דער גרויסער שרייבער טראָגט זיך דאַן איבער אויפן אינדזל גערנעסי און בלייבט אויף פאַרטרייבונג קרוב 20 יאָר, במשך פון וועלכע ער האָט געשאַפן זיינע גרעסטע ווערק.

אַ פאַרטריבענער פון זיין לאַנד, אַ נאָכגעשפּיאָנירטער פון דער געהיים־פּאָליציי, פאָלגט ער ווייטער נאָך אַלץ וואָס קומט פאָר אין פראַנקרייך, דעמאַסקירט און שטעמפּלט פאַר דער עפנטלעכקייט דעם דיקטאַטאָרישן הערשער; נאָך זייענדיק אין בריסל האָט ער קעגן אים פאַרפאַסט זיין באַקאַנטן פּאַמפלעט אונטערן פיל זאָגנדיקן טיטל „נאַפּאָלעאָן דער קליינער“, וואָס האָט קורסירט אין פראַנקרייך געהיים פון האַנט צו האַנט, ער דעקט ווייטער אויף דעם אַטענטאַט קעגן פאָלק און שרייבט „די געשיכטע פון אַ פאַרברעכן“. עס קומט באַלד דערנאָך זיין זאַמלונג סאַטירישע דיכטונג „שטראָף“ — די 19 פּאָעמעס פון אַן אויסערסט שטאַרקן דיכטערישן און מאָראַלישן פּאַטאָס עפענען אַ נייעם פּעריאָד אין זיין שאַפונג. הוגאָ טרעט אַרויס ווי אַ פּרעדיקער, אַ לערער, אַ וועגווייזער פון פעלקער. היינט ווען די ליטעראַטור פאַרלירט פיל פון דער שליחות און מיסיע, וואָס זי איז

אייגנטלעך שטענדיק געווען, קאָנען אזעלכע באצייכענונגען אויסזען באָמבאסטיש. זיי זענען אָבער צוגעפּאסט אין באצוג צו הוגאָ, וועלכער האָט דעם שרייבער באטראכט פאר א שליח־צבור, אויף וועמען עס ליגט א גרויסע אחריות פאַר זיין פאָלק, פאַר דער וועלט. אין אונדזער יאָרהונדערט איז דער מין שרייבער כמעט ווי פארשוואונדן — גאָרקי, ראָמען ראָלאַן זענען אפשר געווען צווישן די לעצטע מאָהיקאנער. וויקטאָר הוגאָ האָט אומאויפהערלעך געהאַלטן וואַך זיין עמפינדלעך אויער אויף אַלע עוולות און פארברעכנס, וואָס זענען ערגעץ־ווו באגאַנגען געוואָרן.

אין איינזאמער אויפן ענגלישן אינדזל, ווו פראנצויזישע געהיים־אגענטן האָבן אים כסדר געהאלטן אויפן אויג — פאראן וועגן דעם א סך אינטערעסאנטע מאטעריאלן — האָט ער נישט אויפגעהערט מיטצולעבן מיט אלע געשעענישן און רעאגירן אויף זיי. זיינע אפּעלן טראָגן זיך איבער דער גאנצער וועלט. אין 1859 האָט ער אויפגעטרייסלט דאָס וועלט־געוויסן מיט זיינע שטורמישע פּראָטעסטן קעגן דעם פארמישפּטן צום טויט דעם אמעריקאנער נעגער דזשאָן בראון. אין זעלבן יאָר האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער דערקלערט אן אמנעסטיע און הוגאָ האָט געקאָנט פריי זיך אומקערן אין זיי לאנד. ער האָט אָבער אָפּגעזאָגט צו געניסן פון דער גנאָד. איידער ער האָט פארלאָזן פראנקרייך האָט ער געהאט געזאָגט „כ'וויל בעסער דאָס געזעץ זאָל געבראָכן ווערן קעגן מיר, ווי דורך מיר“. איצט האָט ער דערקלערט:

„... די לאגע אין וועלכער עס געפינט זיך פראנקרייך פארפליכטעט מיר צו זיין נישט נאָכגיביק, אומבויגזאַם, אומאויפהערלעך צו פּראָטעסטירן. טריי מיינע פארפליכטונגען, וואָס כ'האָב גענומען לגבי מיין איינגענעם געוויסן, וועל איך ביזן סוף טיילן דעם גורל פון דער פארטריבענער פרייהייט. כ'וועל צוריקקומען ווען די פרייהייט וועט צוריקקומען“.

* *
*

די פראנצויזישע ליטעראטור פון 19־טן יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס מיטן גרויסן אויפשטייג פון ראָמאן אין וועלכן דאָס לעבן פון פאָלק, די סאָציאלע פארהעלטענישן, די פּאָליטישע באדינגונגען און איבערקערענישן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט מיט דער גאנצער קראפט. דער ראָמאַנען־שרייבער האָט נישט נאָר געצייכנט די נשמה פון מענטש, נאָר אויך די נשמה פון

דער צייט, דעם גייסט און קאָלאָריט פון דער צייט. די דעמלטיקע היינטצייטיקייט אין ראָמאַן האָט געשפרודלט מיט די געשעענישן, געאָטעמט מיט דער געשיכטע אין גאַנג. דער ברייטער עפישער לייוונט איז צייטנווייז געווען בעלעטריזירטע געשיכטע פון שרייבערס צייט, אפשר דערפאַר, וואָס דער שרייבער איז מער געווען געבונדן מיט זיין צייט. אין אונדזערע טעג איז פאַראַן א טענדענץ צו באַפרייען די היינטצייטיקייט אין דער ליטעראַטור פון געשיכטלעכן הינטערגרונט, פונקט ווי דער שרייבער וואָלט מיד געווען אָדער קיין געדולד נישט געהאַט נאָכצופאָלגן די היינטיקע געשעענישן.

הוגאָ איז געווען, ווי שוין געזאָגט, א קינד פון זיין יאָרהונדערט און מיט אלע געוועבן פון זיין גרויס הארץ געבונדן געווען מיט אלע קאָנוולסיעס און שטרעמונגען פון זיין עפאָכע. אין זיין מהות איז דער גרויסער שרייבער געווען א דיכטער. צו זיין גרויסן רום אָבער איז הוגאָ דערגאַנגען מיט זיינע ראָמאַנען, הגם ביז היינטיקן טאָג שטעלן נאָך געוויסע ליטעראַטור-קענער זיין דיכטונג אין אויבנאָן פון זיין שאַפונג. אין זיינע ראָמאַנען פונקט ווי אין זיינע דראַמעס, צו וועלכע ער האָט זיך נאָך שפעטער אומגעקערט, ווי אין אלע אנדערע זשאַנרן פון זיין שאַפונג, איז ער געגאַנגען מיטן וועג פון דורך אים באַנייטן ראָמאַנטיזם. הוגאָ איז זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן סיי קינסטלעריש, סיי אידעאיש איינהייטלעך פעסט, ווי א פעלז. דער ראָמאַנטיקער האָט אין זיין גאַנץ ווערק פאַרפאָלגט איינעם און דעם זעלבן ציל: מענטשן-דערלייזונג.

דריי פון זיינע הויפט-ראָמאַנען — „די פאַריזער קאַטעדרע“, „דער גבור אין קייטן“, „די ים-אַרבעטער“ שאַפן ווי א סינטעזע פון דאָזיקן ציל, ווי דער גרויסער שרייבער האָט אליין געהאַט דערמאָנט. דער ערשטער ראָמאַן איז די פלאָג פון פאַנאַטיזם און פאָראורטיילן, פון וועלכע מען דאַרף באַפרייען דעם מענטש, דער צווייטער די פלאָג פון נויט, סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונג, וועלכע מען מוז באַזייטיקן, דער דריטער שפיגלט אָפ דעם געראַנגל פון מענטש מיט די ברוטאַלע נאַטור-כוחות, וועלכע דער מענטשלעכער גייסט איז בכוח גובר צו זיין. די דריי ראָמאַנען זענען דערשינען אין פאַרשידענע צייטן און באַדינגונגען, זיי בילדן אָבער א מין קינסטלערישע און אידעישע גאַנצקייט.

„די פאַריזער קאַטעדרע“, הוגאָס ערשטער היסטאָרישער ראָמאַן, וואָס איז דערשינען אין 1831 און שטעלט פאָר דאָס מיטלאַלטערלעכע פאַריז פון 15-טן יאָרהונדערט, האָט מען שטענדיק קודם כל אָפגעשאַצט פון

שטאַנדפּונקט פון דער היסטאָרישער וויזיע, פון דער געניאַלער קינסטלע־
רישער שילדערונג, מיט וועלכע דורות לייענער האָבן זיך אנטציקט. דאָס
איז טאַקע אַן אומפארגלייכלעכע סוגעסטיווע וויזיע פונעם מיטלאַלטער־
לעכן גלאַנץ און מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש. דער היסטאָרישער ראָ־
מאַן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פאַרן ראָמאַנטיזם, דערגרייכט
דאָ זיין אַפּאָטעאָז אינעם פּיטאָרעסקן, אין די קאָנטראַסטן פון שיינעם און
מאָנסטרועלן, אינעם טראַגיזם פון די צוויי פאָלקס־העלדן,דעם קריפּל קוואַ־
זימאָדאָ און דער יונגער וואַנדערער־זינגערין עסמעראַלדאַ. צי האָט מען
אָבער גענוג אונטערגעשטראָכן, אז דאָס הויפּטזעכלעכע דאָ איז דער מעכ־
טיקער פּראָטעסט קעגן פאַנאַטיזם, קעגן רשעות, רציחה? דער שטומער
פּראָטעסט שרייט דאָ ממש אַרויס פון יעדן ווינקעלע פון דער קאַטעדרע
איבער וועלכע קוואַזימאָדאָ האָט געטראָטן, פון די שטיינער פון גאַס, איבער
וועלכע מ'האָט געשלעפּט די פאַרמשפּטע עסמעראַלדאַ.

דרייסיק יאָר שפּעטער, ווען הוגאָ איז זינט 10 יאָר געווען אויף פאַר־
טרייבונג, איז דערשינען „דער גבור אין קייטן“, וואָס וועט אין 1962 אַלט
ווערן הונדערט יאָר און וואָס איז געוואָרן דאָס אַממייַנסטן באַקאַנטע און
געלייענטע בוך אויף דער וועלט. דריי צענדליק יאָר האָט דער גרויסער
דיכטער געטראָגן אין זיך דעם דאָזיקן ראָמאַן. דער פּראָטאָטיפּ פון זשאַן
וואַלזשאַן איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ באַפרייטער קאַטאָרגע־אַרעסטאַנט
און שוין אין 1830 האָט הוגאָ געזאַמלט אינפאָרמאַציעס וועגן אים. די
ברייטע עפּאָפּייע פון פאָלקס־לעבן, די עפּאָפּייע פון נויט אין דער קווער־
שניט פון אַן עפּאָכע איז אין דער אמתן דער טיפּישער גרויסער ראָמאַן,
וואָס איז טאַקע אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן 19־טן יאָרהונדערט. דאָך
טיילט זיך „דער גבור אין קייטן“ שטאַרק אויס מיט זיין אַנדערשקייט. און
דאָס נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ סאָציאַלער ראָמאַן פון אַ נייעם
מין. זיכער איז אין יענער צייט ניי געווען דער אופן פון דערגרונטעווען זיך
צו די סאָציאַלע וואָרצלען פון אָרעמשאַפט, דער אופן פון מאָלן דאָ די נויט,
וואָס האָט געפירט דעם גוטמוטיקן, ערלעכן גערטנער זשאַן־וואַלזשאַן צו
גנבענען פאַר זיין שוועסטערס הונגעריקע קינדער אַ לעבל ברויט און גע־
שטויסן די אומגליקלעכע פאַנטין צו פאַרקויפן איר קערפּער, כדי צו שפּייזן
איר קינד. אויף זיין אייגענעם, נייעם אופן ווייזט אויך הוגאָ די רעכטלאָזי־
קייט און עוולות לגבי דער אָרעמער פרוי און די הפקרות לגבי דעם פאַר־
וואָרלאָזטן קינד, אָדער נאָר די שווערע הולאת פון תפיסה־שטראָף מיטן
אוממענטשלעכן קאַטאָרגע־סיסטעם, וואָס ער האָט שוין אגב געהאַט באַ־

ריוט און געשטעמפּלט אין 1834, אין זיין ראָמאַן „דער בעטלער קלאָד“. דאָס אַנדערשטיקע באַשטייט אָבער דער עיקר אין נאָך עפּעס. די נשמה־זויבערקייט, די דערהויבנקייט און גוטסקייט פון די פאַרשטויסענע און לייַדנדיקע זענען שטאַרקער ווי זייער גוף, ווי די באַגאַנגענע לגבי זיי עוולות, די נאָבלקייט באַזיגט אפילו דעם האַס צו די אונטערדריקער און פאַרפאָלגער. זשאַן וואַלזשאַן, דער קרבן פון אַלע אומרעכטן און ווילקירן וויל נישט נקמה נעמען אפילו אינעם נידערטרעכטיקן אַגענט זשאַווער, וועלכער האָט אים דאָס גאַנצע לעבן פאַרפאָלגט. ווען ער באַגעגנט אים ביי דער באַריקאַדע און האָט אַ געלעגנהייט זיך מיט אים אָפּרעכענען פאַר אַלע זיינע אומגליקן, שענקט ער אים דאָס לעבן. זשאַן וואַלזשאַן איז די פאַרקערפּערונג פון פאָלק, דאָס נאָבעלע לעבט אַלזאָ אין דער נשמה, אין האַרץ פון פאָלק. הוגאָ האָט טיף געגלויבט אין נצחון פון גוטן איבערן שלעכטס און דערפאַר נייען אַרויס זיינע פאָלקס־העלדן טראָץ אַלע זייערע ליידן מאָראַליש־זיגעריש.

— דער שרייבער קאָן, אַלזאָ, געבן הויך קינסטלערישע געשטאַלטיקונגען, שאַפן גענויאַלע ווזיעס, אידעאַליזירנדיק זיינע געשטאַלטן — וועט מען מאַכן דעם אויספיר: הוגאָ איז דאָך אַ באַווייז, אַז די ליטעראַטור קאָן און דאַרף נישט סתם אָפּשפּיגלען, נאָר פורעמען דאָס לעבן. ריכטן עס אין אַ באַשטימטער ריכטונג, ווייזן דעם מענטש אין זיין דערהויבנקייט, יום־טובדיקייט און נישט אין זיין גרויער וואָכעדיקייט, אָדער גאָר אין זיין יאוש און פאַרלוירנקייט.

אָבער הוגאָ האָט, דערהויבנדיק זיינע פאָלקס־העלדן, געוויזן גלייכצייטיק זייער טראַגיזם, זייערע ראַנגלענישן, זייער פאַרלוירנקייט און געבראַכט צום אויסדרוק זייער רעוואָלט און פּראָטעסט, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ער איז דעמאַסקאַטאָריש און נעבן זשאַן וואַלזשאַן, גאַוראָש פאַנטין זענען אויך פאַראַן זשאַווער, טענאַרדיע און אַנדערע פאַרדאָרבענע מענטשן. און דער גאַנצער ראָמאַן איז איין גרויסער וויי־געשריי, אַ פּראָטעסט קעגן ברוטאַליטעט, נויט און אומגערעכטיקייטן. הוגאָ האָט געגלויבט אין כוח פון דער מענטשלעכער מאָראַל, אין דער עטיק. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין שום סאָציאַלן פאָרשריט אָן עטישן פאָרשריט. ער האָט געגלויבט, אַז די מאָראַלישע ווערטן וועלן אויך העלפן בייקומען סאָציאַלע פּלאָגן. אויב מען האָט עמעצן שטאַרק ליב גלויבט מען אין אים. הוגאָ האָט מיט זיין גאַנץ הייס האַרץ ליב געהאַט דעם מענטש און ער האָט געגלויבט אין אים, אין זיין מאָראַלישער שטאַנדהאַפטיקייט.

מיטן זעלבן גלויבן אין מענטש, אין זיינע גייסטיקע און מאָראַלישע כוחות, איז באַהויכט דער ראָמאַן „די ים־אַרבעטער“. גרויזאַם און דראָענ־דיק זענען די ברוטאַלע, אומבאַצווינגענע כוחות פון דער נאַטור, גרויזאַם איז אין זיין ספּאָנטאַנישן אויפברויז דער ים. אָבער דער פּשוטער פּישער זשיליאַט האָט מיט פּרימיטיווע מיטלען, מיט זיין געזונטן שׂכל און מיט דעם כּוח פון זיין ווילן בייגעקומען די צעווילדעטע ים־כוואַליעס און די מאָנסטרועלע ים־חיות. נאָכן נצחון איבערן ים, האַלט זשיליאַט אָפּ אַ נצחון איבער זיך גופא, כּדי גליקלעך צו מאַכן דערישעט, וועלכע האָט געליבט אַן אַנדערן. זשיליאַט שטאַרבט, אָבער ער האָט פריער אָפּגעהאַלטן גרויסע נצחונות, און אויב ער איז זיך מקריב, איז דאָס פאַרן קאָנקרעטן גליק פון אַ מענטש, פון דער פרוי, וועלכער ער ליבט. איז דאָס רעאַל? הוגאָ האָט גע־גלויבט, אַז זשיליאַט איז פעאיק צו אַזאַ קרבן, ער האָט אים ליב געהאַט און געגלויבט אין אים, אין זיין הויכער מאָראַל.

די אַלע מאָמענטן האָבן זיך דערנאָך ווי קאָנדענסירט אין היסטאָריש־ראָמאַן „דער מענטש, וועלכער לאַכט“ (1869). דאָס איז אַ קינסטלערישע און אידעישע קווינטעסענץ, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. סיי דער ראָמאַנטיזם מיט זיין גישט געוויינלעכקייט, מיט זיינע קאָנטראַסטן פון שיינקייט און העסלעכקייט, פאַרדאָרבנקייט און נאָבלקייט, און סיי דער פּראָטעסט קעגן גרויסן בייז איז דאָ אַמשאַרפסטן געקומען צום אויסדרוק. ענגלאַנד פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט האָט הוגאָ געגעבן אַ גאָר ברייטע קאַנווע צו שפּינען אַזאַ ראָמאַן. זיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע און זיין צילבאַוווסטזיניקייט האָבן דאָ געקאָנט שוועבן פריי. הוגאָ האָט אויך פאַרשרייבונג געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערגרונטעווען זיך צו דער פאַר־דאָרבנקייט און די פאַרברעכנס פון ענגלישן קעניגלעכן הויף און איר אַרי־סטאָקראַטיע. בולטע שפּורן פון דער ענגלישער פעאָדאַלער הערשאַפט האָט ער נאָך געפונען בעת זיין אויפהאַלט אויף די ענגלישע אינדזלען. געווויסע מנהגים און געזעצן זענען דערגאַנגען ביז לעכערלעכקייט, אָבער זיי זענען פאַרבליבן אין קראַפט. אַזוי צום ביישפּיל האָט וויקטאָר הוגאָ, וווינענדיק אויפן אינדזל גערנסי, געמוזט צאָלן דער ענגלישער קעניגין אַ יערלעכן שטייער, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין מיטלאַלטער און איז באַשטאַ־נען אין צוויי הינער...

די בלוטיקע הערשאַפט פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָבן דעם גרויסן שרייבער אָנגערעגט צו שאַפן אַ היסטאָרישן ראָמאַן נישט נאָר וועגן ענגלאַנד און נישט נאָר אַ ראָ־

מאן וועגן פארגאַנגענע צייטן. „דער מענטש, וועלכער לאַכט“ איז געווען אין הוגאָס צייטן — און אויך נאָך היינט צו טאָג — א היינטצייטיקער ראָמאַן. דער היסטאָרישער פרעסק מיט זיינע קאָשמאַרע געמעלן און טיפע אמתן איז געמאָלן ווי אין ליכט פון דער קעגנוואַרט. זיכער זענען גווינפּליין, זיין אפּוטרופּוס דער אלטער צירק־וואנדערער און דאָס יונגע בלינדע מיידל אויסערסט אידעאַליזירט. מען קאָן פאָרוואַרפן הוגאָן, אז ער האָט זיי קרעאירט נישט רעאַל מיט זייער נישט געוויינלעכער נאָבלקייט, קלוגשאפט. מ'קאָן אָבער זיי באַטראַכטן ווי סימבאָלן, ווי דאָפּלטע סימבאָלן. גווינפּליין זאָגט דאָך אליין וועגן זיך, אז ער איז א סימבאָל. דער מענטש מיט זיין שוידערלעך געזיכט, וואָס איז צעקרומט אין א גרימאַסע פון שטענדיקן געלעכטער, ווייל דער קעניג האָט אים אלס צוויי־יעריק קינד פארקויפט צו ספּעציעלע קינדער־הענדלער, וועלכע האָבן דורכגעפירט איבער זיין געזיכט אַן אָפּעראַציע, כדי אים צו פארוואַנדלען אין א מאַסקע פון א ליץ, וואָס זאָל ווייַלן, איז קודם א סימבאָל פונעם באַרויבטן פון אלע רעכטן מענטש, די פארקערפּערונג פון א גאַנצער צעטראָטענער, באַשפּיגענער, דערנידעריקטער מענטשהייט — פון אלע צייטן און פון אַלע ערטער. „דער געלעכטער מיינער דריקט אויס אַן אלגעמיינעם אומגליק. דער דאָזיקער געלעכטער איז דאָס זעלבע, וואָס האַס, דאָס איז אַן אויפגעצוואונגן שווייגן, כעס, יאוש... איך בין א סימבאָל... קעגן גאַנצן מענטשלעכן מין איז מען באַגאַנגען די זעלבע פארברעכנס, ווי קעגן מיר. מ'האָט דעפאָרמירט די געזעצן, דעם יושר, דעם אמת, דעם געדאַנק, דעם שכל, פונקט ווי מ'האָט מיר דעפאָרמירט די אויגן, די נאָז, דאָס מויל...“ — זאָגט גווינפּליין.

אין „מענטש, וועלכער לאַכט“ איז הוגאָס ראָמאַנטישער גאוניע דערגאַנגען צו דער העכסטער שלימותדיקייט. ער האָט דאָ באַוויזן, אז דורך דער גראָטעסקע קאָן דער קינסטלער ארויסברענגען דעם גרעסטן מאָראַלישן פּאַטאָס, מאַכן אויפרייסן ווולקאַנען מיט רעוואָלט און פּראָטעסט. זיין קינסטלערישער מעטאָד צו האַנדלען דורך דער גראָטעסקע, וואָס ער האָט אָנגעוואַנדן אין ערשטן היסטאָרישן ראָמאַן „פּאַריזער קאַטעדראַלע“ איז דאָ געקרעפּטיקט געוואָרן דורך דער אידעישער רייפקייט פון שרייבער. גווינפּליין שטייגט ווייט אריבער קוואַזימאָדאָ, וועלכער, איז דער סימבאָל פון דעם דורך דער פעאָדאַלער מאַכט צעטראָטענעם פאָלק, אָבער וועקט מיט זיין טיפן טראַגיזם בלויז רחמנות און פּראָטעסט. דער מענטש וועמענס פּנים עס איז געצוואונגען צו לאַכן איז א שופט, ער זאָגט אָן דעם קומענדיקן משפּט: „איך קום אייך אָנזאָגן: דער מענטשלעכער מין עקזי־

כמירט“ — זאָגט ער צו די לאָרדן נאָכדעם, ווי זיין טראַגישע לעבנס־געשיכטע האָט זיך אויפגעקלערט און מען ברענגט אים צופירן אין לאָרדן־הויז. „... איך קום, כדי צו באַשולדיקן אייך פאַר אייער אייגן גליק. אייער גליק איז געבויט פון אלע אומגליקן פון אַנדערע מענטשן. איר באַזיצט אַלץ, אָבער דאָס קומט פון דעם, וואָס אַלע אַנדערע באַזיצן גאָרנישט. מיינע לאָרדן, כ׳בין דער אַדוואָקאַט פון יאוש און פאַרטיידיק איצט אַ פאַרשפּילטע זאַך. אָבער גאָט וועט זי געווינען. איך בין נאָר אַ שטימע, דאָס מענטשלעכע מין איז דאָס מויל און איך בין זיין געשריי. הערט מיך אויס! אָט עפן איך פאַר אייך, ענגלישע אַריסטאָקראַטן, די גרויסע פאַרזאַמלונג פון פאָלק, וואָס איז מעכטיק, אָבער פאַרשקלאַפט, וואָס איז פאַרמשפּט, אָבער איז גלייכצייטיק אַ שופט. איך ברעך מיך אונטער דער משא, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן....“

דער מענטש, וועלכער איז געצוווּנגען געווען צו לאַכן, ווען זיין האַרץ איז איבערגעפולט געווען מיט אומעט, ווייטיק און צאָרן, האָט פאַרקערפּערט אין זיך די שענסטע האָפענונגען און אַספּיראַציעס פון אַלע הוגאָס פאָלקס־העלדן. ער האָט אויך אויסגעדריקט, ווי ס׳איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, דעם שרייבערס האָפענונגען און שטרעבונגען, ער איז אויך פונקט ווי דער שרייבער דעמאָקראַטיש, שטראָפעריש, וויזיאָנעריש: „די היינטיקע געזעלשאַפט איז אַ שלעכטע, אַ פאַלשע, ס׳וועט קומען אַ טאָג פון אַ בעסערער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און דעמאָלט וועלן נישט זיין קיין הויכגעשטעלטע הערן, ס׳וועלן זיין פרייע, אַקטיווע מענטשן. ס׳וועט מער נישט זיין קיין חיהשקייט, דערנידערונג, פינצטערניש, ס׳וועלן נישט זיין קיין מענטשן שלעפּ־חיות, ס׳וועלן נישט זיין קיין הויף־לייט און באַדינער, ס׳וועלן מער נישט זיין קיין קעניגן — ס׳וועט אויפגיין אַ העל ליכט“.

* *
*

וויקטאָר הוגאָ ווי אַ סך אַנדערע פראַנצויזישע שרייבער פון יענער צייט, איז געווען אונטער דער ווירקונג פון סאָציאַליזם פון סען סימאָן און פוריע. ער האָט אָבער די סאָציאַלע וויזיע שטענדיק געמאָלן אויף דער פאָן פון אייגענע גרויסע עטישע ווערטן. דער געניאַלער שרייבער און גרויסער מענטשן־פריינד האָט נישט געזען קיין אַנדער וועג צו מענטשן־דערלייזונג, ווי דעם, וואָס פירט דורך הויכע מאָראַלישע ווערטן און אינערלעכער פער־

פעקציאָנירונג פון מענטש. מיט דער דאָזיקער איבערצייגונג, מיט וועלכער ס'איז אגב דורכגעדרונגען זיין גאנץ ווערק, האָט ער געשאפן זיין לעצטן היסטאָרישן ראָמאן, „דאָס יאָר 93“, וואָס איז דערשינען אין 1878, און וואָס איז היינט נישט ווייניקער אקטועל — אויב נישט מער — ווי „דער מענטש, וועלכער לאכט“. דאָ האָבן מיר פאר זיך די גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציע, דעם אויפשטאַנד אין וואנדע, די יאָרן פון טעראָר. הוגאָ האָט געזען און אפגעשאצט די באדייטונג פון דער רעוואָלוציע, אָבער ער האָט קאטעגאָריש אָפּגעוואָרפן אירע אנטיהומאניטארע מעטאָדן. סימורדען און גאָווען שטייען אין שפיץ פון אַן עקספעדיציע, וואָס דארף דערשטיקן דעם אנטירעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד אין וואנדע. דער יונגער קאָמענדאנט גאָווען, גערירט פון דעם, וואָס דער אָנפירער פון די אויפשטענדלער האָט, איינשטעלנדיק דאָס לעבן געראטעוועט פון פייער דריי קינדער, באפרייט אים פון תפיסה און שענקט אים אזוי ארום דאָס לעבן. סימורדען, וועלכער איז געווען זיין לערער און אים ליב געהאט ווי א פאָטער, פארמשפט אים דערפאר צום טויט. ווען ער דערהערט דעם סקריפּ פון דער גילאָטינע אי־בער גאָווענס האלדז, שיסט ער זיך אליין אריין א קויל אין קאָפּ. ס'איז קאָנטיק, אז הוגאָ איז אויף דער זייט פון גאָווען און נישט סימורדען.

* *

*

וויקטאָר הוגאָ האָט נישט נאָר אין זיינע ראָמאנען, נאָר אויך אין זיינע דיכטערישע שאפונגען זיך איבערגעטראָגן אין דער גאָענטער און ווייטער פארגאנגענהייט, געלאָזט זיך וואנדערן צווישן פעלקער און קולטורן און סינטעטיזירט דאָס אלץ אין ליכטיקע צוקונפט־וויזיעס. הוגאָס ווערק איז טיף דורכגעדרונגען נישט נאָר מיט הומאניטאריזם, נאָר אויך מיט הומא־ניזם, מיט יענער איינהייטלעכער וועלט־אנשויאונג, וואָס איז אין דער צייט פון רענעסאנס באזירט געווען אויף אלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור. פונקט ווי די גרויסע שעפער פון רענעסאנס, ווי לעאָנארדאָ דא ווינטשי, קאָפּערניק און ענלעכע אלזייטיקע גייסטער, איז הוגאָ געבונדן געווען מיט דער אוניווערסאלער קולטור, נאָכגעפאָלגט איר אנטוויקלונג און געגלויבט אין אירע א מיסיע. אין פיל פון זיינע דיכטערישע שאפונגען האָט ער ממש געפאָרשט פארשידענע קולטור־דערשיינונגען, איבערגעבנ־דיק זיי אונדז אין בילדער און אין פאָעטישע וויזיעס. די קרוין פון דעם מין

דיכטונג זיינער איז זיין ווערק אין דריי בענדער „די לעגענדע פון דורות“, אויף וועלכן הוגאָ האָט געאַרבעט צוויי און צוואַנציק יאָר. אין דעם דאָזיקן מערקווירדיקן דיכטערישן ווערק, אין וועלכן די פערזן ברויזן ממש מיט דינאַמיק און פּלאַסטישע בילדער און וועגן וועלכן לואי אַראַגאָן האָט געשריבן, אַז קיין שום פראַנצויזישער פערז קאָן זיך נאָך מיט זיי נישט פאַרגלייכן, שטעלט הוגאָ פאָר די אַנטוויקלונג פון עטישע ווערטן און אידעאַלן, אָנהויבנדיק פון ווייטן אַלטערטום ביז זיין צייט, ווי אַ כסדרדיקן געשיכטלעכן גאַנג פאָרויס צו ליכט, צו מענטשלעכן גליק. דער גרויסער וויזיאָנער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ סך קרובהשעם מיט די אַלטע נביאים: זיין וואָרט איז געווען שטראָפעריש, פול מיט פּראָטעסט און רעוואָלט און גלייכצייטיק פול מיט ליכטיקער וויזיע. אַזעלכער איז ער אויך געווען אין זיין גאַנצער רייכער דיכטערישער שאַפונג, וואָס נויטיקט זיך אין אַ באַזונדערער אָפּשאַצונג. — זי באַשטייט פון פיל פאַרשידנאַרטיקע, ברייטע ציקלען — מזרח־לידער, „הערבסט־בלעטער“, „די געזאַנגען פון דעמערונג“, „די שטימען פון האַרץ“, „די שטראַלן און די שאָטנס“, „שטראָף“, „באַטראַכטונגען“, „די לידער פון גאַסן און וועלדער“, „דאָס שרעקלעכע יאָר“, „די קונסט צו זיין אַ זיידע“, „די פיר ווינטן פון גייסט“, „די גאַנצע לירע“. ס׳איז צו באַוווּנדערן די ברייטקייט פון דער טעמאַטיק, קיין שום מענטשלעכע זאַך איז דעם דיכטער נישט פרעמד געווען און אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געלאָזט הערן די שטים פון געוויסן.

וויקטאָר הוגאָ איז, ווי געזאָגט שוין, געווען קודם אַ דיכטער, הגם אין די רייפסטע יאָרן פון זיין שעפערישן לעבן האָט דאָמינירט דער ראָמאַן. ער האָט אָנגעהויבן מיט דיכטונג — מיט אָדעס, געשריבן אין קלאַסישער פאָרם און מיט באַלאַדן — און האָט פאַרענדיקט מיט דיכטונג. יעדער לאַנד האָט זיין גרויטן דיכטער. דאָס אַלטע גריכנלאַנד האָט געהאַט האָמערן, איטאַליע — דאַנטען, רוסלאַנד האָט געבוירן פּושקינען, ענגלאַנד האָט געגעבן דער וועלט שעקספּירן און פראַנקרייך — וויקטאָר הוגאָ. (אגב, אויב ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן שעקספּיר, איז כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז הוגאָ אין זיין פאַרערונג צו אים האָט אָנגעשריבן אַ גרויס קריטיש ווערק „וויליאַם שעקספּיר“ און באַטראַכט האָט ער דעם גרעסטן ענגלישן שרייבער פאַרן גוטן מלאך פון פראַנצויזישן ראָמאַנטיזם).

* *

*

צי איז ריכטיק, אז עס זענען פאראן עפּאָכעס, וועלכע געבוירן גע־ניאַלע שרייבער — צי אנדערע גרויסע מענטשן — און עפּאָכעס, וועלכע גיבן אזעלכע נישט ארויס? הונדערט מאָל האָט מען געשטעלט די דאָזיקע פראגע און קיין ענדגילטיקער ענטפער איז דערויף נישטאָ. א סברה, אז יעדע עפּאָכע האָט אירע אייגענע באגריפן און אָפּשאצונגען וועגן גרויס־קייט.

ווי זעט אויס וויקטאָר הוגאָ אין די אויגן פון אונדזער צייט?

ס'וואָלט אינטערעסאנט געווען, אז ליטעראַרישע אויסגאבעס זאָלן אמאָל דורכפירן אנקעטעס וועגן איינפלוס פון גרויסע פריערדיקע שרייבער אויף זייערע היינטיקע קאָלעגן און וועגן דער פאראינטערעסירונג מיט זיי מצד דעם היינטיקן לייענער. אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקו־פאציע האָט מען אין פראנקרייך פיל געלייענט הוגאָ. אין די „מאַקיס" און אין אלע באהעלטענישן האָבן די „אונטערערדישע סאָלדאַטן" מיטגע־נומען הוגאָס דיכטונג. מ'האָט מיר דערציילט פון פאלן, ווען פראנצויזישע קעמפער זענען געגאנגען צום טויט מיט הוגאָס לידער אויף די ליפּן. היינט דאַקעגן, אויב מ'וואָלט דורכגעפירט, אזא אנקעטע, וואָלט זי אפשר אויסגעפאלן ווייניקער גינסטיק פאר הוגאָ. מיר לעבן דאָך אין א צייט פון „ריינעם" אינטעלעקטואליזם. אלץ איז אינטעלעקטואליזירט — די מאָלעריי, די סקולפּטור, דאָס טעאַטער, די ליטעראַטור, מיט איין וואָרט די גאַנצע קונסט, פון וועלכער מ'וואָלט געוואָלט אַרויסרייסן דאָס האַרץ.

הוגאָ איז קודם הארץ, געוויסן, עטישע ווערטן, די זאָרג פאר דער ריינקייט פון דער מאָראל. „הוגאָ איז פארעלטערט, מען פארטראָגט היינט נישט קיין סענטימענטאַליזם" — האָט מיר פארזיכערט א 20־יעריקער, אינטעליגענטער יונגערמאַן. די יוגנט איז פאסצינירט פון אַטאָם, קאָס־מאָס, פון די רעוואָלאַציעס פון דער וויסנשאפט. דאָס הארץ ווערט נישט גאַלוואַניזירט אין דער גלייכער מאָס ווי דער מוח. דער מענטש אנטוויקלט זיך היינט איינזייטיק.

ס'איז מסתמא אי א צייכן אי א רעזולטאַט פון אונדזער צעטרייסל־טער צייט, פונקט ווי די אבסטראַקטע קונסט איז א צייכן פון דער איצטי־קער עפּאָכע. אָן עפּאָכע גייט אָבער פארביי און אָפּטמאָל פארשווינדן מיט איר צוזאַמען א סך זאכן, וועלכע זי האָט געבוירן. הוגאָ וועט נישט פאר־שווינדן, פונקט ווי דאַנטע און שעקספּיר.

אויף די שפּורן פֿון „מאַדאַם באָוואַרי“

(צו די הונדערט יאָר נאָכן פּראָצעס קעגן גוסטאַוו פֿלאָבער)

דאָ גישט לאַנג איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט דאָס אימפּעריאַלע געריכט אין פֿראַנקרייך האָט געמשפּט דעם באַרימטן שרייבער גוסטאַוו פֿלאָבער פֿאַר זיין מאָנומענטאַל ווערק „מאַדאַם באָוואַרי“. צוזאַמען מיטן פּראָצעס איז אויך „מאַדאַם באָוואַרי“ אַלט געוואָרן הונדערט יאָר, ווייל דאָס ווערק איז נאָר וואָס געהאַט אַראָפּ פֿון דער פּעדער און האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו דערשיינען אין בוך-פֿאָרם.

* *
*

8 טעג איז גוסטאַוו פֿלאָבער צוזאַמען מיטן הויפּט-רעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל „רעווי דע פּאַרי“, אין וועלכן „מאַדאַם באָוואַרי“ האָט זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט, געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק. צווישן פּראָקוראָר און פֿלאָבערס פֿאַרטיידיקער איז פֿאָרגעקומען אַן אמתער דועל. דער באַשולדיקער האָט ציטירט גאַנצע שטעלן פֿונעם בוך, כּדי צו באַווייזן זיין אויסערסט גרויסע „שעדלעכקייט“ און כּדי צו פֿאַרמשפּטן דעם מחבר.

מיט וואָס האָבן גוסטאַוו פֿלאָבער און זיין געמשפּט בוך זיך אַזוי שטאַרק פֿאַרזינדיקט אין די אויגן פֿון די דעמאָלטדיקע היטער פֿון דער אָרדענונג?

פֿלאָבער איז קיין רעוואָלוציאָנערער שרייבער נישט געווען. די סאָציאַליסטישע אָנשויונגען האָבן איבער אים קיין שליטה נישט געהאַט און אין די רעוואָלוציאָנערע אויפֿברויזן, מיט וועלכע פֿראַנקרייך האָט צו יענער צייט געפֿיבערט, האָט ער קיין אָנטייל נישט גענומען. אין קעגנזאַץ צו פֿיל פֿון זיינע מיטצייטלער, ווי סטענדאַל, וויקטאָר הוגאָ, זשאָרזש סאַנד, זאָלאַ,

האָט ער זיך צום אַקטיוון עפנטלעכן לעבן קיינמאָל נישט דערנעענטערט. פאַרקערט, דער טאַלאַנטירטער שרייבער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַזעלכן, וואָס איז שטענדיק געווען „פארמאכט אין א העלפאנטביין־טורעם“. פאר אַזעלכן האָט ער זיך אויך אַליין געהאַלטן. זיין קעגנערשאַפט צו יעטוועדער רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש איז באַקאַנט געווען, ער האָט דאָס אי־בעריקנס שפּעטער אַרויסגעבראַכט אין זיין ראָמאַן „סענטימענטאַלע דער־ציִונג“, אין וועלכער ער שפּיגלט אָפּ די רעוואָלוציע פון 1848. אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן (זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער כירורג אין רואַן, וו פלאָבער איז אין 1821 געבוירן געוואָרן), איז ער קיינמאָל אָפּיציעל פון זיין סביבה נישט אַוועקגעגאַנגען. און אפשר איז אין דעם באַשטאַנען יין דראַמע. וואָס ווייסן אָבער צעגזאָרן וועגן מענטשלעכע דראַמעס? זיי האָבן געוווסט איין זאַך און געמלעך, אַז זיי דאַרפן פאַרמשפּטן און פאַר־באָטן אַ בוך, ווען נישט געמען עס האָט נישט אַנטשפּראָכן דעם הערשנדיקן שטייגער און די אָנגענומענע איינשטעלונגען. לאָמיר זיך אָבער פריער אַ ביסל באַקענען מיטן מחבר פון געמשפּטן בוך.

פלאָבער איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט, ער איז שטענדיק באַהערשט געווען פון פעסימיזם, אומעט. מעגלעך, אַז איינע פון די סיבות פון זיין אומעטיק לעבן איז טאַקע געווען דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אַריבערשפּרייזן די גרענעץ פון זיין בירגערלעכער סביבה, וואָס האָט אים געדריקט און געשטיקט. פלאָבער האָט דאָס געוווסט און געווען לגבי זיך נישט ווייניקער שטרענג, ווי לגבי זיינע העלדן. אין זיין אויפריכטיקייט האָט ער אין איינעם פון זיינע בריוו צו זשאָרזש סאַנד געשריבן: „איך אַ געהיימנישפול וועזן, טייערער מייסטער? וואָס פאַראַ איינפאַל! איך באַטראַכט זיך פאַר אַ דורכשניטלעכן מענטש ביז עקלדי־קייט און צייטנווייז בין איך דערדריקט פונעם קליינבירגער, וועלכער לעבט אונטער מיין הויט“. האָבן מיר אַ ברירה נישט מסכים צו זיין מיט זיין שאַרפער קריטיק איבער זיך אַליין, אָבער, אַז דער קליינבירגער האָט קענן זיין ווילן געלעבט אונטער זיין הויט, איז זיכער אמת געווען. מיט אַלע פעדים איז ער געווען געבונדן מיט זיין סביבה און זיין קלאַס.

דאָס אַלץ האָט זיך אָן ספק שטאַרק אָפּגערופן אויף זיינע ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען. אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור האָבן דעמלט געבלאָזן שטורעם־ווינטן. עס האָבן זיך געקרייצט און צונויפגעשטויסן פאַרשידענע ליטעראַרישע שטרעמונגען: דער קלאַסישער ראָמאַנטיזם, וועמענס פאָנען־טרעגער עס זענען געווען שאַטאָבריאַן און גאָטיע, האָט אי־

בערגעלעבט זיין שקיעה. וויקטאָר הוגאָס קאַמף פאַר אַריינבלאָזן אין ראָמאַנטיזם אַ נייעם, לעבעדיקן אינהאַלט, איז שוין לאַנג געקרוינט געווען מיט דערפאָלג. דער דעוויז פון הוגאָס רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם, אַז נישט פון אַלטע חורבות פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פון די לעבעדיקע פאָלקס־קוואַלן דאַרף דער שרייבער שעפּן זיין יניקה, איז אָבער לאַנג צום יונגן פלאָבער נישט דערגאַנגען, הגם הוגאָ דער קינסטלער איז שטענדיק געווען פאַר אים ממש אַ גאָט. אים האָבן דווקא אַלטע חורבות געלאָקט, אָפּגעשטאָרבענע ציוויליזאַציעס האָבן אים ממש פאַסצינירט. עס האָט אים געצויגן דער אַלטערטימלעכער מזרח און אין זיין אַמאָליקן גלאַנץ אָדער ירידה געזוכט אינספּיראַציע פאַר זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. זיין אייגענע עפּאָכע, די געשעענישן פון זיין צייט זענען אים לאַנג געבליבן פרעמד.

שרייבן „מאַדאַם באָוואַרי“ איז פלאָבער צוגעטראָטן דורך אַ ריינעם צופאַל. די, וועלכע באַהויפּטן, אַז די וויכטיקסטע אַנטדעקונגען און דאָס אַנטשטיין פון גרויסע ווערק קומען דורך צופאַלן, וועלן דאָ געפינען אַ נייע באַרעכטיקונג פאַר זייער טעזע.

אין אַ האַרבסטיקן אָקטאָבער־טאָג אין יאָר 1849 האָט פלאָבער אין זיין דאָרפישער וווינונג לעבן רואַן פאַרבעטן צוויי נאָענטע פריינד זיינע, פאַר וועלכע ער האָט פאָרגעלייענט זיין פאַרענדיקט בוך „דער נסיון פון הייליקן אַנטואַן“, אין וועלכן ער האָט זיך איבערגעטראָגן אויף די פליגלען פון זיין ראָמאַנטישער פאַנטאַזיע צווישן די ערשטע קריסטן אין עקזאָטישן, אַלטערטימלעכן מזרח. נאָך פיר טעג לייענען האָבן זיינע פריינד אַרויסגעטראָגן אַ האַרבן פסק־דין: מ׳דאַרף דעם מאַנוסקריפּט פאַרברענען און מער וועגן אים נישט דערמאָנען. דער מחבר האָט די עצה, למען האמת, נישט געהערט און דאָס בוך איז דערשינען נאָך אַ צווייטער און אַ דריטער רעדאַקציע אין 25 יאָר שפּעטער. דערווייל האָט בעתן שמועס איינער פון זיינע פריינד פלאָבערן אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס ער זאָל נישט באַשרייבן די געשיכטע פון דעלפינאַ דעלעמאַר? ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פרוי פון דאָקטער אין שכנותדיקן שטעטל, אַ יונגע, באַרימטע שיינהייט, וועלכע פלעגט פאַראַטן איר מאַן און לסוף באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

פלאָבער האָט מיט פאַרביטערונג אָפּגעוואָרפן אַזאַ פאָרשלאָג. אַ דערשלאָגענער דורכן אַרויסגעטראָגענעם אורטייל אויף זיין ווערק, האָט ער איינגעפּאַקט זיינע וואַליזקעס און זיך געלאָזט אויף מזרח.

די דראַמע פון דער זעלבסטמערדערין האָט אים אָבער שוין נישט געלאָזט רוען. אונטער די בלויע, צעגליטע עגיפּטישע הימלען, האָט ער — מסתמא נישט צום ערשטן מאָל — נאָכגעטראַכט וועגן די מענטשלעכע גורלות אין זיין לאַנד... די רייזע האָט זיך פאַרצויגן לאַנג. ער האָט דערמלט צוזאַמען מיט אַ פריינד אויך באַזוכט גריכנלאַנד, טערקיי, סיריע. זיין געמיט האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט און, צוריקקומענדיק אין זיין דאָרפישער היים, האָט ער זיך געזעצט שפּינען אויף דער קאַנווע פון די צונויפגעזאַמלטע עפּיזאָדן זיין ווערק, וואָס האָט אים געפירט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און דערנאָך געבראַכט אַזוי פיל רום.

5 יאָר אָן איבעררייס האָט פלאָבער געשריבן „מאַדאַם באָוואַרי“. „געשריבן“ איז אפשר דאָ נישט דאָס פּאַסיקסטע וואָרט, ווייל פלאָבער פלעגט ווי אַ פּרעציזער סקולפּטאָר פון שטיין אויסהאַמערן זיינע ווערק. ער פלעגט צענדליקער מאָל איבערמאַכן אַ זאַץ, גאַנצע נעכט נאָכטראַכטן צו געפינען אַ פּאַסיק וואָרט. נישטאָ קיין בלעטל ביי פלאָבערן, וואָס ער זאָל נישט האָבן איבערגעמאַכט אַ צוויי־דריי מאָל, און פאַראַן ביי אים בלעטלעך, וועלכע זענען געווען איבערגעמאַכט אַ צען מאָל און אַפילו מערער. צו אים פּאַסט זיך דאָס, וואָס קאָנראַד האָט געזאָגט וועגן זיין ארבעט: „מיין אַרבעטס־צימער איז מיין מאַרטורן־קאַמער“. מע פלעגט טאַקע זאָגן וועגן פלאַבערן, אַז ער איז אַ מאַרטירער פון זיין קונסט. דערפאַר אָבער איז ער דערגאַנגען צו אַ הויכער קינסטלערישער שלימות. פלאָבער האָט געשריבן פּונקט אַזוי, ווי ער וואָלט קאָמפּאָנירט זיינע שאַפונגען, די זאַצן זענען אויסערגעוויינלעך מעלאָדיש, ריטמיש, האַרמאָניש, פאַראַן אין זיי אַן אינערלעכע, אָרגאַנישע לאָגיק און דערביי זענען זיי פול מיט זאַפטיקייט. דער מחבר פון „מאַדאַם באָוואַרי“ האָט אַריינגעטראָגן נייע ווערטן, אַ נייעם קאָלאָריט אין דער רייכער פראַנצויזישער שפּראַך. די פאָרם און די האַרמאָניע פון דער שפּראַך זענען פאַר אים אַ קאַנווע אויף וועלכער ער העפט אויס דעם אינהאַלט און שפּינט זיינע געדאַנקען. וועגן די גרויסע אָנשטרענגונגען, וואָס ס'האָט פלאָבערן געקאָסט זיין שלימותדיקסט פאָרם, איז שוין פאַראַן אַ גאַנצע לעגענדע. מעגלעך, אַז צוליב דעם איז זיין ליטעראַרישע ירושה אין כמות נישט קיין באַדייטנדיקע, הגם פלאָבער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן גאָר פרי. שוין אין עלטער פון 10 יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ מין קינדערישן לויב־געזאַנג צום פראַנצויזישן דיכטער־דראַמאַטורג קאָרנעי. אין עלטער פון 16 יאָר האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשטע סאַטירישע דערציילונג. און דאָך באַשטייט זיין גאַנץ ליטעראַריש פאַרמעגן

— אויסער די פריע יוגנט=שאפונגען — בלויז פון דריי ראָמאַנען („מאַדאַם באָוואַרי“, „סאַלאַמבאָ“, „סענטימענטאַלע דערציונג“), עטלעכע דערציילונגען, אַ קאָמעדיע („דער קאַנדידאַט“), אַ מין גרויסע פּאָעמע אין פּראָזע („דער נסיון פון הייליקן אַנטואַן“) און אַ נישט פאַרענדיקטער ראָמאַן („בוואַר און פּעקישע“), וואָס ער האָט געלאָזן אויף זיין שרייב=טיש, ביי וועלכן ער איז פּלוצלונג געשטאָרבן אין מאַי 1881. אויף אַ בוך האָט פלאָבער געאַרבעט לאַנגע יאָרן, פריער געפאָרשט, שטודירט. (צו „בוואַר און פּעקישע“ האָט ער איבערגעלייענט העכער פופצן הונדערט פאַרשידענע ביכער), דערנאָך געשריבן און איבערגעמאַכט, געפיילט און פאָלירט ביז די פאָרם איז געוואָרן פּערפעקט...

ס'האָט אַמאָל ווער פאַרגליכן פלאָבערן ביי זיין שרייב=טיש צו אַ מענטש, וועלכער גראָבט אין דער טיף, אויפהייבנדיק שווערע שיכטן ערד, כדי זיך צו דערגרונטעווען צו די נויטיקע אוצרות. דוכט מיר, אַז דער פאַרגלייך איז צום פּאַסיקסטן צו זיין שרייבן „מאַדאַם באָוואַרי“. אין א בריוו צו זיינעם אַ פריינד, האָט ער איינמאָל מיט אָנגסט צווויסן געגעבן, אַז נאָך פינף פולע טעג אַרבעט, האָט ער אָנגעשריבן בלויז איין בלעטל...

ווען דער ראָמאַן איז לסוף נאָך צוויי יאָר טראַכטעניש און 5 יאָר שרייבן פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיך פאַר פלאָבערן ערשט איצט אָנגעהויבן נייע געבורטס=ווייען. קודם האָבן די רעדאַקטאָרן פון „רעווי דע פּאַרי“ געהאַלטן, אַז מע דאַרף מאַכן קירצונגען און אַרויסגעריסן לעבעדיקע שטיקער. און אָט האָט מען באַלד נאָכן פאַרעפנטלעכן דאָס בוך דעם מחבר צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער גרייפט אָן די מאָראַל, רייסט אַרונטער די עלעמענטאַרע נאָרמעס פון זיטלעכקייט, אַז, אַז... מיט איין וואָרט, אַז „מאַדאַם באָוואַרי“ איז שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט.

אויבנאויפיק איז, ווי באַקאַנט, דאָס בוך בלויז אַ לעבנס=געשיכטע פון אַ יונגער, שיינער, פּראָווינציאָנעלער פרוי. עמאַ באָוואַרי, די העלדין פון בוך איז נישט קיין באַרימטקייט, זי האָט נישט געשריבן נישט קיין לידער און נישט פאַרעפנטלעכט קיין בריוו, נישט געפירט קיין סאַלאָן, ווי ס'איז געווען אין יענער צייט אין דער מאָדע. ביז 17 יאָר האָט זי געזען די וועלט בלויז דורכן פענצטער פון איר פאָטערס דאָרפיש הויז. איר בילדונג האָט זי באַקומען אין אַ קלויסטער=אַנשטאַלט פאַר יונגע מיידלעך, פאַר וועלכע שפּילן אויפן קלאַוויר איז געווען אַ טייל פון זייער חן. באַגריפן וועגן לעבן

האָט זי געשעפּט פון סענטימענטאַלע ראָמאַנען. און ווען שאַרל באָוואַרי, אַ טאַלאַנטלאָזער מעדיקער איז געקומען בעטן איר האַנט, האָט עמאַ רעדן פאַר זיך אַ וועג צו אַ ברייטער וועלט; דאָס קליינשטעטלדיקע לעבן אָבער, דער מאַן וועלכן זי האָט נישט געליבט, האָבן זי שנעל אַנטוישט. און געטריבן פון אַן אינערלעכער פּאַסיע זיך אויסצולעבן, פאַראַט עמאַ באָוואַרי איר באַשערטן, וועלכער פאַרגעטערט זי, הויבט אָן פירן אַ טאָפּלט לעבן דאָ מיט איין געליבטן, דאָ מיט אַ צווייטן, געפינענדיק די ראַפינירטסטע ליגנס אָפּצונאַרן איר מאַן. לסוף אַ פאַרלאָזענע פון אירע געליבטע, אַ דערדריקטע פון חובות, באַגייט זי זעלבסטמאָרד. דוכט זיך, אַ טיפּישע טעמע פאַר אַ פּראָווינציזשן סענטימענטאַלן, אָדער זיטן-ראָמאַן.

האָט אָבער פלאָבער אויף דער פאָן פון עמאַ באָוואַרים לעבנס-געשיכטע אַרויסגעבראַכט איר גאַנצע סביבה מיט איר אָפּשטויסנדיקן לעבנס-שטייגער, מיט איר ליגנערישער מאָראַל. ער האָט געוויזן מיט דער גאַנצער קראַפט די באַגרענעצטקייט, פאַלשקייט, צביעות פונעם בירגערלעכן שיכט. אין דער גאַלעריע טיפּאַזשן, פאָרטרעטן טיילט זיך דאָ אויס דער מיט מייסטערשאַפט אָנגעצייכנטער פאָרטרעט פון אַפּטייקער האָמע, אַ קליינשטעטלדיקער פילאָזאָף און דרייער, וועמען עס גיט זיך אַלץ איין אין לעבן, אַפילו מלוכה-אָרדנס באַקומט ער, טראָץ אַלע זיינע אינטריגעס און אומערלעכקייטן. שילדערנדיק האָמע, דריקט פלאָבער אויס זיין גאַנצע פאַראַכטונג צו יענעם קלאַס, אין וועלכן ער שטיקט זיך. און הגם האָמע פאַרמאָגט אויך געוויסע פּאָזיטיווע שטריכן, ווערט ער אונדז אָפּשטויסנדיק, ווייל ער איז דעם מחבר אָפּשטויסנדיק, פונקט ווי ס'איז אים אָפּשטויסנדיק דער גאַנצער שיכט, וועמענס פאָרשטייער ס'איז דער קליינקעפּלדיקער פילאָזאָף. און פלאָבער שמייסט אומברחמנותדיק דעם דאָזיקן שיכט מיט זיין בייסיקער סאַטירע.

ס'איז זיכער, אַז נישט די בייסיקע סאַטירע קעגן דער בורזשואַזער סביבה איז די אַקס פון בוך, נאָר עמאַ באָוואַרי גופא, וועלכע איז אָבער אַן אָרגאַנישער טייל פון יענער סביבה, קעגן וועלכער זי האָט זיך רעוואָלטירט. עמאַ, ווי שוין געזאָגט, איז אַ פּשוטע, יונגע פרוי, אָבער דורך איר פערזאָן האָט פלאָבער מייסטערהאַפט געבראַכט צום אויסדרוק דעם רעוואָלט, דעם פּראָטעסט פון יחיד, פונעם איינצעלנעם מענטש קעגן די געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונגען און פאַראורטיילן, וואָס פענטן אים. אין עמאַ זענען קאָנצענטרירט די פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון מענטש, פון מענטשלעכן אינדיווידואום צו גליק, אין איר לעבט, ברויזט און זוכט

אַז אויסגאַנג די אינסטינקטיווע באַדערפעניש פון מענטש צו זיין גליקלעך. עמאַ איז די טראַגישע אָנמעכטיקייט פון מענטש לגבי די הערשנדיקע געזעצן, וועלכע צעטרעטן אים. עמאַ איז נישט צוגעגרייט, כדי זי זאָל זיך קאָנען ווערן. איר דערציאונג האָט זי נישט צוגעגרייט זי זאָל קאָנען זיך קעגנשטעלן דעם האַרטן גורל, זי איז פּאַסיוו, זי קומט אום. אין עמאַ איז פּערזאָניפיצירט דער אייביקער, טראַגישער קאָנפליקט צווישן מענטשלעכן אינדיווידואום מיטן הערשנדיקן אַרום. פלאָבער האָט זיך אפשר נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיין העלדין וועט אויסוואַקסן צו אַ סימבאָל, ווייל ער האָט זי מסתמא מאָדעלירט נישט נאָר אויפן סמך פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען, פון זיין אייגענער אינערלעכער צעריסנקייט, וואָס מען שטרייכט אונטער, ציטירנדיק זיין באַקאַנטן אַרויסזאָג: „מאַדאַם באָוואַרי“ — דאָס בין איך“.

פלאָבערס ריכטער און צענזאָרן, פונקט ווי די צענזאָרן אין אַלע צייטן און ערטער, האָבן זיך ווייניק וואָס געקענט אויף ליטעראַטור. דעם פּאַרטייידיקערס אַרגומענטן וועגן דער אמתדיקייט אין „מאַדאַם באָוואַרי“ זענען זיי נישט געקראָכן אין קאָפּ. זייער אויפגאַבע איז געווען דעם אמת וועגן לעבן צו דערשטיקן. און, אַז די קונסט האָט פונקט אַ פאַרקערטע אויפגאַבע, איז עס זיי ווייניק אָנגעגאַנגען. דער פּראָקוראָר פּינאַר האָט געהאַלטן, אַז נישט וועגן אַלעמען טאָר מען שרייבן. וואָלט אים פלאָבער געהאָרכט, וואָלט ער אים זיכער געגעבן אַ רעצעפּט, אָדער אַ מאָדעל צו שרייבן זיינע ראָמאַנען. „וואָלט כאָטש אין בוך געווען איין פּערזאָן, וואָס זאָל עמאַן געהעריק פאַראורטיילן פאַר איר אויפפירונג“ — האָט ער פּאַטעטיש אויסגעשריגן. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז דאָס בוך זאָל זיין טיף הומאַניטאַריש, ס'זאָל זיין אַ שעדעוור און ס'זאָל האָבן אַן אויסערסט פּאָזיטיווע אויסווירקונג סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין לעבן.

ס'איז אַ שאָד, וואָס די פאַרלעגער, וועלכע האָבן אין אַזוי פיל אויפלאַגעס אַרויסגעגעבן „מאַדאַם באָוואַרי“ האָבן נישט איינגעשלאָסן אַלס נאָכוואָרט דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן איר. ס'איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק אים צו לייענען אויך היינט, נאָך 100 יאָר. פון דער קאָנפראָנטאַציע קומט גלייך דער אויספיר און נעמלעך, אַז אויב מע הויבט אָן צו קוקן די קינסטלער אויף די פינגער, איז אַ סימן, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג, נישט אַזוי אין דער קונסט, ווי אין דער פּאָליטיק...

דער פּאָליטישער מעכאַניזם פון פראַנקרייך און דער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט זיך אַלע מאָל מער פאַרפלאָנטערט. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעטרייסלט פון איר רעוואָלוציאָנערן פעריאָד, זי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז זי האָט אַמאָל געהאַט געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון וואָרט קעגן די פעאָדאַלע און קירכלעכע צענזאָרן. אין 1851 איז פאָרגעקומען דער באָנאַפּאַרטישער פּוטש. פאַר דער בורזשואַזיע זענען דעמלט שעדלעך געוואָרן נישט בלויז וויקטאָר הוגאָ, נאָר אויך אַזעלכע שרייבער ווי גוסטאַוו פלאָבער און שאַרל באָדלער. די שענסטע בלומען פון באָדלערס „בלומען פון בייז", וועלכע זענען אַריין אין אוצר פון דער וועלט־דיכטונג, זענען דעמלט פאַרבאָטן געוואָרן, און דער גרויסער דיכטער איז פּונקט ווי פלאָבער צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

* *
*

„מאַדאַם באָוואַרי" האָט געמאַכט אַן איבערברוך אין פלאָבערס שאַפונג און געפירט דעם מחבר אין דער ריי פון די גרויסע פאָרשטייער פון קריטישן רעאַליזם. געוויסע פראַנצויזישע ליטעראַטור־פאָרשער האָבן אָפט פלאָבערן געשטעלט צווישן הוגאָ און זאָלאַ — אגב האָט פלאָבערן מיט זאָלאַן, פון וועלכן ער איז געווען מיט 20 יאָר עלטער, פאַרבונדן אַ טיפע פריינדשאַפט. אַנדערע ווידער באַטראַכטן אים, ווי אַ דירעקטן נאָכפאָלגער פון סטענדאַל און באַלזאַק. און נאָך אַנדערע — ווי צום ביישפּיל באַקולסקי — ווי אַ פאָרשטייער פון „דעקאַדענטישן קריטישן רעאַליזם". פאַרשידענע מיינונגען זענען אויך וועגן פלאָבערן אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַלס מענטש. איינס איז זיכער, אַז פלאָבער איז זייער אַ קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט סיי אַלס שעפער, סיי אַלס מענטש, און די פאָרשונגען, וועלכע ווערן נאָך געמאַכט איבער זיין שאַפונג, געהערן נישט צו די לייכטסטע טעמעס.

זעלטן ווען איז אַ קינסטלער, איבערהויפּט אַ שרייבער, ווי אַ סטאַטוע אויסגעגאָסן פון איין גוס. פלאָבער איז אָבער אויסער דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט אַ טראַגישע, שעפערישע פערזענלעכקייט. זיין גאַנץ לעבן, וואָס אויבנאויפיק האָט האָס אויסגעזען אַזוי רואיק אין דער דאָרטיקער אידיליע, איז געווען אויסגעפּולט מיט ספקות, אומעט און יאוש.

געוויינלעך האָט מען אים באַטראַכט ווי אַ נזיר, וועלכער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין מקום מקלט אין קראָקע און אָפּגעצוימט זיך פון דעם גאַנצן אַרום. טראַכט מען זיך אָבער אַריין אין זיין ברייטער קאָרעספּאָנדענץ, קוקט מען זיך צו צו זיין לעבן, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז אין דער אמתן איז ער גאָרנישט געווען אַזוי אָפּגעגרענעצט פון דער וועלט. קודם האָט ער אָנגעהאַלטן באַציאונגען מיט די גרעסטע שרייבער פון זיין צייט. זיין פריינדשאַפט מיט זאָלאַ, טורגעניעוו, וועלכער האָט דעמלט געלעבט אין פראַנקרייך, זשאָרזש סאַנד, הוגאָ, מאָפּאַסאַן, סען-בעוו און אַנדערע האָט זיך געצויגן דורך זיין גאַנץ שעפעריש לעבן. זיין ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט פאַרשידענע פריינד, זיינע באַגעגענישן מיט זיי, באַווייזן, אַז ער האָט גאָרנישט אַזוי זיך אָפּגעצוימט פון דער וועלט און זי איז אים ווייט נישט גלייכגילטיק געווען.

און דאָך איז ער געווען אַן איינזאַמער אין זיין טראַגישקייט. שוין זיין שאַפונג איז געווען אַן אומאויפהערלעכער טראַגישער געראַנגל פאַר זיין גרויסן, קאַפּריזנעם טאַלאַנט. ספקות און אומזיכערקייט האָבן שטענדיק געפרעסן זיין האַרץ. אין אַ בריוו צו לואיזע קאָלע האָט פלאָבער געשריבן: „...אויב כ'וועל אַמאָל עפּעס ארויסגעבן, וועט די זאַך זיין באַוואָפנט מיט אַלעמען, וואָס איז נאָר נויטיק, איך וועל אָבער קיינמאָל נישט האָבן קיין זיכערקייט אין זיך גופא. מיין שאַפונגס-פאַנטאַזיע לעשט זיך שוין אויס, מיין פּאַסיע שטאַרבט אָפּ, מיינע זאַצן לאַנגווייליקן מיר גופא און אויב איך האַלט איין דאָס, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן, איז דאָס דערפאַר, ווייל כ'האָב ליב זיך אַרומצוריגלען מיט אָנדענקונגען, פונקט אַזוי ווי איך פאַרקויף נישט קיין אַלטע בגדים, איך כאַפּ זיך אַרויף אויפן בוידעם זיי אָנקוקן און טראַכט אַזוי אַרום וועגן די צייטן, ווען זיי זענען ניי געווען...“

דער בריוו איז געשריבן געווען אין 1846, אַלזאָ, ווען פלאָבער איז אַלט געווען 25 יאָר. זיין אומגלויבן אין זיך און זיין יאוש דערמאָנען אַ שפּעטערדיקע טראַגישע, שרייבערישע פערזענלעכקייט און נעמלעך פראַנץ קאַפקאַ, וועלכער האָט פאַר זיין טויט באַשווירן אין אַ בריוו זיין פריינד צו פאַרניכטן אַלע זיינע שאַפונגען. דער מחבר פון „מאַדאַם באָוואַרי“ איז געווען צעקריגט און צעריסן מיט זיין אייגענער עקזיסטענץ און מיט זיין אייגענער וועלט און גלייכצייטיק האָט ער געפילט, ווי עס ברויזן אין אים עקזיסטענצן און וועלטן גאַנצע. „איך קען נישט, אַזוי ווי איר, דאָס געפיל פון אַן אויפשטייגנדיק לעבן, די איבעררעשונג פון

אַ פריש אויפגעבליטער עקזיסטענץ. — האָט ער געשריבן צו זשאָרזש סאַנד — דאַקעגן דוכט זיך מיר, אַז כ'האָב שטענדיק עקזיסטירט און, אַז כ'האָב זכרונות פון פרעה'ס צייטן נאָך! איך זע זיך גאַנץ גענוי אין פאַרשידענע געשיכטלעכע עפּאָכעס ווי כ'האָב אויסגעפירט פאַרשידענע פּראָפעסיעס לויט דעם, ווי דער גורל האָט באַשטימט...“ בלויז אין זיין אייגענער צייט האָט ער זיך נישט געזען, נישט געקאָנט זיך אַריינפּאַסן אין איר. „אַ גיגאַנטישער שאָטן פון דער בורזשואַזיע פאַרדעקט די וועלט“ — האָט ער געשריבן. און קעגן דעם דאָזיקן שאָטן איז ער געווען אָנמעכטיק. טרעפלעך האָט אים זאָלאַ געהאַט כאַראַקטעריזירט: „פלאָבער וויל נישט שלום מאַכן מיט זיין עפּאָכע“ — האָט ער געזאָגט, און נאָך זיין טויט האָט ער וועגן אים געשריבן: „דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ, מיט אַ קינדעריש, אומשולדיק און הייס האַרץ, וואָס האָט ביי יעדער קלענסטער אומאָנגענעמלעכקייט אויסגעבראָכן מיט אויפגעבראַכטקייט... מיר האָבן אים אַלע געאַכטעט, ווי אַ פאָטער“.

צו דעם דאַרף מען צוגעבן זיין פילאָזאָפיש-אינטעלעקטואַליסטישע פאָרמאַציע. פלאָבער איז געווען אַן אָנהענגער פון ספענסערן, וועלכער האָט פאָרגעזעצט און ווייטער אַנטוויקלט די פּאָזיטיוויסטישע פילאָזאָפיע פון אויגוסט קאָמט פון דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט. ער פּאָזיטיוויזם האָט נישט געגלויבט אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש-פעיקייט. ער האָט אָפּגעזאָגט דעם מענטשן די קאָמפּעטענץ צו אָנען דערגיין די אַלגעמיינע געזעצן, וואָס הערשן מיט דער וועלט און מיטן לעבן, צו קאָנען זיך דערגרונטעווען צו די סיבות פון דערשיינונגען. די ראָל פון דער וויסנשאַפט האָט ער רעדוצירט צו קלאַסיפיצירן די פאָרשונגען, צו באַשרייבערישקייט, נישט גלויבנדיק מע זאָל קאָנען מאַכן פאַראַלגעמיינערונגען. פלאָבער, אין קעגנזאַץ צו פיל שרייבער פון זיין צייט, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז די וויסנשאַפט עפנט נייע האָריזאָנטן פאַרן מענטש, און שאַפט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, איז אויך לויט זיין פילאָזאָפישער איינשטעלונג געווען פול מיט ספקות און פעסימיזם.

„איך וווּנדער זיך נישט אויף קיין מענטשן, וועלכע ווילן זיך אויפקלערן, אַבן, וואָס מע קאָן נישט אויפקלערן, איך וווּנדער זיך אָבער אויף די, וועלכע גלויבן, אַז זיי האָבן געפונען אַן אויפקלערונג, אויף די, וועלכע האָבן גאָט (אָדער אַ נישט גאָט) אין זייער קעשענע. יעדער דאָגמאַטיזם פירט מיר אַרויס פון גלייכגעוויכט. מיט איין וואָרט, סיי דער מאַטעריאַליזם, סיי דער ספּיריטואַליזם זעען מיר אויס צו זיין הוצפּהדיקע פעסטשטעלונ-

גען...“ — האָט ער געשריבן צו ראָזשע דע זשענעט. זיין סקעפּטיציזם האָט אים אָבער נישט געשטערט פּאָרויסצוזען צו וואָס פּאַראַ ציִלן די הערשנדיקע קלאַסן ווילן אויסנוצן די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט מיט שרעק און פאַראַכטונג האָט ער געקוקט אויף די קאַלטע געלערנטע און זייערע אַפּוטרופּסים, וועלכע באַנוצן זיך מיט דער וויסנשאַפט אונטערצודריקן אָדער אומברענגען מענטשן. „וואָס פּאַראַ אומגליק, וואָס פּאַראַ געפאַלנקייט, וואָס פּאַראַ דלות און העסלעכקייט! צי אין אָנבליק פון דעם אַלעמען קאָן מען גלויבן אין פּראָגרעס? און צו וואָס טויג אונדז די וויסנשאַפט, אויב די מאַסן געלערנטע גרייטן צו נידערטרעכטיקע מיטלען, וואָס וואָלטן געפּאַסט פאַר די הונען און נאָך ערגער, ווייל זיי גרייטן צו די מיטלען סיסטעמאַטיש, קאַלט אויסגערעכנט און מען קאָן דאָס נישט מאָטיווירן נישט מיט קיין ליידנשאַפטן און נישט מיט קיין הונגער“ — לייענען מיר אין אַ בריוו, וואָס פלאָבער האָט געשריבן צו זשאָרזש סאַנד נאָך דער פּרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה.

אין ליכט פון דעם אויבנאויפיק אויסגערעכנטן, דאַרף מען, דוכט מיר, באַטראַכטן דאָס וואָגיקע — אין איכות — ווערק פון גוסטאַוו פלאָבער. זיכער זענען דאָס נאָר אייניקע שטריכן, ווייל כדי זיך צו דערגרונטעווען צו אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אויף פלאָבערס שאַפונג, האָט מען אָנגעשריבן גאַנצע ביכער און מ׳וועט נאָך פיל שרייבן און אַנטדעקן. אָבער פון די אייניקע קאַרגע שטריכן איז צו זען, אַז געווירקט אויף זיין שאַפן האָבן נישט בלויז דער פּאָליטישער און סאָציאַלער קלימאַט און די פּערזענלעכע איבערלעבונגען, נאָר אויך אַ באַשטימטער פּסיכישער צושטאַנד און אַ לעבנס־קאָנצעפּציע. פלאָבער האָט געהאַט אַן אייגענע פילאָזאָפיע וועגן מענטש און וועלט. און דאָס האָט זיך אויסגעווירקט אין יעדן פּעריאָד פון זיין שאַפן, סיי ווען ער האָט זיך געוואָנדן צו דער פאַרגאַנגענהייט, סיי ווען ער האָט געשילדערט די קעגנוואַרטיקע רעאַליטעט. איבעריקנס זענען ביי אים ביידע נייגונגען אי געגאַנגען צוזאַמען, אי געאַמפּערט זיך. ווען פאַר זיין דמיון האָבן געשוועבט בילדער פון ווייטע עקזאָטישע לענדער און אַלטע ציוויליזאַציעס, האָט ער גלייכצייטיק דורכן פענצטער פון זיין דאָרפישן צימער כסדר אָבסערווירט די מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויפן שכנותדיקן טייך, אָדער באַוועגט זיך אין יענעם אומקרייז. דער נישט דאָאיקער ראָמאַנטיקער האָט שטענדיק געהאַט אַן אָנגעשפּיצט אויער און אַ שאַרף אויג פאַר אַלעמען, וואָס האָט אים טאָג־טעגלעך אַרומגערינגלט. זיין אויסערסט

אַנטוויקלטע עמפּינדלעכקייט איז גורם געווען, אַז ער האָט אויפגענומען יעדן מענטשלעכן שטריך און יעדן שאָרך פון זיין אַרום, פון וועלכן ער האָט זיך טראַגיש אָפּגעטיילט, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אָנהאַלטן קיין לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט אים. „איך פאַרברענג גאַנצע וואָכן נישט אויסטוישנדיק קיין איין וואָרט מיט אַ מענטשלעך וועזן, אַזוי, אַז סוף וואָך קאָן איך זיך נישט דערמאָנען קיין איין טאָג און קיין איין געשעעניש... מיין איינציקע געזעלשאַפט באַשטייט פון אַ סטאַדע שטשורעס, וועלכע אָרדענען איין אויפן בוידעם איבער מיין קאָפּ אַ גיהנומדיקן גערויש און ווען דאָס וואַסער אין דער סעקוואַנע געוואַלדעוועט נישט און דער ווינט רייסט זיך נישט, הער איך נאָר זיי. די נעכט זענען שוואַרצע ווי טינט און די שטילקייט, וואָס רינגלט מיר אַרום, דערמאָנט אין אַ מדבר". אין אַזעלכע מאָמענטן אַנטוויקלט זיך מיין עמפּינדלעכקייט אויסער יעטוועדער מאָס. די קלענסטע סיבה רופט אַרויס ביי מיר האַרץ-קלאַפּעניש". (צו זשאָרזש סאַנד).

נאָכדעם, ווי די אַרומיקע ווירקלעכקייט האָט אָפּגעהאַלטן אין איב אַ נצחון, איז ווידער אויפגעשטיגן אין אים די ראָמאַנטישע בענקשאַפט צו דער פאַרגאַנגענהייט. נאָך „מאַדאַם באָוואַרי" האָט זיך פלאָבער איבערגעטראָגן אין דער אַלטערטימלעכער קאַרטאַגענע, און אין שווערע ווייען איז געבוירן געוואָרן דאָס באַרימטע ווערק „סאַלאַמבאָ", צוליב וועלכן דער מחבר האָט נישט נאָר באַזוכט די חורבות פון דער אַלטער קאַטאַרגענע, נאָר אויך דורכגעשטודירט אַן אַ שיעור ביכער און דאָקומענטן. אָבער דאָס וווּנדערבאַרסטע אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן ראָמאַן זענען נישט אַזוי די רעאַליעס, אַלע געשיכטלעך-וויסנשאַפטלעכע פּרטים און איינצלהייטן, ווי די גרויסע קינסטלערישע עמפּינדלעכקייט אָפּצופילן און מאַכן דעם לייענער פילן די אַלטערטימלעכע וועלט, די כוחות, די ליידנשאַפטן, די סאָציאַלע און פּאָליטישע רייבונגען, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן די יסודות פון די דעמלטיקע מענטשלעכע קאָלעקטיוון. „נישטאָ קיין מער קאָמפּליצירטע זאַך, ווי דאָס איז אַ באַרבאַר..." — האָט ער אין זיין ענטפער צום באַרימטן פראַנצויזישן קריטיקער סען-בעוו געשריבן. אויפלעבנדיק די פון לאַנג שוין אָפּגעשטאָרבענע וועלט, האָט פלאָבער ווידער אַרויסגעוויזן זיין גרויסן געניע, זיין אויסערסט קינסטלערישע עמפּינדלעכקייט.

אין אַן ענטפער אויף טענס אָפּרוף וועגן „מאַדאַם באָוואַרי" האָט פלאָבער זיך מודה געווען: „מיינע אויסגעטראַכטע געשטאַלטן נעמען מיר

דורך, פאַרפאָלגן מיך, אָדער גאָר איך בין אינגאַנצן אין זיי. ווען כ'האָב געשריבן ווי אַזוי עמאַ באָוואַרי האָט זיך פאַרסמט, האָב איך אַזוי שטאַרק געפילט דעם טעם פון אַרסעניק אין מויל, איך בין אַזוי ווייט אַליין געווען פאַרסמט, אַז כ'האָב צוויי מאָל, איינס נאָכן אַנדערן באַקומען אַ מאָגן־פאַרגיפטונג און אויסגעבראָכן דעם גאַנצן מיטאָג..." מיט דער זעלבער עמפינדלעכקייט און סוגעסטיווער קראַפט האָט ער אין „סאַלאַמבאָ" באַהויכט און באַלעבט אויף זיין ראָמאַנטישן אופן אַ פון לאַנג פאַרגאַנגענע, אָפּגעווישטע וועלט.

דער ראָמאַנטיקער האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן און ווידער זיך אומגעקערט צו דער האַרטער רעאַליטעט, צו דעם „שמוץ אין וועלכן מיר שטעקן" ווי ער האָט געשריבן צו וויקטאָר הוגאָ. 7 יאָר נאָך „סאַלאַמבאָ" — אין 1869 — איז דערשינען זיין ראָמאַן „סענטימענטאַלע דערציונג", וואָס איז ווידער ווי אַ לעבנס־געשיכטע פון הויפּט־העלד. געוויסע קריטיקער האָבן דאָ געזען די טיילווייזע לעבנס־געשיכטע פון מחבר גופא. וועגן דאָזיקן ראָמאַן איז נאָך אַלץ נישט געזאָגט געוואָרן. לויט מיין באַשיידענער מיינונג שטייגט ער אין געוויסע פרטים אַריבער „מאַדאַם באָוואַרי" הגם פלאָבער האָט זיך קודם דערוואָרבן רום אַלס מחבר פון „מאַדאַם באָוואַרי". ס'איז דאָ נישט וויכטיק ווער ס'איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון פרידעריק מאָראָ, פונקט ווי נישט דאָס וויכטיקסטע איז דער פאַקט, וואָס אַ געוויסע פרוי פון אַ דאָקטער איז געווען דער פּראָטאָטיפּ פון עמאַ באָוואַרי. דאָס וויכטיקסטע איז וואָס עמאַ האָט פּערזאָניפיצירט.

דער יונגער פרידעריק מאָראָ איז אַ קינד פון זיין קלאַס און פון זיין עפּאָכע און דאָך איז ער אַ פרעמדער, אַ מין אויסגעוואָרצלטער. אמת, ער ווערט צעריבן און צעטראָטן דורך די היפּאָקריטישע קאָנווענצן, דורך דער נידערטרעכטיקייט און טפשות, וואָס הערשן אַרום אים, אָבער אויסער דעם באַוועגט ער זיך, ווי נישט אין קיין רעאַלער וועלט. קיין שום זאַך האָט ביי אים נישט קיין רעאַלן ווערט, אויסער זיינע געפילן צו מאַדאַם אַרנו, אין וועלכע, ער פּלאָנטערט זיך אָן אַן אויסוועג. עמאַ איז פּאַסיוו, ווי ער, זי איז נישט פעיק זיך אַנטקעגנצושטעלן איר סביבה, זי איז דורכשניטלעך, אָבער זי פאַרמאָגט דעם גלאַנץ פון ראָמאַנטישע טרוימען, איבערלעבונגען. פרידעריק איז פון דעם אויך ווייט. אים גליטשט זיך אַלץ אַרויס פון די הענט, קיין שום זאַך גיט זיך אים נישט איין, אַפילו זיין גרויסע און שטענדיקע ליבע איז נישט מער ווי אַ מיראַזש. פרידעריק מאָראָ פאַרקערפּערט די פאַרלוירנקייט, די צעטומלטקייט פון מענטש

אינעם רויש פון דער וועלט, די פאַרלוירנקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט אין די אַבסורדן פון לעבן. היינט וואָלטן מיר געזאָגט, אַז ער איז באַפּאַרבט עקזיסטענציאַליסטיש. מיר איז נישט באַקאַנט, צי פלאָבער האָט געקענט די פילאָזאָפיע פון קערגעגאַר, דעם אורפאָטער פון די עקזיסטענציאַליסטן. יעדנפאַלס זענען היינטצייטיקע שרייבער מסתמא, באַוווסטזיניק, צי אומבאַוווסטזיניק געוואָרן אינספּירירט פון אים און אַ סברה אַז נישט נאָר אין דעם פּרט. מ'האָט נאָך, דוכט מיר, נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק דעם איינפלוס פון פלאָבערן אויף היינטצייטיקע פראַנצויזישע שרייבער.

אין „סענטימענטאַלער דערציונג“ האָט פלאָבער געוויזן די גורלות פון זיינע העלדן אויפן פאָן פון ברויזנדיקע געשעענישן — אויפן פאָן און מיליוויי אויפן מאַרגינעם פון דער רעוואָלוציע פון 1848, וואָס ער שילדערט מיט פאַסיע. פלאָבער זעט די רעוואָלוציע בלויז אין אירע נעגאַטיווע אַספּעקטן, ער איז אַ קעגנער פון יעטוועדער געוואַלדטאַט, און רעוואָלוציע איז פאַר אים קודם כל בלינדע געוואַלטזאַמקייט, רציחה. דאָס קאָן אָבער נישט פאַרמינערן זיין געניאַלע פעדער צו צייכענען רעאַליסטישע בילדער אין ליכט פון קריטיק, דאָס איז אויך קיין גרונט נישט צו פאַרעכענען אים צום „דעקאַדענטישן קריטישן רעאַליזם“.

נאָכן דערשיינען פון „סענטימענטאַלער דערציונג“ האָט זשאָרזש סאַנד, פאָלעמיזירנדיק אין אירע בריוו מיט פלאָבערן וועגן דער ראָל פון דער קונסט, אים דערוויזן, אַז קעגן זיינע אייגענע אויסרעכענונגען איז זיין ראָמאַן אַ קעמפערישער, ווייל דעמאַסקירנדיק דאָס בייז פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער פרידעריק מאָראָ לעבט, ווייזט ער גלייכצייטיק, אַז מע מוז זי ענדערן. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן „מאַדאַם באָוואַרי“. ס'איז אַלזאָ געשען מיט פלאָבערן דאָס זעלבע, וואָס מיט באַלזאַקן, הגם ער איז געווען אַזוי אַנדערשדיק, ווי דער מחבר פון דער „מענטשלעכער קאָמעדיע“.

פון די דריי גרויסע פאָרשטייער פון קריטישן רעאַליזם איז אייגנטלעך בלויז סטענדאַל געווען אַן אַקטיווער דעמאָקראַט, „דער לעצטער יאַקאָבינער“ ווי מ'האָט אים גערופן. באַלזאַק איז געווען אַ ראָיאַליסט, אַ פּרינציפּיעלער אָנהענגער פון דער מאָנאַרכיע און אַ גלוביקער קאַטאָליק. און דאָך האָט ער אין זיין גרויס ווערק מיט קראַפט אויפגעדעקט אַלע חולאתן, וואָס האָבן געפרעסן די פראַנצויזישע געזעלשאַפט, אַנאַליזירט ווי אַ געניטער סאָציאָלאָג אירע טרייב־כוחות, ווייזנדיק די הערשאַפט פון געלט

און דעמאַסקירנדיק דורך זיין רייכער גאַלעריע געשטאַלטן דאָס צעפּוילטע און העסלעכע. ווארשיינלעך איז דאָס גאָרנישט געווען זיין הויפּט־ציל, ער האָט דאָך גאָר אַזוי נישט געהאַסט און פאַראַכטעט דעם קלאַס, אין וועלכן ער האָט זיך זייער גוט אַריינגעפּאַסט. דאָ האָט אָבער דעצידירט זיין גרויסער געניע. די עכטע קונסט האָט איר אייגענע, אינערלעכע לאָגיק.

פלאָבער דאַקעגן האָט מיט זיין גאַנץ האַרץ, מיט זיין גאַנץ וועזן געהאַסט און פאַראַכטעט דעם זאַטן, טעמפּן בורזשוי מיט אַלע זיינע נייגונגען, ער האָט ממש פיזיש נישט פאַרטראָגן די אַטמאָספער, דעם קלימאַט פון דער בירגערלעכער סביבה, צו וועלכער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך צובויגן און צופּאַסן. און אמווארשיינלעכסטן באַשטייט אין דעם, ווי שוין דערמאָנט, זיין פערזענלעכע טראַגעדיע. ער האָט פונקט ווי פרידעריק מאָראָ זיך פאַרלוירן אין יענער בירגערלעכער געזעלשאַפט. פרידעריק האָט געפּרווט זיך אין עפּעס אָנקלאַמערן, געפינען עפּעס, וואָס זאָל דעם לעבן געבן אַ זין. פלאָבער האָט אַפילו נישט געפּרווט זיך צופּאַסן. די פאַראַכטונג צו זיין אַרומיקער וועלט האָט אים ווארשיינלעך געטריבן זיך איבערצוטראָגן מיט זיין שעפערישער פאַנטאַזיע אין עקזאָטישע לענדער און צווישן אַלטע פעלקער. אָבער האָט שוין דער שרייבער גובר געווען אין זיך דעם ראָמאַנטיקער, דעם פאַרקוקטן אין דער פאַרגאַנגענהייט, האָט ער איינגעשפּאַנט זיין טאַלאַנטפולע פעדער, כדי אַרויסצוברענגען דאָס וואָס קומט פאָר אַרום אים, כדי אָפּצושפּיגלען די רעאַליטעט און געטאָן האָט ער עס מיטן ציל צו דעמאַסקירן, טאַדלען, אין בעסטן פאַל — אויסצולאַכן.

פלאָבערן האָט ממש ווי אַ געשפּענסט פאַרפאָלגט דאָס בייז פּונעם לעבן. גידערטרעכטיקייט, זינלאָזיקייט, טפשות האָבן אים ממש דערדריקט. אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן האָט ער נאָכגעטראַכט וועגן דער דראַמע פון מענטשלעכער טפשות ביז ס׳איז רייף געוואָרן ביי אים דער געדאַנק אָנצושרייבן דעם ראָמאַן „בוואַר און פעקישע“. דער דאָזיקער ראָמאַן, איבער וועלכן ער האָט צומלענגסטן געאַרבעט און באַוויזן אָנצושרייבן בלויז דעם ערשטן טייל און דעם פּלאַן פון צווייטן, איז אייגנטלעך אַ פילאָזאָפישער טראַקטאַט, אין וועלכן עס ווערן באַרירט אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט. דאָס איז אָבער קודם כל די דראַמע פון דער מענטשלעכער טפשות. די ערלעכע, גוטמוטיקע און נאַאיווע צוויי פריינד בוואַר און פעקישע ווערן, טראָץ אַלע זייערע גוטע כוונות און אָנשטרענגונגען,

צעריבן מחמו. דער ענגהאַרציקייט, גייציקייט און דער עיקר טפּשות פון זייערע אַרומיקע און צוליב זייער אייגענער נאַרישקייט. פאַראַן וועגן בוך פאַרשידענע השערות, ווייל דאָס עיקרדיקע האָט געדאַרפט קומען צום אויסדרוק אין צווייטן טייל. מעגלעך, אַז דער מחבר האָט אויך געוואָלט דורכפירן זיין פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע וועגן די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש־פעיקייט, וועגן די שמאָלע קאָמפּעטענצן פון דער ווינסנשאַפט. זיכער איז אָבער, אַז פלאָבער האָט אין זיין לעצטן ראָמאַן געוואָלט דיסקרעדיטירן די טעמפּקייט און קליינקעפּלדיקייט פון זיינע מיטבירגער, אויסלאַכן און אָפּשפּעטן פון מענטשלעכער לעבערלעבקייט און אומזיניקייט, וואָס האָבן געדריקט אויף אים פון אַלע זייטן. „די מענטשלעכע טפּשות דריקט אויף מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך פיל מיך, ווי אַ פליג, וואָס טראָגט אויף אירע פּלייצעס די לאַסט פון די הימאַלאַיען — האָט ער געשריבן אין אַ בריוו בעת ער איז צוגעטראָטן צו „בוואַר און פּעקישע“ — אין דעם בוך וועל איך זיך באַמיען אויסצושפּייען מיין גאַנצן גיפט. שוין די האָפענונג ברענגט מיר אַ פאַרלייכטערונג“.

*

* *

מיט רעכט האָט די ערנסטע קריטיק געהאַט פלאָבערן פאַררעכנט צווישן די דריי גרויסע פאָרשטייער פון קריטישן רעאַליזם. מ׳האָט געפּרוווט דערנאָך פאַרמינערן זיין באַדייטונג, אָבער דווקא היינט דערשיינט ער פאַר אונדז אין זיין גרויסקייט. פלאָבער האָט געזאָגט עפּעס נייעס וועגן מענטש, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין „מאַדאַם באָוואַרי“ און אין „סענטימענטאַלע דערציִונג“. דעם וועג צו זיין גרויסקייט האָט אים אויסגעפלאַסטערט זיין ערשטער רעאַליסטישער ראָמאַן, וואָס האָט אים געבראַכט אַזוי פיל צרות און דערנאָך אַזוי פיל רום. די צענזאָרן און ריכטער, וועלכע האָבן פלאָבערן פאַרפאָלגט פאַר „מאַדאַם באָוואַרי“, האָט ווייניק וואָס איבערערעסירט דאָס, וואָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין ראָמאַן. זיי האָבן געדאַרפט באַשולדיקן, האָבן זיי באַשולדיקט. און מיט זייער באַשולדיקונג אין זיטנלאָזיקייט און פּאָרנאָגראַפיע האָבן זיי צוגעטראָגן זייער היפּשן חלק צו דער שטיקנדיקער לעבערלעכקייט און טפּשות, וואָס דער גרויסער שרייבער האָט דערנאָך אַזוי סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט.

פלאָבער האָט נאָך פיל האַרצקלעמענישן און קאָפּדרייענישן דעם פּראָצעס געוווּנען. זיין טיכטיקער אַדוואָקאַט האָט די לעבערלעכע ריכטער אָפּגעראַטעוועט פון פולשטענדיקער לעכערלעכקייט. שפּעטער, ווען ס'איז דערשינען „סענטימענטאַלע דערציונג“, האָט די „גוט־דענקענדיקע“ פּרעסע ווידער אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן אים, פאָרוואַרפנדיק אים אַלדאָס בייז. דאָס געמשפּטע בוך „מאַדאַם באָוואַרי“ און דאָס פאַרפאָלגטע בוך „סענטימענטאַלע דערציונג“ האָבן צוזאַמען מיט עטלעכע פראַנצויזישע מייסטערווערק אַוועקגעשטעלט פראַנקרייך אין אויבנאָן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

.1956

זשאָרזש סאַנד אַזאַ ווי זי איז געווען

ס'איז זעלטן צו געפינען אַ שרייבער, אַרום וועלכן ס'זאָל זיך האָבן אַזוי פיל געטומלט, ווי אַרום זשאָרזש סאַנד. וואָלט עס זיך געהאַנדלט בלויז אין קריטיק, וואָלט עס די גרויסע פראַנצויזישע שרייבערין ערלעך פאַרדינט. איר ברוזיקער טאַלאַנט, די פילצאָליקע ביכער, איר אַלזייטיקע אַקטיוויטעט און דאָס אָרט, וואָס זי פאַרנעמט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, זענען ביז היינט צו טאָג אינטערעסאַנטע געביטן פאַר קריטיקער, פאַר ליטעראַטור-פאָרשער. די קריטיק האָט איר טאַקע נישט געקאַרגט קיין אויפמערקזאַמקייט. מ'האָט אָבער אויך נישט געקאַרגט קיין אויפמערקזאַמקייט איר פּריוואַט, שטורמיש לעבן. וויפל האָט מען זיך עס פאַרגומען מיט איר עקסטראַוואַגאַנטישקייט, מיט אירע ליבע-אַוואַנטורעס! פאַר איר לעבן — און אויך נאָכן טויט — איז זי געווען אונטער אַ שטאַרקן האָגל פון אָנגריפן, פון זלזולים מצד פרומע צבועקעס פון אַלע מינים. אין דער הקדמה צום „רייזנדן גוזעלן איבער פראַנקרייך" שרייבט סאַנד, אַז דריי קאַסטעס —דער אַדעל, דאָס בירגערטום און דער קלער — האָבן זי מיט קללות אין חרם געלייגט און „די ליבעראַלע פרעסע באַשולדיקט מיך, אַז איך שטודיר דאָס לעבן פון די בעל-מלאכות אויף די ראָגן פון די גאַסן, פון וואַנען פיער לערן פירט מיך אָפּ אַ שיכורע אַהיים".

קיין וווּנדער נישט. זי האָט טאָפּלט געזינדיקט: סיי ווי אַ שרייבער, סיי ווי א רעוואָלטירטע פרוי. דער גרויסער שרייבערין האָבן זיי נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס זי האָט אין אירע ביכער אַזוי דערהויבן דאָס פּראָסטע פאָלק, אָנגענומען זיך פאַרן געקריוודעטן מענטש, און דער מערקווירדיקער פרוי האָבן זיי נישט געקאָנט מוחל זיין איר פריי און שטורמיש לעבן. איין קלייניקייט, א פרוי, וועלכע האָט זיך גענעבן א פסעוודאָנים פון אַ מאַן, אַרויסגעצויגן אָפט אויף זיך מענערישע קליידער, געריטן אויף אַ פערד, געוויכערט אין יענע צייטן פּאַפּיראָסן, צעשיידט זיך מיטן מאַן און נישט אויסבאַהאַלטן זיך מיט אירע געליבטע, אָנגעהאַלטן באַ-

ציונגען מיט אַלע רעוואָלוציאָנערן און, דער עיקר זיך אויסגעלאַכט פֿון אַלע גוטע און פֿרומע עצות און פֿון דער גאַנצער בורזשואַזער מאָראַל.

זי האָט זיך, אַלזאָ, ערלעך פֿאַרדינט ביי זיי אויף די זלזולים און גישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן. געשען איז אָבער אַזוי, אַז אָפֿטמאָל האָבן אויך ערנסטע קריטיקער געווידמעט מער אויפֿמערקזאַם דער שרייבערינס פּריוואַט לעבן, ווי איר מאַלאַנט, אירע גרויסע אויפֿטוען. מ'האָט געגישטערט און באַמיט זיך אויפֿצודעקן אַלע ווינקעלעך פֿון איר אינטימן לעבן, געגוי געציילט אירע געליבטע, געפֿאָרשט איר באַציונג צו יעטוועדן פֿון זיי, געזוכט און געגישטערט אין אירע ליבעס-בריוו. מ'האָט זיך באַמיט צו באַשרייבן מיט אַלע איינצלהייטן אירע ליבע-אַוואַנטורעס מיט אַלפֿרעד דע מוסע, מיט שאָפּענען און אַנדערע געליבטע, פֿון וועלכע מ'האָט געמאַכט מאַרטירער, אָדער קרבנות אירע.

צי דאַרף דאָס אינטימע לעבן פֿון שרייבער, פֿון קינסטלער נישט זיין קיין געביט פֿון פֿאָרשונג אָדער אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל פֿאַרן לייענער? פֿאַרקערט, מיר ווייסן דאָך, אַז דאָס לעבן פֿון שעפֿער העלפֿט צו פֿאַרשטיין זיין ווערק. דאָס איז אָבער געזאָגט, ווען דאָס גריבלען זיך אין די פּערזענלעכע ענינים, ווען דאָס אינטימע לעבן פֿון מענטש פֿאַרנעפּלט נישט און פֿאַרשטעלט נישט די געשטאַלט פֿון שעפֿער און זיין שאַפֿונג. און דאָס דאַרף גילטיק זיין נישט נאָר פֿאַרן קריטיקער, נאָר אויך פֿאַרן שרייבער, וועלכער ווייל אויס אַ קינסטלער, אַ שעפֿער פֿאַר זיינעם אַ העלד.

ביאָגראַפֿישע ראָמאַנען זענען בדרך כלל אַ פֿאַסינירנדיקע לעקטור — און קאָן אויך זיין אַן אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע לעקטור. דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן וועגן פֿילמען און טעאַטער-פּיעסן, געבויטע אויפֿן סמך פֿונעם לעבן פֿון אַ שעפֿערישער פּערזענלעכקייט. עס געשעט אָבער זייער אָפֿט, אַז אַזאַ ראָמאַן, אַ פֿילם, אַ פּיעסע ברענגט אַרויס אַלע פֿאַרבאָרגענע ווינקעלעך פֿון שעפֿערס אינטים לעבן, אָדער גאָר אַלע זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן, אין וועלכע דער שעפֿער גופֿא ווערט דערטרונקען. ס'קאָן טרעפֿן, אַז אין טאָג טעגלעכן לעבן זאָל אַ גרויסער קינסטלער זיין אַ קליין מענטשעלע. אָבער אַפֿילו דעמלט וואָלטן מיר אים געוואָלט זען נישט גאָר ווי אַ קליין מענטשעלע, נאָר אויך ווי אַ גרויסן שעפֿער. צו-שפּיצן צוליב עפֿעקט זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן און קליינלעכקייטן און דערמיט פֿאַרנעפּלען די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, איז פּשוט נישט ריכטיק.

אזוי איז געשען, דוכט מיר, אין דער טעאטער=פיעסע „א זומער
אין נאָהאַנט“ פון יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש. איוואַשקעוויטש געהערט צו
די אָנגעזעענסטע פוילישע שרייבער פון עלטערן דור. ער איז אויך אַ פיינ=
פילנדער ליטעראַטור= און מוזיק=קריטיקער. ער האָט געווידמעט שאַפּען,
באַך גאַנצע ביכער און אַפשר צוליב די זעלבע סיבות זענען באַלזאַק,
שאָפּען טאַקע געוואָרן די העלדן פון צוויי פון זיינע דראַמעס.

ווי אַזוי ווייזט אויף דער קריטיקער=דראַמאַטורג שאָפּענס טאַגן?

מיר האָבן פאַר זיך אויף דער סצענע — אויך אין בוך — אַן עקזאַל=
טירטע פרוי און גלייכצייטיק א בירגערלעך=פּראַקטישע, אַן אויסגערעכנטע
ביז קליינלעכקייט, אַ האַרצלאָזע, וועלכע לאָזט זיך אויס פון יענעמס
איידלסטע געפילן און אויך פון אירע אייגענע אָנשווינגען, וועלכע זי פּרע=
דיקט אין אירע ביכער. „ראָמאַנטיזם איז גוט פאַר ביכער, ציטנווייז נאָר
אין לעבן, אָבער קיינמאָל נישט ווי אַ פּרינציפּ“ — זאָגט זי צו דער יונ=
גער, פאַרליבטער אין איר זון און אומגליקלעכע. זי פאַרבאַהאַלט אפילו נישט
אויס, אַז זי שטרעבט איר זון זאָל חתונה האָבן רייך און דערוואַרט, אַז
דער מיטלמעסיקער, יונגער מאָלער זאָל מאַכן אַ גרויסע פּאָליטישע קאַר=
יערע. אמת, מיר דערוויסן זיך אויך פון דער העלדין, אַז זי אַרבעט פיל
איבער אַ בוך, אַז זי האָט דערגרייכט רום און האָט אַ סך פאַרערער, אָבער
דער עיקר אַ סך געליבטע. שאָפּען דערשיינט אין איר הויז, ווי אַן אמתער
מאַרטירער, זי דערנידעריקט אים, פון זיין מוזיק האַלט זי נישט און פאַר=
טראָגט זי נישט. אין שאָפּן דרייען זיך נאָך אַרום אַנדערע אירע פאַר=
ערער, צווישן זיי דער קינסטלער רוסאָ, וועלכן דער זון האָט אויסגע=
פאַטשט, פון וואָס זי איז שטילערהייט צופרידן, הגם זי זוכט עס צו פאַר=
גיטיקן. די גאַנצע שטוב=סביבה איז פול מיט אינטריגעס, אויפרעגונגען,
קליינלעכע חשבונות.

ווי שטימט דאָס אַלץ מיט דער מחבּרין פון „אינדיאַנאַ“ און „וואַ=
לענטינע“? ווי פאַרן זיך די קליינבירגערלעכע און שמאָלהאַרציקע עצות
פאַר זיינע טעכטער מיט דער פּלאַמיקער קעמפערין פאַר פרויען=רעכט,
מיט דער גרויסער, געשעצטער דורך די גרעסטע גייסטער פון יענער צייט
פערזענלעכקייט? ווי פאַרן זיך אירע געדאַנקען און טוואונגען דאָ מיט
אירע ווערטער: „די דערנידעריקטע מענטשהייט איז אין מיר און צוזאַ=
מען מיט מיר דערנידעריקט. מיר טאָרן נישט דערשטיקן און נישט באַהיטן
זיך אַרויסצודרייען פון זיך דעם פּראָטעסט, וואָס איז איינע פון די אַמ=

מיינסטן ליידנשאַפֿטלעכע פֿאָרמען פֿון אויסדריקן אונדזער ליבשאַפֿט צו די דערנידעריקטע?“

איז דאָס אַלץ פֿאַלש, צי די העלדין אויף דער בינע איז פֿאַלש פֿאָרגעשטעלט? מ'קאָן מיר ענטפֿערן: אַ קינסטלער, ווי יעדער מענטש קאָן זיין פֿול מיט ווידערשפּרוכן. אָדער: די קונסט און דאָס לעבן... און אַזוי קאָן מען שפּינען און שפּינען. נעמען מיר אָן. צי וואָס אָבער איז די ווידערשפּרוכן פֿאַרווישן די גרויסע פּערזענלעכקייט?

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען אין דער ליטעראַרישער וועלט געפּייערט דעם 150 יעריקן געבוירן־טאָג פֿון דער באַרימטער שרייבערין און אומעטום איז דאָס אָפּגעמערקט געוואָרן ווי אַ גרויסע דאַטע און דערמאָנט זענען געוואָרן די גרויסע פֿאַרדינסטן אירע פֿאַר דער ליטעראַטור, פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון פּראָגרעסיוון געדאַנק, פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון פּראָגרעס בכלל. די מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט איז ביי דער געלעגנהייט געוויזן געוואָרן אין איר גאַנצן, פֿילפֿאַרביקן גלאַנץ. און ס'איז נישט געווען איבערגעטריבן, ווייל זשאָרזש סאַנד איז געווען אַ זעלטן רייכע און פֿאַסצינירנדיקע פּערזענלעכקייט און נאָך הייַנט איז איר שטאַנדפּונקט וועגן ראָל פֿון שרייבער אַ טעמע פֿאַר דיסקוסיע.

* * *

זשאָרזש סאַנד איז אין איר צייט געווען אַ פֿאָנען־טרעגערין פֿון אַ גייַעם אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. איר זענען אויך נאָענט געווען אַלע אַנדערע צווייגן פֿון דער קונסט, ווי מוזיק, מאָלעריי און דער עיקר די פֿאָלקס־קונסט, דער פֿאָלקלאָר, וואָס זי ברענגט מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט אַרויס אין אירע ביכער. זי האָט זיך אַפֿילו אַ געוויסע צייט אָפּגעגעבן מיט נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג, אָבסערווירנדיק און קלאַסיפֿיצירנדיק פֿאַרשידענע פֿלאַנצן און מינעראַלן פֿון איר דאָרפֿישער געגנט. אַ סברה, אַז נישט נאָר זשאָרזש סאַנד די פֿרוי, נאָר אויך זשאָרזש סאַנד די גרויסע קינסטלערין, מיט אירע אַלזייטיקע פֿאַראינטערעסירונגען האָט צוגעצויגן אַזוי פֿיל קינסטלער. זי האָט טאַקע באַווירקט אַ סך קינסטלער, מוזיקער שרייבער. זי איז געווען געבונדן מיט די גרעסטע גייסטער פֿון איר צייט. ס'איז באַקאַנט די לאַנגיאָריקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן איר און פֿלאָבערן, פֿאַר וועלכן יעדעס וואָרט אירס האָט געהאַט אַ גרויסע וואָג. וויקטאָר הוגאָ

האָט געשריבן, אַז „...זשאָרזש סאַנד איז און וועט פאַרבלייבן דער רום פון אונדזער לאַנד“. די גרויסע רוסישע שרייבער טורגעניעוו (וועלכער איז מיט איר פערזענלעך געווען באַפריינדעט), דאָסטאָיעווסקי, ניעקראַסאָוו, טשערנישעווסקי, גאָרקי האָבן געשריבן וועגן איר מיט באַגייסטערונג. ביעלינסקי האָט זי גערופן „די זשאַן ד'אַרק פון אונדזער צייט“.

זשאָרזש סאַנד איז אַ גאַנצע עפּאָכע. ווען אָראָר דיפּען — זשאָרזש סאַנד איז געבוירן געוואָרן (דעם 1-טן יולי 1804) איז דער 19-טער יאָרהונדערט אַלט געווען בלויז 4 יאָר. זי האָט באַוויזן מיטצומאַכן דעם גאַנצן שטורעם און דראַנג פון יענעם ברויזנדיקן יאָרהונדערט און ס'איז זי שווער אָפּצוטיילן פון איר שטורמישער צייט. אין פראַנקרייך איז דאָס געווען דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער יאָרהונדערט, בעת וועלכן ס'זענען אַנטשטאַנען די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און ס'זענען פאָרגעקומען עטלעכע רעוואָלוציעס. איר ראָל אין די דעמאָלטדיקע געשעענישן קאָן מען פאַרגלייכן אין אַ געוויסער מאָס מיט וויקטאָר הוגאָס ראָל. זי האָט געברויזט מיט וויטאַליטעט און אַקטיוויטעט. זי איז געווען געבונדן מיט פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פירער, ווי לואי בלאַן, פּיער לערו, מיטן באַוווסטן פּראָגרעסיוון גלח - בונטאַר לאַמענע און מיט די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטיש-אוטאָפּיסטישע ריכטונגען. זי האָט מיטגעאַרבעט אין פיל זייערע צייטונגען, אַליין געגרינדעט אַ צייטונג, געשריבן אַרטיקלען, רעדאַגירט, גענומען שטעלונג צו אַלע פּראָבלעמען פון יענער צייט.

אין איר צייט איז זשאָרזש סאַנד געווען מסתמא אַ פרוי, אַן אוניקום סיי לויט איר וויטאַליטעט, גייסטיקער און מאָראַלישער שטאַנדהאַפטיקייט, סיי לויט איר אַלזייטיקער, שעפערישער טעטיקייט. צו 17 יאָר, נאָכדעם ווי זי האָט צוויי יאָר פאַרבראַכט אין מאָנאַסטיר פאַר יונגע מיידלעך, האָבן זי די עלטערן חתונה געמאַכט פאַר אַ טעמפּן און פיל עלטערן פאַר איר באַראָן. נאָך 8 יאָר ערשט האָט זיך איר איינגעגעבן צו פאַרלאָזן איר אויפגעצוווּנגענעם מאַן און איז אַנטלאָפן קיין פּאַריז, וווּ זי האָט אָנגעהויבן שרייבן. זינט דעמאָלט איז זי במשך פון איבער 40 יאָר געווען ווי אַ שטורמישער, באַרגיקער שטראָם.

זשאָרזש סאַנד איז געבוירן און האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן אויפן דאָרף, אין איר רעזידענץ אין נאָהאַן. זי האָט די פּשוטע דאָרפס-מענטשן ליב געהאַט ווי זי האָט ליב געהאַט די נאַטור. אין די עלטערע יאָרן האָט מען זי אין יענער געגנט גערופן „די גוטע

דאַמע פֿון נאָהאַן". זי האָט אין דאָרפֿס־לעבן אַנטדעקט אַ סך רייץ, דיכטונג, מוזיק און האָט דאָס אַלץ מיט אַ סך האַרץ געשילדערט אין אירע ביכער. פּונקט ווי זי האָט אַ צייט לאַנג זיך פֿאַרנומען מיט שטודירן פּלאַנצן און מינעראַלן, אַזוי האָט זי זיך אויך פֿאַרנומען מיטן דאָרפֿישן פֿאָלקלאָר, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין אַלע סודות פֿון דער נאַטור און אירע איינוווינער. אין איר ליבע צו דער קונסט פֿון פֿאָלק האָט זי אַליין צונויפֿגעשטעלט אַ רעגיסטער פֿון די קונסט־אוצרות פֿון די פֿראַנצויזישע פּראָווינצן. אגב, האָט זי אויך אַליין געמאָלן און איבערגעלאָזט פֿיל קונסט־בילדער. זי האָט זיך אויך אַקטיוו אינטערעסירט מיט טעאַטער און אַליין זיך פֿאַרנומען מיט אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער. דאָס אַלץ האָט איר נישט געשטערט צו שרייבן יעדן טאָג 20 זייטן. זי האָט געשריבן ראָמאַנען — סאָציאַלע, געשיכטלעכע, אידילישע דאָרפֿס־ראָמאַנען, שטייגער־ראָמאַנען — טעאַטער־פּיעסן, אַרטיקלען אויף פֿאַרשידענע טעמעס, מעמואַרן. זי האָט געלאָזן אַ גאָר רייכע און אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ — און אויב כ'האָב קיין טעות נישט, איז נאָך איר גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ נישט פֿאַרעפֿנטלעכט.

וואָס איז דער הויפּט־שטריך פֿון סאַנדס ווערק?

דאָס איז דער טיפֿער הומאַניטאַריזם, דער דראַנג פֿון מענטש צו פֿרייהייט און גליק. ווי אַ רויטער פֿאָדעם ציט זיך דורך אַלע אירע ביכער דער דראַנג צו יושר און סאָציאַלן פּראָגרעס, און אומעטום פֿילט זיך די הייסע ליבע פֿון מחבר צום פֿאָלק, צום פּשוטן מענטש און דער עיקר צום באַעוולטן, דער פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, פֿאַראַכטונג צו יעטוועדער אונטערדריקונג.

זשאָרזש סאַנד האָט איר שרייבערישע קאַריערע אָנגעהויבן מיט די אַזוי גערופֿענע „פֿעמיניסטישע" ראָמאַנען. זי איז געקומען אין דער ליטעראַטור ווי אַ קעמפֿער פֿאַר פֿרויען־רעכט, זי האָט געבראַכט דעם מעכטיקן פּראָטעסט קעגן דער רעכטלאָזיקייט פֿון דער פֿרוי אין דער משפּחה, אין פֿאַמיליען־לעבן. איר ערשטער ראָמאַן „אינדיאַנאַ", וואָס איז דערשינען אין 1832 יאָר, ברענגט אַרויס מיט דער גאַנצער קראַפֿט די צביעות, די מאַטעריעלע אינטערעסן, די פֿאַלשקייט, אויף וועלכע ס'זענען באַזירט די בירגערלעכע פֿאַמיליע און די פּענטעס, וואָס זיי לייגן אַרויף אויף דער פֿרוי. הגם דאָס פּראָבלעם האָט שוין געהאַט באַרירט אין אירע ראָמאַנען די פֿראַנצויזישע שרייבערין דע סטאַל איז דאָך „אינדיאַנאַ" געווען אַ טרומייטן־שאַל צום קאַמף פֿאַר די ציווילע רעכט פֿון דער פֿרוי,

פֿאַר איר רעכט צו באַשטימען אַליין וועגן איר גורל. דער סיטואַציע פֿון דער פֿרוי אין משפּחה־לעבן ווידמעט זי אויך אירע ביכער „וואַלענטינע", „לעליאַ" און אין דער פּיעסע „קלאָדי" שטעלט זי אויפֿן טאָג־אָרדענונג די פֿראַגע פֿון דער פֿאַרלאָזטער מוטער־מיידל — אגב האָט זי צוליב דער דאָזיקער פּיעסע נישט ווייניק געהאַט צו טאָן מיט דער צענזור. אין פֿיל אַנדערע ווערק און אין פֿאַרלויף פֿון איר גאַנץ לעבן האָט זי זיך מערערע מאָל אומגעקערט צו דער לאַגע פֿון דער פֿרוי, וואָס זי האָט באַטראַכט פֿאַר אַ טייל פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט.

דער צווייטער מאָטאָר פֿון איר שאַפֿן דאָס זענען געווען די נויט, די עוולות לגבי דעם פֿאָלק, וואָס לאָזט זי נישט רוען. „ווען דאָס פֿאָלק איז הונגעריק, טאָ זאָלן אונדז די שיינע גייסטער דערלויבן צו טראַכטן קודם וועגן ברויט פֿאַר אים און דערנאָך ערשט וועגן אויפֿשטעלן פֿאַר אים טעמפּלען". אין 1840, מיטן דערשיינען פֿון איר באַרימטן ראָמאַן „דער רייזנדער געזעלן איבער פֿראַנקרייך", הויבט זי אָן אַ סעריע סאָציאַלע ראָמאַנען, אין וועלכע אירע פֿאָלקס־העלדן טראָגן אין זיך די האָפֿענונג פֿון דער צוקונפֿט. אַרום „רייזנדן געזעלן איבער פֿראַנקרייך", אין וועלכן סאַנד האָט צווישן אַנדערן געמאָלן אַ פֿילפֿאַרביק בילד פֿון די באַרימטע פֿראַנצויזישע צעכן־פֿאַרבאַנדן, איז צו יענער צייט אַנטשטאַנען אַ סך טומל און אויך אַ פּאָלעמיק צווישן שרייבער, צו וועלכער מיר וועלן זיך נאָך אומקערן.

די דריטע ריכטונג אין איר שאַפֿונג דאָס זענען אירע דאָרפֿס־ראָמאַנען, ווי „דער זומפּ פֿון טייוול", „די קליינע פֿאַדעט", „פֿראַנסואַ שאַמפּי" און ענלעכע, אין וועלכע עס האַרמאָניזירן אַזוי די שיינקייט פֿון דער נאַטור מיט דער נשמה־זויבערקייט און גוטסקייט פֿון פּשוטן פּויער. אין דעם פּשוטן דאָרפֿס־מענטש, אין דער פּויערישער מיידל, אין דעם פֿאַריתומטן קינד, אין דעם תמימותדיקן לאַנדס־אַרבעטער, אַנטדעקט זי אָן אַ שיעור גוטסקייט, אָפּפֿערוויליקייט און לעבנס־חכמה. זשאָרזש סאַנד איז אויך געווען אַן ערשטקלאַסיקער שטייגער־שרייבער. מיט מייסטערשאַפֿט מאָלט זי אין אירע ראָמאַנען די זיטן, מנהגים, דעם לעבנס־שטייגער פֿון דער פֿראַנצויזישער פּראָווינץ. פֿאַראַן אין די אַלע ראָמאַנען אַ סך פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען, סאָציאַליסטישע אָנשויונגען אָבער אומעטום איז דאָס באַפֿאַרבט אידיליש, באַהויכט מיטן אָטעם פֿון אַ הייס האַרץ.

זשאָרזש סאַנד האָט דערציילט, אַז זי האָט געהאַט געראַטן באַלזאַקן זיין „מענטשלעכע קאָמעדיע" אָנצורופֿן „מענטשלעכע טראַגעדיע" אָדער

„מענטשלעכע דראַמע“. דערויף האָט איר באַלזאַק געענטפֿערט, אַז זי וואָלט בעסער אירע ביכער געדאַרפֿט אַ נאָמען געבן „מענטשלעכע עפּאָפּייע“. „אַ צו אַמביציעזער טיטול“ — האָט זי צוריקגעענטפֿערט. — כ׳וואָלט אָבער געוואָלט שאַפֿן אַ מענטשלעכע אידיליע, אַ פּאָעמע, אַ מענטשלעכן ראָמאַן. מיט איין וואָרט, איר ווילט און קאָנט שילדערן דעם מענטש אַזוי ווי ער איז, אַזוי ווי איר זעט אים. ס׳איז אייער רעכט. איך אָבער וויל אים ליבערשט שילדערן אַזוי, ווי איך וואָלט געוואָלט ער זאָל זיין, ווי ער וואָלט, לויט מיין מיינונג, באַדאַרפֿט צו זיין...“

זענען טאָקע צום גרעסטן טייל סאַנדס ראָמאַנען מענטשלעכע אידיליעס. ווי דאָס זאָל ניט אויסזען קעגנזעצלעך, זענען דאָס אידיליעס אין דראַמעס. אַזוי ווי אַ וואָרעמע, פֿויגלשע נעסט אין אַ שטורעם, אַזוי איז דאָס אידילישע לעבן פֿון די פֿאָלקס־מענטשן אַרומגערינגלט מיט זאָרגן און ליידן אויסגעשטעלט אויף נויט און פּיין. און ווען דער שטורעם צעשטערט די נעסט, הערט דען אויף דאָס פֿויגעלע צו זינגען? סאַנדס פֿאָלקס־העלדן זענען אין אַלע סיטואַציעס טיף מענטשלעך, פֿול מיט נאָבלקייט און דערהויבנקייט.

דער אופֿן פֿון שילדערן דעם מענטש, ווי אויך דער מאָראַלישער פּאַטאָס און דאָס שטענדיק הייסע האַרץ פּאַראייניקט זשאָרזש סאַנד מיט די ראָמאַנטיקער פֿון וויקטאָר הוגאָס שניט. זי האָט אָבער קיין שום ליטעראַרישע ריכטונג, קיין שום שול ניט אָנערקענט, הגם מ׳האָט שטענדיק זי ערגעץ קלאַסיפֿיצירט. דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור־היסטאָריקער פֿעליסיע פֿאַררעכנט זי גאָר צו דער אידעאַליסטישער שול. אפֿשר איז דאָס אויף אַזוי פֿיל באַרעכטיקט, אויף וויפֿל איר ווערק טראָגט אין זיך אַ גרויסן מענטשלעכן אידעאַל. זשאָרזש סאַנד גופֿא האָט זיך צו קיין שום שיטה ניט פֿאַררעכנט, געגאַנגען מיט אַן אייגענעם וועג, הגם זי איז געווען אונטער אַ שטענדיקן איינפֿלוס פֿון זשאַן זשאַק רוסאָ.

ווען כ׳איז דערשינען איר ערשטער ראָמאַן, זענען אין דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור געפֿלאָסן צוויי מעכטיקע שטראָמען: דער ראָמאַנטיזם מיט הוגאָ בראָש און דער קריטישער רעאַליזם מיט באַלזאַק און סטענדאַל. צו באַלזאַקס און סטענדאַלס רעאַליזם האָט זי זיך ניט דערהויבן — בעסער געזאָגט, זי האָט זיך פֿון אים באַוווּסטזיניק אָפּגעגרענעצט. הוגאָס קאָנצעפּציעס פֿון דערהויבן דעם געפֿלאָגטן און דערנידעריקטן

מענטש האָט זי איבערגעשטיגן. זי האָט עס געטאָן מיטן באַוווסטזיין, אַז „דער קינסטלער, ווי זי האָט געשריבן אין דער הקדמה צום „זומפ פון טייוול“, דאַרף וועקן ליבע און אַכטונג צו די געשטאַלטן מיט וועלכע ער פאַרנעמט זיך באַזונדערס. און איך וואָלט נישט געמאַכט קיין פאָרוווּרפן, ווען עמעצער וואָלט, אויב נויטיק, זיי שענער געמאַכט“. האָט זי זיי טאַקע שענער געמאַכט, אָפטמאָל אידעאַליזירט.

מ'האָט איר דאָס פיל מאָל פאָרגעוואָרפן, אירע פאָליטישע שונאים האָבן דאָס אויסגענוצט קעגן איר. „ווו זעט מען אַזעלכע פויערים, אַזעלכע בעל־מלאכות“? די פאָרוווּרפן האָבן זיך באַזונדער פאַרשטאַרקט נאָכן דערשיינען פון „דעם רייזנדיקן געזעלן איבער פראַנקרייך“. דער יונגער וואַנדערער־געזעלן פיער היגענען, איז די פאַרקערפערונג פון קלוגשאַפט און נאָבלקייט, ער איז א דענקער, ממש אַן אַפאָסטאָל. זיין פריינד דער סטאָלאַר־שניצער אַמאָרי איז אין זיין קונסט די פאַרקערפערונג פון פאָלקס־געניע. „עקזיסטירן ווירקלעך אַזעלכע?“ — האָט מען געפרעגט. און די ליבע צווישן די צוויי געזעלנס און די „גוט דערצויגענע“ פריצישע פריילינס?

זשאָרזש סאַנד האָט אין אַריינפיר צו אַ צווייטער אויפלאַגע געענט־פערט דערויף: „שאַפנדיק די געשטאַלט פון אַן אַרבעטער, אַ פאָרגעשריי־טענעם אויף וויפל די צייט, אין וועלכער מיר לעבן דערלויבט דערויף, וואָלט נישט מעגלעך געווען אים נישט צו באַוואָפענען מיט באַגריפן פון היינטי־קער געזעלשאַפט און מיט די טרוימען אויף דער צוקונפט. דאָך האָט מען אין געוויסע סביבות אָנגעהויבן שרייען, אַז דאָס איז נישט מעגלעך, אַז ס'איז איבערגעטריבן. מ'האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך וויל אויספיינערן און שענער מאַכן דאָס פאָלק. פאַרוואָס נישט? זאָל מען אָננעמען, אַז כ'האָב צופיל אידעאַליזירט מיין העלד. פאַרוואָס זאָל איך אָבער נישט טאָן דאָס פאַר אַ מענטש פון פאָלק, וואָס מען טוט פאַר די מענטשן פון אַנדערע קלאַסן? פאַרוואָס זאָל איך נישט צייכענען אַזאַ מערקווירדיק צו־ציענדיקן פאָרטרעט, וואָס זאָל קאָנען אַלע ערלעכע אַרבעטער אָנרעגן צו וועלן זיין ענלעך צו אים? פון ווען מוז דאָס אַ ראָמאַן זיין אַן אָפשפי־גלונג פון דעם, וואָס עקזיסטירט? אַן אָפשפיגלונג בלויז פון דעם האַרטן און קאַלטן אמת וועגן היינטיקע מענטשן און זאַכן? כ'ווייס, אַז ס'קאָן זיין אויך אַזוי און באַלזאַק, פאַר וועמענס טאַלאַנט איך בויג דעם קאָפ, האָט אַזוי אַרום געשאַפן „די מענטשלעכע קאָמעדיע“. אָבער טראָץ דער

פֿריינדשאַפֿט, וועלכע פֿאַראייניקט מיך מיט דעם דאָזיקן גרויסן מענטש, האָב איך שטענדיק געזען מענטשלעכע זאַכן אין אַן אַנדער ליכט...“

אָט די דעבאַטע, וואָס זשאָרזש סאַנד האָט אַרויסגערופֿן, פֿירט זיך ביזן היינטיקן טאָג. אויך היינט איז פֿאַראַן אַ שטעלונג, אַז די ליטעראַטור דאַרף ווייזן דעם מענטש אַזוי, ווי ער וואָלט באַדאַרפֿט צו זיין און נישט אַזוי, ווי ער איז. מיר האָבן אויך אַ היפּשע ליטעראַטור אַזעלכע. דאָך איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דער דעמאָלטיקער קאָנצעפּציע און דער היינטיקער. זשאָרזש סאַנד, פֿאַרשענערנדיק די מענטשן פֿון פֿאָלק, אידעאַליזירנדיק זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען, האָט נישט דעפֿאָרמירט דאָס בילד פֿון די רעאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט, פֿאַרקערט, זי האָט וואָרהאַפֿטיק געשילדערט דאָס שווערע, מיפֿולע לעבן פֿון אירע העלדן, די נויט און ליידן פֿון פֿאָלק קעגן וועלכע זי האָט פּראָטעסטירט.

זשאָרזש סאַנד האָט אומאויפֿהערלעך אונטערגעשטראָכן די סאָציאַלע און מענטשלעכע פֿונקציע, וואָס די ליטעראַטור האָט אויסצופֿירן, אָבער נישט אין אַ באַגרענעצטן, איינזייטיקן, נאָר אין ברייטסטן זין. זי האָט נישט געגלייבט, אַז דער קינסטלער זאָל קאָנען זיין אַבסאָלוט גלייכגילטיק צו זיינע פּערסאָנאַזשן און געהאַלטן פֿאַר נישט מעגלעך אין דער קונסט זיך נישט צו אַנגאַזשירן אויף וועלכער ס'איז זייט אידעיש און עמאָציאָנעל. „אַ פֿולשטענדיקע אָביעקטיווקייט איז אוממעגלעך און אַ ראָמאַן דאַרף קודם כל אַנטהאַלטן אין זיך דאָס מענטשלעכע“ — האָט זי געשריבן צו פֿלאָבערן. ווי מיר זעען, בכן, זענען זשאָרזש סאַנדס ליטעראַרישע קאָנצעפּציעס און די דיסקוסיעס אַרום זיי אויך היינט אַקטועל. און מיטן וועלבן פֿלאַם־פֿייער, מיט וועלכן זי האָט זיך אַנגאַזשירט אין דער קונסט, האָט זי זיך אויך אַנגאַזשירט אין לעבן, נעמענדיק שטעלונג צו אַלע געשעענישן. מיט פֿאַסיע האָט זי פֿאַר אירע גרויסע פֿריינד, ווי באַלזאַק, טורגעניעוו, פֿלאָבער און אַנדערע, פֿאַרטיידיקט איר שטאַנדפּונקט, וואָס האָט אָבער נישט געשטערט אין זייער פֿריינדשאַפֿט.

אַזאַ איז זי געווען זשאָרזש סאַנד — אַ גרויסער שרייבער און אַ מענטש מיט אַ גרויס האַרץ. און ווען דאָס גרויסע האַרץ האָט, נאָך אַ לאַנגן שעפֿערישן און שטורמישן לעבן אויפֿגעהערט, דעם 31־טן מאַי 1876, צו קלאַפּן, האָט וויקטאָר הוגאָ געזאָגט: „איך באַוויין די געשטאָרבענע און איך באַגריס די אומשטערבלעכע“.

אַן אומשטערבלעכע געשטאַלט און אַזאַ דאַרף מען זי ווייזן.

דאָס בליץ־ליכט פונעם געוויסן

(צום אָנדענק־טאָג פון „איך באַשולדיק“)

ס'איז געווען מיט 60 יאָר צוריק. אין א קאַלטן יאַנואַר־פרימאָרגן איז פּאַריז אויפגעטרייסלט געוואָרן. פון האַנט צו האַנט איז איבערגעגאַנגען די צייטונג „אָראָר“, פון וועלכער ס'האָט אַראָפּגעשיינט מיט גרויסע אותיות: „איך באַשולדיק!“. די שטורמישע ווערטער האָבן זיך באַלד צעטראָגן איבער גאַנץ פראַנקרייך און מיט דער קראַפט פון אמת און יושר אָפּגעהילכט אין אַלע עקן וועלט. ווייט פון פראַנקרייכס גרענעצן, אויפן טייוול־אינדזל, איז זינט דריי יאָר געזעסן אַן אומשולדיקער מענטש, א יידיש־פראַנצויזישער אָפיציר, אַלפרעד דרייפוס, פאַרמשפּט אויף לעבנסלענגלעכע קאַטאָרגע פאַר א מלוכה־פאַראַט, וואָס ער איז נישט באַגאַנגען. און אָט האָט דער גרעסטער שרייבער פון יענער צייט פאַרמאָסטן זיך, שטעלנדיק אין קאָן זיין רום, זיין פרייהייט, זיין גאַנץ ווערק, צו באַווייזן די אומשולד פון דעם פאַרמשפּטן און צו פאָדערן עפנטלעך גערעכטיקייט. דער 13־טער יאַנואַר 1898, ווען עמיל זאָלאַס „איך באַשולדיק“ איז דערשינען, איז א דאַטע, וואָס וועט אייביק פאַרבלייבן אין זכרון.

פאַר אונדז יידן האָט די דאַטע א באַזונדערן זין און אינהאַלט.

ס'איז נישט מעגלעך צו רעדן וועגן זאָלאַס ליטעראַרישער ראָל אין יענע פינצטערע געשעענישן, נישט האָבנדיק פאַר די אויגן דעם בילד פון זיין גאַנצער שאַפונג, פון וועלכער „איך באַשולדיק“ איז געווען א קאָנסעקווענטע פאָרזעצונג. מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אין פראַנקרייך אָפּגעמערקט געוואָרן די 55־טע יאָרצייט פון עמיל זאָלאַ. דער פראַנצויזישער שרייבער מאָריס דריאָן האָט אין זיין רעדע בעת דער פייערונג געזאָגט, אַז „די געשטאַלט פון זאָלאַ האָט זיך אויף שטענדיק איינגעקריצט אין זכרון פון דער מענטשהייט, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אונדז, האַלטנדיק אין דער

רעכטער האַנט זיינע 50 בענדער און אין דער לינקער האַנט זיין „איך באַשולדיק“. זיי דערגענצן זיך. דאָס גאַנצע, ריזיקע ווערק פֿון זאָלאַ איז איין גרויסע באַשולדיקונג.

* *
*

וועגן זאָלאַ האָט מען שוין זייער פֿיל געשריבן און צו ווייניק געשריבן. געוויינלעך גייט אָן דער מחבר פֿון „איך באַשולדיק“ פֿאַרן פֿאָטער פֿון נאַטוראַליזם. און מענטשן, וועלכע האָבן אַ נייגונג צו קלאַסיפֿיצירן שעפֿער און שעפֿערישע ריכטונגען אַזוי ווי מען קלאַסיפֿיצירט, זאָל מען אָננעמען, אַ לעבעדיקן אינווענטאַר אין אַ דאָרפֿישער באַלעבאַטישקייט, וועלן אַלע מאָל אַסאָציאירן יעמוועדן נאַטוראַליזם מיט זאָלאַן. ס'איז כדאי צו מאַכן אַזאַ באַוואָרעניש היינט, ווען מען רעדט זייער פֿיל וועגן נאַטוראַליזם. פֿאַראַן מענטשן, וועלכע באַטראַכטן פֿאַר נאַטוראַליסטיש יעמוועדע קינסטלערישע באַמיונג אַרויסצוברענגען די ווירקלעכקייט אמתדיק, אָן פֿעלשונגען און אָן באַפּוצונגען. דערגלייכן דער פֿאָטאָגראַפֿישער אופֿן פֿון שילדערן די רעאַליטעט, וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך ווייניק קינסטלערישע געשטאַלטיקונג, אָדער גאָר דאָס אַרויסברענגען די רעאַליטעט אין בונטע פֿאַרבן, גייט אויך אָן פֿאַר נאַטוראַליסטיש. דער איטאַליענישער שרייבער קאַרלאָ סאַלינאַרי האָט מיט אַ צייט צוריק, פּאָלעמיזירנדיק אין דער קאָמוניסטישער צייטשריפֿט „קאָנטעמפּאָראַנעאָ“ מיט סאָוויעטישע שעפֿער, געשריבן וועגן אַזאַ נאַטוראַליזם. צי האָט אָבער אַזאַ טענדענץ, נאָך מין נאַטוראַליסטישע שילדערונג עפּעס געמיינזאַמעס מיט זאָלאַס פֿאַרשטעלן די ווירקלעכקייט? מיט זאָלאַס קאָנצעפּציע וועגן דער ראָל פֿון שרייבער?

קודם דאַרף באַלד פֿון אָנהייב געזאָגט ווערן, אַז זאָלאַ, דער שעפֿער און באַגרינדער פֿון נאַטוראַליזם, איז פֿאַר אַלעמען געווען אַ קריטיקער און קאָמפּראָמיסלאָזער רעאַליסט אין זיין שאַפֿונג. אַנדערש וואָלט זיין ווערק נישט געקאָנט האָבן די וואָג, וואָס עס האָט, ווייל יעדערע אמתע, גרויסע קונסט איז אין איר עצם רעאַליסטיש. דאָס הייסט נישט, אַז ס'קאָנען נישט זיין קיין פֿאַרשידענע אופֿנים אויסצודריקן די רעאַליטעט. זאָלאַ איז אויך געווען אין זיין יונגן שעפֿערישן פּעריאָד אַ ראָמאַנטיקער. אָנגעהויבן האָט ער זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט דיכטונג און נאָוועלן, וואָס ער האָט שנעל איינגאַנצן פֿאַרלאָזן. אויך זיינע ערשטע ראָמאַנען, ווי „די

ווידוי פון קלאָד" (1865), „די געהיימנישן פון מאַרסיליע" (1867) און אַנדערע שאַפונגען זענען באַהויכט מיטן אָטעם פון ראָמאַנטיזם. „כ'בין געבוירן געוואָרן אויפן קרייץ־וועג פון הוגאָ און באַלזאַק", האָט ער געזאָגט דורך דער פּערזאָן פון סאַנדאָז אין זיין בוך „דאָס ווערק". הוגאָס ראָמאַנטיזם האָט צעפלאַקערט אין אים זיין שעפערישע פאַנטאַזיע און, איבערדערייסנדיק מיטן ראָמאַנטיזם, האָט ער אויף זיין ווייטערדיקן שעפערישן וועג מיטגענומען הוגאָס גרויסע ליבע צום מענטש, זיין צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן אומגערעכטיקייט און רשעות. פון באַלזאַקן האָט ער געירשנט דעם שאַרפן חוש פאַרן רעאַלן לעבן און, שאַפנדיק אַן אייגענע ליטעראַרישע קאָנצעפּציע, איז ער געגאַנגען אין די שפּורן פון זיין מעכטיקן רעאַליזם. אַ קינסטלער איז נישט קיין טאַבולאַ ראַסאַ. יעדער שעפער זאַפּט איין אין זיך דאָס בעסטע פון זיינע פאָרגייער אָדער מיטצייטלער און שאַפט אַן אייגענע וויזיע פון דער וועלט.

זאָלאַס שרייבערישער טאַלאַנט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ס'איז געווען די צייט פונעם אויפבלי פון דער וויסנשאַפט און אין דער ערשטער ריי פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. דער מחבר פון „איך באַשולדיק", דער ענטוזיאַסט פון יעמוועדן פּראָגרעס, זוכנדיק אַ נייעם קינסטלערישן אויסדרוק, אַ נייעם מעטאָד פאַר זיין קינסטלערישער שאַפונג, האָט אים אויסגעפונען אין דער אויפשטייגנדיקער וויסנשאַפט. זיין אַרגומענטאַציע איז געווען פאָלגנדיקע: אויב וויל דער שרייבער פאָרשן און אָפּשפּיגלען דאָס מענטשלעכע לעבן, איז פאַרוואָס זאָל ער נישט געניסן פון די פאָרשריטן פון דער וויסנשאַפט? פאַרוואָס זיך נישט דערגרונטעווען צו די אינערלעכע טרייבכוחות אינעם מענטש, וואָס שטויסן אים צו האַנדלען אַזוי און נישט אַנדערש? דער שרייבער הייבט אַזוי אַרום אָן צו אַנאַליזירן, פּונקט ווי דער וויסנשאַפטלער אין דער לאַבאָראַטאָריע, דעם מענטש־בעל־חי, אָדער פּשוטער געזאָגט, דעם מענטש־חיה און זאָלאַ דערגייט צו דער איבערצייגונג, אַז די איינגעבוירענע אינסטינקטן באַשטימען די האַנדלונגען פון מענטשן, אויף וועלכן עס ווירקט נאָך אומאויפהערלעך און פּאַטאָליטיש דאָס געזעץ פון ירושהדיקייט.

„אינדזער אַנאַליז איז אַן אומבאַרחמנותדיקער, ווייל ער דערגייט ביזן טיף פון מענטשלעכן אָרגאַניזם און אומעטום, אין גאַנצן באַשטייענד זיינעם, געפינען מיר די חיה" — האָט זאָלאַ געשריבן. דער מחבר פון „איך באַשולדיק" האָט געהאָפט, אַז מע וועט אַמאָל קאָנען גרויסע געשעענישן

איבערברוכן אין דער געשיכטע אויפקלערן מיט פסיכישע און פיזיאָלאָגישע איינגעשאַפטן פון די מענטשן, וועלכע האָבן די געשעענישן אַרויסגערופן אָדער מיט זיי אָנגעפירט. ס'איז כדאי אויך צו באַמערקן, אַז זאָלאַ האָט געשטרעבט מיט זיין וויסנשאַפטלעכן, נאַטוראַליסטישן מעטאָד קעגנשטעלן זיך אידעאַליסטישע איינשטעלונגען מצד געוויסע ליטעראַטור־פאָרשער. „נישט אמת? — זאָגט דער אויבן־דערמאָנטער סאַנדאָז, וועלכער פערזאָניפיצירט דעם מחבר — מ'דאַרף שטודירן דעם מענטש אַזוי ווי ער איז און נישט קיין מעטאפיזישן פאַיאַץ. מ'דארף שטודירן דעם פיזיאָלאָגישן מענטש, וועלכער איז באַאיינפלוסט פון זיין סביבה און האַנדלט אונטערן דרוק פון אַלע זיינע אָרגאַנען... צי איז דען נישט לעכערלעך צו שטודירן שטענדיק און אויסשליסלעך דאָס פונקציאָנירן פון מוח אונטערן פרעטעקסט, אַז דער מוח איז אַ נאָבלער אָרגאַן? דער געדאַנק, צום טייוול דערמיט! איז דאָך דער געדאַנק אַ פּראָדוקט פון גאַנצן אָרגאַניזם. פּרווט נאָר מאַכן דענקען דעם מוח אַליין, איר וועט זען, וואָס עס געשעט מיט דער נאָבלקייט פון מוח, ווען דער מאָגן איז קראַנק!...“

זאָלאס וויסנשאפטלעך־נאטוראליסטישע קאָנצעפּציע איז נישט געווען אינגאנצן קיין נייע אין פראנקרייך. דער פראנצויזישער פילאָזאָף און קריטיקער היפּאָליט טען האָט זי פאר אים דערפירט צו אַן עקסטרעם, באַהויפּטנדיק, אַז די ראָל פון שרייבער באַשטייט אין געבן אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון דער ווירקלעכקייט און אַ פּינקטלעכן אַנאַליז פון מענטשנס פסיכאָלאָגישן צושטאַנד, באַזירט גענוי אויף זיינע פיזיאָלאָגישע נייגונגען. דעם שרייבערס פּראַלגעמיינערונגען, זיין פּאַרטייאונג פון די אָבסערוואַציעס, די מענטשלעכע געפילן און בפרט די שטעלונג פון שרייבער האָבן, לויט טענס מיינונג, קיין שום באַדייטונג נישט.

אַזאַ נאַטוראַליסטישע קאָנצעפּציע האָט געטראָגן אין זיך געפאַרן פאַר דער ליטעראַרישער שאַפונג. די כלומרשט אָביעקטיווע אָבסערוואַציע און וויסנשאַפטלעכע גענויקייט האָט נאָר געקאָנט פאַרשמעלערן די האָריזאָנטן פון שרייבער, באַגרענעצן זיין פונקציע פון מענטשן־דערקענטעניש און דער עיקר פאַרוואַנדלען דעם שרייבער אין אַ מין קאַלטן רעגיסטראַטאָר, אין עפּעס אַ טרוקענעם כראָניקער. אַזאַ צוגאַנג האָט אויך געדראָט אַראָפּצופירן פון דעם וועג, מיט וועלכן ס'זענען געגאַנגען די גרויסע מייסטער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ווי: סטענדאַל, באַלזאַק, פלאָבער, הוגאָ און אַנדערע. ווייל ווייבאַלד אין מענטש דאָמינירן אויסשליסלעך די ביאָלאָגישע פאַקטאָרן, פאַלן דאָך נאָך אַלע אַנדערע באַדינגונגען, ווי די

סביבה, דער געזעלשאַפטלעכער סדר אין וועלכן ער לעבט. דער שרייבער וועט דעם מענטש דעמלט זען אַן אויסגעשיילטן פון זיין אַרום. אַזוי איז דאָס טאַקע געשען מיט די ברידער גאָנקור און אַנדערע, וועלכע האָבן געשריבן עקספּערימענטאַליסטיש־נאַטוראַליסטישע ראָמאַנען. זאָלאַ האָט אָבער איבערגעשטיגן מיט אַ גאַנצן קאָפּ די אַלע מיטצייטלער זיינע, וועלכע האָבן פאַר אים און נאָך אים צוגעאייגנט זיך אָט־די קאָנצעפּציע. אין זיינע באַגריגדונגען, ווי מיר האָבן אויבן ציטירט, האָט ער אַלע מאָל אָנגעוויזן אויף דער ווירקונג פון דער סביבה. זיין געניאַל אויג און זיין געבונדנקייט מיט אַלע חושים מיטן לעבן, האָבן גורם געווען, אַז דער מענטש וועלכן ער פאָרשט ווי אַ בעל־חי, דערשיינט ביי אים ווי אַ פּראָדוקט נישט נאָר פון די פיזיאָלאָגישע און ירושהדיקע אימפּולסן, נאָר אויך און בעיקר טאַקע, ווי אַ פּראָדוקט פון דער סביבה און סאָציאַלע באַדינגונגען. אין זיין גאַנץ ווערק, טראָץ דעם, וואָס ס'איז טיף דורכגעדרונגען מיטן אויבן־דערמאָנטן עקספּערימענטאַלן נאַטוראַליזם — וואָס האָט אַגב אורחא גאָרנישט צו טאָן מיטן וווּלגאַרן, פאָטאָגראַפישן פאָרשטעלן די ווירקלעכקייט — ווייזט ער בולט, אַז דאָס בייז אין אונדזער לעבן שטאַמט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, פונעם איינגעשטעלטן סדר. און זאָלאַס ביכער זענען די שאַרפסטע באַשולדיקונגען קעגן דעם דאָזיקן סדר, קעגן אונטערדריקונג פון מענטש דורך מענטש, קעגן יעטוועדער מענטשלעכער דערנידערונג.

אַפילו ביים סאַמע אָנהייב, ווען דער יונגער שרייבער האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיטן שטראָם פון ריינעם עקספּערימענטאַלן נאַטוראַליזם, האָט ער זיך אויפגעהויבן העכער פון דער ליטעראַרישער קאָנצעפּציע. זיין ערשט בוך, אין וועלכן ער האָט אָנגעוואָנדן די נייע מעטאָדע איז געווען „טערעז ראַקען“, וואָס איז דערשינען אין 1867 יאָר. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל דורכגעפירט דעם „אָביעקטיוון, וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז“. מיר זען אָבער בולט, ווי אַפילו דאָ, האָבן אויף די העלדן, בעיקר אויף טערעז און איר מאַן געווירקט אויך די דערציונג, די לעבנס־באַדינגונגען. דער איינגעבוירענער, געזונטער חוש פאַרן רעאַלן, דער שעפערישער כוח, ווען ער איז געבונדן מיטן צאַפּלדיקן לעבן, שטייגט אַלע מאָל אַריבער אַלע קאָנצעפּציעס און טעאָריעס.

זאָלאַ, דער קענער פון אַלטע, אָפּגעלעבטע לעבנס־נאָרמעס און באַגריפן, זאָלאַ, דער שטורמער, האָט געשטרעבט און געגלויבט, אַז ס'וועט אַנטשטיין אַ נייע קונסט, וואָס וועט מער אַנטשפּרעכן די באַדערפענישן פוי

דער נייער צייט. ער האָט געגלייבט אין דעם כוח פון דער ליטעראַטור און געלעכצט זי צו באנייען און באקרעפטיקן מיט די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און מיטן גייסט פון דעמאָקראַטיע. „...עס ווערט געבוירן אַ נייע געזעלשאַפט און אויפן נייעם פעלד מוז אויסוואַקסן אַ נייע קונסט... יאָ, מ'וועט נאָך זען, מ'וועט זען ווי די ליטעראַטור וועט פאַרן קומענדיקן יאָרהונדערט אַרויסשפּראָצן פון דער וויסנשאַפט און דעמאָקראַטיע!" — זאָגט סאַנדאָז צו קלאָדן.

ווען ביי זאָלאַן איז סוף 60־ער יאָרן רייף געוואָרן זיין ליטעראַרישע קאָנצעפּציע, האָט ער געהאַט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ גרויסן ציקל נאַטוראַליסטישע ראָמאַנען, ענלעך צו באַלזאַקס גרויסן ציקל „די מענטשלעכע קאָמעדיע". אָט ווי דער יונגער ריז האָט פאַר זיין פריינד דעם מאָלער פאַרגעשטעלט אין „ווערק" זיין פּלאַן: „...כ'וועל נעמען איין משפחה, כ'וועל דורכשטודירן אַלע אירע מיטגלידער, איינס נאָך איינס — פון וואַנען זיי שטאַמען, אין וואָסערע ריכטונגען זיי גייען און ווי אַזוי זיי ווירקן איינע אויף די אַנדערע, מיט איין וואָרט די גאַנצע מענטשהייט אין קליינטשיקן פאָרמאַט, ס'וועט זיין דאָס בילד, ווי אַזוי די מענטשהייט וואַקסט און פירט זיך אויף... דערביי וועל איך מיינע פאָרשונגען אַריינשטעלן אין אַ באַשטימטן היסטאָרישן פעריאָד, וואָס וועט מיר דערמעגלעכן אַרויסצוברענגען די סביבה און די אומשטענדן, ווי דו זעסט אַ שטיק געשיכטע... ווי מיינסטו"? מיט אַזאַ אויסבליק איז זאָלאַ צוגעטראָטן צו שאַפן די סעריע 20 ראָמאַנען (עטלעכע און דרייסיק בענדער) „רוגאָן־מאַקאַר", וואָס טראָגט דעם כאַראַקטעריסטישן אונטערטיטל: „נאַטירלעכע און סאָציאַלע געשיכטע פון אַ משפחה בעת דער צווייטער אימפּעריע". דער רוקן־ביין פון דעם ציקל ראָמאַנען איז טאַקע אַ נאַטוראַליסטישער. דאָס איז די געשיכטע פון אַ ירושהדיק באַלאַסטעטער משפחה, וועלכע גייט איבער פון דור צו דור דאָס אינערלעכע בייז. די עפּילעפּטיקערין און היסטעריקערין אַדעלאַ פוג האָט חתונה מיט רוגאָן און נאָך זיין טויט לעבט זי מיטן אַלקאָהאָליקער מאַקאַר. זייערע פיזיאָלאָגישע און פסיכישע אייגנשאַפטן דרימלען אין זייערע קינדער און קינדס קינדער. מיר האָבן פאַר זיך אַ ברייטן גענעאַלאָגישן בוים, וועמענס צווייגן עס רייסן זיך אין אַלע ריכטונגען, אָבער אומעטום פרעסט זיי אינערלעך דער זעלבער וואָרעם.

ס'איז אָבער מערקווירדיק, אַז שוין אין ערשטן ראָמאַן פון דער סעריע „די רייכטימער פון די רוגאָנס" זעען מיר, ווי ביי זאָלאַן גייען האַנט ביי האַנט צוויי ריכטונגען: דער נאַטוראַליזם און דער קריטישער רעאַליזם.

שוין דאָ האָבן מיר פאַר זיך נעבן נאַטוראַליסטיש-לאַבאָראַטאָרישן אַנאַליז אַ קרעפטיקן רעאַליסטישן פרעסק פון אַ ניי-אויפגעקומענעם ביטערן און געלט-גייציקן בורזשואַזן שיכט, וואָס האָט מיט אַלע מיטלען געהאָלפן קומען לודוויק באָנאַפּאַרטע צו דער מאַכט. מיר זעען דייטלעך, ווי פּיער רוגאָן און די זייניקע זענען געשטויסן צו זייערע אומערלעכע און נידעריקע האַנדלונגען נישט דווקא דורך קרענקלעכע נטיות, נאָר דורך דער געלטגיריקייט, דורך זייער דראַנג זיך אַרויסצורוקן אין אויבנאָן פון דער סאָציאַלער היעראַרכיע, און דערפאַר ווערן פאַר זיי, ווי פאַר זייער גאַנצער סביבה, אַלע מיטלען צום ציל כשר. אין אַלע איבעריקע ראָמאַנען פונעם ציקל, אינעם געמיש פון נאַטוראַליזם און קריטישן רעאַליזם, נעמט אָפּטמאָל דאָס צווייטע דעם אויבנאָן. מיט דער קראַפט פון אַ גרויסן רעאַליסטישן מייסטער ברענגט זאָלאַ אַרויס דעם וועט-געלויף נאָך רייכטימער, די קאָרופּציע, פּערפידיע און אויסגעלאַסנקייט פון די „העכערע“ קלאַסן, די צביעות און פאַרפוילטע מאָראַל פון קלער, זיין פאַרבינדונג מיט דער מאָנאַרכיסטישער רעאַקציע און זייערע געמיינזאַמע פּאָליטישע אַספּיראַציעס.

אין די איבער צוואַנציק יאָר (1869—90), בעת וועלכע זאָלאַ האָט געשריבן זיין גרויסן און פאַרשידנאַרטיקן ציקל ראָמאַנען, זענען אין פראַנקרייך פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען. ער האָט אים פאַרטראַכט און צוגעטראָטן שרייבן אין דער צווייטער אימפּעריע, וועמענס מפּלה ער האָט זיך געווונטשן און אויך פאָרויסגעזען. פאַרענדיקט האָט ער די סעריע אין דער דריטער רעפּובליק. זאָלאַס עמפּינדלעכע פעדער, האָט, ווי אַ סייסמאָגראַף, פאַרצייכנט אַלע געשעענישן און אויפטרייסלונגען. עס געשעט אָפּט, אז א גרויסער שרייבער איז גלייכצייטיק א געשיכטע-פאָרשער, אַ היסטאָריקער. זאָלאַ איז אַן אייגנאַרטיקער היסטאָריקער פון זיין צייט. „אַ גרויסער שעפער האָט איין אויפגאַבע: פאַרייַנזאַפּן אין זיך זיין עפּאָכע, כדי זי אַרויסצוברענגען קינסטלעריש און אויפבויי זי לעבעדיק מאַכן“ — האָט זאָלאַ געשריבן. אַזאַ שעפער איז ער געווען. מיט נישט קיין געוויינלעכער קראַפט האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך אַלץ, וואָס איז אין זיין צייט פאָרגעקומען. נישט פאַראַן קיין געביט פון לעבן, וווּ זיין שאַרף אויג זאָל נישט אַריינדרינגען, קיין ווינקל פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט, וווּ ער זאָל דעם לייענער נישט אַריינפירן. ער קלייבט צו זיינע ביכער דאָקומענטאַציע, ווי אַ וויסנשאַפטלער, ווי אַ היסטאָריקער. נאָך די פרימאָרגן-שעהן אַרבעט, וואַנדערט ער אומאויפהערלעך איבער די פּאַריזער שמוציקע געסלעך, איבער די אַרבעטער-קוואַרטאַלן. צו שרייבן „זשערמינאַל“

לאָזט ער זיך קיין צפֿון אין די קוילן־גרובן שטודירן דאָס לעבן פֿון די קוילן־גרעבער, דאָקומענטירט דעם מאַטעריאַל ביי די אַרבעטער־פֿירער. כדי אָנצושרייבן „ערד" פֿאַרברענגט ער אַ צייט צווישן פּויערים. פֿאַרן שרייבן „די מענטשלעכע חיה" פֿאַרברענגט ער לאַנג צווישן די באַן־אַרבעטער. איבער יעדן שיכט, וואָס ער ברענגט אַרויס, פֿירט ער דורך אַ טיפֿע סטודיע, ער שטודירט זיין שפּראַך, זיינע אידיאָמען, אויסדרוקן, זיינע זיטן און מנהגים. טאָג איין טאָג אויס שפּאַצירט ער אַרום איבער פּאַריזער קוואַרטאַלן, קוקט, פֿאָרשט, פֿרעגט נאָך, נאָטירט. ער אַרבעט ווי אין האַלוצינאַציע. די אַרבעט וואָס ער האָט אונטערגענומען שטייגט איבער אַ מענטשלעך לעבן. „כ'וואָלט געוואָלט די גאַנצע מענטשהייט אויסגיסן אויפֿן פּאַפּיר, אַלץ זען, אַלץ וויסן, אַלץ זאָגן. כ'וואָלט געוואָלט אַרויסברענגען אַלע באַוועגונגען, אַלע זאַכן, שאַפֿן אַ ווערק, וואָס זאָל זיין אַ ריזיקע תיבֿה". שפּעטער, נאָך יאָרן אַרבעט וועט ער זאָגן: „אַך, אַ לעבן, ווו נעמט מען אַ צווייט לעבן, ווער וועט עס מיר געבן, כדי די אַרבעט זאָל עס מיר ווידער אַוועקרויבן, כדי ווידער דערפֿירט צו ווערן צום טויט".

דער פּוילישער שרייבער און ליטעראַטור־פֿאָרשער יאַן פּאַראַנדאָווסקי האָט אין זיין „אַלכעמיע פֿון וואָרט" געשריבן אַז, „ס'איז פֿאַראַן אַן אונטערשיד צווישן א שרייבער, וועלכער איז געשטויסן געוואָרן צו שרייבן דורך אַן אידעע און אַזעלכן וועלכן דער שרייבערישער אינסטינקט שטויסט צו שרייבן. דער ערשטער האָט אויסגעוויילט די פֿעדער אָנשטאָט אַן אַנדער געצייג פֿאַר זיין אַקטיוויטעט, דער צווייטער פֿאַרמאָגט די פֿעדער אלס איינציק געצייג און שיידט זיך מיט איר נאָר דעמלט, ווען ער שיידט זיך מיטן לעבן". אפשר איז פּאַראַנדאָווסקי גערעכט, אָבער אויב עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע צוויי קאַטעגאָריעס שרייבער, איז אויך פֿאַראַן א דריטע קאַטעגאָריע, נעמלעך, אַזעלכע שרייבער, וועלכע זענען געשטויסן צו שרייבן סיי דורכן שרייבערישן אינסטינקט, סיי דורך אַן אידעע, און ביידע עלעמענטן זענען ביי זיי אַזוי פֿאַרפֿלאָכטן, אַז זיי קאָנען זיי נישט פֿאַנאַנדערטיילן, און שיידן זיי זיך מיט זיי נאָך דעמלט, ווען זיי שיידן זיך מיטן לעבן. צו דער קאַטעגאָריע געהערט עמיל זאָלאַ.

זאָלאַ דער געניאַלער שרייבער איז פֿון אָנהייב פֿון זיינע ליטעראַרישע טריט ביזן סוף פֿון זיין לעבן באַהערשט געווען פֿון אַ גרויסער מענטשלעכער אידעע. ער איז ווי באַנומען געווען פֿון דער אידעע צו אַנטדעקן דעם מיקראָב און היילן די קראַנקע מענטשהייט, אויסצורייסן דאָס שלעכטס פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אויב זאָלאַ איז טראָץ זיין עקספּערי־

מענטאַלער נאַטוראַליסטישער קאָנצעפּציע געגאַנגען אין וועג פֿון די מייס=
טער פֿון קריטישן רעאַליזם און פֿאַרגעזעצט אין דעם פּרט די טראַדיציעס
פֿון זיינע גרויסע פֿאָרשטייער, האָט ער זיי אָבער ווייט איבערגעשטיגן
מיט זיין אויבנדערמאָנטער גרויסער אידעע. „שרייבן וועגן דער בורזשואַ=
זיע, הייסט שרייבן דעם שטאַרקסטן באַשולדיקונגס=אַקט... מ'דאַרף ווייזן
דאָס פֿאָלק און די בורזשואַזיע אָן שום שלייער, מ'דאַרף ווייזן, אַז די בור=
זשואַזיע איז נאָך העסלעכער דערפֿאַר, וואָס זי פֿאַרשטעלט זיך מיט דעם
שילד פֿון אָרדענונג און ערלעכקייט" — האָט זאָלאַ געהאַט פֿאַרצייכנט
אין זיינע נאָטיצן.

און ער האָט אומאויפֿהערלעך אַראָפּגעריסן דעם דאָזיקן שלייער, גע=
וויזן וואָס ס'קומט פֿאָר אונטער דעם שילד פֿון אָרדענונג. אין „דעראָבערונג
פֿון פּלאַסאַנס" דעקט ער אויף די פּאָליטישע אונטערקוליסן פֿון באַריי=
כערטן בירגערלעכן שיכט, די צוזאַמענאַרבעט מיטן קלער פֿאַר דעראָבערן
פּאָליטישע פּאָזיציעס, די אינטריגעס און קאָמבינאַציעס פֿון די גייסטלע=
כע, וועלכע קלייבן נישט איבער אין מיטלען, כדי צו שטייגן העכער אין
דער היעראַרכיע פֿון הערשאַפֿט. אין „זיין עקסצעלענץ אייזשען רוגאָן"
פֿירט ער אונדז אַריין אין די רעגירונגס=קרייזן און ווייזט אַלע שרייפֿלעך
פֿון דער מיניסטעריע, וואָס הייסט מאַכט, אַנטבלויזט דעם אמתדיקן פּרצוף
פֿון די, וועלכע שטייען ביים רודער. אין ראָמאַן „פֿאַרן גליק פֿון די פֿרויען"
דערשיינט פֿאַר אונדז דער אויפֿשטייג פֿון די גרויסע האַנדלס=הייזער מיט
זייער כוח פֿון רעקלאַמע און מאָדע, מיט זייער קאָנקורענץ=גייסט, מיטן
וועלפֿישן אַפּעטיט איינצושלינגען די קלענערע אונטערנעמונגען. אין
„געלט" דערזען מיר די פֿינאַנס=מאַגנאַטן, די פֿאַרשטייער פֿון די בענק
מיט זייערע אַלע טונקעלע און פֿערפֿידע מאַכינאַציעס, מיט זייער אומריין
און אויסגעלאַסן פּריוואַט לעבן. אין „דער מפּלה" מאָלט ער אַ ברייטן
היסטאָרישן פֿרעסק, וואָס שילדערט די פּרייסיש=פֿראַנצויזישע מלחמה און
די פּאַריזער קאָמונע. זאָלאַ שטייט דאָ מיט זיין קריטיק, בייסיק וואָרט
די, וועלכע האָבן צו דער מלחמה געפֿירט — דעם טעמפּן הערשער, נאַ=
פּאָלעאָן דעם דריטן, די פֿאַרדאָרבענע גענעראַלן און אָפֿיצירן, וועלכע זע=
נען נישט פֿעיק צו פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד. דאָס פֿאָלק דאַקעגן, וואָס האָט
די מלחמה נישט געוואָלט, איז גרייט זיך מקריב צו זיין, ווען עס גייט אין
ראַטעווען דאָס פֿאָטערלאַנד.

אין יעדן בוך פֿירט דער גרויסער שרייבער דורך אַ סעקציע איבערן
פֿראַנצויזישן פֿאָלקס=אָרגאַניזם, כדי אויסצוגעפֿינען און אויסצושניידן

דאָס ווילד=פלייש. אומעטום איז ער דער האַרבער שופט איבער די, וועלכע פאַראורזאַכן נויט, אָפּגעשטאַנענקייט, מלחמות. אומעטום טרעט ער אַרויס ווי אַן אַפּאָסטאָל, ווי אַ פאַרטיידיקער פון אַלע באַעוולהטע און אונטערדריקטע.

קיינער פאַר זאָלאַ — אפילו נישט אויזשען סו און וויקטאָר הוגאָ — האָט נישט אַראָפּגענידערט אַזוי טיף אין אָפּגרונט פון מענטשלעכער נויט און פינצטערניש. קיינער פאַר אים האָט אַזוי נישט געשילדערט דעם פיזישן און גייסטיקן דלות פון מענטש, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זיין באַרימט ווערק „אין שטייג“ * L’Assommoir אין וועלכן שוואַרצע נויט, פסיכישע באַלאַסטונגען און אָפּגעשטאַנענקייט גייען האַנט ביי האַנט מיט אַלקאָהאָליזם און מענטשלעכער געפאַלנקייט. און ווידער האָבן מיר פאַר זיך אַ געפלעכט פון נאַטוראַליזם מיטן קרעפטיקסטן רעאַליזם. זאָלאַ דער אַנאַליטיקער פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן און זינלעכקייטן איז געווען אַ געניאַלער שילדערער פון מענטשלעכע קאָלעקטיוון, פון מאַסן=פסיכאָז. אין יעדן בוך דערטיינט נעבן די באַזונדערע מענטשלעכע גורלות און דראַמעס, דער שיקזאַל פון אַ קאָלעקטיוו. אין „אין שטייג“ האָט דער מחבר געוואָלט ווייזן צו וואָס פאַרא מדרגה מ'קאָן דערפירן אַ גאַנצן קאָלעקטיוו, אויך די בעסטע יחידים, ווי זשערוועז.

„אין שטייג“ האָט אַרויסגערופן אַ סך פּראָטעסטן. יעדעס זאָלאַס בוך האָט אַרויסגערופן אַ טומל. מ'האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער פאַרשפרייט מיט זיינע ביכער פּאָרנאָגראַפיע, זיטנלאָזיקייט. נאָכן דערשיינען פון „דער מפלה“ האָט מען אים באַשולדיקט אין באַשמוצן פראַנקרייך, אירע גענעראַלן און אָפיצירן. נאָכן דערשיינען פון „אין שטייג“ זענען געקומען פּראָטעסטן נישט נאָר מצד דער אָפיציעלער קריטיק. מ'האָט זאָלאַן פאָרגעוואָרפן, אַז דער אופן, ווי אַזוי ער ווייזט די אָרעמשאַפט, די אָרעמע, אַרבעטנדיקע מענטשן, פאַרשאַפט זיי נישט קיין כבוד. לאַפאַרג האָט דעמלט, קריטיקירנדיק דאָס בוך, באַהויפּט, אַז זאָלאַ קען נישט דעם אַרבעטער=קלאַס. אַ סברה אָבער, אַז זאָלאַ איז נישט אויסן געווען אין דעם בוך פאַרצושטעלן דעם אַרבעטער=קלאַס, ווייל ער האָט דאָך שפּעטער געשאַפן דאָס באַרימטע ווערק וועגן לעבן פון די קוילן=

*) נישט קיין בוכשטעבלעכע איבערזעצונג, אָבער אפשר אַ פּאַסיקע.

גרעבער „זשערמינאַל“, ווו מיר האָבן שוין פֿאַר זיך אַן אָרגאַניזירטן, קעמפֿנדיקן אַרבעטער־קלאַס.

* * *

פֿאַראַן אין זאָלאַס ציקל ראָמאַנען „רוגאָן־מאַקאַר“ אַ בוך, וואָס טיילט זיך אויס פֿון דער גאַנצער סעריע און טיילווייז אַפֿילו פֿון זיין גאַנצער שאַפֿונג. דאָס איז „דאָס בלאַט פֿון ליבע“, אַ פּשוטער ראָמאַן מיט אַ קאָנפֿליקט צווישן מענטשנס ליידנשאַפֿטן און זייערע פֿליכטן. די אַקציע איז קאָנצענטרירט אַרום דער מוטער — דער אַלמנה — מיט איר קינד און איר פֿאַרהייראַטן געליבטן. דאָס איז אפֿשר דאָס איינציקע מאָל אין יענעם פּעריאָד זיינעם, ווען דער שרייבער האָט זיך באַגרענעצט צו אַ געוויינלעכער, טאָג־טעגלעכער, מענטשלעכער דראַמע. דאָס בוך איז אַנטשטאַנען נאָכן „אין שטייג“, און פּונקט ווי דער גרויסער שרייבער וואָלט דערשעפּט געוואָרן פֿון מאָלן ברייטע היסטאָרישע לייוונטן, פֿון דורכפֿירן טיפֿע אַנאַליזן איבער אַלע אבֿרים פֿון אַ קראַנקן פֿאָלקס־אָרגאַניזם, האָט ער זיך פֿאַרמאַכט אין אַ „רואיק“ ווינקעלע פֿון אַ טאָג־טעגלעכער, מענטשלעכער דראַמע. צו זיין פֿריינד הוסמאַן האָט ער דעמלט געשריבן: „כ'האָב נאָר וואָס פֿאַרענדיקט דעם ערשטן טייל פֿון מיין נייעם ראָמאַן. דאָס איז אַ בוך, וואָס שמעקט אַ ביסל קליינבירגערלעך, אַ ביסל נאַאיוו, כ'מיין אָבער, אַז ס'וועט זיין אָנגענעם צו לייענען. כ'וויל די לייענער פֿון „אין שטייג“ איבעראַשן מיט אַן אָנשטענדיקן ראָמאַן. כ'בין אַנטציקט, ווען כ'גיט זיך מיר איין אָנצושרייבן עפּעס אַ נאַאיוו זייטל, וואָס זעט אויס, ווי עס וואָלט אַרויסגעגאַנגען פֿון אונטער דער פֿעדער פֿון אַ 16־יעריק מיידל. פֿון צייט צו צייט גליטשט זיך מיר אַרויס עפּעס נישט געהעריקס, אָבער דאָך זעלטן...“

זייער זעלטן. זאָלאַ האָט שטענדיק געפֿילט אויף זיך אַ מיסיע, וואָס האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער איז געווען ווי אַ שטענדיק־טעטיקער ווולקאַן. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם מיטן „בלאַט פֿון ליבע“, איז ער גלייך צוגעטראָטן שרייבן דעם ראָמאַן „נאַנאַ“, אין וועלכן ער האָט אויסגעגאָסן זיין גאַנצן האַס צום הערשנדיקן סדר און דורך דער פֿאַרדאָרבענער קורטיזאַנע זיך אָפּגערעכנט מיט דער געזעלשאַפֿט פֿאַר

די עוולות, וואָס עס געשעען דעם אָרעמען פאָלק. עס קומען דערנאָך „פאַרן גליק פון פרויען“, „זשערמינאַל“, אין וועלכן זאָלאַ האָט אויפן האָריזאָנט פון גוט און דערנידערונג דערזען שפּראָצן — זשערמינאַל שטאַמט פון פראַנצויזישן וואָרט זשערמע — שפּראָצן — אַ נייע קראַפט, די קראַפט פון קעמפענדיקן ארבעטער, „די ערד“ מיט דער ברייטער פּאַנאָראַמע פון פויערים-לעבן, „די מענטשלעכע חיה“ מיט איר טיפן אויסדרוק פון פאַרברעכן און שטראָף און „דאָס ווערק“ מיט דער קאָמפּליצירטער קינסטלער-וועלט. אזוי זעצט זאָלאַ ווייטער פאָר זיין סעריע ראָמאַנען, אין וועלכע עס פלעכטן זיך צוזאַמען גרויסע געשיכטלעכע עפּאָפּעיעס מיט מענטשלעכע דראַמעס און אין וועלכע עס קומט שטענדיק צום אויסדרוק די דראַמע פון מענטשלעכן לייב, פון די מענטשלעכע ליידנשאפטן און אימפּולסן.

ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויפן ראָמאַן „דאָס ווערק“. זאָלאַ דער עפּיקער-היסטאָריקער, דער פאָרשער פון מענטשלעכן וועזן, דער פאָלקס-שופט און אַפּאָסטאָל, האָט אויך געפיבערט מיט אַלע פּראָבלעמען פון דער קונסט. אין די יאָרן פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט איז ער אויך געווען אַ קונסט-קריטיקער. אין די שווערע צייטן פאַרן אימפּרעסיאָניזם, ווען זייגע פאָרשטייער האָט מען נישט צוגעלאָזט צו די אויסשטעלונגען אין די סאַלאָנען און גאַלעריעס, איז זאָלאַ געווען זייער גוטער מלאך. ארום אים האָבן זיך שטענדיק גרופּירט די אָנגעזעענע מאָלער, ווי מאַנע, פּיסאַראָ, רענואַר, סעזאַן און פיל אַנדערע דעמלט נישט אָנערקענטע קינסטלער. זיין שטוב איז פאַר אַ סך פון זיי געווען אַ מקום מקלט, פּונקט ווי זיין הויז אין מעדאַן איז שפּעטער געוואָרן דער בארימטער זאמל-פּונקט פון די שרייבער. זאָלאַ דער גרויסער ראָמאַנען-שרייבער האָט אויך אָנגעשריבן אַ היפּשע צאָל קריטישע ווערק. אין קריטיקער האָט אָבער געלעבט דער ראָמאַניסט, און דעם קריטיקערס קאָנצעפּציעס האָט דער ראָמאַניסט אויסגעגאָסן אין א קינסטלערישער פאָרם. אזוי איז אנטשטאַנען דער צווייבענדיקער ראָמאַן „דאָס ווערק“, אין וועלכן זאָלאַ האָט מיט אַזאַ קראַפט און מיט אַזוי פיל האַרץ אַרויסגעבראַכט דעם שווערן וועג פון קינסטלער, זיין שטענדיקע דראַמע, זיין קאָנפליקט מיטן ארום און דעם טראַגישן קאָנפליקט צווישן שטענדיקן דורשט צו שאפן און די באגרענעצטע מעגלעכקייטן. און ווידער האָבן מיר דאָ פאר זיך א גאנצע עפּאָכע, אַן עפּאָכע אין דער פלאַסטישער קונסט מיט אירע מפּלות און טריאומפן, מיט אירע פאָרשטייער. ווי אַלע מאָל איז זאָלאַ דאָ געווען אויסערסט געוואַגט און האָט פאר זיין געוואגטקייט טייער באצאָלט. זיין גוטער פריינד און שול=

חבר, סעזאַן, וועלכן ס'איז נישט שווער צו דערקענען אין הויפּט-העלד פון בוך, האָט אים דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען. למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז דער גרויסער שרייבער האָט זיין פריינד דעם גענִיאַלן מאָלער, ווען ער האָט געמאַכט דעם דעצידירנדיקן ווענד-פּונקט, וואָס האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף דער גאַנצער מאָלעריי, נישט פאַרשטאַנען. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין פּגימה אויף דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון זאָלאַ, ווייל סעזאַנען האָט דעמלט כמעט קיינער נישט פאַרשטאַנען און באַרימט איז ער געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט. איבעריקנס, געשעט אָפט אויפן אָלימפּ פון קונסט, אַז די געטער פאַרשטייען זיך נישט, אָדער אָנערקענען זיך נישט. טאָלסטאָי, למשל, האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט געהאַלטן פון שעקספּירן. געטע האָט נישט אָנערקענט קלייסטן און וויפל נאָךביישפּילן קאָן מען ברענגען? דאָס איז אָבער געזאָגט נאָר פאַרבייגייענדיק. דער עיקר גייט דאָ צו ווייזן זאָלאַס אינטימע באַציונג צו אַלע געביטן פון קונסט, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ ברכבודיקן אָרט אין זיין גרויס ווערק.

ווי שוין דערמאָנט, האָבן אָפטמאָל אויך זאָלאַס פריינד געהאַט אים צו מאכן פאָרווורפן; ס'האָט נישט איינעם פון זיינע הייסע אָנהענגער שאָקירט דאָס אַנטבלויזן די חיה אין מענטש, די מענטשלעכע פאַרדאָרבנקייט און באַזונדער די „אויפגעבלאָזענע“, ווי מע האָט געזאָגט, עראָטישקייט. זאָלאַ האָט דערויף פיל מאָל געענטפערט, אַז אויב דאָס עקזיסטירט, דאַרף מען וועגן דעם שרייבן. דאָס איז נאַטירלעך אַ שטאַנדפּונקט, און נישט נאָר זאָלאַס. אין דעם פאַל אָבער איז דאָס נישט די גאַנצע פאַרענטפערונג. זאָלאַ איז אַ שרייבער פון אַ כפּעציעלן מין, פאַראַן שרייבער פון אַ באַזונדער טיפער אינטראָספּעקציע, וועלכע דרינגען אַריין אין די טיפסטע טיפענישן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. דער מחבר פון „איך באַשולדיק“ איז לחלוטין אַזעלכער נישט געווען און דאָס איז מסתמא זיין שוואַכע זייט. ביי זאָלאַ איז די אינטראָספּעקציע בעיקר געוואָגדן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, צו די מענטשלעכע אינסטינקטן. זיין שאַרף, פאָרשעריש אויג דרינגט אַריין נישט אַזוי אין דער פּסיכיק, ווי אין די מענטשלעכע אימפּולסן, אין זיינע לייַדנשאַפטן. ער וויל קודם אַנטדעקן דעם מאָנסטער אין מענטש, אין וועלכן עס ווירקט נישט נאָר דער עראָטישער אינסטינקט, נאָר אויך אַ פאַרבאָרגענער אינסטינקט צו הערשאַפט, צו געוועלטיקן איבער אַנדערע. דאָס אַלץ שטאַמט אייגנטלעך פון זיין גרונט-איינשטעלונג, פון זיין וויסנשאַפטלעך-נאַטוראַליסטישער קאָנצעפּציע.

און אויב זאָלאַ האָט געלאָזן טיפֿע וואָרצלען אין דער ליטעראַטור, באַאיינפֿלוסנדיק אַ סך דורות גרויסע שרייבער סיי אין פֿראַנקרייך, סיי אויסער פֿראַנקרייך איז, דוכט מיר אויך, און אפשר קודם אין דעם פּרט. וועגן זאָלאַס פֿאַרשידענע איינפֿלוסן אויף הײַנטצייטיקע שרייבער, וואָלט מען איבעריקנס געקאָנט פֿיל שרייבן.

באַאיינפֿלוסנדיק אַ סך שרייבער, איז זאָלאַ אַליין אויך אין פֿאַרשידענע פּעריאָדן פֿון זיין שעפֿערישן לעבן געווען, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אונטער פֿאַרשידענע ווירקונגען. נישטאָ קיין קעגנזאַץ אין דעם. זשאַן זשאַק רוסאָ איז ווי הוגאָ געשטאַנען ביי זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט און די שפּורן פֿון ראָמאַנטיק זענען פֿאַרבליבן ביי אים אויף זיין גאַנץ שעפֿעריש לעבן. שוין ווי אַ באַרימטער שרייבער האָט ער זיך צייטנווייז אינספּירירט פֿון זיינעם אַ געניאַלן מיטצייטלער. אין זיין „מענטשלעכער חיה" וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק פֿאַר זאָלאַס שאַפֿונג, איז פֿאַראַן אַ דייטלעכער אָפּקלאַנג פֿון דאָסטאָיעווסקי, זיין „מפּלה" דערמאָנט אין איר פֿאַרנעם טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום". דאָס אַלץ איז נישט אין קעגנזאַץ צו נאָוואַטאָרישקייט. און זאָלאַ איז געווען אַ גרויסער נאָוואַטאָר. „ער איז געווען ניי, ווי דער טעלעפֿאָן" — שרייבט וועגן אים דער פֿראַנצויזישער קריטיקער לאַרנו. און ער איז געווען גרויס אין זיין נייקייט, אין זיין נאָוואַטאָרישקייט. ער איז טראָץ אַלעמען וואָס מ'האָט אים פֿאָרגעוואָרפֿן, אַ גרויסער מאָראַליסט. דער עקספּערימענטאַלער נאַטוראַליסט מיט זיין ברוטאַלן אמת איז גלייכצייטיק געווען אַ צאַרטער ליריקער. „זאָלאַ איז דער גרעסטער ליריקער פֿון אונדזערע צייטן" — האָט געשריבן אַנאַטאָל פֿראַנס.

* * *

פֿאַרן יידישן לייענער איז ווערט צו דערמאָנען זאָלאַס שטענדיקן ווידערגעפֿיל און ווידערשטאַנד קעגן אַנטיסעמיטיזם, ער האָט זיך מיט קיין טעאָריעס און באַצייכענונגען נישט פֿאַרנומען, כאָטש ער איז אָנגעגאַנגען פֿאַר אַן איבערצייגטן אוטאָפּישן סאָציאַליסט. ווי שאַרפֿזיניק אָבער ער האָט געזען די אמתע וואָרצלען און דעם מעכאַניזם פֿון אַנטיסעמיטיזם. אין זיין ראָמאַן „געלט" האָט ער געגעבן דורך דער געשטאַלט פֿון באַנקיר און שווינדלער רוגאָן־סאַקאַר אַ טרעפֿלעכן אַנאַליז פֿון אַנטיסעמיטיזם,

„וואָס קומט שטענדיק פון אויבן“. אין זעלבן ראָמאַן אין וועלכן זאָלאַ שילדערט אַזוי מייסטערהאַפט די וועלפישע באַציונגען צווישן די געלט־מאַגנאַטן און זייער פאַרדאָרבן הינטערקוליסן־לעבן — איז אגב אַ ייִדן, דעם שטאַרבנדיקן זיגיסמאָנד, דעם ענטוזיאַסטישן מאַרקסיסט, צוגעפאַלן די ראָל צו מאָלן אַ וויזיע פון אַ וועלט פון יושר און גליק.

זאָלאַ האָט שטענדיק אין זיינע ווערק אַרויסגעבראַכט די האָפענונגען און די בענקשאַפט פונעם מענטש צו גליק, צו אַ וועלט פון גערעכטיקייט און מענטשן־פאַרברידערונג. אַ גרויסער שרייבער שפיגלט נישט אָפּ נאָר זיין צייט, נאָר דריקט אויך אויס די האָפענונגען און בענקשאַפטן פון אַלע צייטן.

* * *

אַזעלכער איז זאָלאַ געווען, ווען אין פראַנקרייך האָט זיך אין די 90־ער יאָרן פאַנאַנדערגעפלאַקערט די דרייפוס־אַפערע. ער האָט זיך דערנענטערט צו די 60 יאָר און זיין רום האָט געגרייכט ווייט אויסער זיין לאַנד. עמיל זאָלאַ האָט פון אָנהייב, אַזוי ווי אַ סך ערלעכע מענטשן, געגלייבט אַז דער אָפיציר אַלפרעד דרייפוס איז באַגאַנגען אַ פאַראַט קעגן זיין פאָטערלאַנד. אים איז פון אָנהייב בלויז דערווידער געווען די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וואָס האָט באַגלייט די דרייפוס־אַפערע. ווען אָבער צוליב איין שולדיקן איז אומאויפהערלעך פאַנאַנדערגעפלאַקערט געוואָרן אַ גיפטיקער אַנטיסעמיטיזם, ווען די מאָנאַרכיסטישע רעאַקציע האָט, אויסנוצנדיק די דרייפוס־אַפערע, באַשולדיקט אין אַלע צרות די ייִדן און דעמאָקראַטן, דעמלט האָט זאָלאַ אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער שולדיקייט פון דרייפוסן. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דרייפוסעס אַדוואָקאַט און מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין שטודירן דעם פּראָצעס און אַלע דאָקומענטן. ווען ער איז דערגאַנגען צום אמת, האָט זאָלאַ אָנגעשריבן צום פרעמיער־מיניסטער פעליקס פאָר זיין באַרימטן, עפנטלעכן בריוו אונטער טיטל „איך באַשולדיק“, וואָס איז פריער געהאַט געווען אָפּגעדרוקט אין אַ בראָשור, אָבער נישט געקאָנט דערשיינען פאַר דער עפנטלעכקייט.

זאָלאַס עפנטלעכער אַרויסטריט איז געווען מער ווי געוואַגטקייט. דער מחבר פון „איך באַשולדיק“, אָנווייזנדיק געניי אין זיין בריוו ווער ס'האָט פאַבריצירט און וועמען ס'איז נויטיק געווען אַזאַ פּראָצעס, האָט געוווסט,

אַז ער שטעלט איין זיין פרייהייט, זיין גאַנץ ווערק און אפשר אויך זיין לעבן. די לאַגע איז געווען א קאָמפּליצירטע. דרייפוס איז געווען אַן אָפיציר פון פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב און איז פאַרמישפּט געוואָרן אין דעצעמבער 1894 דורך אַ מיליטעריש געריכט אויפן סמך פון אַ דאָקומענט, לויט וועלכן ער האָט כלומרשט געהאַט איבערגעגעבן דייטשלאַנד מלוכה־געהיימנישן. זאָלאַ האָט אין זיין עפנטלעכן בריוו געגוי אָנגעוויזן, אַז נישט נאָר דאָס געריכט, נאָר אויך דער גענעראַל־שטאַב און אַנדערע הויכע אויטאָריטעטן זענען פארמישט אין דער אינסצעניזירטער אַפערע. „מיין אויפגאַבע איז צו רעדן. איך וויל נישט זיין קיין שותף צו דעם פאַרברעכן. דאָס בילד פון אומשולדיקן מענטש, וועלכער פייניקט זיך אין שרעקלעכע ליידן פאַר נישט קיין באַגאַנגענער שולד, וואָלט מיך נישט געלאָזט שלאָפן“ — שרייבט ער. גלייכצייטיק ווערט פאַרעפנטלעכט אין אַ בראָשור זיין באַרימטער בריוו צו פראַנקרייך. „אין גרויליקע טעג פון מאָראַלישער ירידה, ווען דאָס געוויסן פון דער עפנטלעכקייט איז פאַרטונקלט געוואָרן, ווענד איך זיך צו דיר, פראַנקרייך, צום פאָלק, צום פאָטערלאַנד... מיט אַלע כוחות וועל איך אַפעלירן צו די פשוטע מענטשן, וועלכע מען פאַרסמט...“

אין פראַנצויזישן פאַרלאַמענט הויבט זיך אויף אַ שטורעם מצד די רעכטע דעפוטאַטן. די פרעסע באַוואַרפט דעם מחבר פון „איך באַשולדיק“ מיט בלאָטע. זאָלאַ ווערט צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער פראָצעס ווערט באַגלייט מיט אַ ווילדער העצע קעגן זאָלאַ און יידן. פאַרן געריכט זאַמלען זיך באַנדעס אָפיצירן און באַוואַרפן דעם גרויסן שרייבער מיט זידלערייען. אויף די גאַסן מאַניפעסטירט מען מיט אויסרופן: „אַ טויט די יידן!“ אָבער זאָלאַ איז אומדערשראָקן. ער באַווייזט ווידער אַמאָל, אין זיין פלאַמיקער רעדע פאַרן געריכט, דאָס פאַרברעכן, דעם אומזין און די שאַנדע פון דער דרייפוס־אַפערע. „דרייפוס איז אומשולדיק. איך שווער ביי מיינע 40 יאָר שעפערישער אַרבעט, ביי מיין אויטאָריטעט, וואָס כ'האָב זיך דערוואָרבן מיט מיין אַרבעט... ביי מיינע ווערק, וואָס האָבן אויסגעברייטערט דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין דער וועלט. אויב דרייפוס איז שולדיק, טאָ זאָל דאָס אַלץ אונטערגיין, זאָל מיין ווערק פאַרניכטעט ווערן! דרייפוס איז אומשולדיק!“ — האָט ער פאַרענדיקט זיין רעדע פאַרן געריכט.

זאָלאַ ווערט פאַרמשפּט צו אַ יאָר תפיסה און 3.000 פראַנק שטראָף — דער האַרבסטער אורטייל, וואָס עס ווערט פאָרויסגעזען אין

אַזאַ פאַל. דער אַחוואָקאַט טראָגט אַריין אַן אַפּעלאַציע. דער צווייטער פּראָצעס פאַרמישפּט אים ווידער. מע נעמט אים אָפּ דעם ערן־לעגיאָן. אַלס צייכן פון פּראָטעסט שיקט אויך אַנאַטאָל פראַנס אָפּ די העכסטע אויסצייכענונג. זאָלאַ איז גרייט צו גיין אין תפיסה, אָבער אויף דער הייסער בקשה פון זיינע פריינד פאַרלאָזט ער פראַנקרייך און זעצט פאָר מיט פאַרשטאַרקטער ענערגיע די באַשולדיקונג.

זאָלאַס אַרויסטריטן האָבן אויפגערודערט גאַנץ פראַנקרייך. אַלץ וואָס איז געווען דעמאָקראַטיש און ערלעך מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער שפּיץ האָט זיך געשטעלט אויף זיין זייט. די פראַנצויזישע רעגירונג — שוין נאָך אַ צווייטן פּראָצעס קעגן דרייפוסן — איז געצווּנגען צו זוכן אַן אויסוועג. דער פּרעזידענט באַגנעדיקט דרייפוסן און דערמיט האַלט מען איז דער ענין געלעזט. זאָלאַ שרייבט דעמלט צו דרייפוסעס פרוי אַן עפנטלעכן בריוו, וואָס געהערט צו די רירנדיקסטע מענטשלעכע דאָקומענטן. ער באַגנוגנט זיך אָבער נישט מיט דער באַגנעדיקונג, ער פאָדערט אַ רעוויזיע פון פּראָצעס, רעהאַביליטאַציע און צו באַשטראָפן די שולדיקע. „דאָס ערגסטע איז דאָך, וואָס מ'האָט דערלויבט צו פאַרסמען דאָס לאַנד“ — שרייבט ער. „זינט דריי יאָר — שרייבט ער ווייטער — הער איך, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין שום דרייפוס־אַפערע... מיר ווילן אָבער, אַז די דרייפוס־אַפערע זאָל זיך אַזוי פאַרענדיקן... אַז דאָס פאָלק זאָל זיך ענדלעך דערוויסן דעם גאַנצן אמת, אַז דער זיג פון דער גערעכטיקייט זאָל פאַרזיכערן רו אין לאַנד“. זאָלאַ האָט בעת זיין גאַנצער שטורמישער קאַמפּאַניע לטובת דרייפוסן אָנגעוויזן, אַז „די גאַנצע מאָנסטרועזע אַוואַנטורע ציט ארויף א שאַנד־פלעק אויף פראַנקרייך“ און אויך צוליב דעם האָט ער געפאָדערט אומאויפהערלעך „אויסצורייניקן דעם געשוויר ביזן סוף“. „מע זאָגט אונדז צו אין בעסטן פאַל — לייענען מיר אין איינע פון זיינע באַרימטע אַרטיקלען — אַז די געשיכטע וועט פאַרגיטיקן. דאָס איז עפּעס ענלעכס צום צוגעזאָגטן גן־עדן נאָכן טויט, וואָס דאַרף איינהאַלטן דעם גדולד פון די פאַרהונגערטע. ס'וואָלט מיר אָבער ליב געווען צו האָבן אַ ביסל גערעכטיקייט שוין דאָ אויף אונדזער ערד“. ס'וואָלט זיך געוואָלט ציטירן און ציטירן, ווייל ווען מען לייענט זאָלאַס פילצאָליקע, אויפטרייסלענדיקע אַרויסטריטן בעת דער דרייפוס־אַפערע, ווען מע טראַכט זיך אַריין אין יענער דראַמע אין אונדזער געשיכטע, רוקט זיך אָן נישט איין פאַרגלייך.

זאָלאַן האָט מען צווישן אַנדערן פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז ער שעדיקט פֿראַנקרייך, רייסט אַרונטער איר פּרעסטיזש. מ'האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס ער איז געווען בלויז פֿון זיין מוטערס צד אַ פֿראַנצויז — זיין פֿאָטער איז געווען אַן איטאַליענער — און אים פֿאַרשריגן, אַז אים גייט נישט אָן פֿראַנקרייכס גורל. געווען אפֿילו אַזעלכע, וועלכע האָבן אין גוטן ווילן געהאַלטן, אַז אויב מע האָט שוין דרייפֿוסן באַגנעדיקט, איז בעסער וועגן דער שאַנדע נישט צו רעדן הויך. פֿראַנקרייך האָט זיך זינט דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע דעראָבערט אָנזען און רום צווישן אַלע פֿעלקער, איז צו וואָס לאָזן פֿאַלן אַ שאָטן דערויף? זאָל מען שוין בעסער לאָזן צורו און איבערחזרן, אַז ס'איז שוין קיין דרייפֿוס־פּראָבלעם נישטאָ.

אין אַלע צייטן, זעט אויס, זענען פֿאַראַן מענטשן מיט שמאָלע הערצער, אין וועלכע עס נעסטעט אַ גרויסע שרעק, וואָס פֿאַרטונקלט זיי דעם מוח.

זאָלאַ מיט זיין געניאַלן חוש פֿאַר דער ווירקלעכקייט, מיט זיין ברייט האַרץ און ווייטן קוק, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישט גענוג „צו באַגראָבן דעם אמת, כדי ער זאָל אויפֿהערן צו עקזיסטירן“ — ווי ער האָט געשריבן. און צו די, וועלכע האָבן אים פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז ער ברענגט שאָדן פֿראַנקרייך, זענען געווען געוואָנדן פֿאָלגנדיקע ווערטער: „מיר פֿאָדערן רעהאַביליטאַציע נישט כדי אים (דרייפֿוסן — ל. ב.) צוריקצוקערן זיין כבוד, ווייל ער האָט זיך שוין דאָס דערוואָרבן, נאָר כדי פֿראַנקרייך צוריקצוקערן איר כבוד... די גאַנצע וועלט האָט געזען און געהערט. די פֿאַרגיטיקונג מוז אַלזאָ פֿאָרקומען אין די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט...“

דרייפֿוס איז רעהאַביליטירט געוואָרן ערשט זומער 1906. עמיל זאָלאַ האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. זיין גרויס האַרץ האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט אין דער נאַכט פֿון 29־טן סעפּטעמבער 1902 יאָר. מ'האָט אים געפֿונען אינדערפֿרי אַ פֿאַרטשאַדעטן אין זיין צימער. מ'האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין אומגליק־צופֿאַל. דער מחבר פֿון „איך באַשולדיק“ פֿלעגט באַקומען גיפֿטיקע דראָונגס־בריוו. געווען מאָמענטן, ווען די פּאָליציי פֿלעגט מוזן היטן זאָלאַן קעגן איבערפֿאַלן. נאָכן מיסטעריעזן טויט האָבן זיינע שונאים פֿאַרשפּרייט פֿאַרשיידענע קלאַנגען, אַז זאָלאַ זאָל האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַן אַנדערש מאָל — אַז זיין פֿרוי זאָל אים האָבן אָפּגעסמט. די אויספֿאָרשונג, וועלנדיק שנעל פֿאַרענדיקן, האָט „פֿעסטגעשטעלט“, אַז ס'איז געווען אַן אומגליק־צופֿאַל. מיט עטלעכע יאָר צוריק ערשט האָט מען זיך דערוווּסט — די

פּאָליצײ האָט דאָס געהאַט אויסבאַהאַלטן — אַז מערדערישע הענט, געשטויסן דורך די, װעלכע האָבן אים קײנמאָל נישט מוחל געװען זײנע מוטיקע האַנדלונגען, האָבן פאַרשטאָפּט דעם קוימען פון זײן צימער.

אַן אָפּטײל פון פראַנצױזישן מיליטער האָט אָנטײל גענומען אין דער לװיה. אָבער װען דער קאַפּיטאַן איז צוריקגעקומען אין קאַזאַרמע, האָט אים זײן קאָלעגע געפּאַטשט דערפאַר, װאָס ער האָט זיך אונטערגעװאָרפן דעם באַפעל אָפּצוגעבן זאָלאַן מיליטערישן כבוד. דער טעמפּער האָט פון אַלע נידעריקע ברואים האָט דעם גרויסן שרײבער פאַרפאָלגט אויך נאָך זײן טויט.

דאָס פּאַריזער פאָלק איז אָבער מאַסנװײז געקומען מיט רויטע בלומען באַגלײטן זאָלאַן צו זײן אײביקער רו, דער המון האָט סקאַנדירט: „זשערמינאַל!“, „זשערמינאַל!“. ס׳האָט װער געהאַט געשריבן, אַז דאָס פּאַריזער פאָלק איז דעמלט געװען זאָלאס בעסטער קריטיקער, אַרויסהױבנדיק „זשערמינאַל“, װי אַ גרויסן שעדעװר און דאָס באַליבסטע בוך.

און הײנט?

אויך הײנט איז „זשערמינאַל“ דאָס באַליבטסטע בוך פון די פראַנצױזישע אַרבעטער. אין אַ ביבליאָטעק פון אַ פּאַריזער אַרבעטער־פּאַרשטאָט האָט מען מיר געהאַט נאָך דער מלחמה געזאָגט, אַז דאָס געהער צו די אַממײנסטן געלײענטע ביכער.

אויך הײנט זענען זאָלאַס װערק לעבעדיק־פריש. און ס׳האָט נישט קײן באַדײטונג, װאָס די באַדינגונגען, דער קלימאַט און געװיסע רעאַליעס האָבן זיך געענדערט. נישט װיכטיק איז אויך דאָס, װאָס זאָלאס ליטעראַרישע אָדער פילאָזאָפישע קאָנצעפּציעס, צי גאָר אַ געװיסער סענטימענטאַליזם אנטשפּרעכט נישט מער. אַ גרויס קונסט־װערק האָט שטענדיק, אין אַלע געענדערטע באַדינגונגען זײן אײגענעם, אינערלעכן װערט בפרט אַ קונסט־װערק, װאָס טראָגט אַ נאָבעלן אידעאַל און בפרט נאָך, װען זאָלאַס פיל ביכער האָבן נישט פאַרלױרן פון זײער אַקטועלקײט.

זאָלאַ לעבט אין אונדזער זכרון נישט בלױז װי אַ קינסטלער, נאָר אויך װי אַ גרויסע, נאָבעלע פּערזענלעכקײט. װען מיר לײענען אַ בוך פון אַ פריערדיקער עפּאָכע אינטערעסירן אונדז אין אים באַזונדערס די הײנטצײטיקע אַקצענטן, װאָס קלינגען אָפּ אין אים. אַ שרײבער, אַ שעפער פון אַ פריערדיקער עפּאָכע פאַרװאָנדלט מיר זען צװישן אונדז גופא. און הײנט, װען שרײבער פאַרמאַכן זיך נישט בלױז אין העלפאַנטביין־טורעמס, נאָר אין

גרויע, וואָכעדיקע טורעמלעך, קאָן מען איצט אָפּשאַצן און אָפּמעסטן זאָלאַס גיגאַנטישע, גייסטיק־מאָראַלישע געשטאַלט.

רעדנדיק ביי זאָלאַס קבר וועגן „איך באַשולדיק“, האָט אַנאַטאָל פראַנס געזאָגט: „ס'איז גאָרנישט מעגלעך אָפּצושאַצן די קאָנסעקווענצן פון זיין אויפטו... מיר קאָנען אים מקנא זיין: דער גורל און זיין אייגן האַרץ האָבן אים אויפגעהויבן צו דער העכסטער מדרגה: ער איז געווען דאָס בליץ־ליכט פונעם געוויסן פון דער מענטשהייט“.

וואָס וואָלט ער היינט געווען?

יאַנואַר 1958.

אינהאלט

זייט

דורך דער פּריזמע פון קינדס שטרעבונגען און פאַרלאַנגען 9

יידישע געשטאַלטן און מאָטיוון אין דער פּוילישער ליטעראַטור . . 37

יידישער אומקום און ווידערשטאַנד אין דער פּוילישער ליטעראַטור , . 53

דער לעצטער פון די למדן־ואַוניקעס 53

דער מענטש — אויטאָמאַט — אַ וואָרענונג 83

וועגן זכרונות געשריבענע אין די געטאָס 91

נישט קיין שבחים... נאָר אַ זכר פאַר מיין נאָמען 97

„מענטשן וועלן מסתמא עפּעס לערנען...“ 103

צווישן האַלוצינאַציע און ווירקלעכקייט 111

באַטראַכטונגען און רעיונות וועגן עקזיסטענציאַליזם 124

דער היינטצייטיקער מענטש און דער נייער ראָמאַן 137

די היינטצייטיקע אַפּאָקאַליפּסע „אָדער די מענטשלעכע אָנגעלעגנהייטן“ . 144

לייענענדיק ווערקאָרן 152

דער שרייבער, דער ייד און די לעגענדע... 167

די אַלטע דילעמע 175

ווען דער שרייבער רעדט צו אונדז דורך דער פאַרגאַנגענהייט . . . 182

וועגן אברהם מאָרעווסקים בוך „אַהין און צוריק“ 191

יידישע פּראָבלעמען אין ליכט פון נישט־יידישע פאָרשער . . . 198

ביכער און צייטן 297

דער שפּיגל פון פראַנצויזישן גייני 228

אויף די שפּורן פון „מאַדאַם באָוואַרי“ 251

זשאָרזש סאַנד אַזאַ ווי זי איז געווען 268

דאָס בליק־ליכט פונעם געוויסן 278